STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05352

MENTSH UN GOYRL

David Menshes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד מענטשעס

*

מענטש און גורל

דוד מענטשעס

דוד מענטשעס

מענטש און גורל

This book once owned by a South African reader, has been preserved by the
Cape Town Yiddish Cultural Federation
and returned to circulation by the
National Yiddish Book Centre
of South Hadley, Mass. U.S.A.
May it thus inspire us to keep alight the flame of Jewish life and learning.

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשכ"ט — 1969

David Menshes
MENSH UN GOYRL

דוד מענטשעס / מענטש און גורל

הוצאת „המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל.
"Hamenora", Publishing House, 24 Zangwil St., Tel-Aviv, Israel

20 AUG 1970
B
MENSHES, D

©

נדפס בישראל תשכ"ט
Printed in Israel 1969

סודר ונדפס בדפוס „מופת", — יצחק ריזמן, — ת"א

אינהאַלט:

יינגלשע יאָרן 7
מנשהס טויט 13
פסח איז פסח... 27
חול־המועדניקעס... 36
דער האָטעל 39
דער פעטער יעקל 41
דער סיום הספר 43
דער פעטער ר׳ סנדר 45
דער איידעם נחמן 47
די חתונה 50
די ליטעראַטור־מאָדע 62
אין וולאָצלאַוועק 64
אַ גאַסט אויף שבת 66
קיין לאָדזש 67
איבער דער פוילישער פּראָווינץ 69
ביי דער גרענעץ אין ריפּין 88
אין דער גרויסער וועלט 90
אין לאָנדאָן 101
בריוועלעך פון דער היים 116
דער ביילים־פּראָצעס 118
דער אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה 120
מלחמה־פליטים אין ענגלאַנד 121
איך ווער אַ סוחר 124
די פאָלקס־קאָנפערענץ פאַר יידישע רעכט 132
באַראַכאָוו אין לאָנדאָן 134
זשאַבאָטינסקי ביים צ. ק. פון „פועלי־ציון" 141
קיין אַרגענטינע 148
איך טרעף זיך מיט חבר מ. מאירן־לאַזער 161
מיין מאַטעריעלע לאַגע 170
איך הונגער און בין טעטיק 180
ד"ר עפּשטיין פון אַמעריקע 189
מיינע אַרויסטריטן אין די קאָלאָניעס 197

די גרינדונג פון יידישן לעגיאָן אין אַרגענטינע 202
דער טאָג פון אָפּפאָר 208
די לעגיאָנערן אין ענגלאַנד 211
דער מיליטערישער לאַגער אין ראפא 214
אורלויב אין ירושלים 217
מיר פאַרלאָזן באר־יעקב 224
אַ בריוו פון וו. זשאַבאָטינסקי צו ד. מענטשעס 236
דעמאָביליזאַציע 238
אין פּאַריז 240
אין וואַרשע 243
אין קוטנע 247
איך ווער אַ בירגער 259
די „קאָנוועטשאָניסטן״ קומען צוריק 260
מייז באַגעגעניש מיט ח. נ. ביאַליק 264
בריוו פון דער היים 265
די חתונה 267
מיין טעכטערל 271
גינאַ קומט צוריק 273
מיין באַזוך אין ארץ־ישראל 275
מיינע געשעפטן 277
מיר פאָרן זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל 283
ווידער אין לאָנדאָן 295
אַ נסיעה קיין דייטשלאַנד אין נאָווימבער 1938 297
ווידער אַ סכנותדיקע נסיעה — קיין ווין 303
די צווייטע וועלט־מלחמה 307
טראַגישע ידיעות פון יענער זייט 315
סוף מלחמה — ויהי אור 316
דער קליינער ציוניסטישער קאָנגרעס אין לאָנדאָן 318
דער 29־טער נאָוועמבער 1947 323
אויסזיכטן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל 324
אין סאַן־זשאַרעס 328
אין קאַיאָל 336
מדינת ישראל 340
אין ישראל 343
נאָכוואָרט 345

ערשטער טייל

יינגלשע יאָרן

געבוירן געוואָרן בין איך אין דעם פּויליש־יידישן שטעטל, קוטנע — אַ שטעטל, וואָס איז באַרימט געוואָרן צוליב די צוויי גרויסע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן דאָרט געלעבט און געווירקט. 1) דער גרויסער גאון און למדן ר׳ יהושעלע קוטנער, וועלכער איז געווען לאַנגע יאָרן רב און מורה־דרך פאַר די רעליגיעזע יידן אין קוטנע; 2) דער גרויסער באַרימטער שרייבער, שלום אַש. דער, וואָס האָט אַזוי וווּנדערלעך באַשריבן קוטנע אין זיין בוך — „דאָס שטעטל״.

מיינע עלטערן זענען געווען זייער פרומע מענטשן. דער טאַטע אַ קאָצקער חסיד, דער זיידע אַ גערער, אַזוי די גאַנצע משפחה, פרומע חסידישע יידן. יאָרן לאַנג זענען זיי געזעסן אין שטעטל, געפירט מסחר מיט לעדער, דערצויגן און חתונה געמאַכט קינדער, פאַר די טעכטער גענומען די שענסטע איידעמס, געגעבן נדן מיט קעסט. געפירט שיינע בכבודיקע הייזער, ווי עס פאַסט פאַר חסידים־נגידים. אַזוי האָט זיך עס געצויגן שלווהדיק־אידיליש — לאַנגע יאָרן.

אָנהייב דעם 20־טן י״ה, האָבן אין רוסלאַנד־פּוילן גענומען בלאָזן נייע ווינטן, וואָס האָבן געבערענגט מיט זיך שטורמיש־רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג און השפּעה אויך אויף דער יידישער סביבה. מען האָט גענומען פילן, אַז די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור, וואָס האָט זיך געצויגן יאָרן לאַנג, גאַנצע דורות, נעמט זיך ברעכן אונטער די פיס. די ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס פון יידן ווערן צעטרייסלט. באַזונדער איז דאָס בולט געוואָרן נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה און נאָך דעם מוראדיקן קישענעווער פּאָגראָם. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע יידישע עמיגראַציע פון יונגע מענטשן

אין אַלע עקן וועלט — אַ נייע דערשיינונג אין יידישן לעבן. דעמאָלט האָט זיך אויך געענדערט פסיכאָלאָגיש דער באַנעם און די באַגריפן ביי גרויסע טיילן פון יידישן מיטלשטאַנד און אַפילו פון סוחריש־חסידישן קלאַס. די, וואָס האָבן מיט אַ צייט צוריק געקוקט אויף אַ בעל־מלאכה, ווי אויף אַ מענטש פון אַ נידעריקער מדרגה, האָבן איצט אַליין געשיקט זייערע קינדער צו לערנען מלאכות. קיין גרויסער אויסקלייב פון פאַכן איז אין די קליינע שטעטלעך נישט געווען; קודם־כל שוסטערס, שניידערס. אַ ביסל יחוסדיקער — קאַמאַשן־שטעפּערס, זייגערמאַכערס, סטאָלאַרעס א. א.

אויך ביי אונדז אין שטוב, ווו די פּרנסה איז געוואָרן שוואַכער, און אין לעדער־געוועלב, וואָס איז תמיד געווען געפּאַקט מיט סחורה, זענען די פּאָליצעס געוואָרן אַלץ ליידיקער און שיטערער — האָט מען אויך גענומען טראַכטן וועגן אַ תכלית פאַר מיר — דעם 11־יאָריקן בחור. די אַלע אויבן־אויסגערעכנטע פאַכן זענען מיין פאָטער נישט געפעלן געוואָרן און אויך נישט געפּאַסט צו זיין ייחוס, האָט ער נאָך לאַנגע טראַכטעניש באַשלאָסן: מיך צו מאַכן פאַר אַ מיליטערישן שניידער. דער מאַמען האָט ער אויפגעקלערט די מעלות פון דעם פאַך. ראשית, זענען אַזעלכע שניידער פאַראַן זייער ווייניק — אין קוטנע נאָר איינער. והשנית, האָט מען דאָ צו טאָן מיט הויכע מיליטער־לייט, אָפיצירן, גענערעלער א. א. הויכע רע־גירונג־באַאַמטע, וואָס האָבן אַן אָפענע האַנט און אַ רייכע קעשענע, קען מען פון זיי האָבן פּרנסה איבערן קאָפּ. אויב אַזוי, האָט מיין פאָטער באַ־שלאָסן, מיך אָפּצוגעבן אויף דער לער צו דעם איינציקן מיליטער־שניידער אין קוטנע — באַטשקע.

חול־המועד סוכות, אַ פאַרנאַכט, קומט דער טאַטע אַהיים און דער־ציילט, אַז ער האָט מיך אָפּגעגעבן אויף דריי יאָר צו לערנען דאָס פאַך ביי באַטשקען. די מאַמע האָט אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין: ווייַ, וויי, צו וואָס איך האָב דערלעבט, אַז ר׳ יצחקס אַן אייניקל זאָל ווערן אַ שניידער... נאָר דער טאַטע באַרויקט זי: „זע פעסע, דאַרפסט וויסן, — ווי כ׳האָב דיר שוין אַ סך מאָל געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז נישט קיין סתם־שניידעריי, דאָ וועט ער נישט האָבן צו טאָן מיט קיין פּראָסטע מענטשן, דערצו וועט ער נאָך גוט פאַרדינען, בלויז פון טרינק־געלט אַליין וועט ער

קענען אַנזאַמלען אַ שיין ביסל געלט — האָט באַטשקע געזאָגט. באַרויק זיך, ס'איז גאָר נישטאָ וואָס צו קלערן".

צו מיר האָט דער טאַטע גאַרנישט גערעדט, וואָס האָט ער צו רעדן אָדער פרעגן ביי אַ קינד? נאָר איצט האָט ער זיך געווענדט צו מיר און געזאָגט: „הער, באַלד דעם ערשטן טאָג נאָך סוכות גייסטו אויף דער לער צו באַטשקען. אויב דו וועסט גוט לערנען, וועסטו צום סוף פון די דריי יאָר באַקומען אַ נייעם פּאַלטאָ — אַ מתנה".

באַלד אין דער פרי, דעם ערשטן טאָג נאָך סוכות, בין איך אַוועק אויף מיין אַרבעט ביי באַטשקען. געעפנט די טיר, אַריין אין שטוב — אַנקלאַפּן איז דעמאָלט נישט געווען קיין מנהג, האָט זיך מיר גלייך גע־וואָרפן אין די אויגן — אַ ברייט הילצערן בעט, אין וועלכן ס'זענען געלעגן צוויי דערוואַקסענע מיידלעך. מיינענדיק, אַז על־פּי־טעות האָב איך פאַר־בלאָנדזשעט אין אַ פרעמדער שטוב, האָב איך שוין געוואָלט אַרויסגיין, נאָר איינע פון די מיידלעך האָט זיך אָפּגערופן: „יינגעלע, יינגעלע, גיי נישט, דו ביסט געקומען דאָ זיין אויף לער, יאָ?, ביסט געקומען אַ ביסעלע צו פרי, וואַרט אונטער, דער טאַטע וועט באַלד קומען". די שטוב איז געווען אַ שלאָף־צימער, אַ קיך און דער עיקר אַן אַרבעט־וואַרשטאַט.

נישט לאַנג געוואַרט, איז געקומען באַטשקע אַליין. אַ הויכער ייד מיט ברייטע פּלייצעס, אַ ברייט־צעקעמטער באָרד מיט אַן אַרויסטאַרטשענדיקן בויך. פון אונטערן וועסטל האָבן אַרויסגעקוקט ציצית פון טלית־קטן. הערנדיק מיין „גוט מאָרגן", האָט ער מיך באַקוקט מיט זיינע גרויסע גרויע אויגן: „הא, דאָס ביסטו גרשנס יינגל? ווי רופט מען דיך?" „דוד" — האָב איך געענטפערט. „נעם אַ בענקל, זעץ זיך, באַלד וועט קומען דער געזעל יוסף, וועט ער דיר ווייזן וואָס צו טאָן".

ס'איז געקומען יוסף — אַ מיטלוווּקסיקער פעטלעך מענטשל, כאָטש נאָך פאַר די 30, האָט ער שוין געהאַט אַ גאַנץ פיין פליכל אויפן קאָפּ, גוטמוטיק, מיט קליינע סימפּאַטישע אויגן, האָט ער זיך באַלד פאַרנומען מיט מיר. דאָס ערשטע, האָט ער מיר אָנגעטאָן אַ פינגערהוט אויפן דריטן פינגער פון דער רעכטער האַנט, געגעבן אַ נאָדל מיט אַ שטיק טוך און געהייסן שטעכן אַריין און אַרויס, אַרויס און אַריין, ווי כ'וואָלט

גענייט. „אַזוי וועסטו שטעכן עטלעכע טעג, ביז דו און די האַנט וועלן זיך צוגעוווינען".

איבער דער צייט, וואָס יוסף האָט מיר געוויזן ווי צו שטעכן, זענען דערווייל דעם בעל־הבית׳ס טעכטער נעלם געוואָרן פון בעט. אָבער באַלד זענען זיי צוריק אַריין. די 15־יאָריקע סאָלאָ — אַ בלאָנדע מיט אַ לאַנגן האַלדז און לאַנגע פיס און די עלטערע, 17־יאָריקע, רחל, אַ ביסל נידעריקער און דיקער. ווי אויף להכעיס האָבן זיך ביידע געשטעלט אַנקעגן מיר, איין פוס אויף דער פּאַדלאָגע, דעם צווייטן אויף אַ הויך בענקל און גענומען פּוצן די שיך. דערביי האָבן זיך אַנטפּלעקט זייערע נאַקעטע קערפּער־טיילן. איך האָב זיך פאַרשעמט און געטראַכט: ווי קומט עס, אַז אַזעלכע דערוואַקסענע מיידלעך, גימנאַזיסטקעס, זאָלן טאָן אַזאַ זאַך און נישט פאַרשטיין, אַז ס׳איז נישט שיין? נאָר סיי ווי האָט זיך עס איבערגעחזרט כמעט יעדן טאָג...

אַט באַווייזט זיך די פרוי באַטשקע — זי איז ביי אים דאָס צווייטע ווייב — אַ הויכע, דאַרע יידענע, לאַנגע, דאַרע פיס, מיט אַ גרויס מויל און גרויסע בייזע קעציש̇ע אויגן. אָן צו זאָגן אַ „גוט מאָרגן", ווענדט זי זיך גלייך צו מיר: „הער, ייִנגעלע, היינט, דעם ערשטן טאָג, לאָז איך דיר דורך, אָבער פון מאָרגן אָן, דאַרפסטו וויסן: ווי נאָר דו קומסט אַריין, דאַרפסטו קודם אויסקערן די שטוב, אַראָפּבערענגען קוילן פון בוידעם, איינהייצן די קיך, ס׳זאָל זיין צום קאָכן און צום וואַרעמען די פּרעס־אייזנס".

יוסף נעמט מיר ווייזן מיינע פליכטן: „זע, ייִנגעלע, ווי איך מאַך עס, וועסטו וויסן פאַר אַ צווייט מאָל". ער נעמט אַוועק דעם טאָפּ, וואָס האַלט זיך אין קאָכן, רוקט אַוועק די פייערקעס און מיט אַן אייזערן שטעקעלע, וואָס איז פאַרבויגן אין איין זייט, כאַפּט ער דאָס שווערע פּרעסאייזן און לייגט עס אויף די גליענדיקע קוילן. רוקט צו די פייערקעס, שטעלט אַרויף דעם טאָפּ און גייט אַרבעטן. בערך אין אַ שעה אַרום הער איך ווידער: „קום, ייִנגעלע". ווידער האָט ער אָפּגערוקט דעם שטאַרק קאָכעדיקן טאָפּ מיט די פייערקעס, מיט דעם שטעקעלע אַרויסגעצויגן פון די קוילן אַ רויט אָנגעגליט אייזן, איצט האָט ער עס אָפּגעטונקען אין אַן עמער וואַסער,

כדי די רויטקייט זאָל אָוועק און דאָס אייזן איז פאַרטיק צום פרעסן. „נו, איצט ווייסטו שוין וויסן, ווי עס צו מאַכן ?" — פרעגט יוסף אַ שמייכ־לענדיקער. „זיכער וועל איך וויסן" — ענטפער איך מיט שטאָלץ. „נו, אויב אַזוי, וועל איך די ערשטע וואָך אַליין צוגרייטן די אייזנס, שפּעטער וועסטו עס מאַכן. נאָר קוק זיך גוט צו און זיי פאָרזיכטיק, אַן אייזן קען אַמאָל אַראָפּפאַלן אויף אַ פוס, אָדער אָפּבריען אַ האַנט, דאַרף מען זיין געהיט". אַזוי האָט דער גוטער יוסף מיך געלערנט די מלאכה און מיר אַ קניפּ געטאָן אין בעקל מיט ליבשאַפט. בכלל איז דער יוסף געווען אַ מענטש אָן אַ גאַל, שטענדיק גוטמוטיק, פריילעך. ביי דער אַרבעט כסדר געזונגען לידלעך פונעם יידישן טעאַטער. ער איז אויך געקומען פון אַ גוטער, פאַרמעגלעכער היים, ווו עס האָט קיין פּרנסה נישט געפעלט. זיינע עלטערן — די פאַקולסקיס — האָבן געפירט אַ מסחר פון פעטע מאכלים: געגנדז, אינדיקעס, ווורשטן, שמאַלץ, שווייצאַרישע קעזן, פיש, אייער, פּוטער, און דעם ריח פון די אַלע פעטע זאַכן, האָט יוסף געבראַנגט מיט זיך צו דער אַרבעט. אָבער נישט בלויז דעם ריח האָט ער געברענגט, אויך עפּעס פון די גוטע זאַכן גופא האָט ער נישט פאַרגעסן נעמען מיט זיך: לעבערלעך, פּיפּיקלעך, ווורשט, געגנדזענע גריוון. ער איז קיינמאָל נישט געקומען צו דער אַרבעט אַ ליידיקער. ער האָט נישט געהאַלטן פון פּאָליטיק, נישט אָנגעהערט צו קיין פּאַרטיי — ווי ס'איז געווען די מאָדע אין יענער צייט. ער האָט געהאַט אַ כלה און זי איז געווען די גאַנצע וועלט פאַר אים. ווען ער האָט געענדיקט די אַרבעט, ווי שפּעט עס זאָל נישט געווען זיין, איז ער געלאָפן צו דער כלה און כסדר געהאַלטן אין איין שיקן איר מתנות...

צום ערשטן מאָל האָט מיך באַטשקע מיטגענומען ביים אָפּטראָגן אַ פאַרטיקן מונדיר צו אַן אָפיציר. ביים אַריינגאַנג שטייט אַ דענשטשיק (אַ סאָלדאַט־באַדינער). האָט ער אָנגעמאָלדן, אַז באַטשקע איז געקומען. באַלד האָט מען אים אַריינגעפירט און איך בין געבליבן אין וואַרט־צימער. אַ ביסל שפּעטער גייט באַטשקע אַרויס פון קאַבינעט מיט אַ פריילעך פּנים — אַ סימן, אַז דער מונדיר איז געראָטן. אים באַגלייט דער אָפיציר און ווען ער גייט פאַרביי מיך, רוקט ער מיר אַריין אין האַנט אַ זילבער־

נעם רובל. איצט האָב איך געזען, אַז מיין פֿאָטער איז טאַקע געווען גערעכט, די רוסן גיבן דעם „טרינק־געלט" מיט אַ ברייטער האַנט. און באמת, אין משך פֿון עטלעכע חדשים, האָב איך אָנגעזאַמלט אַ היפּש ביסל רובלס ביים אָפּטראָגן די מונדירן.

דערפֿילנדיק אַ ביסל געלט אין קעשענע, האָב איך גענומען טראַכטן וועגן תכלית: קודם, בין איך אַ וואַיענע־שניידער, דאַרף איך קענען רוסיש, והשנית, ווי פּאַסט עס פֿאַר מיר, אַ בחור, וואָס אינטערעסירט זיך מיט פּאָליטיק, זאָל אַרומגיין אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע? האָב איך פֿאַר זיך געשטעלט צוויי אויפֿגאַבעס: לערנען רוסיש און זיך לאָזן אויפֿנייען אַן אַנצוג (אַ קורצע מאַרינאַרקע מיט אַ פּאָר הויזן).

כ׳האָב זיך מיט גרויס חשק אַ נעם געטאָן צום לערנען רוסיש. צוויי מאָל אין וואָך בין איך געגאַנגען צו אַ לערער — אַ שאָד, פֿאַרגעסן זיין נאָמען, כ׳געדענק אָבער גוט זיין גרויסן שטערן, מיט אַ קאָפּ ווילד־צעשויבערטע האָר, אַ גרויסער שוואַרצער שלייף ביים העמד־קאָלנער, אַ פּע־לערינע מיט אַ שוואַרץ ברייט־ראַנדיקן הוט און אַ חבר פֿון דער פּאַרטיי „סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן". נאָר ליידער, האָט מיין לערנען נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, ס׳איז געוואָרן נאָענט צו פּסח און אויסרעכנענדיק, אַז 8 טעג פּסח וועט מען נישט אַרבעטן, האָט מען שוין אַ סך וואָכן פֿאַר פּסח געאַרבעט ביז 10 ביינאַכט און פֿון פּורים אָן ביז 12. איז דערווייל פֿון מיין רוסיש גאָרנישט אַרויסגעקומען.

דעם ערשטן טאָג פּסח האָב איך זיך באַנייט, אויסגעפּוצט אין מיין נייעם אַנצוג. כ׳האָב זיך עפּעס געפֿילט דערוואַקסענער און חשובֿער, נאָר דעם טאַטן איז עס נישט געפֿעלן געוואָרן. „זע, — זאָגט ער צו מיר — באַטשקע, דער גרויסער שניידער־מייסטער, וואָס קומט זיך צונויף מיט אָפֿיצירן און גענערעלער, שעמט זיך נישט מיט זיין יידישער לאַנגער קאַפּאָטע און דו, אַ יינגל, מוזט זיך אויספּוצן ווי אַ דאַטש?" די מאַמע האָט צו מיר געהאַט נאָר איין בקשה: „איך זאָל זיך אין דער הלבשה נישט ווייזן פֿאַרן זיידן"....

ביי דער אַרבעט בין איך געגאַנגען פֿאַרויס, כ׳האָב שוין באַנייט פֿאַד־שעוווקעס, אויסגענייט לעכער, אָנגענייט קנעפּ. דער בעל־הבית האָט שוין

פון מיר געהאַט אַ נוצן. ווי אַ סימן פון אַנערקענונג, האָט ער מיר אַלע אין דער פרי, אונטערגערוקט אַ גלאָז טיי מיט אַ קלעצל צוקער. באַטשקע אַליין האָט געטרונקען גאַנצע עמערס טיי, ער האָט געליטן אויף דער צוקער־קרענק, דער סאַמאָוואַר האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט זידן. גאָר קיין צוקער האָט ער נישט באַנוצט. דאָס קלעצל צוקער, וואָס איך האָב באַקומען אין דער פרי, האָט שוין מיר געמוזט סטייען פאַר אַלע גלעזער טיי, וואָס איך האָב געטרונקען אין משך פון גאַנצן טאָג.

פאַר דער גוטער באַציונג צו מיר, האָב איך שוין געדאַרפט יעדע וואָך, ווען ער איז געגאַנגען אין מקווה, אים אונטערטראָגן דאָס זעקעלע זאַלץ, וואָס ער האָט אַריינגעטאָן אין דער וואַנע און יעדן חודש, ווען ער איז געפאָרן קיין וואַרשע איינצוקויפן צודאַטן: קנעפּ, שליפעס, גאָלדענע בענדלעך און ער האָט אין איין וועגס נישט פאַרגעסן אין דער אכילה, אַהיימגעברענגט פון די וואַרשעווער גוטע זאַכן — האָב איך געמוזט אַרום 12 ביינאַכט אָפּוואַרטן אים ביי דער באַן, כדי אַהיים צו שלעפּן די פּעק, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פון וואַרשע. און כאָטש ס׳איז מיר אויס־געקומען זייער ווייניק צו שלאָפן אין יענער נאַכט, האָב איך באַלד אין דער פרי געמוזט זיין ביי דער אַרבעט.

מנשהס טויט

באַטשקע האָט געהאַט אַ גאַענטן ידיד — חיים מאַראַז. אַ פריילעכער ייד, נישט קיין הויכער, אַ פעסט־געבויטער, אַ רויטלעך פּנים מיט אַ שוואַרץ צוגעשוירן בערדל. ער פלעגט זיך אָפט אַריינכאַפּן צו אונדז אין קיך־וואַרשטאַט. פון באַטשקעס פרומקייט האָט ער נישט צופיל גע־האַלטן. אַ פּשוטער ייד, ווייט פון לומדות, אָבער מיט כבוד און דרך־ארץ פאַר לומדים און געלערנטע, פלעגט ער שטענדיק זאָגן: „ס׳איז גלייכער צו זיין גוט, איידער פרום״. זיין פרנסה איז געווען, האַנדלען מיט אַלטע קליידער. צוליב זיין מסחר, איז ער 2 — 3 מאָל אין יאָר געפאָרן קיין לאָנדאָן איינקויפן זיין סחורה. אין ענגלאַנד האָבן די רייכערע מענטשן

נישט געוואָרט ביז די מלבושים וועלן ביי זיי צעריסן ווערן, אָדער אַפּשיסן פון דער זון, גלאַנצן פון אַלטקייט. געטראָגן עטלעכע מאָל אַ מלבוש, איז עס זיי נמאס געוואָרן און זיי האָבן זיך באַשטעלט אַן אַנדערס. איבער־קויפערס פון דער ווייטשעפּלער געגנט, ס׳רוב פּריש געקומענע, גריני, האָבן זיך געכאַפּט צו דעם מסחר. אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער אין די רייכע געגנטן, געקלאַפּט אין די טירן נאָך „אָלד קלאַדינג״ — אַלטע מלבושים, וועלכע זיי האָבן אָפּגעקויפט פאַר גראָשנס. דער אייגנטימער פון די קליידער האָט קיינמאָל נישט געזען דעם קויפער און נישט דאָס געלט. דאָס איז געווען אַן ענין פאַר דער דינסט, אָדער פאַר דעם משרת אין הויז. ביי אָט די איבערקויפערס, האָט עס חיים מאָראַז געקויפט זיין סחורה, זי געברענגט קיין קוטנע, האָט זי פאַרריכט, געפּאַרבט, געפּרעסט, זענען זיי געוואָרן כמעט ווי נייע. דער רוב פון זיינע קונים זענען געווען — גויים פון די אַרומיקע דערפער. ס׳איז געווען אַ שוין פון לאַנג איינגעפירט געשעפט. די גויים האָבן געוווסט — וויל מען האָבן אַ גוט מלבוש פון אמתן ענגלישן מאַטעריאַל און טאָקע ביליק אויך — קען מען עס קויפן ביי חיים מאָראַז. דער עסק איז גוט אָוועק און ס׳איז געווען פּרנסה בשפע. איז טאָקע געווען פריילעך ביי אים אין הויז און ביי אים אַליין, שטענדיק אַ גוטע שטימונג. אַ וויץ, אַ גלייכווערטל. כ׳האָב זיך תמיד געפרייט, זעענדיק אים אַריינקומען אין וואַרשטאַט. באַזונדער דעמאָלט, ווען די אַרבעט איז — צוליב עפּעס אַ סיבה, געגאַנגען נישט גלאַט און באַטשקע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ בייז פּנים. חיים האָט מיט זיינע וויצן און פריילעכקייט איבערגעריסן די אָנגעצויגענע שטימונג. שטענדיק האָט ער געהאַט מיט זיך פולע קעשענעס מיט עפּל און אַנדערע גוטע זאַכן. פלעגט ער נאָר איבערטרעטן די שוועל, האָט ער באַלד אַ געשריי געטאָן צו יוספן: „אַ נו, וואַרף נאָר אָוועק דעם קוימען, דעם פאַסקודנעם ציגאַרעט. ס׳איז דאָך אמתער סם. נאַ, עס בעסער אַן עפּל!״ דערלאַנגט אַן עפּל און דערביי געזאָגט אויף ענגליש אַ גראַם: „אַן עפּל אדעי טייקס, די דאָקטאָר אַ ווײ״ — אַן עפּל אַ טאָג, נעמט דעם דאָקטער אָוועק.

אָט דער חיים מאָראַז האָט געהאַט אַ זון פון אַ יאָר 20. אַ שיינער, גלייך־געוואַקסענער און איידעלער. פון פאַך איז ער געווען אַ שניידער,

נאָר עפּעס איז ער געוועזן אַנדערש פון אַ פּראָסטן בעל־מלאכה, מחמת זיין פיינער באַנעמונג און האַלטונג. אברהם איז געווען אַ חבר אין דער „פּועלי־ציון״־פּאַרטיי, געלייענט אַ סך ביכער און געלערנט תנ״ך ביי אַ לערער אַ ליטוואַק און ציוניסט, וועמען די פרומע חסידים האָבן גע־האַלטן פאַר אַ משומד, וואָס פירט אַראָפּ ערלעכע יידישע קינדער פון גלייכן יידישן וועג...

אויך אברהם — ווי זיין פאָטער, איז אָפט אַריינגעקומען צו אונדז אין וואַרשטאַט. ווילצלען זיך איז נישט געווען אין זיין טבע, דערפאַר פלעגט ער רעדן וועגן ערנסטע ענינים: ליטעראַטור, ציוניזם, ארץ־ישראל, פרייהייט, אָדער גאָר וועגן תנ״ך. מיר זענען זיינע רייד אריין אין קאָפּ, מיין יונג האַרץ האָט געצאַפּלט און געוואָלט וויסן וואָס מער... אמת, באַטשקען איז נישט אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן אברהמס בארעדעוודי־קייט אין מיטן דער אַרבעט. ער האָט אַלע מאָל אַ וואָרף געטאָן זיינע גרויסע אויגן צו מיר, צי איך אַרבעט מיט די הענט, בעת כ׳הער אברהמס דרשות. נאָר ווען אברהם איז שוין צו ווייט פאַרקראָכן, האָט אים באַטשקע איידל געזאָגט: „אברהם, אפשר וואָלסטו איבערגעלאָזט דעם תנ״ך אויף שבת?״ געדולד און איידלקייט איז גאָר נישט געווען אין באַטשקעס טבע, נאָר זיין בעסטן ידידס אַ זון און די האָפענונג, אַז עס קען אפשר ווערן אַ שידוך מיט זיין טאָכטער רחל, האָט אים געמאַכט אַזוי איידל...

פון צייט צו צייט פלעג איך אַריינגיין אין הויז פון חיים מאַראַז, כדי זיך צו זען מיט אברהמען, כ׳האָב אים געפרעגט פאַרשידענע פראַגעס: וועגן רעליגיע, סאָציאַליזם, ציוניזם. אברהם האָט זיך באַמיט — אויף וויפל ס׳איז אים מעגלעך געווען, צו ענטפערן אויף אַלע מיינע שאלות. ער האָט מיר אַלץ אויפגעקלערט און שטענדיק פאַרענדיקט מיט די ווער־טער: „דער עיקר, דו מוזט לייענען, לייענען וואָס מער!״ איינמאָל האָט ער מיר געוויזן מאַרקעס פון „קרן־קימת לישראל״, כ׳האָב זיי געזען צום ערשטן מאָל און אַ שטאַרקע באַגייסטערונג האָט מיך אַרומגענומען. ס׳איז מיר געבליבן אין זכרון: אַ מגן־דוד אין דער מיט, ביי דער זייט אַ לייב און אַ קיילעכדיק רעדל אַרום. די מאַרקעס האָב איך געקויפט און אויף

יעדן בריוו, וואָס איך האָב געשריבן, האָב איך נעבן דער פּאָסט־מאַרקע פון דער רעגירונג, צוגעקלעפּט אויך אַ ציוניסטישע מאַרקע.

אַלע שבת אין דער פרי, בין איך געגאַנגען אין אַ סאָד, נישט ווייט פון דער שול מיט אַ „טריף־פסול" ביכל אונטער דער מאַרינאַרקע און דאָרט געזעסן און געלייענט. פאַרן טאַטן האָט עס געהייסן, אַז איך גיי אין שול צום דאַווענען. גיין מיטן טאַטן אין קאַצקער שטיבל, האָב איך נישט געוואָלט און בכלל: ווי פּאַסט עס צו גיין אין שטיבל קורץ־געקליידט ווי אַ דייטש? נאָר איין זאַך האָב איך תמיד געדאַרפט געדענקען — די פרשת־השבוע, די פרשה, וואָס מען לייענט אין דער תורה, ווייל גאַנץ אָפט פלעגט מיך דער טאַטע אַ פרעג טאָן: „דוד, וואָסער סדרה גייט די וואָך?" אַזוי אַרום האָט ער מיך געוואָלט כאַפּן, צי איך בין טאַקע געווען אין שול.

אַ געוויסן שבת אין דער פרי, כ'זיץ אין גאָרטן און לייען, קומט אָן אברהם מיט זיינס אַ חבר, אַ לאַנג־געקליידטער בחור מיט אַ חסידיש בלאַס פּנים. אברהם האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיין חבר מנשה און דער פרעגט מיך וואָס איך לייען? נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, נעמט ער דאָס ביכל פון מיין האַנט און גיט אַ קוק. „אַהאַ, דו לייענסט „אַנאַ קאַרענינאַ", מיינסטו נישט, אַז דאָס בוך איז אַ ביסל צו שווער פאַר דיר?" — פרעגט ער. „יאָ, אַ ביסל שווערלעך" — ענטפער איך. „אויב אַזוי — זאָגט אברהם — לאָז אָפּ די אַלע ראָמאַנען, ווען דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו זיי לייענען. לויט די אַלע שאלות, וואָס דו פרעגסט מיך, זע איך, אַז דו האָסט אַן אינטערעס פאַר ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען, טרעף זיך מיט מיר די וואָך, וועל איך דיך באַקענען מיט אַ ציוניסטישער משפחה, וואָס האָט אַ גרויסע פּריוואַט־ביבליאָטעק מיט ביכער, וואָס קענען דיך אינטערעסירן און זענען פּאַסיק פאַר דיר".

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך זיך געטראָפן מיט אברהמען אויף דער ברייטער גאַס. מיר האָבן דורכגעשניטן דעם אַלטן מאַרק און זענען אַריין אין קוילער־געסל. דאָ האָבן ס'רוב געוווינט קצבים, דאָ צווישן די קצבים, האָט זיך אַרומגעדרייט די ריזיק־הויכע פיגור פון מרדכי פּשאַרעק — אַ הפקר־מענטש, מיט צוויי אייזערנע הענט, וועלכן שלום אַש האָט באַשריבן אין זיין „מאַטקע גנב". גויים האָבן זיך געשראָקן דורכ־

צוגיין דאָס געסל, נישט איין מאָל האָבן זיי דאָרט געקראָגן געשלאָגן מכות־רצח. אַ געוויסן אין דער פּרי, האָט פּאָליציי אויפגעריסן די טיר ביי נתן קצב און אין שטוב געפונען אַ געהרגעטן גוי. נאָר נתן קצב איז די נאַכט אַריבער די רוסיש־פּוילישע גרענעץ און גיי שריי חי־וקים...

אין אָט דעם געסל, טיף אין אַ הויף, איז געשטאַנען אַ באַזונדער הילצערן הייזל. ווען מיר זענען אַריין אין דעם ערשטן צימער, בין איך איבעראַשט געוואָרן. אַלע ווענט, ביזן סופיט, זענען געווען באַלייגט מיט ביכער. אויפן טיש, אויף די בענק, אויף דער פּאָדלאָגע, אומעטום ביכער און ביכער. נאָר אויף איין שטיקל ליידיק אָרט, אַנטקעגן פענצטער, זענען געהאָנגען די בילדער פון הערצל און נאָרדוי. אברהם האָט מיך באַקענט מיט דער משפחה ערנבערג: משה ערנבערג, אַ יידיש־געקליידטער מענטש מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד, אין וועלכער ס'האָבן זיך שוין דורכגעוואָרפן איינציקע גראָע האָר. אַ ייד, אַ משכיל, מיט זייער אַן איידעלער באַנעמונג און רואיקער שפּראַך. די פרוי זייגע, אַן ערנסטע, אינטעליגענטע, האָט זיך באַטייליקט, צוזאַמען מיטן מאַן, אין אַלע ציוניסטישע, און קולטור־אונטערנעמונגען. זייער זון און טאָכטער זענען אין דער זעלבער גייסטיקער וועלט, ווי זייערע עלטערן, נאָר ראַדיקאַלער, אין מאָדערנע מלבושים. די גאַנצע משפחה איז האַרמאָניש געבונדן מיט ציוניזם.

„זיצט, ביטע, הער מענכע!" — זאָגט צו מיר די פרוי ערנבערג. מיר איז מאָדנע געווען צו הערן די ווענדונג צו מיר, נאָר די וואַרעמע אויפנאַמע און די גייסטיקע אַטמאָספער, האָט מיך געמאַכט פילן, אַז איך בין שוין אויס ייִנגל. כ'בין אַ דערוואַקסענער, אַ מענטש, צו וועלכן מען באַציט זיך העפלעך און ערנסט...

משה ערנבערג האָט אַרויסגענומען פון דער ספרים־שאַנק דעם 1־טן באַנד פון גרעצס „יידישע פאָלקס־געשיכטע" און געבנדיק מיר דאָס בוך האָט ער געזאָגט: „דאָס ערשטע, וואָס אַ ייד דאַרף וויסן, איז די געשיכטע פון זיין פאָלק. נאַ, נעם אַהיים, לייען, לייען לאַנגזאַם און לערן. ווען דו וועסט וועלן אָפּרוען, קענסטו דערווייל לייענען די צוויי בראָשורן, וואָס איך גיב דיר: 1) „משה", פון ד"ר יוסף קלויזנער, און 2) „אויף וואָס

דאַרף מען דאָס" פון מ. ל. לילענבלום. די בראשורן זענען נאָר־וואָס אַרויס פון דער ציוניסטישער „קאָפּיקע־ביבליאָטעק אין אָדעס".

נאָך דער טיי, מיט וועלכער מ'האָט אונדז מכבד געווען, האָבן מיר באַדאַנקט און פאַרלאָזט דאָס הויז, אין וועלכן ס'ברענט אַ פייער פון גייסט און אידעאַליזם. יענע נאַכט בין איך ווייניק געשלאָפן, געלעגן מיט אָפענע אויגן און אין קאָפּ האָט זיך געדרייט: דאָס הייזל, די ביכער, די בילדער, די שמועסן, וואָס נישט אַלע האָב איך פאַרשטאַנען.

צומאָרגנס האָב איך אַ ביסל פאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט. יוסף האָט מיר געמאַכט אַ באַמערקונג: „נאָך גוט, וואָס באַטשקע איז נישטאָ — זאָגט ער און נעמט באַלד מיט מיר רעדן תכלית — דוד, זע, דו אַרבעטסט שוין דאָ באַלד אַנדערטהאַלבן יאָר, די צייט לויפט און דו קענסט נאָך קיין פּאָר הויזן נישט מאַכן. מיך אַרט נישט, וואָס דו ביסט אַ ציוניסט, האָסט אויפגעהאָנגען אַ „קרן־קימת"־פּושקע. נאָר איך זע, אַז די צוויי יאָר וועלן דורכלויפן, וואָס וועט דעמאָלט מיט דיר זיין? איך זאָג עס פאַר דיין טובה ווענן. פאָלג מיך, לייג צו דעם קאָפּ צו דער לערע און איך וועל דיר העלפן, זאָלסט כאָטש צו די צוויי יאָר קענען אויפנייען אַ פּאָר הויזן". — אַזוי רעדט יוסף צו מיר, מיט אַ שמייכל און אַ קניפּ אין בעקל. איך פיל, אַז ער מיינט דאָס ערלעך, האָב איך אים פאַרשטאַנען און צוגעגעבן, אַז ער איז גערעכט. אמת טאַקע, מיך ציט מער צו ביכלעך און ציוניזם, ווי צו דער אַרבעט, אָבער ס'איז דאָך „אם אין קמח — אין תורה". תכלית, מיינט פּרנסה. דאַרף מען זיך טאַקע אַ נעם טאָן אויף אַן אמת צו דער אַרבעט.

יוסף האָט מיר געגעבן אַ קנויל לאַנגע, רויטע, טוכענע בענדלעך און געדרייטע, רונדיקע שנורן, וואָס קומען אַריין אין די רויטע בענדלעך. דאָס צוזאַמען דאַרף מען אַריינניייען אין די נעט פון די הויזן. דאָס רופט מען „מאַכן קענטלעך". הערביי דערקלערט מיר יוסף, אַז די רויטע קענטלעך זענען די וויכטיקסטע זאַך אין אָפיצערסקע הויזן. די קענטלעך מוזן זיין: רונדיק, גלייך, שטייף, ווי אַ דראָט. אַז דו וועסט דאָס קענען מאַכן, וועסטו זיין אויף אַ וועג. וועסט שוין קענען מאַכן אַ פּאָר הויזן. כ'האָב גענומען אַריינסטריגעווען די בענדלעך מיט דער

שנור. יוסף האָט אַלע מאָל געוואָרפן אַן אויג, געזען ווי איך מאַטער זיך, איז ער צוגעקומען. „ניין, ניין! נישט אַזוי, טרען אויף! כ'האָב דאָך דיר געזאָגט: מען דאַרף אַפּציען די בענדלעך. מאַך איבער!". איך הייב אָן אויפּסניי, ווידער זאָגט מיר יוסף: „געדענק, די בענדלעך דאַרפן זיין גלייך און שטייף". איך אַרבעט און טרען, אַז אַ שוויס האָט מיך באַגאָסן. אַזוי ביז האַלבן טאָג. ענדלעך, איז מיר געלונגען אַריינצוניייען די בענד־לעך. יוסף שמייכלט און ווי תמיד, גיט ער מיר אַ קניפּ אין בעקל...

באַטשקע קומט אַריין פון „סאַלאָן", איבערן האַלדז הענגט ביי אים אַ מאָס און אין דער האַנט, האַלט ער אַ שטיקל סחורה איבערצופּרעסן, כדי עס זאָל נישט איינלויפן נאָך דער אַרבעט. יוסף ווייזט אים די קענט־לעך, וואָס איך האָב געמאַכט. „נו, הער באַטשקע, וואָס זאָגט איר צו דעם ?". „יאָ, — ענטפערט באַטשקע — ער האָט שוין פון לאַנג געדאַרפט קענען אַריינניייען קענטלעך — ווען ער וואָלט נישט אַריינגעלייגט דעם קאָפּ דאָרט" — און ווייזט מיט דער האַנט אויף דער „קרן־קימת"־פּושקע.

באַטשקע שפּרייט אויס די סחורה אויפן לאַנגן טיש, אַ טעפל וואַסער ביי זיין לינקער האַנט, דאָס פּרעס־אייזן אין דער רעכטער. אַלע רגע נעמט ער אַ מויל וואַסער און טוט אַ שפּריץ איבערן טוך. אַ שפּריץ — אַ פּרעס, אַ פּרעס — אַ שפּריץ און פון דער באָרד טריפן טראָפּנס וואַסער. פון דער וועסטל־קעשענע ציט ער אַרויס זיין גרויסן זילבערנעם זייגער, גיט אַ קוק און זאָגט צו זיך אַליין: „גאַרנישט, ס'איז שוין באַלד מיטאָג־צייט. דאָס אייזן איז שוין קאַלט. גיי נעם אַרויס דאָס צווייטע". איך גיי צו דער קיך, דער טאָפּ זופּ קאָכט מיט אַ געוואַלדיקן אימפּעט, אַז דאָס דעקל שפּרינגט און טאַנצט. מיט אַ שמאַטע, רוק איך אים איבער אַ ביסל אין אַ זייט, די פייערקעס זענען רויט גליענדיק. איך ציִ אַרויס דאָס רויטע אייזן. פּלוצים, איך ווייס נישט פאַרוואָס — גיט מיין האַנט אַ ציטער, אַ שטופּ דעם טאָפּ, ער דרייט זיך איבער און איך, ווילנדיק דערכאַפּן דעם טאָפּ, איז אַ טייל פון דער זופּ אַרויף אויף מיין האַנט. איך מאַך אַ געוואַלד... יוסף האָט פון מיין האַנט אַרויסגענומען דאָס גליענדיקע אייזן, עס אַפּגעטונקען אין וואַסער און זיך גענומען צו מיר. איינגעשמירט די האַנט מיט אַ פעטקייט, באַנדאַזשירט און מיך געטרייסט...

געקומען אַהיים אויף מיטאָג שפּעטער ווי שטענדיק, האָט מיך די מאַמע געזען אין דעם מעמד, האָט זי זיך צעוויינט: „וואָס איז געשען?" די מומע רחל, וואָס איז פּונקט דעמאָלט געווען ביי אונדז אין שטוב, האָט זיך צעשריגן: „געוואַלד! געוואַלד! ווי קענען עלטערן צולאָזן אַזוי פּייניקן אַ קינד?" נאָר ביסלעכווייז איז שטיל געוואָרן און איך בין ווידער אַוועק צו דער אַרבעט. עטלעכע טעג האָב איך נאָר געטאָן „לייכטע" אַרבעט: אויסגעקערט, אַראָפּגעבערענגט קוילן פון בוידעם, אַרויסגעצויגן פּאַסטריגעס און געגאַנגען געננג...

שבת אין דער פרי, ווי תמיד, בין איך במקום צו גיין אין שול, אַוועק אין גאָרטן. געזעסן און געלייענט די בראַשורן „משה" און „אויף וואָס דאַרף מען דאָס". זיי האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, האָב איך זיי עטלעכע מאָל איבערגעלייענט. שפּעטער אַ ביסל, איז געקומען אברהם מיט מנשהן און נאָך צוויי חברים. און צום סוף נאָך איינער, וואָס האָט זיך פאַרגעשטעלט „חבר עלבערג". באַלד האָט זיך אַנטוויקלט אַ פּי־לאָזאָפישער שמועס: צי ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך, ווי אַבסאָלוט, שלימותדיק גליק? מנשה, וואָס האָט דעמאָלט געאַרבעט אין אַ זייף־פאַבריק, האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ זאַך איז נישט בנימצא; דאָס לעבן באַשטייט פון אַ כסדרדיקן קאַמף און שטרעבן, אַפילו די, וואָס האָבן שוין אַלצדינג און זיי מיינען, אַז זיי זענען פולקאָם גליקלעך, קומט דער טויט און פאַרענ־דיקט דעם גאַנצן חשבון. טאָ ווו איז דאָס שלימותדיק גליק? אַזוי האָב איך זיך צוגעהערט צום וויכוח, פּלוצים נעמט עלבערג אַרויס אַ ציגאַרעט און פאַררויכערט. כאָטש כ'בין שוין דעמאָלט נישט געווען פרום, אַפילו נישט געדאַוונט, בין איך געוואָרן איבערראַשט און צעמישט: רויכערן אום שבת?... אין דער שטיל האָב איך אים אַ פרעג געטאָן: „זאָגט מיר, חבר עלבערג, כ'וויל עס וויסן, ס'איז דאָ אַ גאָט?". עלבערג קוקט מיך אָן און ענטפערט: „כ'קען דיר אויף דעם נישט ענטפערן, כ'קען דיר נאָר ראָטן: לייען, לייען, וואָס מער, וועסטו לסוף אַליין אויסגעפינען"...

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען איך בין געקומען אין דער פרי צו דער אַרבעט, האָב איך שוין דאָרט געטראָפן אברהמען. אַ נישט־ראַזיר־טער, אַ טרויעריקער, אין אַ שוואַרצן ווייכן הוט און אין אַ שוואַרצער

בינדע. מען האָט באַלד געקענט זען, אַז עפּעס שרעקלעכס האָט געטראָפן. אויף מיין שטומער פראַגע, וואָס איז געשען? האָט אברהם שטיל געענט־פערט: „חבר מנשה איז מער נישטאָ... נעכטן נאָכמיטאָג האָט ער אין דער זייף־פאַבריק געמישט אין אַ גרויסן קאָכעדיקן קעסל מיט זייף, האָט זיך איבערגעבויגן און אַריינגעפאַלן אין קעסל — פאַרברענט גע־וואָרן". זאָגנדיק דאָס, האָבן זיך טרערן געגאָסן פון זיינע אויגן. אויך ביי מיר האָבן זיך באַוויזן טרערן... כ'ווייס נישט פונוואַנען ס'האָט זיך ביי מיר גענומען די דרייסטקייט, נאָר כ'האָב פאַרלאַנגט פון באַטשקען, ער זאָל מיר דערלויבן גיין אויף דער לויה. אמת, איך האָב באַלד צוגע־געבן, אַז איך וועל פאַר דער צייט אָפּאַרבעטן. אַנקוקנדיק מיך און אבֿ־רהמען, איז באַטשקע אָן רייד, מסכים געווען.

נאָך אין דעם זעלבן טאָג, איז אין גאַנצן שטעטל באַקאַנט געוואָרן וועגן דעם טראַגישן טויט פון מנשהן. די „פּועלי־ציון"־פּאַרטיי, צוזאַמען מיטן „בונד" האָבן אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די יידישע אַרבעטער, מען זאָל איבעררייסן די אַרבעט אויף צוויי שעה, בעת די לויה. אַ קליי־נער עולם האָט באַגלייט דעם ארון פון שטאָט ביזן בית־הקברות, נאָר אויפן בית־עולם, ביים פריש־אויסגעגראָבענעם גרוב, האָט געוואַרט אַ רײ־זיקער המון אַרבעטער און יוגנט. דאָס איז געווען ספּעציעל אַזוי אַנגאַ־זשירט, כדי נישט אַרויסצורופן קיין חשד ביי דער פּאָליציי. ווייל רעדעס קעגן קאַפּיטאַליזם און פאַר סאָציאַליזם זענען געווען טריף און קעגן דער מאַכט. פאַר אַזעלכע רעדעס האָט מען שטרענג באַשטראָפט און אַ סך מאָל פאַרשיקט קיין סיביר.

ביים פרישן קבר, האָט דער ערשטער גערעדט זיין נאָענטער חבר, אברהם. מיט אַ געדעמפּטער שטים, האָט ער גערעדט, ווי מען רעדט צו אַ לעבעדיקן מענטש: „חבר מנשה, מיט דיין טויט האָבן די יידישע אַר־בעטער, די „פּועלי־ציון"־פּאַרטיי, פאַרלוירן אַ געטרייען קעמפער און דאָס יידישע פאָלק, אַן איבערגעגעבענעם זון. מיר שווערן ממשיך צו זיין דעם הייליקן קאַמף פאַר דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס און פאַר זיין לאַנד — ארץ־ישראל!".

אַ חבר פון „בונד" האָט געזאָגט: „מנשה איז אַ קרבן פון קאַפּיטאַ־

ליסטישער עקספּלואַטאַציע, ער איז נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער קרבן. כאָטש מנשה האָט געהערט צו אַן אַנדער פּאַרטיי, אַן אַנדער אידעאָלאָגיע, איז ער אָבער איינער פון דער אַרבעטער־מחנה. אונטערדריקונג מאַכט נישט קיין חילוק פון פּאַרטייען, זי דריקט דעם קלאַס. נאָר נישט טרויערן דאַרפן מיר, מיט געאייניקטע כוחות דאַרפן מיר ממשיך זיין דעם קאַמף פאַרן אַרבעטער־קלאַס, פאַר זיין באַפרייונג, דאָס איז אונדזער אויפגאַבע". עס האָבן נאָך גערעדט אַנדערע פאַרשטייער פון פּאַרטייען. מיט שווערע געמיטער איז זיך דער גרויסער המון צעגאַנגען.

די לויה, די גרויסע מענטשן־מאַסע, דאָס, וואָס די רעדנער האָבן געזאָגט, דאָס אַלץ האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם. כ'האָב געטראַכט: אפשר איז טאַקע דער בונדיסט גערעכט? די עקספּלואַטאַטאָרן מאַכן טאַקע נישט קיין אונטערשייד צו וועלכע פּאַרטיי דער אַרבעטער געהערט. פאַר זיי זענען אַלע אַרבעטער גלייך, פּונקט ווי ביי די אַנטי־סעמיטן זענען אַלע יידן גלייך. דער קאַמף דאַרף זיין אַ געאייניקטער.

די אַרבעט איז אַנגעגאַנגען ווי אַלע מאָל, ס'איז נאָר געווען אַ ביסל טרויעריקער. יוסף איז נישט געווען אַזוי פריילעך, ער האָט מער נישט געזונגען די לידלעך פון יידישן טעאַטער. זעט אויס, אַז אויף אים האָט אויך געווירקט דער אומגליק מיט מנשהן.

אין איינעם אַ טאָג האָט מיך באַטשקע אָנגעזעצט אין „סאַלאָן", מיר געגעבן אַ קנייפּ־מעסערל און מיר געהייסן אַרויסטרענען דאָס פוטער פון אַן אַפּיצערסקן מאַנטל. ווען ס'איז געקומען די צייט פון פרישטיק, האָב איך דאָס מעסער אָנגעלייגט אויפן קרעדענס און אַהיימגעגאַנגען עסן. ווען איך בין צוריקגעקומען, רופט מיך באַטשקע אַריין אין „סאַלאָן" און פרעגט מיט כעס: „ווו איז דאָס מעסער?" איך ווייז אים אויפן קרעדענס. אומגעריכט דערלאַנגט ער מיר אַ פייערדיקן פּאַטש אין באַק און צעשרייט זיך: „דו יינגאַטש איינער, דאָס איז דאָס איינציקע מילכיקע מעסער אין שטוב, צוליב דיר, האָב איך היינט קיין פרישטיק נישט גע־געסן!". דאָס פּנים פלאַמט מיר פון ווייטיק און בושה, נאָר איך ענטפער גאָרנישט. כאָטש דאָס גאַנצע בלוט קאָכט אין מיר פון כעס. כ'נעם דעם פּאַלטאָ און וויל אָוועק, נאָר יוסף דערלאָזט נישט. ער האַלט מיך אָפּ

דערפון. ער האָט מיך געבעטן — פאַר מיין טובה — כ׳זאָל נישט צע־ברעכן מיין אָנגעהויבענע לערע. איך האָב אים געפאָלגט און זיך צוריק געזעצט אַרבעטן, נאָר אין מיין מוח זענען געלאָפן די מחשבות: וועגן אויסנוצונג און געמיינע באַנעמונג. וואָס איז דער אונטערשייד, צי אַ גוי עקספּלואַטירט מיך, צי אַ ייד? אַזאַ ווי באַטשקע?...

שפּעט אין אָוונט, גייענדיק אַהיים פון דער אַרבעט, באַגעגנט מיך עלבערג. ער רופט מיך אַריין אין אַ פינצטערן אַריינגאַנג פון אַ הויז און שטופּט מיר אַריין אַ פּעקל פּראָקלאַמאַציעס צום צעטיילן. „זיי פאָרזיכ־טיק!״ — זאָגט ער מיר אָן. נאָך דעם היינטיקן אינצידענט, נעם איך ביי אים גערן. ס׳איז געווען אַן אויפרוף צום פאָלק: אַרונטערצוּוואַרפן די ביוראָ־קראַטישע זעלבסט־הערשאַפט פון דעם צאַריזם, פאַר פרייהייט און סאָ־ציאַליזם א. א. וו.

דעם נאָענטן שבת־צונאַכט האָב איך געמאַכט אַ באַזוך ביי מיין פעטער הענעך. נאָכן אָפּזיצן אַ ביסל, צי איך אַרויס פון בוזים־קעשענע אַ פּראָ־קלאַמאַציע און דערלאַנג אים. ער גיט אַ בליק, ווערט בלאַס און לאָזט מיר אַראָפּ אַ קליינגעלדיקן פּאַטש. „דו שייגעץ איינער! ווייסט, מיט וואָס דו שפּילסט זיך? וואָס ווילסטו, מען זאָל מיך פאַרשיקן קיין סיביר?״ ער איז אַרויס פון שטוב, אין עטלעכע מינוט אַרום צוריקגעקומען. שוין אַ באַרואיקטער, אָן דער פּראָקלאַמאַציע. כ׳האָב פאַרשטאַנען, וווּהין ער האָט זי אַריינגעוואָרפן — אויף זייער אַ מיאוסן אָרט. מיר האָט עס וויי געטאָן, אָבער כ׳האָב גאָרנישט געקענט רעדן, ווייל דער פעטער איז נאָך געווען אין כעס און נישט אויפגעהערט מיך מוסרן.

געענדיקט לייענען גרעצס „יידישע פאָלקס־געשיכטע״ און גענומען „אַלט־ניי־לאַנד״ פון ד״ר הערצל. דאָס בוך האָט מיך געצויגן ווי אַ מאַג־נעט. יעדן אָוונט, ווי נאָר כ׳בין געקומען פון דער אַרבעט, האָב איך זיך געזעצט לייענען ביי אַ טונקל נאַפט־לעמפּל. אַמאָל זיצנדיק פאַרטיפט אין לייענען, קומט אַריין דער טאַטע. מיט כעס גיט ער אַ פרעג: „הער נאָר דו, האָסט שוין געדאַוונט מעריב? וואָס וועט זיין דיין תכלית? וואָס טויגן דיר די ביכער מיטן ד״ר הערצל? גיי בעסער דאַווענען״. כ׳האָב נישט געענטפערט און דער שטורעם איז אַדורך...

ס'איז אַ וואָך פאַר פורים. ביי באַטשקען אַרבעט מען שוין ביז 10 ביינאַכט. מען מוז אָפּאַרבעטן דעם פורים־טאָג, ווען מען אַרבעט נישט. דער פורים פילט זיך שוין דער לופט. באַזונדער ביי די יונגע חברה־קינדער. ביי זיי, איז עס אַ גרויסער יום־טוב און זיי גרייטן זיך שוין. נאָר איין מאָל אין יאָר איז פורים. אַ קלייניקייט! בייטאָג טראָגט מען די „משלוח־מנותן" און קלינגענדיקע מטבעות פאַלן אין די קינדישע הענטלעך אַריין. אין אָוונט זענען זיי „פורים־שפּילער", איינציקע, צוויי־ווייז און אין גרעסערע גרופּן, גייען זיי פון הויז צו הויז, זינגען אָפּ אַ לידל, קריגן „פורים־געלט" און גייען ווייטער. אַזוי ביז שפּעט אין אָוונט.

די גרעסטע גרופּן זענען אָנגעטאָן „טעאַטראַליש" — קרוינען אויף די קעפּ און שווערדן אין די הענט. זיי שטעלן פאָר „בר־כוכבא" א. א. היסטאָרישע העלדן. זיי זינגען צוגעפּאַסטע לידלעך — אַליין פאַרטראַכטע אָדער פון יידישן טעאַטער. דערפאַר באַקומען זיי אַ גרעסערע סומע „פורים־געלט".

פורים אין דער פרי, בין איך געקומען צו באַטשקען — נישט צו אַרבעטן, נאָר צו טראָגן פאַר זיי די „משלוח־מנותן". יוסף האָט מיר איבערגעגעבן אַ גרויס שאַכטל, אין וועלכן ס'איז געלעגן אַ גרויסער טאָרט, מיט אַ סך שאָקאָלאַד איבערגעצויגן, איינגעוויקלט אין פּערגאַ־מענט־פּאַפּיר. „דאָס — זאָגט ער — איז פאַר מיין כלהס עלטערן און דאָס קליינע שאַכטעלע, אין וועלכן ס'איז געלעגן אַ דין גאָלדן קייטעלע מיט אַ קליינעם גאָלדענעם מעדאַליאָנעק, — איז פאַר מיין כלה". מיר האָט ער אַריינגערוקט אין קעשענע אַ זילבערנעם האַלבן־רובל און פאַר אַ צו־לאָג, אַ קניפּ אין באַק. יוסף איז געווען אין אַ גוטער, געהויבענער שטי־מונג: היינט וועט ער גיין צו דער כלה, נישט ווי אין געוויינלעכע טעג, נאָך דער אַרבעט. היינט וועט ער זיין אַן אויסגערוטער, אַן אויסגעפּוצטער, ער וועט זיצן מיט דער כלה און אירע עלטערן ביי אַ גרויסן ליכטיקן סעודה־טיש, מיט גוטע, געשמאַקע מאכלים, וואָס וועלן זיכער ביי זיין מחותן נישט פעלן און ער האָט זיי אַזוי ליב... דער גרויסער טאָרט וועט שטיין אויבן אָן אויפן טיש און דאָס קייטעלע מיט דעם מעדאַליאָנעק וועט

אראפשיינען פון זיין כלהס רונדיק־ווייכן האלדז און ער, א יום־טובדיקער, וועט זיצן נעבן איר... האט ער טאקע באדויערט, וואס פורים איז נאר איין מאל אין יאר.

ווען איך האב אפגעגעבן דער כלה די מתנות, האט זי מיר דערלאנגט א גאנצן זילבערנעם רובל. האב איך שוין אויך געטראכט: א שאד, וואס נאר איין מאל אין יאר איז דער דאזיקער פריילעכער יום־טוב...

אין אוונט — ווי יעדער יאר פורים, זענען צום זיידן געקומען אלע זיינע קינדער, אייניקלעך, צו דער גרויסער פורים־סעודה. א לאנגער, ארויסגערוקטער טיש, פארשפרייט מיט ווייס־געפרעסטע טישטעכער, די גרויסע בליץ־לאמפן, ליכט אין די זילבערנע לייכטער, גיסן ליכט און װארעמקייט אין דעם גרויסן זאל. איצט — די אלע גוטע זאכן, וואס שטייען אויסגעשטעלט אויף די טישן: קאוויאר, געפרעגלטע פליישן, ארבעס, ניס, טארט, פאמעראנצן, וויין, פילזנער ביר און מעד...

דער זיידע זיצט אויבן־אן, אנקעגן דער באבען אין זיין שווארץ־זיידענער זשופעצע. ארום טיש — אלע קינדער און אייניקלעך. ביים זיידנס רעכטער האנט, ליגן צוגעגרייט דריי קופקעלעך געלט: קופערנע מטבעות, קליין זילבער־געלט און גרויס זילבער־געלט. — אז עס זענען אריינגעקומען צוויי „פורים־שפילערס" מיט איבערגעדרייטע פאלטנס, די פנימער פארשמירט מיט סאזשע, האבן אפגעזאגט עטלעכע ווערטער און פארענדיקט מיט א „היינט איז פורים, מארגן אויס. גיטס מיר א גראשן און ווארפט מיך ארויס!", האבן זיי באקומען א קופערנע מטבע. ווען אבער ס'זענען געקומען א גרעסערע חברה, מיט קרוינען אויף די קעפ און שווערדן ביי דער זייט און זיי האבן פארגעשטעלט „דוד און גלית", אדער „בר־כוכבא" און געזונגען אן אמת לידל, האבן זיי באקומען א קליינע זילבערנע מטבע. נאר חשובע בעל־בתישע יידן, וואס זענען געקומען בעטן א נדבה אויף „הכנסת־כלה", אדער אנדערע קהלישע צוועקן, די האבן זוכה געווען צו געניסן פון דעם קופקעלע גרויסע זיל־בערנע מטבעות. זיי האט מען אויך מכבד געווען מיט א גלעזל וויין אדער מעד מיט „המן־טאשן" צו פארבייסן. ס'איז געווען א גרויסארטיקער

אָוונט, מיט אייגענעם סטיל און רחבות, אין וועלכן די קינדער נעמען דעם גרעסטן חלק, ווי אַקטיווע און פּאַסיווע שותפים.

נאָך פּורים האָט באַטשקע געגעבן אָנצוהערן, אַז באַלד וועלן מיר האָבן 8 טעג פּסח, אין וועלכע מיר וועלן נישט אַרבעטן. דאַרף מען כאָטש איצט אַרבעטן ביז 12 ביינאַכט און ווען נייטיק, נאָך שפּעטער. ביי אַנדערע, נישט־מיליטערישע שניידער — זאָגט ער — אַרבעט מען גאַנצע נעכט. ווייל איצט איז דער גרעסטער סעזאָן. ווער באַנייט עס נישט עפּעס אַ מלבוש אויף פּסח? אַפילו די קינדער מאַכט מען עפּעס, זענען זיי באַוואָרפן מיט אַרבעט איבערן קאָפּ. אַפילו מאַנעסיע, דאָס „הייליקע שניי־דערל" (גערופן האָט מען אים אַזוי, ווייל ער האָט נאָר גענייט פאַר פרומע. ווינטער וואַטענע אונטער־הויזן פאַר פרומע ווייבער און זומער זיידענע זשופּעצעס פאַר חסידים און ציגענע כאַלאַטלעך פאַר בחורים. אויך איך בין געווען זיינער אַ קונה. איידער איך בין געוואָרן אַ „דאַטש"), אַ קליין מענטשעלע, מיט אַ קורץ־שיטער בערדל, אַ טאַטע פון 6 קינדער, אַרבעט שוין איצט מיט זיין גאַנצער משפּחה גאַנצע נעכט.

ס'קומט די לעצטע וואָך פאַר פּסח. דאָס גאַנצע שטעטל איז אַרומ־געכאַפּט מיטן פיבער פון גרייטן זיך צום גרעסטן און שענסטן יום־טוב. ס'רודערט זיך, מ'אַרבעט, מ'רוימט, מ'רייניקט. נישטאָ קיין צייט צו אָטעמען, מען פירט אַריין דעם פּסח. די זון וואַרעמט און צעשמעלצט דאָס לעצטע ביסל שניי, נעמט מען אַרויס די דאָפּלט־פענצטער, מען וואַרפט אַרויס די וואַטע, מיט וועלכע מען האָט אין האַרבסט פאַרשטופּט אַלע שפּאַרונעס, דער פראָסט און ווינט זאָל זיך נישט אַריינרייסן אין שטוב. דאָס איז דער ערשטער אָנזאָג פון פרילינג, וואָס קומט אָן.

ביי יוספס עלטערן, די פּאַקולסקיס, איז שוין כמעט אַלץ פּסחדיק. די שטוב איז פול מיט אינדיקעס, גענדז, ווורשטן, שמאַלץ „כשר לפּסח". זייערע קונים וואַרטן נישט אויפן לעצטן טאָג ערב פּסח. זיי קענען זיך פאַרגינען איינצוקויפן עטלעכע טעג פריער. דריי טעג פאַר פּסח איז שוין דאָס „פּרעס־געשעפט" ביי די פּאַקולסקיס פול מיט קונים. דאַמעס מיט זייערע דינסטן, שלעפּן פון דאָרט גאַנצע פּעק פּסחדיקע סחורה. חיים, דער זון, האָט אין איין צימער פון דער גרויסער דירה, וואָס גייט אַרויס

אויף צוויי גאַסן, געעפנט אַ פענצטער, צוגעשטעלט אַ טיש מיט אַ וואָג און אַזוי אַרום באַדינט ער די קונים, וואָס זענען געשטאַנען אין דרויסן. אויך אויף די זייטיקע פענצטער הענגען געגדז און אינדיקעס. דאָס האָט ער געמאַכט, ווייל אין שטוב איז געווען צו ענג פאַר אַלע קונים, ווייבער און דינסטן. אין אַט דער סומאַטאַכע, שטעלט זיך אוועק פאַרן פענצטער איינער אַ גוי און קוקט. נו, וועמען אַרט עס ?, קוקט אַ גוי — קוקט ער. נאָר פלוצים, ווען חיים האָט זיך אויף אַ רגע אַוועקגעדרייט, האָט דער גוי געכאַפּט אַ גאַנדז און גענומען אַנטלויפן. די ווייבער, וואָס זענען גע־שטאַנען נאָענט, האָבן געמאַכט אַ געוואַלד, חיים איז אַרויסגעלאָפן נאָכ־יאָגן דעם גוי ביז אין דער גאַס אַרויס. אין מיטן לויפן, האָט דער גוי אויפגעהויבן אַ גרויסן שטיין, זיך אומגעדרייט און אַ וואַרף געטאָן אויף חיימען. דער שטיין האָט געטראָפן חיימען אין האַרץ אַריין און ער איז געפאַלן טויט אויפן אָרט.

אַ שכן איז געקומען צו לויפן צו באַטשקען, כדי אָנצוזאָגן די שרעק־לעכע בשורה יוספן. זיין פּנים איז מיט איין מאָל געוואָרן געל, ווי וואַקס, טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן פון זיינע אויגן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די קורטקע און געלאָפן אַהיים. די אַרבעט איז דערווייל אָפּגעשטעלט גע־וואָרן. באַלד איז געוואָרן מיטאָג־צייט, בין איך געלאָפן צו די פּאַקולסקיס. דער הויף איז פול געווען מיט מענטשן, ס׳איז געווען פּאָליציי, אַן אַמבו־לאַנס. דער יאָמער, די געוויינען, האָבן אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן שטעטל. דער פאַל האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג.

פסח איז פסח...

נאָר דעם פסח קען מען נישט אָפּלייגן. דער טומל און האַנדל גייט אָן ווייטער. מען רייניקט, מ׳שאַבט און מ׳פּוצט. אין די אָרעמע, זייטיקע געסלעך, וואַרפט מען אַרויס אין גאַס דאָס גאַנצע מעבל, דאָס בעטגעוואַנט און די מלבושים. די וואַנצן אין שטוב, אין די ווענט, אין די שפּאַרונעס ווערן אָפּגעדעקט און די באַלעבאָסטעס נעמען נקמה אין זיי, פאַר נישט

לאָזן שלאָפן גאַנצע נעכט. מיט טעם הייס־זודיק וואַסער גיסן זיי אין אַלע ווינקלען ווו די וואַנצן האָבן זייערע נעסטן. דאָס זעלבע טוען זיי מיט דעם מעבל אין גאַס. ס׳העלפן דערביי אַלע קינדער אין שטוב, אויך ביי זיי האָט זיך אָנגעקליבן געגנוג כעס אויף די בייסנדיקע ברואים. נאָך דעם זעלבן טאָג ווערן די שטובן געקאַלעכט, דאָס בעטגעוואַנט, די מלבושים, גוט אויסגעקלאַפּט און גערייניקט. ווען ס׳פּאַלט צו דער אָוונט, שלעפּט מען אַלע זאַכן צוריק אַריין אין דער ריינער שטוב. אומעטום איז קלאָר און שיין. מען הייבט אָן צו פילן דעם טעם פון פסח...

דעם טאָג פאַר ערב־פסח זעט מען ווי יינגלעך און מיידלעך טראָגן עופות צום שוחט. אַ גאַנץ יאָר שעכט ער נאָר צוויי טעג אין וואָך, היינט אָבער, אַרבעט ער פון אין דער פרי ביז שפּעט ביינאַכט; שניידערס און שוסטערס טראָגן אָפּ די פאַרטיקע אַרבעט צו זייערע קונדן, די געוועלבער זענען פול מיט קונים, באַלעבאָסטעס קויפן נייע כלים אויף פסח: אַ טאָפּ, אַ טשייניק, כוסות. יונגעלייט קויפן העמדער, באַזונדערע קעלנער און שניפּסלעך. אין די שפּייז־געוועלבער איז גאָר טומלדיק. מען קויפט וויין, מצות, חרוסת. אַלע לויפן, האַווען, זשומען. ס׳איז אַפילו נישטאָ קיין צייט אָפּצועסן. דאָס וועט מען שוין טאָן אין די רואיקע פסח־טעג...

מיין מאַמע, מיט די צוויי שוועסטער — די אַרבל פאַרקאַשערט, די קעפּ אַרומגענומען מיט קאָלירטע טיכלעך, וואַשן, רוימען און פּוצן לכבוד פסח. מיר קענען זיך מער נישט פאַרגינען קיין דינסט אין שטוב, זי זאָל טאָן די אַלע אַרבעטן. די פּרנסה איז לעצטנס געשלאָגן, דאָס געוועלב ווערט אַלץ מער אויסגעליידיקט. פונדעסטוועגן מוז די מאַמע — אויסער טאָן אַלע שווערע אַרבעטן אין שטוב, נאָך שטיין אין געוועלב. באַזונדער אין די מאַרק־טעג, ווען דאָס געוועלב איז פול מיט קונים, פויערים פון די אַרומיקע דערפער. כדי צו קויפן אַ פּאָר זוילן, קומט דער פויער מיט דער גאַנצער משפּחה, אַמאָל ברענגט ער נאָך מיט אַ מבין. אַלע דינגען זיך, מען דאַרף האָבן די אויגן אומעטום... די נשמה גייט אויס, ביז מען פאַרקויפט עפּעס. אַ סך מאָל פאַרלירט דער טאַטע דאָס געדולד, ווערט מלא כעס. נאָר די מאַמע שטילט אים איין, באַרואיקט דעם קויפער און דעם טאַטן. אַזוי געשעט אויך ווען דער טאַטע ווערט אין כעס אויף די

קינדער. ער בייזערט זיך, שרייט, רייסט זיך צום שלאָגן. דעמאָלט שטעלט זיך די מאַמע צווישן אונדז און זאָגט: „גרשון, געדענק אין גאָט, האַלט איין דעם כעס, ס׳איז דאָך אַן עבירה!" און דער טאַטע ווערט רואיקער...

די מאַמע איז געראָטן אין זיידן אַריין: זי רעדט ווייניק, איז זייער פרום, דאַוונט דריי מאָל אַ טאָג, ווי אַ מאַנספּאַרשוין. אַלע שבת לייענט זי פאַר די שכנות דעם „צאינה וראינה", זי גיט צדקה־בסתר, באַליידיקט קיינעם נישט. ווען ס׳איז איר שווער, ליידט זי אין דער שטיל, דריקט אין זיך, אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן. דער זיידע איז אַ מבין אויף זיין טאָכטער און ווייזט עס אַרויס ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. ווען זי האָט געבוירן איר ערשטן קינד — דעם בכור, האָט דער זיידע איר געברענגט אַ מתנה פון וואַרשע — אַ בריליאַנטן פינגערל. מען האָט עס געהיטן ווי אַן אוצר, נאָר ערשט אין 30 יאָר אַרום, האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דאָס איז נישט מער, ווי אַ פשוטער שטיין. כ׳בין חלילה נישט חושד דעם זיידן. מ׳האָט מסתמא דעם פּראָווינצער אָפּגענאַרט אין וואַר־שע... ומעשה שהיה, כך היה: אין טאָג פון מיין חתונה, האָט מיר די מאַמע געגעבן דאָס פינגערל איך זאָל עס געבן אַ מתנה מיין כלה. מיר איז עפּעס דער שטיין נישט געפעלן געוואָרן. בין איך אַוועק צו אַן עקספּערט און דער האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער בריליאַנט איז אַ פשוט גלעזל. כדי נישט צו פאַרשעמען דער מאַמען און אַנטאָן איר עגמת־נפש, האָב איך איר צוריק געגעבן דאָס פינגערל, בעטנדיק איר, זי זאָל דאָס בעסער באַהאַלטן, ווי אַן אָנדענק פון זיידן...

די נאַכט פון בדיקת־חמץ האָב איך געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט, דורכן פענצטער האָט זיך שוין אַריינגעריסן טאָג־ליכט, ווען מיר האָבן געענ־דיקט. צוליבן טויט פון יוספס ברודער, האָט ער נישט געאַרבעט און אַ סך באַשטעלונגען זענען געבליבן נישט פאַרענדיקט, כאָטש באַטשקע בעצמו האָט אויך געאַרבעט ביזן טאָג אַריין. געקומען אין דער פרי אַהיים, האָב איך זיך אַ מידער אַ וואַרף געטאָן אויפן בעט און באַלד איינגעשלאָפן. נאָר אַרום 9 האָט מיך דער טאַטע געוועקט און דערמאָנט, אַז איך דאַרף דאַווענען, ווייל באַלד וועט זיין צו שפּעט צו עסן פרישטיק. מען דאַרף פאַרברענען דעם חמץ, וועל איך נישט האָבן וואָס צו עסן.

נאָכן פאַרברענען דעם חמץ, האָב איך אָפּגעטראָגן צו אַן אַפּיציר דעם מונדיר, ביי וועלכן מיר האָבן געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט. געקראָגן דאָרט אַ גאַנצן זילבערנעם רובל טרינק־געלט, בין איך נאָך אַוועק צו באַטשקען און אַראָפּגעשלעפּט קוילן פון בוידעם, עס זאָל סטייען אויף די גאַנצע 8 טעג פּסח. דערפאַר האָט מיר באַטשקע צוגעווונטשן: „האָב אַ פריילעכן פּסח!"...

געקומען אַהיים, האָט מיך דער טאַטע געשיקט צום רבין אָפּצונעמען די מצה־שמורה פאַר זיך און פאַר דעם זיידן. פאַרטיק געוואָרן מיט דעם אַלעמען, בין איך, ווי אַלע יידן, געלאָפן אין מקווה אריין. וואָסי, איך בין קיין ייד נישט?...

קוטנער מקווה

די מקווה איז געווען נישט ווייט פון בית־המדרש. פאַרן אַריינגיין פרעגט מיך דער מקווה־ייד: „יונגערמאַן, דו ווילסט אַ באַזונדער צימערל, צי אַ וואַנע אין אַלגעמיינעם צימער?". פילנדיק דעם רובל אין קעשענע, זאָג איך: „אַ באַזונדער צימער". דער ייד גיט אַ קוק אויף מיר פון אויבן אַראָפּ און זאָגט: „נו, אויב אַזוי, וועסטו דאַרפן אונטערוואַרטן. היינט איז ערב פּסח און אַלע גייען אין מקווה..."

איבערטרעטנדיק די שוועל, האָב איך דעם אָטעם נישט געקענט כאַפּן. די געדיכטע פאַרע מיט דעם ריח פון שוויס, האָבן געשטיקט. די מקווה איז געבויט ווי אַ „חית". דריי זייטן קליינע צימערלעך און אין דער מיט, טיף אַרונטערצוגיין מיט טרעפּלעך, איז די מקווה זיך טובל צו זיין. אַנטקעגן דעם, איז דער גרויסער אַלגעמיינער צימער פון די וואַנעס: אַ בעטאָנענע פּאָדלאָגע, אַרום די ווענט, לאַנגע בענק, איבער זיי, ברעטער מיט טשוועקעס, אויפצוהענגען די מלבושים. ביי דער צווייטער וואַנט, קראַנעס מיט קאַלט און וואַרעם וואַסער מיט אַ סך עמערס. די וואַנעס שטייען אין מיטן צימער צעוואָרפן אָן אַ סדר. די פאַרע און די היץ זענען אַזש געדיכט. יידן ליגן אין די וואַנעס און קרעכצן פאַר פאַרגעניגן,

אַנדערע לויפן מיט ליידיקע, אָדער פולע עמערס הייסע וואַסער אַנצוגיסן אָדער צוגיסן אין די וואַנעס.

נאַקעטע יידן מיט ברייטע בערד, גראָבע בייכער, אַ טייל מיט קילעס, מיט אויסשיטן אויפן קערפּער, הויקערס, פליכן, רויטע אויגן און רויטע נעז, באַוועגן זיך אין דער פּאַרע, ווי שאָטנס; יידן מיט ברייטע פלייצעס און געבויגענע רוקנס — טרעגערס. גאָט האָט זיי באַשאַפן גלייכע, נאָר דאָס לעבן האָט זיי פאַרהויקערט. אַ גאַנצע נאַקעטע קאָלעקציע פון געשטאַלטן און פיגורן...

שטעלט נאָר איינער אַרויס אַ פוס, איז שוין אַ צווייטער מיט זיינעם אין דער וואַנע. נישט אַלע מאָל גיסט מען אויס דאָס גענוצטע וואַסער. מען גיסט נאָר צו, עס זאָל זיין פול. גיט זיך אַ שווערער ייד אַ לייג אין וואַנע, גיט אַ שפּריץ אַרויס דאָס וואַסער און אַלע אַרום ווערן באַגאָסן. דער רעש און געפּילדער מאַכט טויב. אַלע מאָל באַווייזט זיך דער מקווה־ייד און שרייט: „יידן! איילט זיך צו, היינט איז ערב־פּסח, נאָך יידן וואַרטן, ווילן אַ וואַנע!". ווער עס האָט נישט געזען דאָס בילד, קען זיך עס נישט פאַרשטעלן. נאָר וויפל ערנסטע הכנה דאָס איז געווען אויפצונעמען דעם הייליקן יום־טוב, קען היינט זעלטן ווער פאַרשטיין...

די ערשטע פּסח־נאַכט

(אַ מעשה מיטן „הייליקן שניידערל")

ערב פּסח פאַרנאַכט, פאַרן סדר אָפּריכטן, גייט זיך מאַנעסיע „דאָס הייליקע שניידערל" מיט זיינע צוויי ייִנגלעך אין בית־המדרש אַריין. אַ פריש־געוואַשענער, — נישט לאַנג צוריק געווען אין מקווה, מיטן מחזור אונטערן אָרעם. דער טוכענער פּאַלטן, — כאָטש געמאַכט מיט יאָרן צוריק, זעט אויס, ווי ניי, ער נוצט אים נאָר שבת און יום־טוב צו גיין אין שול אַריין. היינט האָט ער אים אויסגעפּוצט און אויסגעפּרעסט. אַ קלאָר, ווייס העמד, מיט אַ שוואַרץ שניפּסל צוגעטשעפּעט אונטערן וויכן, ווייסן קאָלנער. ער פילט זיך דערהויבן און חשוב, אַ ייד מיט אַלע

יידן גלייך... אָפּגעדאַוונט, איז ער אַריין אין שטוב מיט אַ פריילעך־ברייט: „גוט יום־טוב!" דאָס ווייב מיט די קינדער ענטפערן הילכיק: „גוט יום־טוב, גוט יאָר!"...

מאַנעסיע בלייבט שטיין אַ מינוט. דוכט זיך דאָס אייגענע און דאָך נישט דאָס אייגענע ווייב, דאָס פּנים שיינט, דאָס שייטל פריש פאַרקעמט, אַ טונקל קליידל און איבער דעם אַ ווייס קלאָר פאַרטעך. די קינדער — ריין, קלאָר אָנגעטאָן, מיט פריש־אויסגעצוואָגענע קעפּלעך, פאַרפלאָכטענע צעפּלעך מיט זיידענע שלייפלעך. דער טיש צוגערוקט נאָענט צום בעט, בלאַנקט מיט ווייסקייט; אַ קלאָר טישטעך, צוויי אויסגעשייערטע מעשענע לייכטער מיט ליכט, די מצות צוגעדעקט מיט אַ שיין אויסגענייט צוועלעכל. צוויי פלעשער פּסחדיקן ווייַן, כוסות אויפן טיש. אַלץ האָט אויף מאַנעסיען געמאַכט אַ טיפן רושם, ער איז געוועזן גערירט ביז טרערן: איי, איי, ווי גוט ס'איז צו זיין אַ ייד! נו טאַקע, וואָס ווייסט אַ גוי דעם טעם פון לעבן?, ווייסט ער דעם טעם פון אַ שבת, אַ יום־טוב, פון אַ פּסח? — יאָ, אַ גאַנץ יאָר האָרעוועט מען טאַקע, מען דערעסט נישט, מ'דערשלאָפט נישט. אָבער היינט? עס בלאַנקט אין יעדער ווינקעלע; ער איז אַ מלך, זיין שטענדיק פאַרהאָרעוועט ווייב — אַ מלכה, און די קינדער — פּרינצן און פּרינצעסינס... אוי, ווי גוט!

„וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט, מאַנעסיע?" — זאָגט צו אים דאָס ווייב, — „ס'ווערט דאָך שפּעט, זעץ זיך צום סדר. די קינדער זענען הונגעריק און שלעפעריק".

מאַנעסיע זעצט זיך אויבן־אָן ביים טיש אין אַ טיפער שטול, אַרומגעבעט מיט קישעלעך, ביי די זייטן, דאָס ווייב און דער אורח, — זיין קוזין, יעקל דער שוסטער. אַרום טיש, די קינדער. מאַנעסיע הוסט זיך אויס און הייבט אָן מיט אַ דין־הייזעריק קולעכל: „הא לחמא עניא די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים". דאָס ווייב, דער אורח, די קינדער העלפן אונטער. דאָס עלטערע ייִנגל פרעגט די „פיר קשיות": „מה נשתנה הלילה הזה". מאַנעסיע ענטפערט: „עבדים היינו..." אין שטוב איז שטיל און ביי אים לויפן די געדאַנקען: וועגן אַמאָליקער קנעכטשאַפט און היינטיקן שווערן לעבן. נאָר אָט גיט ער אַ קוק אויף די הונגעריקע קינדער און

מיט אַ באַנייטער ענערגיע גיט ער זיך אַ לאָז ווי אַ שנעל־צוג, פּאַרט, פּאַרט, ביז — סטאָפּ! ער שטעלט זיך אָפּ. מען טרינקט דעם 1־טן כוס, באַלד „רחצה!" דאָס ווייב ברענגט אַ שיסל, אַ טעפּל וואַסער מיט אַ האַנטעך. אַן אמתער מלך! ס'הייבט זיך אָן די סעודה; אַ האַלב איי מיט זאַלץ־וואַסער, געפילטע פיש, קניידלעך מיט יויך. אין מיטן עסן דערפילט מאַנעסיע די שטאַרקע מידקייט פון די לעצטע אָנגעשטרענגטע וואָכן, אַלע ביינער ברעכן אים. ער וויל רוען, רוען. נאָר ער וויל נישט מצער זיין דער מלכה, שפּילעט ער אויף די קנעפּלעך פון די הויזן, עס זאָל נישט דריקן און מאַטערט זיך אויפצועסן דאָס פלייש מיט די מייערלעך. ווען דאָס ווייב שטעלט דעם קאָמפּאָט אויפן טיש און גייט אין קיך אָפּוואַשן דאָס געפעס — שפּאַרט מאַנעסיע אָן דעם קאָפּ און שלאָפט איין...

דאָס ווייב קומט צוריק און זעט: די קינדער שלאָפן, דער אורח דרעמלט און מאַנעסיע שלאָפט גאָר האַסטיק, גאָר נישט ווי זיין שטייגער.

„וואָס? — פרעגט זי אויף אַ קול — איר ווילט הייַנט נישט ענדיקן דעם סדר?" דער אורח און די יינגלעך כאַפּן זיך אויף. נאָר מאַנעסיע שלאָפט...

זי וועקט אים, טאַרעט אים. נאָר ער כאַפּט זיך נישט אויף. זי גיט אים אַ פעסטן צי, פאַלט ער צוריק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זי דערשרעקט זיך, מאַכט אַ געוואַלד, די קינדער נאָך איר. ס'לויפן זיך צוזאַמען שכנים, מען לייגט אים אויפן בעט. יעקל לויפט נאָך אַ דאָקטער. ווייבער שרייען, אַז ער חלשט און גיסן אויף אים וואַסער. דערווייל קומט יעקל — נישט מיטן דאָקטער, נאָר מיטן „פרומען פעלדשער", אַזאַ מין האַלבער דאָקטער. ער שטעלט באַנקעס, פּיאַווקעס, שערט די חסידים. אַמאָל שרייבט ער אויך אַ רעצעפּטל. דער פעלדשער נעמט מאַנעסיעס האַנט, וויל פילן דעם פּולס. לייגט צו דאָס טרייבל צום האַרץ, ער הערט גאָרנישט. שטייט אַ ווײַלע, דרייט זיך אויס צו די שטוביקע און זאָגט שטיל: „ברוך דיין אמת!". ער איז געשטאָרבן אָן יסורים, אַן אמתער צדיק...

די געוויינען, דער יאָמער, די געשרייען זענען געווען אין לשער. מחמת דער שטילקייט פון אַ פּסח־נאַכט, ווען אַלע יידן זיצן ביים סדר, האָט מען די געוואַלדן געהערט אַזוי שרעקלעך איבערן גאַנצן שטעטל.

ביי אונדז אין הויז האָט מען זיך נאָר־וואָס געזעצט צום סדר. מיין טאַטע איז אַ קאָצקער חסיד און ביי זיי הייבט מען אָן שפּעט און מען ענדיקט נאָך חצות. ווען מיין טאַטע האָט אָנגעהויבן מיט זיין טראַדיציאָנעל־טרויעריקן ניגון „עבדים היינו", האָט אויסגעצויגן די ווערטער און זיי פאַרטייטשט אויף יידיש, כדי דאָס בני־בית זאָל אויך פאַרשטיין — האָבן זיך פּלוצים דערהערט שרעקלעכע געוואַלדן. אַלע זענען געבליבן זיצן, ווי פאַרשטיינערט. וואָס קען עס זיין? אין מוח זענען דורכגעלאָפן פאַר־שידענע מחשבות. די שרעק, וואָס איז אַזוי גוט באַקאַנט יידן פון זייער מאַרטירער־געשיכטע. שרעק פון פּאָגראָמען, פון עלילת־דם, האָט זיך געשטעלט פאַר די אויגן. איך האָב זיך אויפגעשטעלט, געוואָלט אַרויסלויפן זען, וואָס ס'קומט פאָר, נאָר דער טאַטע האָט נישט דערלויבט: „זיץ, גיי נישט!" — האָט ער געזאָגט. נאָך עטלעכע מינוט, זאָגט די מאַמע: „גרשון, זאָל ער גיין. מ'קען דאָך נישט זיצן סתם־אַזוי אין שרעק". איבערן אַלטן מאַרק זענען געלאָפן מענטשן און איך נאָך זיי, דער הויף איז געווען פול מיט אָנגעלאָפענע מענטשן, אין שטוב האָט מען נישט געקענט אַריינ־גיין. קיינער האָט נאָך אַלץ נישט געוווּסט, וואָס ס'איז געשען. — ביז ס'איז אַרויסגעקומען יעקל דער שוסטער און דערציילט וועגן דעם טויט פונעם „הייליקן שניידערל".

דער זעלבער יעקל שוסטער האָט פאַר פּסח מיר אויפגענייט אַ פּאָר האַלבע געמזענע שיך, מיט אַ געבייטן סטאַפּער. אַז איך גיי אין די שיך, הערט מען אַ מייל פון דערווייטנס זייער סקריפּען. די דורכגייער, באַזונ־דער די מיידלעך, מיט די לאַנגע צעפּ און גלאַנצנדיקע אויגן, באַמערקן מיך... איצט האָב איך זיך עפּעס געשעמט פאַר אים...

ווען כ'בין אַריין צוריק אין שטוב, האָבן זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן צו מיר הערן וואָס ס'איז געשען. „מאַנעסיע, דאָס הייליקע שניידערל, איז אין מיטן פירן דעם סדר איינגעשלאָפן אויף אייביק". — האָב איך זיי דערציילט. דער טאַטע האָט אַראָפּגעלאָזט טרויעריק דעם קאָפּ, ביי דער מאַמען זענען פייכט געוואָרן די אויגן. האָט דאָך מאַנעסיע געניייט אַלע יאָרן פאַר דער גאַנצער משפּחה. דער מאַמען ווינטער־הויזן, דעם טאַטן זיידענע זשופּיצעס, פאַר מיר און מיין ברודער צייגענע כאַלאַטלעך

(איידער איך בין געוואָרן אַן אַפּיקורס און גענומען טראָגן קורצע קליידער).

געזעסן אַ ביסל, האָט דער טאַטע זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: „נו, היינט איז פּסח! ס'איז געווען גאָטס ווילן, גאָט און זיין משפּט איז גערעכט. לאָמיר זאָגן די הגדה! נו, מעשה ברב אליעזר ורב יהושע ורבי טרפון...” ווידער זאָגט ער אַזוי פּאַמעלעך און פּאַרטייטשט. מיר, די קינדער, ווערן הונגעריק און שלעפעריק, ערשט אַרום 11 בייַנאַכט איז מען דערגאַנגען צו „שולחן־עורך”.

די מאַמע — די „מלכה” — באַדינט אַלעמען. דערלאַנגט יעדערן צום טיש וואַסער מיט אַ האַנטעך צו וואַשן די הענט, יעדער באַקומט אַ האַרט איי מיט אַ שיסעלע זאַלץ־וואַסער. מיר צערייבן דאָס איי אין דעם וואַסער און מיר עסן מיט מצה מיט גרויס חשק. ווען מ'זאָל אין מיטן יאָר געבן אַן איי מיט געזאַלצן וואַסער צום עסן, וואָלט עס קיינער אַפילו אין מויל נישט געוואָלט נעמען. היינט באַלעקן מיר זיך מיט דעם מאכל. עפּעס האָט עס אַ באַזונדער פּסחדיקן טעם... איצט קומט כסדר די געשמאַקע קאַרפּן־פיש, די יויך מיט לאָקשן, געמאַכט פון בלויזע אייער, פליש, מייערן־צימעס און פלוימען־קאָמפּאָט.ביים קאָמפּאָט פילן זיך שוין אַלע אָנגעגעסן, מיד. די יינגערע קינדער פאַלן אויפן בעט און שלאָפן איין. דער טאַטע מאַכט אַ הפסקה, ער וויל זיך אַ ביסל אָפּרוען, כדי ממשיך צו זיין די הגדה. אַלע דרעמלען, נאָר מיין יינגערער ברודער איז וואַך. ער האָט זיך היינט געשטעלט פאַר אַ ציל — צוגנבענען דעם אפיקומן, לאָזט עס אים נישט שלאָפן... דער טאַטע וועקט זיך פון דרעמל, וועקט די קינדער, אין דעם שמייכל פון מיין ברודערל, זעט דער טאַטע, אַז אַ מעשה איז אָפּגעטאָן געוואָרן. ער נעמט זוכן דעם אַפּיקומן — איז ער נישטאָ. דער טאַטע נעמט זאָגן די הגדה מיט טעמפּאָ, גיך. ער זעט, אַז אַלע זענען מיד, ווילן שלאָפן. נאָר די קינדער רייבן די אויגן, ווילן זיין וואַך, מען דאַרף נאָך טרינקען צוויי כוסות וויין און דער עיקר, ווילן זיי זען אליהו־הנביא, ווי ער טרינקט פון דעם גרויסן זילבערנעם פולן כוס, וואָס דער טאַטע האָט פאַר אים צוגעגרייט. דער קלייגער ברודער עפנט די טיר און דער טאַטע מיט אַ פריילעכער שטימע זאָגט „שפוך המתך”

און אַט זעען טאַקע די קינדער, ווי דער וויין אין כוס באַוועגט זיך. אליהו־הנביא טרינקט פון אים... פריילעך שרייען מיר אויס: „לשנה הבא בירו־שלים!", דער טאַטע סודעט זיך מיט דעם ברודערל. אַלע שלאָפן איין. נאָר איך, דער בכור, און די מאַמע האַלטן מיט דעם טאַטן ביזן סוף, ביז נאָך חצות...

חול־המועדניקעס...

אַ גוטער, ליבער יום־טוב חול־המועד. אַ חוץ חמץ עסן מעג מען אַלץ טאָן. מ׳קען גיין מיט אַ שטעקעלע איבער דער גאַס, מ׳מעג רייכערן, מ׳מעג פאָרן, אַלץ. עפּעס איז עס אַ יום־טובדיקער אין דער וואָכן.. דעם ערשטן טאָג, באַלד אין דער פרי, איז צו מיר געקומען מיין חבר נאָך פון חדר — יהושע — אַן אויסגעפּוצטער, אַ דין שוואַרץ שטעקעלע מיט אַ ניקלענעם הענטל אין דער האַנט, איך האָב גענומען מיין שטעקעלע, וואָס איז געווען פּונקט ווי זיינס און מיר האָבן זיך געלאָזט צו דער באַן. מיר פאָרן קיין וולאָצלאַוועק. וואָס עפּעס פלוצים וולאָצלאַוועק? איז ראשית: חול־המועד איז דער סעזאָן פון שפּאַצירן און פאָרן אין געסט. שנית, האָבן מיר געוואָלט אָנקוקן אַ גרויסע שטאָט... מען האָט אונדז פון דאָרט דער־ציילט ניסים ונפלאות; דאָרט גייט דער גרויסער שיינער טייך — די ווייסל אין מיטן דער שטאָט, דאָרט איז פאַראַן אַ בייע שול ווו עס שפּילט אַן אָרגל און יינגלעך מיט מיידלעך צוזאַמען זינגען אין כאָר. ס׳זענען דאָ גרויסע געשעפטן, ווו מען באַקומט אַלץ, מיט גרויסע ברייטע וויס־טאָוועס, ס׳איז פאַראַן אַ גרויסער יידישער האָטעל, ווו ס׳שטייען איין די חשובסטע מענטשן. און נאָך אַנדערע גאָטס־ווונדער, וואָס מ׳מוז זען. זענען מיר געפאָרן קיין וולאָצלאַוועק...

ביי דער באַן זענען מיר נישט געווען די איינציקע פּאַסאַזשירן מיט אַזעלכע חול־המועד־שטעקעלעך, ס׳זענען געווען אַ סך. באַזונדער האָבן זיך אָנגעזען די „זיידענע יונגערמאַנטשיקעס", בחורים, וואָס האָבן נישט לאַנג צוריק חתונה געהאַט, איידעמלעך, וואָס האָבן געקראָגן פעטע נדבס

מיט עטלעכע יאָר קעסט. אַ 2 — 3 שעה אין טאָג לערנט מען אין בית־המדרש גמרא, מ׳עסט, מ׳טרינקט, מ׳רוט זיך גוט אויס און אַלע יאָר ברענגט מען אַ קינד אויף דער וועלט, ווי גאָט האָט געבאָטן...

צווישן די אײדעמלעך ביי דער באַן, האָבן מיר אויך געטראָפן מיין פעטער ר׳ סענדערס איידעם. נאָר ער איז ווערט, מיר זאָלן וועגן אים שרייבן באַזונדער...

די באַן איז אָנגעקומען מיט אַ הויכן פייף, די טירן אויף דער פלאַט־פאָרמע עפענען זיך ברייט, אַלע גייען אַרויס. איך מיט יהושען שטופּן זיך קוים אַריין אין וואַגאָן. אַלע שטופּן זיך, טומלען, רעדן אויפן הויכן קול, ווי אויף אַ יאַריד. די באַן נעמט פּאַמעלעך זיך רירן פון אָרט, וואָס אַמאָל שנעלער, שנעלער פאָרט זי איר וועג. אַלע די, וואָס זענען נאָר געקומען שפּאַצירן אַ ביסל צו דער באַן, קערן זיך אום אַהיים אין שטעטל.

אין וואַגאָן איז ענג, דערשטיקט צו ווערן. מענטשן אָנגעפּאַקט, ווי הערינג אין אַ פאַס. אַ געפּילדער, געשרייען, געוויין פון קינדער. מען ברעכט מצות, מ׳קלאַפּט האַרטע אייער. יידן פילן זיך דאָ היימיש. יהושע רעדט כסדר; ער דערציילט מיר די נסים־ונפלאות, וואָס זיין טאַטע שרייבט פון אַמעריקע, אַ גאָלדן לאַנד, גאָלדענע רענדלעך וואַלגערן זיך אין די גאַסן, מען דאַרף נאָר נישט זיין פויל זיי אויפצוהייבן. ער דער־ציילט וועגן יידישן טעאַטער, וואָס שפּילט גאַנץ חול־המועד אין קוטנע. ער וויל, מיר זאָלן צוזאַמען גיין אין טעאַטער. נאָר אויף דעם ענטפער איך אים: „יאָ, דו האָסט אַ טאַטן אין אַמעריקע, וואָס שיקט דאָלאַרן, ביי אונדז איז איצט שוואַך מיט פרנסה, איך אַרבעט שווער און פאַרדין נישט, קען איך זיך אַזאַ לוקסוס נישט דערלויבן”. איבעריקנס, האָב איך שוין געזען „כינקע־פינקע” און די „באָבע יאַכנע”, ווען איך בין נאָך געגאַנגען אין חדר. מיין פעטער יעקל האָט מיך מיטגענומען. אפשר וועל איך איצט אויך אַזוי טאָן. כ׳וועל אים אָפּוואַרטן ביים אַריינגאַנג אין טעאַטער, ער וועט מיך שוין אַריינגנבענען צו זען „שולמית”.

די באַן שטעלט זיך אָפּ, מיר זענען אין וולאָצלאַוועק...

דאָס ערשטע, זענען מיר אַוועק צו דער ווייסל, זיך געשטעלט אויף

דער בריק און געקוקט אין טייך. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, האָב איך געזען אַזאַ גרויס, פליסיק וואַסער, וואָס ציט זיך פון די קאַרפּאַטן ביזן באַלטישן ים. פון דער בריק, באַרג־אַרויף, ציט זיך אַ וואַלד, פון דאָרט קומען אָן טשאַטעס פייגל. זיי ציען זיך אין גלייכע רייען, ווי אַ דיסציפּלינירטע אַרמיי — אין ווייטן וועג אַריין. די זון וואָרעמט און שפּיגלט זיך אין קלאָרן וואַסער. ס'איז פרילינג אין דער נאַטור און אויפן געמיט... אויפן ברעג שטייט געאַנקערט אַ סטאַטעק, פּאַסאַזשירן, ס'רוב יינגלעך און מיידלעך חולהמועדניקעס, שטיפעריש יום־טובדיקע, שטופּן זיך אייַנצושטייגן אין דעם שיפל. זיי פאָרן אויף דער ווייסל קיין פּלאָצק.

רואיק און פּאַמעלעך רירט דאָס שיפל פון ברעג, כ'קוק זיי נאָך מיט בענקשאַפט. פון דער ווייטנס הערט מען נאָך די פריילעכע געלעכטערס פון דער יוגנט, ביז עס ווערט ווידער שטיל, מען הערט נאָר דעם רויש פון טייך. מיר זענען נאָך אַ ביסל געשטאַנען, אייַנגעאָטעמט די פרישע לופט.

פון טייך לאָזן מיר זיך אין שטאָט באַקוקן די אַנדערע זעעוודיקייטן. מיר גייען צו דער „רעפאָרם־שול", אָדער „דער טעמפּל". נאָך פון דער ווייטנס האָט דער פאָרנעם, די אַרכיטעקטור, געמאַכט אַ רושם: הויך, מאַסיוו, מיט ברייטע מאַרמאָרענע טרעפּ פאָרן אַרייַנגאַנג. קינסטלערישע אָרנאַמענטן, פענצטער פון אַלע זייטן, מיט שויבן פון אַלערליי קאָלירן. אַרום און אַרום,ביימער און בלומען. נאָר די טירן זענען געווען געשלאָסן, האָבן מיר נישט געקענט זען, ווי עס זעט אויס אינעווייניק. איז טאַקע אונדזער פּאַרדרוס געווען אין־לשער...

מיר קריכן איבער די געסלעך פון דער שטאָט, אויף אַלץ קוקן מיר און גאַפן מיט אינטערעס. אַלץ איז פאַר אונדז ניי. אָט זעען מיר אָן אַפיש, אַז נח פרילוצקי וועט רעדן וועגן דער יידישער ליטעראַטור, אַז מוצאי־יום־טוב שפּילט דאָס יידישע טעאַטער די פּיעסע „שולמית". דאָס האַרץ ציט, אומעטום וויל זיך זיין... מיר זענען איצט אויף דער הויפּט־גאַס, אַ ברייטע גאַס מיט שיינע געשעפטן. מיר שטעלן זיך אָפּ כמעט ביי יעדער וויטטאַווע. ס'איז דאָ פאַראַן וואָס צו זען. פּלוצים דערפילן מיר

אַזאַ געשמאַקן ריח, עס פאַרכאַפּט אַזש דעם אָטעם. מיר געפינען זיך ביי דער „גריכישער צוקערניע״, פון דאָרט שמעקט עס אַזוי. מיר זענען שוין, ווייזט אויס, גוט אויסגעהונגערט. אין פענצטער ליגן אויסגעלייגט פאַר־שידענע געבעקסן, נאָר גאָר שטאַרק ציען די גריכישע — אָדער טערקישע ברוינע ברייטלעך, מיט ראָזשינקעס געבאַקן. ביי מיין חבר יהושע גלאַנצן די אויגן און מיך ציט ביים האַרץ. ווי גנבים האָבן מיר זיך אַריינגעשאַרט אינעווייניק, אויסגעטאָן די היטלעך און זיך געהייסן דערלאַנגען ברייטלעך מיט טיי. גיך, ווי מיר וואָלטן געזינדיקט, האָבן מיר געגעסן, באַצאָלט און אַרויס. מיר זענען שוין אַ ביסל מיד, נאָר נישט זען „דעם האָטעל״, וועגן וועלכן מיר האָבן אַזוי פיל געהערט, קענען מיר ביי זיך נישט פועלן...

דער האָטעל

פון דער ברייטער גאַס, זענען מיר אַריין אין אַ זייטיק געסל. שוין פון דער ווייטנס, האָבן מיר געזען אַ גרויסן לאַמטערן מיט אַן אויפשריפט, אויף פויליש: „האָטעל טאָמסקי״, דערביי אַ קליין „מגן־דודל״. דער האָטעל איז געווען אויפן ערשטן שטאָק. מיר זענען געגאַנגען איבער די טרעפּ, וואָס זענען געווען איינגאַנצן באַדעקט מיט כאָדניקעס. מיר זענען געגאַנגען שטיל, שטיל, נאָר ביים עפענען די טיר, האָט עס געגעבן אַזאַ שטאַרקן קלונג, אַז מיר האָבן זיך דערשראָקן און שוין געוואָלט אַנטלויפן. מיר זענען אַריין אין אַ גרויסן וואַרט־זאַל, אויף דער פּאָדלאָגע טעפּיכער. אַ מאַסיווער טיש, אַרום אים, שטולן מיט הויכע געזימסן. ביי דער וואַנט אַ פּלושענע סאָפע, איבער וועלכער ס׳זענען געהאַנגען בילדער פון שריי־בער: מיצקעוויטש, טאָלסטאָי, פּרץ. ביי דער זייט שטייט אַ קליין טישל באַלייגט מיט צייטונגען אין אַ סך שפּראַכן. אין אַ ווינקל, אויף אַ ברייטער וויכער שטול, זיצט אַ מאָדנער פּאַרשוין, אַ ייד, צי אַ דייטש? אַ געגאָל־טער, מיט רויטע, גראָבע באַקן און לאַנגע וואָנצעס, לייענט אַ דייטשע

ציטונג... אַ שמאָלע טיר, אויף וועלכער ס'איז געהאָנגען אַ טאָוול מיט די באַדינגונגען און פּרייזן פון דעם האָטעל, פירט אין דער ביורא. מיר שטייען און לייענען דעם טאָוול. פּלוצים עפנט זיך די טיר און פאַר אונדז שטייט דער אייגנטימער אַליין, אַ בייזער ייד, די ברילן אַראָפּגערוקט אויף דער שפּיץ נאָז. באַטראַכט ער אונדז פון אויבן אַראָפּ און גיט אַ פרעג: „ווי לאַנג ווילט איר דאָ שטיין?" מיר קוקן זיך איבער און ביי מיר כאַפּט זיך, נישט ווילנדיק, אַרויס: „מיר ווילן נישט שטיין, מיר זענען מיד פון אַ גאַנצן טאָג אַרומקריכן, מיר ווילן זיצן". געזען, אַז מיר פאַרשטייען אים נישט, פרעגט ער: „ווי לאַנג ווילט איר דאָ שלאָפן?" נאָר דאָ האָט שוין מיין חבר געענטפערט: „מיר ווילן נישט שלאָפן, מיר פאָרן באַלד אַהיים..." באותו הרגע הערט זיך אַ שטאַרקער קלונג. ס'קומט אַריין אַן עלטערער הער מיט אַ יונגער דאַמע. „הער טאָמסקי — זאָגט דער הער — שיקט אַראָפּ אַרויפנעמען די וואַליזעס!" דער באַדינער לויפט אַראָפּ, דורך דער געעפנטער טיר האָבן מיר געזען אין ביורא אַ גרויסן שרייב־טיש, איבער וועלכן ס'איז געהאָנגען דער רוסישער קיסר. נאָכן העפלעכן באַזאָרגן דעם גאַסט, גיט טאָמסקי אַ בייזן קוק אויף אונדז און אַ געשריי: „אַרויס! אַרויס!" גיך האָבן מיר געעפנט די ברייטע טיר און געלאָפן אַן אָטעם איבער די טרעפּ. דאָס קלינגען פון גלאָק האָבן מיר נאָך גע־הערט ווען מיר זענען שוין געווען אויף דער גאַס...

טויט־מידע זענען מיר געגאַנגען צו דער באַן. לאַנג געוואַרט און זיך קוים אַריינגעשטופּט אין וואַגאָן. יאָ, ס'איז דאָך עפּעס חול־המועד און אַלע פאָרן...

פאַרנאַכט בין איך אַריינגעפאַלן אין שטוב אַ מידער און הונגעריקער. אַראָפּגעוואָרפן פון די פיס די נייע געמזענע קאַמאַשן, וואָס האָבן גע־סקריפּעט און געקוועטשט. „וווּ ביסטו עס געווען אַ גאַנצן טאָג?" — פרעגט די מאַמע. „אין וולאָצלאַוועק" — ענטפער איך. די מאַמע ווערט בייז, נאָר דאָס עסן וואַרעמט זי אויף און שטעלט אויפן טיש. אין מיטן עסן קומט דער טאַטע. „וווּ ביסטו געווען אַ גאַנצן טאָג?" — „אין וולאָצלאַוועק". „מיט וועמען?" — „מיט יהושען". ערשט איצט גייט אַוועק אַ פאַרציע מוסר: „אַ שיינעם חבר האָסטו זיך אויסגעזוכט, אַ ליידיקגייער,

וואָס פאַרדינט נישט און טוט וואָס ער וויל. זיין טאַטע אין אַמעריקע אַרבעט אום שבת און עסט מסתמא טריפות. נו, עס אָפּ און גיי דאַוונענען מנחה".

צומאַרגנס אין אָוונט האָט געשפּילט „שולמית" אין גרויסן שטאָטישן טעאַטער. כאָטש ס'איז געווען געמאָלדן, אַז עס הויבט אָן שפּילן 8.30, בין איך נאָך פאַר 8 געווען ביים אַריינגאַנג. אַזעלכע ווי איך, וואָס האָבן געזוכט אַן אומזיסטן אַריינגאַנג, זענען געווען אַ סך. פאַר אַ טייל עלטערע, האָט מען געמוזט עפּעס באַצאָלן דעם, וואָס שטייט ביי דער טיר און די קלענערע האָבן זיך דורכגעשלייכט צווישן די פיס פון די גרויסע, איינגאַנצן אומזיסט. געוואַרט אַ ביסל, זע איך, אָט גייט שוין טאַקע מיין פעטער יעקל. דערזען מיך, האָט ער שוין פאַרשטאַנען, וואָס איך וויל. אַ שעפּטשע דעם מענטש ביי דער טיר, אַ שטופּ עפּעס אין דער האַנט און איך בין שוין אין טעאַטער. די גאַנצע צייט האָבן מיר געמוזט שטיין און נישט אַרויסגיין בעת די הפסקות. ס'איז אָבער ווערט געווען. דער זאַל איז געפּאַקט, דער עולם און איך בתוכם זענען באַגייסטערט פון דער פּיעסע. מיר קוועלן אָן פון די האַרציקע לידלעך. לאַנג, לאַנג נאָך דעם, הערט מען זיי זינגען אין די שניידער און שוסטער־וואַרשטאַטן, אין די היימען, ווו די קינדער זענען טעאַטער־גייער. אוי, די האַרציקע לידלעך פון שולמית. יאָ, פאַרן גיין אין טעאַטער, דערמאָן איך ביז היינט צום גוטן דעם פעטער יעקל...

דער פעטער יעקל

מיין פעטער יעקל, אָדער ווי זיין עלטערער ברודער — מיין טאַטע, פלעגט אים רופן: יעקל שייגעץ, יעקעלע הולטאַי, דערפאַר, וואָס ער איז נישט געגאַנגען אין זיינע וועגן, זיך נישט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע, אַנטקעגנגערעדט און בכלל געטאָן, וואָס ער האָט געוואָלט, איז געווען אַ ייד אַ פּשוטער, אַ מיטלמעסיקער. ער איז אָוועק פון דער אַלטער

וועלט, אין וועלכער זיין פאַטער און ברודער האָבן זיך געפונען און צו דער נייער וועלט — דעמאָלט האָט עס געהייסן גנעזעלשאַפטלעך־פּאַרטיי־אישע טעטיקייט, נישט דערגאַנגען. ער האָט ליב געהאַט גוט אָפּצועסן, מאַכן אַ קערטל, גיין אין טעאַטער, מקצר געווען ביים דאַוונען. פונדעסט־וועגן, איז ער נישט אַרויס לתרבות רע. ער האָט זיך ווייטער באַוועגט אין די ספערן פון זיין סביבה. כאָטש דאָס פּאַרטייאישע אויסלעבן זיך איז שוין דעמאָלט געווען טיף אַריינגעדרונגען אין יידישן לעבן, האָט עס צו אים נישט געהאַט קיין שייכות. ער איז געשטאַנען פון דערווייטנס. נאָר ווען דער געזעלשאַפטלעכער חוש איז ביי אים רייף געוואָרן, האָט זיך עס אויסגעדרוקט אין זיינס אַ פּלאַן צו שאַפן אַ „חברה־בחורים", צו ווערן אַ גבאי, שרייבן אַ ספר־תורה... ס'איז נאָך אַלץ געווען דער אַלטער יידישער שטייגער, נאָר שוין עטוואָס מאָדערניזירט...

ער האָט זיך דורכגערעדט מיט זיין בעסטן חבר בערטשע און איין מאָל, אין מיטן וואָך, נאָך מנחה־מעריב, זענען זיך אין בית־המדרש צו־נויפגעקומען אַ גרופּע בחורים און זיך דערקלערט פאַר אַ „חברה". זייער ערשטער ציל איז געווען: נעמען אָן אייגענעם לאָקאַל צום דאַוונען באַזונדער און שרייבן אַ ספר־תורה. מיטגלידער אין דער חברה האָבן געקענט זיין נאָר בחורים. צו דעקן די הוצאות, האָט מען זיך באַשטייערט, לויט די מעגלעכקייטן. מיין פעטער האָט געגעבן גאַנצע 10 רובל, ווייל ער איז געווען דער רייכסטער בחור, ער האָט געאַרבעט ביי זיין פאָטער אין געשעפט און באַקומען חודש־געלט. ווען דער זיידע איז געפאָרן קיין וואַרשע נאָך סחורה און ער איז געבליבן אַליין אין געוועלב, האָט גע־טראָפן, אַז קליינע לייזעכצן זענען במקום אין קאַסע — געגאַנגען אין יעקלס טיפע הויזן־קעשענעס...

ס'איז געווען באַטירלעך, אַז אין דער ניי־געגרינדעטער חברה זאָל דער פעטער יעקל זיין גבאי, נאָר זיין חבר בערטשע האָט דאָס אים נישט פאַרגינען. זינט יעקל איז געווען גבאי, האָט זיך געשאַפן פרעמדקייט און שנאה ביי די צוויי נאָענטע חברים. דערווייל האָט די חברה געדונגען אַ לאָקאַל און באַשטעלט ביים סופר צו שרייבן אַ ספר־תורה. עטלעכע וואָכן פאַרן סיום־הספר איז געשען אַזאַ מעשה: שפּעט ביינאַכט, דער

פעטער איז געגאַנגען פון ערגעץ־ווו אַהיים, האָט אים אין פינצטערן הויף אָפּגעוואַרט זיין „בעסטער חבר" בערטשע און מיט אַ שטיין אים געלעכערט דעם קאָפּ. אין דער שטילקייט פון שטעטל האָבן זיך געהערט די געוואַלדן, מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אַרויס אין דרויסן און געזען, וואָס דאָ איז געשען. אין דער פרי זענען צו בערטשען געקומען פּאָליציי. מיט וואָס דער ענין האָט זיך געענדיקט, געדענק איך נישט. עס שטייט מיר נאָר פאַר די אויגן, ווי דער פעטער איז לאַנגע וואָכן אַרומגעגאַנגען מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ. נאָך דער מעשה האָט מען בערטשען אויסגעשלאָסן פון דער חברה און אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער אַוועק קיין אַמעריקע...

דער סיום־הספר

אַ שבת פאַרן סיום־הספר, נאָכן דאַווענען, האָבן די שמשים אין בית־המדרש און אין שול אויסגערופן, אַז דינסטיק אין אָונט ווערט דער גאַנצער עולם פאַרבעטן אָנטיילצונעמען אין דער מצווה פון סיום־הספר. דינסטיק אין אָוונט איז אַרום דעם לאָקאַל פון דער „חברה־בחורים", דער הויף און די גאַס, געוועזן פאַרזאַמלט זייער אַ סך מענטשן. ס'האָט זיך פאַרמירט דער צוג אייַנצופירן דאָס ספר. די ערשטע אין צוג זענען געגאַנגען די חברים פון דער חברה, נאָך זיי, אַ קאַפּעליע מוזיקאַנטן, וואָס האָבן געשפּילט פריילעכע חתונה־ניגונים. ערשט איצט איז געטראָגן געוואָרן די חופּה, אונטער וועלכער ס'איז געגאַנגען מיין פעטער יעקל מיט דער ספר־תורה אין די הענט, און נאָך דער חופּה — אַ סך, אַ סך, מענטשן מיט ברענענדיקע פאַרביק־געפלאָכטענע ליכט אין די הענט. אין אַלע פענצטער פון די גאַסן, דורך וועלכע דער צוג איז דורכגעגאַנגען, זענען געשטאַנען לאָמפּן, וואָס האָבן מיט זייער ליכט באַגאָסן דעם פּאַראַד און די חופּה. אויף די טראָטואַרן זענען געשטאַנען פרויען און מיידלעך און האָבן מיט פרומע בליקן באַגלייט דעם טריומף־צוג. די מוזיקאַנטן האָבן געשפּילט שמחת־תורה מאַרשן, די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע, דער

הימל — אויסגעשטערנט, קלאָר. ס׳איז געווען אַ ווונדערלעך בילד פון יידישער שמחה. מען האָט גאָר פאַרגעסן, אַז מיר געפינען זיך אין דער פוילישער שטאָט קוטנע. מ׳האָט געקענט מיינען, אַז מיר זענען אין דער יידישער ירושלים...

פאַרשטייט זיך, אַז גליקלעך און חשוב האָט זיך געפילט מיין פעטער יעקל מיט דער ספר־תירה אונטער דער חופה. זיין פנים האָט געלויכטן און געשיינט. אַלע אויגן זענען געווען געווענדט צו אים. איבער נאַכט איז ער געוואָרן דער פּאָפּולערסטער בחור אין שטעטל, און טאַקע באַלד אויף צומאָרגנס, האָבן שדכנים גענומען גיין צום זיידן אין הויז, שדכנים פון קוטנע און אַפילו פון ווייטערע שטעט. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און מיין פעטער איז מיט מזל אַ חתן געוואָרן פון איזביצע, אַ שכנותדיק שטעטל. דער מחותן איז געווען אַ רייכער בכבודיקער פערד־הענדלער און די כלה „אַ מויד, אַ צימעס". אַ הויכע, אַ ברייטע מיט טיפע שוואַרצע אויגן...

אויף דער חתונה קיין איזביצע זענען געפאָרן: דער זיידע מיט דער באָבען, איך מיט מיין טאַטן און אַ סך פעטערס, מומעס, קרובים און אייניקלעך. מיר האָבן פאַרנומען אַ גאַנצן באַן־וואַגאָן. פאַר די יינגערע, די „קינדער", האָט מען קיין בילעטן נישט אויסגעקויפט, נאָר ווען די עלטערע האָבן געפילט, אַז דער קאָנדוקטאָר האַלט ביים אריינקומען אין וואַגאָן, האָט מען דאָס קליינוואַרג באַהאַלטן אונטער די בענק און פאַר־שטעלט מיט די ברייטע קליידער פון די מומעס. ווען דער קאָנדוקטאָר איז אַרויס, זענען מיר אַרויסגעקראָכן פון אונטער די בענק פאַרשטויבטע, איינגעריסטע, ס׳איז געווען אַ רחמנות צו קוקן...

איזביצע: דאָס גאַנצע שטעטל איז איין גרויסע בלאָטע. די גאַסן — נישט ברוקירט. די וועגעלעך און דראָזשקעס, וואָס זענען געקומען אונדז אַפּנעמען, זענען געשטאַנען ביז איבער די רעדער אין בלאָטע. די פיס־גייער האָבן זיך געהאַלטן ביי די ווענט, ווו ס׳זענען געלעגן עטלעכע שטיינער צום אַריבערשפּרייזן, נאָר סיי ווי, זענען זיי באַשפּריצט געוואָרן ביזן האַלדז... נאָר דערפאַר איז עס געווען אַ חתונה, אַ פּרעס! אַזעלכע פאַרציעס פיש, אינדיק, גענדזנס, האָב איך אין מיין לעבן נישט געזען

עסן. די משפחה פון דער כלהס צד, פשוטע, שטאַרקע יידן, האָבן גע־האַלטן אין איין רייבן און אויך אונדז געמונטערט, מיר זאָלן זיי נאָכטאָן...

נאָך די ערשטע שבע־ברכות זענען דער זיידע מיט דער באָבען און אַ ביסל משפחה, אַהיים געפאָרן, נאָר מיין טאַטע מיטן פעטער שמעון זענען געבליבן. די באָבע האָט אים אפילו דערמאָנט: „גרשון, דו ריִרסט זיך גאָרנישט?״ נאָר מיין טאַטע האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק. ער האָט מסתמא געטראַכט, וואָס האָב איך דאָ היזק צו האָבן אין דער היים? שטיין אַ גאַנצן טאָג אויף דער שוועל, זיך אויסקוקן די אויגן נאָך אַ קונה. אָבער נאָכן דריטן טאָג, האָט ער זיך געזעגנט. צוערשט מיט דער כלה און איר משפחה, צום סוף, באַזונדער מיט זיין ברודער. ער האָט אים טאַקע שטענדיק גערופן יעקל שייגעץ, ווייל ער איז נישט געווען קיין לייט. איצט אָבער, אַז ער האָט שוין אַ ווייב, אין גיכן מסתמא וועט ער ווערן אַ טאַטע, וועט ער זיך שוין סטאַטקעווען און ווערן אַ לייט...

דער פעטער ר׳ סנדר

ווען כ׳בין נאָך אַ קינד געווען, זענען די באַזוכן ביים פעטער סנדר און די מומע חיה־שרה, געווען ביי מיר זייער אָנגעלייגט. באַזונדער אין די שבתים און יום־טובים. דער פעטער סנדר איז אַ ייד אַן עושר. אַלץ פירט זיך דאָרט אויף אַ ברייטן אופן, מיט דער ברייטער האַנט. דאָס שענסטע שבת־אויבסט, משלוח־מנות, חנוכה־געלט, שטענדיק אַ זילבערנע מטבע, אַ חוץ דעם, וואָס איך פלעג באַקומען ביים קאָרטן־שפּיל. דער פעטער סנדר האָט פיינט שפּילן אין קאָרטן, נאָר חנוכה און ניטל האַלט ער עס כמעט פאַר אַ מצווה. יעדעס יאָר חנוכה, זאַמלען זיך ביי אים זיינע פריינד, חסידים און מען מאַכט אַ קערטל, און ווער עס געווינט האַלט פאַר זיין חוב מיר צו געבן עטלעכע גראָשן. „שוידער געלט״ האָט מען עס ביי אונדז גערופן. אַכט טעג האָט געדויערט די שפּיל און איך האָב דערווייל געמאַכט אַ פאַרמעגן...

דעם חול־המועד, — ביי וועלכן מיר האַלטן, — נאָך מעריב, האָב

איך געמאַכט מיין באַזוך ביים פעטער. אַריינקומענדיק אין גרויסן סאַלאָן, דעם שבתדיקן עס־צימער, האָב איך געטראָפן דעם פעטער אויף זיין שטענדיקן אָרט, אויבן־אָן אויף דער „פאַטער־שטול״ פאַרטיפט אין אַ ספר. דאָס ליכט איז געפאַלן אויף זיין גרויסן געקנייטשטן שטערן, דאָס פּנים, וואָס איז ביי אים לעצטנס געל, ווי פאַרמעט, איז איצט געווען ווי די בלעטער פון אַלטן, צעריסענעם ספר, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט. אין דער דירה איז אַלץ אַלט און מאַסיוו. מאַהאָגאָני טונקל גע־שניצט מעבל, אַ שווערער, מעשענער הענג־לאָמפּ איבערן טיש, וואָס איז געדעקט מיט אַ טונקל פּליושן טישטעך, אויבן־אָן אַ ברייטע לעדערנע „פאַטער־שטול״ מיט אַ הויכן געזימס, מיט צוויי לייבן, וואָס קוקן זיך אָן. די שטול איז איבערגעגאַנגען בירושה, אויף אָט דער שטול זענען נאָך געזעסן ר׳ סנדרס טאַטע און זיידע און געלערנט, געשלאָסן שי־דוכים, פאַרהערט איידעמס. די שטול באַהאַלט אין זיך געשיכטע, אַ, ווען זי וואָלט געקענט רעדן, וואָלט זי געהאַט אַ סך, אַ סך צו דערציילן...

„אַ גוטן חול־המועד, פעטער סנדר!״ — זאָג איך. ער הייבט אויף די אויגן פון ספר. „אַ גוטן מועד, דוד, וואָס מאַכסטו? ווי פאַרברענגסטו די טעג?״. ס׳גייט אַריין די מומע חיה־שרה מיט אַ ברייטן „ברוך הבא!״. האָב איך שוין דערווייל פאַרשפּאָרט צו ענטפערן אויף דער לעצטער פראַגע, מיך געראַטעוועט פון זאָגן ליגן, ווי קען מען גאָר דערציילן דעם פעטער וועגן וולאַצלאַוועק, טערקישע ברייטלעך, האָטעלן און נאָך אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן?...

די מומע האָט מיך אַריינגערופן אין אַן אַנדער צימער, כדי נישט צו שטערן דעם פעטער אין לערנען. מיך מכבד געווען מיט וועלשענע ניס, קוכן און אַ בעכערל מעד. דערווייל איז געקומען די יינגסטע טאָכטער דבורה, שפּעטער די עלטערע טאָכטער מיטן מאַן און צוויי קינדער. ס׳איז געוואָרן היימלעך. אַלע האָבן זיך געכאַפּט צו די ניס, צום קוכן און דעם מעד. דער איידעם הנוך האָט געגעסן מיט אַ שטאַרקן אַפּעטיט. מסתמא האָט ער עס אין שטוב נישט געהאַט... ער האָט — פּונקט ווי אַלע סנדרס איידעמס, באַקומען 3000 רובל נדן מיט צוויי יאָר קעסט. בעת די קעסט געהאַט צוויי קינדערלעך. כל־זמן דער נדן איז געווען, איז געווען פּרנסה,

נאָר ווען דער נדן האָט זיך אויסגעלאָזט, איז הנוך געבליבן אַ גרויסער אָרעמאַן נעבעך. נאָך גוט, וואָס דער שווער רוקט אים אַלעמאָל אונטער אַ ביסל מזומן, כלומרשט אַ גמילת־חסד און די מומע גיט אַלע מאָל עפּעס דער טאָכטער אונטער דעם מאַנס וויסן... קיין גרויס נחת האָט דער פעטער נישט פון דעם איידעם. נאָר ער איז כאָטש אַן אָפּגעהיטענער ייד, אַן ערלעכער ייד. ווען ער האָט נאָר אַ ביסל צייט — און צייט האָט ער שטענדיק, — קוקט ער אַריין אין אַ ספר. „אין פאַרגלייך מיט די צרות, וואָס זיי האָבן געהאַט פון אַן אַנדער איידעם, איז הנוך אַ גאָלד, און וואָס שייך פּרנסה, איז עס אַ גאָטס־זאַך" — אַזוי זאָגט שטענדיק די מומע חיה־שרה. בעט זי טאַקע גאָט ביים דאַווענען, ער זאָל שיקן פּרנסה איר איידעם און אירע אַנדערע קינדער.

וועגן דעם איידעם נחמן, וואָס האָט אָנגעטאָן אַזוי פיל צרות און בושות דער משפּחה, דאַרף מען שרייבן מיט מער פּרטים. מיר טוען עס טאַקע באַלד....

דער איידעם נחמן

פיר טעכטער האָט געהאַט מיין פעטער סנדר. צוויי האָט ער שוין מיט מזל אויסגעגעבן. יעדע האָט באַקומען 3.000 רובל נדן מיט צוויי יאָר קעסט. איצט האָט עס געהאַלטן ביי די לעצטע צוויי — מרים און אסתר. די עלטערע, מרים, איז געווען אַ נידעריקע, אַ טונקעלע מיט אַ ברייטער נאָז, בכלל נישט קיין שיינע. דערפאַר אָבער אסתר: הויך, שלאַנק, אַ לאַנגן רונדיקן האַלדז, הויך געהויבענע בריסטן, ברוינע גע־לאָקטע האָר און בלויע גרויסע אויגן. אַלע האָבן זי גערופן „די שיינע אסתר". ביי דער מאַמען חיה־שרה האָט זי געהאַט אַ באַזונדער מזל, זי האָט זיך געצאַצקעט מיט איר און איר באַכגעגעבן דאָס טעלערל פון הימל...

סנדר — אין שטאָט האָט מען אים גערופן ר' סנדר — איז געווען אַ גערער חסיד. מינדעסטנס איין מאָל אין יאָר האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט קיין גער, צום רבין. אָבער שטענדיק, ווען ס'האָט זיך געמאַכט אַ וויכטיק

געשעפט, אָדער אַ שידוך פאַר אַ טאָכטער, איז ער געפאָרן צום רבין זיך האַלטן אַן עצה. אויך דאָס מאָל ווען ער האָט דערמאָנט פאַרן רבין זיין טאָכטער מרים, האָט דער רבי אים געהייסן אַדורכרעדן זיך מיטן הויף־שדכן, ר׳ שימל. דער שדכן האָט פון בוזים־קעשענע אַרויסגענומען דאָס ביכעלע מיט פאַרשידענע התנים (ער האָט אויך געהאַט אַ ביכעלע מיט כלות, ער האָט זיי געהאַלטן באַזונדער. זיי זאָלן, חס־ושלום, נישט זיין צוזאַמען פאַר דער חתונה), עס אַ ביסל געבלעטערט, געטראַכט און געזאָגט: „יאָ, ר׳ סנדר, כ׳האָב אַ טייערן חתן פאַר אייער טאָכטער. אַ זייר־דענער יונגערמאַן, אַ למדן. טאַקע אַן אונדזעריקער, אַ גערער". „נו, לאָמיר הערן ווער דאָס איז?" — פרעגט סנדר. „דאָס איז דאָקטער יוקלס זון — נחמן". (אייגנטלעך, איז ד״ר יוקל נאָר אַ פעלדשער, רופט מען אים ד״ר יוקל). „נו, גוט, — זאָגט ר׳ סנדר — כ׳וועל מיך מיישב זיין מיטן רבין".

פאַרנאַכט, צווישן מנחה־מעריב, האָט ר׳ סנדר געכאַפּט אַ קורצן שמועס מיטן רבין. ווען ער האָט זיך עפּעס אַ קרום געטאָן, וואָס דער מחותן איז אַ דאָקטער, האָט דער רבי געזאָגט: „סנדר, דאַרפסט זיך גאָר־נישט קרימען, וואָס דער מחותן איז אַ דאָקטער. דער רמב״ם און אַנדערע גדולי־ישראל, האָבן עוסק געווען אין דער חכמה פון דאָקטאָריע, זענען צוליב דעם אַריין אין קיסרלעכע פּאַלאַצן, זיך געטראָפן מיט גרויסע־לייט און געבראַכט ישועות אויף יידן. סנדר, אַז ס׳וועט זיין גאָטס ווילן, וועט זיין אַ שידוך..."

געהערט דעם רבינס רייד, האָט סנדר געהייסן דעם שדכן, ער זאָל מסדר זיין, אַז מאָרגן אין דער פרי, זאָל ד״ר יוקל מיט זיין זון קומען אין רבינס בית־המדרש צום דאַווענען...

צומאָרגנס גאַנץ פרי, פאַרן דאַווענען, זענען ד״ר יוקל מיט זיין זון געקומען צום רבין אין הויז. ביידע אין פוטערנע פעלצן, דער פאָטער — אַ הויכער און ברייטער, מיט אַ פיין־פאַרקעמטער באָרד, האָט ער געמאַכט אַ רושם. נחמן — אַ יפה־תאַר, הויך געוואַקסן, גוט אַנגעטאָן, אַ בלאָנדער מיט בלויע אויגן. אַ ווייס געפּרעסט העמד מיט שטייפע מאַנקעטן, אַ שוואַרצן קראַוואַט. בינאַקלען אין גאָלדענע ראַמלעך מיט אַ דין גאָלדן קייטעלע, ביי דער זייט...

אין מיטן דאַווענען, האָט ר׳ סנדר געוואָרפן בליקן צו נחמנען און געטראַכט: יאָ, אַ שיינער חתן, ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין מרימען — יאָ, אַז די כלה איז צו שיין, איז עס אדרבא, נאָר ווען דער חתן איז צו שיין, קען עס אַמאָל זיין אַ גרויסער חסרון... די געדאַנקען האָבן אים געשטערט דאָס דאַווענען. נאָר באַלד האָט דער שדכן צונויפגעפירט די מחותנים. ר׳ סנדר איז פאַרבעטן געוואָרן צו ד״ר יוקל אויף איבערבייסן און ס׳איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז סוף חודש זאָלן די מחותנים מיטן חתן קומען קיין קוטנע אָנקוקן די כלה. ביי דער באַשטימונג, האָט ר׳ סנדר באַמערקט: „נו, מילא, אין מיין צייט, איז דאָס נישט געווען אין דער מאָדע, איך האָב באַקענט מיין כלה ערשט אונטער דער חופה, נאָר היינט זענען דאָך אַנדערע צייטן... וואָס זאָגט איר ר׳ ד״ר יוקל?״. „יאָ, ר׳ סנדר, היינט זענען גאָר אַנדערע צייטן״...

סוף חודש טבת זענען ד״ר יוקל, זיין פרוי מיט זייער זון נחמן, געקומען קיין קוטנע, איינגעשטאַנען זענען זיי ביים פעטערס איידעם הנוך. שבת צום דאַווענען, זענען די געסט געקומען אין גרערער שטיבל. די חסידים האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז אַ שידוך פאַר סנדרס טאָכטער און אָנטקעגנגעטראָגן די געסט פריינטלעכע שלום־עליכמס. נאָכן דאַווענען, זענען די געסט געגאַנגען צו ר׳ סנדרן אויף קידוש. דאָ האָבן זיך צום ערשטן מאָל צוזאַמענגעטראָפן די בליקן פון מרימען און נחמן. מרים איז געווען אויסגעפוצט אין אירע שענסטע קליידער, איר טונקל פנים האָט געפלאַמט, עפּעס אַ קלייניקייט — אָנקוקן אַזאַ חתן?... חיה־שרה האָט זיך געסטאַרעט, געשטעלט דעם שענסטן כיבוד, די בעסטע טאָרטן, קאָנפיטורן, ווייַן. ביי מרימען האָבן די שוואַרצע אויגן געלויכטן. נחמן איז איר געפעלן געוואָרן פונעם ערשטן בליק...

צו דער שבתדיקער סעודה זענען די געסט געווען פאַרבעטן צום פעטערס ברודער מנשה. נאָך דער סעודה און נאָכן שבת־שלאָף, האָט הנוך געבערענגט נחמנען צום פעטער. ר׳ סנדר איז געזעסן אין דער גרויסער ירושה־שטול, נחמן נעבן אים און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַרהער. אַ שמועס און אַ וויכוח אין תורה, גמרא און חסידות. חיה־שרה האָט ווידער דערלאַנגט כיבוד. נאָענט צו מנחה, האָט זיך ר׳ סנדר אויפ־

געשטעלט. ער האָט געשמייכלט, אַ סימן, אַז דער פֿאַרהער האָט צופֿרידן געשטעלט דעם פֿעטער סנדר.

אין אָוונט זענען די מחותּנים מיטן חתן געווען ביים פֿעטער צו מלווה־מלכּה, נאָך דער סעודה האָבן זיך די מחותּנים אָפּגעשיידט אין אַ חדר־מיוחד און מען האָט גערעדט תּכלית. 3.000 רובל נדן, צוויי יאָר קעסט, ווי ס'האָט זיך געפֿירט ביי מיין פֿעטער ר' סנדר... די תּנאָים זענען פֿאַרגעקומען מיט גרויס פֿייערלעכקייט נאָך דעם נאָענטן דינסטיק. ביי לאַנגע טישן מיט כּל־טוב, האָבן זיך אויסגעזעצט די גרויסע, פֿאַרצווייגטע משפּחה. מען האָט געשריבן תּנאָים, געבראָכן טעלער און מרים איז מיט מזל אַ כּלה געוואָרן...

מיטוואָך אין דער פֿרי האָט דער פֿעטער מיט הנוכן באַגלייט די געסט צו דער באַן. די חתונה איז באַשטימט געוואָרן אויף ל"ג בעומר. פֿאַרן אָפּגיין פֿונעם צוג, האָט דער פֿעטער סנדר געגעבן דעם חתן אַ גאָלדענעם זייגער — חתן־מתּנות...

די חתונה

אַ טאָג פֿאַר דער חתונה, זענען שוין אָנגעקומען די געסט. משפּחה פֿון וואַרשע, לאָדזש, איזביצע א. א. שטעט. ס'איז אויך געקומען דער יוצא־דופֿן אין דער משפּחה, דער פֿעטער שמעון. כאָטש דעם פֿעטער סנדרס אַ לייבלעכער ברודער, איז ער אָבער אַנדערש פֿון אַלע. אַ ריזיק הויכער און ברייטער, שוואַרצע האָר און גרויסע ברעמען מיט אַ פּאָר שטאַרקע הענט, אַ גאַרבער פֿון פֿאַך. ביי דער משפּחה איז ער נישט באַליבט. ער קען נישט לערנען, גייט קורץ געקליידט, דערצו איז ער נאָך אַ שרעקלע־כער כּעסן. מען טאָר זיך מיט אים נישט פֿאַרטשעפּען, ווייל באַלד הייבט ער אויף זיינע שטאַרקע הענט... אויף חתונה געהאַט האָט ער נישט ווי אַלע אין דער שיינער משפּחה, ער האָט זיך — זאָגט מען — פֿאַרליבט אין אַ שניידערס אַ טאָכטער. ביי דער משפּחה זעט מען אים נאָר אויף אַ לוויה און להבדיל — אויף אַ חתונה...

אין דעם חתונה־טאָג האָט זיך געזרודערט אין שטעטל: געסט זענען באַך אַלץ געקומען. מען האָט געמאַכט די הכנות. ס'האָט זיך געקענט דוכטן, אַז דאָס גאַנצע שטעטל באַטייליקט זיך אין דער שמחה, אַלע זענען מחו־תנים. פאַר מיטאָג איז אין אייבע פון סנדרס גרויסע שטיבן פאַרגעקומען דאָס אָרעם־מאַלצייט, אַ סעודה פאַר אָרעמעלייט פון דער גאַנצער געגנט. פאַרן אוועקגיין, האָט יעדער באַקומען אַ מטבע אין דער האַנט אַריין און זיי האָבן פול געמאַכט די לופט מיט זייערע ברכות. די ווינטשעוואַניעס האָבן זיך געהערט פון ווי ווייט — מזל־טוב ר' סנדר! מחותנתטע! מזל־טוב דיר, כלה! איר זאָלט האָבן נחת און פרייד!...

די חתונה איז פאַרגעקומען אין רש"יס גרויסן הויז, וואָס איז אַרויס־געקומען צום אַלטן מארק. דער גאַנצער אויבערשטער שטאָק איז געווען פאַרנומען. גרויסע זאַלן, לאַנגע פענצטער און אַרום אַ גרויסער באַלקאָן. אַ ים מיט ליכט האָט באַלויכטן דעם גאַנצן מארק. הונדערטער מענטשן, גרויס און קליין, מענער און פרויען, זענען געשטאַנען אין מיטן מארק און געקוקט צום חתונה־זאַל, וואַרטנדיק אויף דער חופה. ווייסע־חברה־ניקעס האָבן נישט גערוט אַ רגע. ווי דער עולם איז אַזוי געשטאַנען פאַר־טאָן אין קוקן, האָבן זיי דערווייל צוזאַמענגעגנייט מיט נאָדל־פאָדעם אַ ווייַ־בערישע ספּודניצע צו אַ מענערישן כאַלאַט, אַ מיידלס קליידל צו אַ בחורס מאַנטל און ווען יענע האָבן זיך געוואָלט פאַנאַנדערגיין, זענען די געלעכטערס געגאַנגען עד לב השמים. זיי האָבן צוזאַמענגעשלעפּט פון אַלע זייטן שטיקער האָלץ, ברעטער, שטרוי און געמאַכט אַ פייער און אַ רויך אין מיטן מארק. ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער הימל ברענט. פאַר דעם קליינוואַרג איז עס געווען אַ דאָפּלטע שמחה: אַ חתונה און ל"ג בעומר, האָבן זיי זיך געלאָזט ווילגיין...

די חופה האָט מען געשטעלט אויפן גרויסן באַלקאָן. נאָענטע מענטשן האַלטן די חופה־שטאַנגען מיט ליכטלעך אין די הענט. אונטער דער חופה שטייט איצט נחמן און אַלע אויגן זענען אָנגעשטעלט אויף אים. ס'הערן זיך שטימען פון באַוווּנדערונג: איי, איי, ס'אַראַ שיינער חתן! „יאָ, — זאָגט עמיץ — דאָס קען זיך איינקויפן אַזאַ נגיד, ווי ר' סנדר". מען ברענגט די כלה מיט אירע עלטערן, די חתונה־צערעמאָניע גייט ווייטער.

נאָר... אסתר, די כלהס שוועסטער, איז עפּעס אינגאַנצן צעטומלט; זי שטייט אונטער דער חופּה מיט אַ ליכטל אין דער האַנט, קוקט אויפן חתן און הייסע שטראָמען גייען דורך איר גוף. זי איז אָנגעטאָן אין אַ ווייס לאַנג סאַטין־קלייד, וואָס האָט זי נאָך שלאַנקער און שטאַלצער געמאַכט. ס'האָט זיך געקענט דוכטן, אַז אַ ווייסע סקולפּטור שטייט דאָרט ביי די חופּה־שטאַנגען, נאָר אירע צוויי בלויע גלאַנצנדיקע אויגן האָבן עדות געזאָגט, אַז דאָס שטייט אַ וווּנדערלעכע פּרוי פון בלוט און פלייש...

נחמן, — שטייענדיק אונטער דער חופּה, האָט באַמערקט די פּרעכטיקע שיינקייט פון דער כלהס שוועסטער. אַ געדאַנק, ווי אַ בליץ, איז אים דורך אין מוח: ווי גליקלעך ער וואָלט געווען, ווען נישט מרים — נאָר אסתר וואָלט איצט געשטאַנען ביי זיין זייט אונטער דער חופּה...

שפּעט ביינאַכט, נאָך דער גרויסער און טומלדיקער סעודה, נאָכן דרשה־געשאַנק און מצווה־טענצל, האָט מען חתן־כלה געפירט אין זייער דירה, וואָס האָט זיך געפונען טיף אין הויף פון פּעטער סנדר. אין יענער נאַכט, זייענדיק מיט מרימען, זענען שוין נחמנס געדאַנקען געווען ביי אסתרן...

די שבע־ברכות זענען ברייט געפּראַוועט געוואָרן ביים פּעטער אין הויז. אַ טייל מחותנים זענען באַלד אַוועקגעפאָרן, אַנדערע זענען געבליבן איבער אַלע שבע־ברכות. ס'איז געווען עפּעס ווי נאָך אַ גרויסן יאַריד, נאָר ביסלעכווייז האָט זיך אַלץ איינגעשטילט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די האָניק־צייט פאַר דער יונגער פּאָר. דער עיקר פאַרן יונגערמאַנטשיק. די קעסט: דאָס בעסטע עסן און טרינקען, שלאָפן, גיין שפּאַצירן. אַ זאָרגלאָז גרינג לעבן. דער סדר־היום: אין דער פרי גיין דאַווענען מיטן שווער אין גערער שטיבל, פאַר מיטאָג אַריינקוקן אין אַ ספר, עסן מיטאָג, אַ ביסל שלאָפן און פאַרנאַכט גיין אין בית־המדרש צו מנחה־מעריב און שמועסן מיט נאָך אַזעלכע „קעסט־קינדער״, ווי ער...

אסתר, וואָס האָט שטייענדיק אונטער דער חופּה, זיך פאַרליבט אין איר שוועסטערס חתן, האָט דאָס געפיל נישט געקענט אַרויסרייסן פון איר האַרץ. מיט דער צייט האָט זיך עס נאָך מער צעפלאַקערט. זי האָט געזוכט אַלע וועגן און מיטלען צו כאַפּן אַ בליק, אַ פּאָר ווערטער מיט

נחמנען; בשעת ער איז געזעסן אַליין און געלערנט, געקוקט אין אַ ספר, איז זי אַריינגעקומען אים פרעגן, צי ער וויל אפשר אַ גלאָז טיי אָדער קאַווע, אַ סך מאָל סתם אַזוי געמאַכט זיך עפּעס זוכן. אַלע פאַרנאַכט, בעת נחמן גייט אין בית־המדרש אַריין צו מנחה־מעריב, גייט אויך אסתר מיט אַ חברטע אין בית־המדרש געסל שפּאַצירן. נחמן האָט קוקנדיק אין דער גמרא פון אונטער די ברילן געוואָרפן וואַרעמע בליקן צו אסתרן, אַמאָל אויך גערעדט עטלעכע ווערטער צו איר...

מרים האָט באַמערקט די בליקן און די וואַרעמקייט, וואָס איז צווישן זיי און האָט אָנגעהויבן עפּעס חושד צו זיין. ווען זי האָט שוין מער נישט געקענט איבערטראָגן די ווייטיק אַליין, האָט זי עס געפּרוווט דערציילן דער מאַמען, נאָר חיה־שרה האָט זי גוט אויסגעזידלט. „ווי שעמסטו זיך נישט חושד צו זיין אַן אייגענע שוועסטער? שלאָג זיך אַרויס פון קאָפּ די נאַרישקייטן"... דאָס האָט אָבער נישט שוואַכער געמאַכט מרימס חשד און אייפערזוכט, דערצו ווען זי האָט גוט געפילט, ווי קאַלט דער מאַן באַציט זיך צו איר...

...אַמאָל אַ פאַרנאַכט, האָט מרים באַקומען שטאַרקע קאָפּ־ווייטיק. זי האָט געוואָלט גיין זיך אַ ביסל צולייגן ביי איר אין שלאָף־שטוב, איז זי צוגעגאַנגען צום קרעדענס, וווּ דער שליסל איז שטענדיק געלעגן, נאָר דער שליסל איז דאָרט נישט געווען. אינסטינקטיוו, האָט זי זיך איבער־געשראָקן, פלאַמען האָבן אַרומגענומען איר גאַנצן קערפּער; דער שליסל איז נישטאָ, נחמן איז נישטאָ, אסתר איז נישטאָ... מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ איז זי אַרויס אויפן הויף, שטיל צוגעגאַנגען צו דער טיר פון איר דירה און זיך איינגעהערט. ס'איז געווען שטיל, נאָר נאָך עטלעכע מינוט שטיין, האָט זי געהערט, ווי אינעווייניק שושקעט מען זיך... פּאַמעלעך איז זי אַוועק פון דער טיר, זיך האַסטיק אַריינגעריסן אין אירע עלטערנס הויז און אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש געוויין: „מאַמע, מאַמע!". די מומע חיה־שרה, אַן איבערגעשראָקענע, איז צוגעלאָפן, „וואָס איז מיין קינד, וואָס איז געשען?" מיט שלוכצנדיקע אָפּגעהאַקטע ווערטער, האָט מרים דערציילט: „נחמן מיט אסתרן געפינען זיך פאַרשלאָסן אין מיין שלאָף־שטוב". חיה־שרה איז בלאָס געוואָרן, ווי די וואַנט, פאַרביסן די ליפּן...

אין דער רגע איז אַריינגעקומען דער פעטער סנדר — זעענדיק ווי מרים קלאָגט, רייסט זיך די האָר פון קאָפּ, די מומע גלעט און טרייסט זי, און וויינט דערביי. געהערט די ערשטע ווערטער, וואָס דאָ איז געשען, האָט זיך זיין פנים פאַרענדערט. פּלוצים איז ער געוואָרן געל ווי וואַקס, געאָטעמט שווער און נישט געפונען קיין ווערטער...

די ערשטע איז געקומען צו זיך חיה־שרה, מיט אַ פעסטער שטים האָט זי באַפוילן: „סנדר, מרים, — קומט, קומט!" צוגעקומען צו דער טיר, האָט מרים גענומען קלאַפּן, אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט. ווען זי האָט מיט כעס גענומען זעצן אין די טירן און שרייען, האָט איר חיה־שרה צוריקגעהאַלטן: „קלאַפּ נישט, שריי נישט, אַלע שכנים וועלן זיך דאָ באַלד צוזאַמענלויפן..." איצט האָט דער פעטער זיך אָנגענומען מיט כוח, צוגעגאַנגען צו דער טיר און מיט זיין רואיקן, שטילן קול געזאָגט: „נחמן, דו זאָלסט שוין עפענען די טיר!" ווייזט אויס, אַז די ווערטער האָבן געווירקט. נחמן האָט אויפגעשלאָסן די טיר, זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט, קיינעם נישט געקוקט אין די אויגן. אסתר איז געשטאַנען ביי דער שאַפע אַ בלאַסע, מיט אויסגעלאָשענע אויגן, די האָר נישט פאַרקעמט און די אויבערשטע קנעפּלעך פון דער בלוזקע נישט פאַרקנעפּלט...

חיה־שרה האָט מיט איר ברייטן קערפּער פאַרשטעלט מרימען דעם וועג, זי זאָל זיך נישט וואַרפן אויף אסתרן מיט די נעגל און צו אסתרן אַ געשריי געטאָן — „אַרויס פון דאַנען!" מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, איז אסתר אַרויס, באַגלייט פון אַ מבול מרימס קללות... וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן יענע נאַכט אין הויז פון פעטער סנדר, איז איבעריק צו דערציילן...

צומאָרגנס האָט דער פעטער געלאָזט רופן צו זיך דעם שיינעם „גן־עדן", דאָס „קעסט־קינד". דער פעטער איז געזעסן אויף זיין שטענדיקן אָרט. נחמן איז געשטאַנען קעגן אים. עטלעכע מינוט האָט געהערשט אַ דריקנדיקע שטילקייט אין צימער. נאָר ביים פעטער האָט זיך אַרויס־געריסן אַ טיפער קרעכץ פון האַרץ. „נחמן — האָט ער געזאָגט מיט זיין שטילן קול — דו מוזט תיכף געבן מרימען אַ גט". נחמן האָט אויפגעהויבן דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געזאָגט: „מסכים..." דערנאָך האָט ער גע־

בעטן, מען זאָל אים מוחל זיין און צום סוף נאָך צוגעגעבן, אַז ער איז גרייט — אויב ר׳ סנדר וועט דערלויבן — חתונה צו האָבן מיט אסתרן. ביי די ווערטער, האָט זיך דער פעטער אַזש אַ וואָרף געטאָן, נאָר זיך באַלד באַהערשט, זיך אויפגעשטעלט און ווי זיין טבע — שטיל, רואיק, אָבער פעסט, געענטפערט: „ניין! נישט דער דין און נישט דער כבוד דערלויבט דאָס!״. שטיל געוואָרן און זיך אַוועקגעזעצט...

„איך בין נישט זיכער — זאָגט נחמן, — נאָר כ׳וואָלט געוואָלט איר זאָלט דערלויבן, כ׳זאָל מיט אסתרן אַריינפאָרן קיין וולאַצלאַוועק צו אַ... דאָקטער״. אויף דעם האָט שוין ר׳ סנדר נישט געענטפערט. ער איז אַריין אין אַ צווייטן צימער און דאָרט זיך געסודעט מיט חיה־שרהן. לסוף איז זי אַריין און געזאָגט: „גוט, דו קענסט פאָרן. מיט אסתרן וועט פאָרן מיין עלטערע טאָכטער, רחל...״

דאָס, וואָס איז געשען מיט ר׳ סנדרס איידעם און מיט זיין טאָכטער אסתר, איז נישט געבליבן קיין סוד. דאָס שטעטל האָט געגוג גערעדט דערפון. נאָר אסתר — כאָטש זי האָט געוווסט, אַז אַלע ווייסן און רעדן, האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק, ווי נישט זי מיינט מען. זי האָט זיך איבערגענומען מיט איר שיינקייט און דאָס האָט איר געגעבן מוט זיך אַזוי צו פירן. זי איז געגאַנגען מיט אַ שטאָלץ אויפגעהויבענעם קאָפּ. אַלע פאַרנאַכט איז זי געגאַנגען שפּאַצירן, ווי אַמאָל און ווידער האָט זי צו־געצויגן די בליקן פון מענער. איינער פון זיי — יוסף, האָט זיך פאַרליבט איר איר, נאָר בלויז פון זען — ביז איבער די אויערן...

יוסף — אַ פיינער, הויך־געוואַקסענער בחור, מיט אַ העל איידל פּנים, אַ שטילער, עלעגאַנט אָנגעטאָן, איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין דעם גרעסטן הוט־געשעפט אויף דער ברייטער שפּאַציר־גאַס און האָט גוט פאַרדינט. ווי דער מנהג איז געווען, האָט יוסף געשיקט אַ שדכן צו ר׳ סנדרן. דער שדכן האָט אויסגעלויבט דעם בחור ביזן הימל: אַן איי־דעלער בחור, אַ גוטער פאַרדינער, אינטעליגענט. דער איבערגעשראָקענער ר׳ סנדר האָט אַ פרעג געטאָן: „וואָס מיינט עס אינטעליגענט?״ האָט דער שדכן אויפגעקלערט: „אויסער אין יידישקייט, קען ער גוט רעדן און שרייבן: פּויליש, רוסיש און דייטש״. „און וואָס הערט זיך מכּוח אונדזערע

ספרים ?״ — פרעגט ר׳ סנדר. „אמת, קיין גרויסער למדן איז ער נישט, אָבער קיין עם־הארץ אויך נישט״ — זאָגט דער שדכן. „ווער זענען זיינע עלטערן ?״ — פאַרשט מען ווייטער. „דעם פאָטער רופט מען אדמיע, ער הייסט — אדם. האַנדלט מיט רויע פעל. אַן ערלעכער ייד״. נישט קיין גרויסער ייחוס, — האָט ר׳ סנדר ביי זיך אין האַרץ געטראַכט, — נאָר מיט אסתרן איז זיך נישטאָ וואָס איבערצונעמען און זיך האַלטן אין גרויסן. קיין למדן וועט זי סיי ווי נישט נעמען, אויך זי וועט נישט וועלן... האָט ער געענטפערט דעם שדכן: „נו, זאָל דער בחור קומען שבת נאָך מיטאָג אויף טיי, כ׳וועל מיט אים אַ שמועס טאָן, אויב ס׳וועט זיין גאָטס ווילן, קען עס ווערן אַ שידוך...״

שבת נאָכן שלאָף איז יוסף געקומען אין פעטערס הויז, מיט אַ שטיל קול געזאָגט „גוט שבת, ר׳ סנדר״. דער פעטער, וואָס האָט געהאַלטן אין לערנען, האָט פאַרקנייטשט דאָס בלעטל און פאַרמאַכט דאָס ספר. ס׳איז אַוועק אַ שמועס, צוערשט וועגן סתם עניגים: „וואָס איז דיין טועכץ ? ווו האָסטו געלערנט ?״. שפעטער איז מען אַריבער צו תנ״ך. ר׳ סנדר האָט געזען, אַז דער שדכן איז געווען גערעכט — יוסף איז נישט קיין למדן, אָבער אויך נישט קיין פּראָסטער בחור, אַן איידעלער. די מומע ברענגט טיי מיט צובייסן, די קאָנפיטור האָט שוין אסתר אַליין געברענגט. „דאָס איז מיין טאָכטער אסתר״ — זאָגט די מומע. יוסף האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבן, זיך פאַרנייגט און געזאָגט: „גוט שבת״. ווי ער וואָלט זי צום ערשטן מאָל געזען. אסתר האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט און זי מיט דער מאַמען האָבן פאַרלאָזט דאָס צימער.

ס׳ווערט שפּעטלעך, מ׳דאַרף שוין גיין דאַווענען מנחה, דער פעטער שטעלט זיך אויף. אויך יוסף טוט דאָס זעלבע. זיין פּנים איז פאַרפלאָמט, מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל, זאָגט ער איידל: „ר׳ סנדר, איך וואָלט געוואָלט האָבן דעם כבוד צו ווערן אייערס אַן איידעם״. „איך וועל ד״ר צו וויסן טאָן דורך דעם שדכן״ — ענטפערט דער פעטער. „אַ גוטן שבת״ — זאָגט יוסף און קוקט צו דער טיר פון צווייטן צימער. „חיה־שרה, אסתר ! — רופט דער פעטער — דער בחור יוסף וויל אייך זאָגן אַ גוטן שבת״. בײדע

גייען אַריין, יוסף געזעגנט זיך, דאָס צווייטע מאָל שטייט ער אַזוי באַזונט צו אסתרן — ער דאַנקט פאַרן כיבוד און גייט אַרויס...

נאָך דעם זעלבן אָוונט, נאָך מלווה־מלכה, האָט דער פעטער אַרומגערעדט דעם ענין מיט זיין חיה־שרהן. זי האָט מסכים געווען מיטן פעטער, אַז יוסף איז אַ פּאַסיקער שידוך פאַר אסתרן און זי האָט זיך אונטערגענומען איבערצורעדן מיט אסתרן.

אין איינעם פון די נאָענטסטע טעג איז צווישן חיה־שרהן מיט אסתרן פאָרגעקומען דער שמועס: „נו, אסתר, וואָס זאָגסטו עפּעס צו דעם בחור יוסף?". „וואָס זאָל איך זאָגן, איך בין נישט פאַרליבט אין אים" — זאָגט אסתר. „אַ שיינע מעשה, — זאָגט די מומע — ווען אַלע מיידלעך זאָלן וואַרטן ביז זיי וועלן זיך פאַרליבן, וואָלט אַ האַלבע וועלט מיידלעך פאַרזעסן ביזן גרויען צאָפּ אַריין. איך וואָלט אפשר נישט געווען חתונה געהאַט מיט דיין טאַטן. מען געוויינט זיך צו. דער עיקר, ער איז אַן ערלעכער און פיינער בחור, אַ פיינער פאַרדינער, אַז ס׳איז דאָ פּרנסה — קומט שוין אויך די ליבע"... „אמת, ער איז אַ שיינער — זאָגט ווידער אסתר, — אַן איידעלער, נאָר מיך ציט נישט צו ווערן זיין כלה". חיה־שרה האָט איבערגעריסן דעם שמועס הערנדיק ווי דער זייגער אויף דער וואַנט קלינגט אויס צוויי. „אסתר, גיי לייג דאָס טישטעך אויפן טיש, דער טאַטע קומט באַלד אויף מיטאָג".

אַן אָוונט שפּעטער, ווען דער פעטער איז געווען אין וואַרשע איינצוקויפן לעדער, איז צום אָוונטברויט געקומען די טאָכטער רחל מיט איר מאַן הנוך. צופעליק איז אויך געווען דער זון פון קויל — בנימין. חיה־שרה האָט געשטעלט משקה, זי ווייסט, אַז דער זון האָט ליב אַ קאַפּעטשקע. אים צוליב, נעמט שוין אויך הנוך אַ ביסל. ס׳ווערט וואַרעמער און רחל קען זיך שוין נישט איינהאַלטן, נעמט רעדן: „אסתר, ווי די מאַמע האָט מיר דערציילט, איז דאָ עפּעס אַ גוטער שידוך פאַר דיר". הנוך רייסט איבער: „וואָס הייסט אַ גוטער? אַ בחור אַ דימענט! אַ כאַראַקטער נישטאָ נאָך אַזוינער". „יאָ, — רופט זיך אָפּ אסתר — אַלץ איז אמת, נאָר מיין האַרץ ציט נישט צו אים". דאָ מישט זיך שוין אַריין דער ברודער בנימין — וואָס אפילו חיה־שרה האָט מורא פאַר אים. „הער, אסתר, צי דאַרף איך

עס דיר זאָגן, צי דו פאַרשטייסט עס אַליין, אַז דו האָסט זיך נישט מיט וואָס איבערצונעמען. דאָס, וואָס יוסף איז אין דיר פאַרליבט, איז דיין גליק...״ אסתרס פּנים ווערט באַדעקט מיט רויטע פלעקן, זי שווייגט אַ מינוט און חזרט איבער „מיך ציט אָבער פאָרט נישט צו אים״. „כ׳ווייס, אַז דו וועסט אַ כלה ווערן, וועסטו זיך צוגעוויינען צו אים. ווי מיין ווייב האָט זיך צוגעוויינט צו מיר״ — פּסקנט אָפּ בנימין.

די מומע חיה־שרה, וואָס האָט שטענדיק דאָס לעצטע וואָרט, האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן און געגעבן געךעכט בנימינען. אסתר האָט נאָך עפּעס אַ זאָג געטאָן: „כ׳ווייס, אפשר זענט איר גערעכט און מען קען זיך צוגעוויינען״... בנימין גיסט אָן די כוסות: „כ׳וועל זאָגן, ווי די מאַמע, אַלץ איז באַשערט, לאָמיר האָפן, אַז דאָס איז אַ באַשערטע זאַך. לחיים! לחיים!...״

דעם ערשטן טאָג חנוכה זענען געשריבן געוואָרן די תנאים. אסתר איז אַ כלה געוואָרן מיט יוספן. דער פעטער סנדר — ווי ביי פריערדיקע שידוכים — האָט געגעבן 3.000 רובל נדן, נאָר קיין קעסט האָט ער דאָס מאָל נישט געגעבן. ער האָט גוט געדענקט מרימס אומגליק. אויסער דעם, האָט עס יוסף אויך נישט פאַרלאַנגט. ס׳איז שוין נישט געווען אין דער מאָדע. אַ גאָלדענעם זייגער האָט יוסף יאָ באַקומען און ער פון זיין זייט, האָט געגעבן דער כלה אַ גאָלדן פינגערל מיט אַ ברילִיאַנט...

אַלע שבת נאָך מיטאָג איז יוסף געקומען צום פעטער אין הויז און דאָרט פאַרברענגט ביז שפּעט נאָך מלווה־מלכה. וואָס מער ער האָט זיך באַגעגנט מיט אסתרן, אַלץ מער און הייסער איז געוואָרן זיין ליבע צו איר, אַלץ מער מתנות האָט ער איר געבראַכט. קיין שום זאַך איז נישט געווען צו טייער פאַר זיין אסתרן. זי, להיפך, האָט אים זעלטן אַ שמייכל געשענקט. יוספס איידלקייט און פּרויאַישע ווייכקייט האָט זי נישט גע־צויגן. איר וואָלט אימפּאָנירט אַ מאַן מיט אַ פעסטן כאַראַקטער, וואָס זאָל זי נעמען אין זיינע שטאַרקע אָרעמס... און אפשר איז די געשטאַלט פון נחמנען נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר אירע אויגן?...

יוסף האָט גוט געפילט אסתרס באַציִאונג צו אים, נאָר ער איז געווען צו איידל און נישט גענוג זעלבסטזיכער, ער זאָל איר דאָס פאַרוואַרפן.

ער האָט מורא געהאַט זי צו דערצערענען, האָט ער שטיל געליטן, מיט דער האָפענונג, אַז מיט זיין גוטסקייט און ליבע וועט ער נאָך געווינען איר האַרץ...

חול-המועד פסח זענען יוספס עלטערן געקומען צו ר׳ סנדרן אָפּ־שמועסן אַ זמן-חתונה. דער פעטער האָט פאָרגעשלאָגן ל״ג בעומר און זיי האָבן מסכים געווען.

ווען אסתר האָט זיך דערוווּסט, אַז מען האָט שוין באַשטימט אַ טערמין פון דער חתונה, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז שוין מער נישט קיין שפּיל, אַז זי וועט דאַרפן ווערן יוספס ווייב. מילא, טרעפן זיך אייגמאָל אין וואָך אום שבת, נעמען מתנות, דאָס האָט זי נאָך געקענט באַשטיין, אָבער חתונה האָבן? דאָס נישט, דאָס וויל זי נישט און קען נישט — האָט זי געוויינט פאַר דער מאַמען. ווען טרערן האָבן נישט געהאָלפן, איז זי אַרויס מיט שאַרפע דיבורים. חיה־שרה, וואָס אַלע קינדער האָבן געציטערט פאַר איר — אויסער בנימין — איז גאָר נישט געוווינט געווען צו הערן אַזעלכע רייד, אַזאַ חוצפּהדיקן לשון פון אַן אייגענער טאָכטער. דער טאַטע, ר׳ סנדר, האָט געפּרוּווט רעדן מיט גוטן, ווירקן שכלדיק, נאָר ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. דעמאָלט האָט חיה־שרה צונויפגערופן די גאַנצע משפּחה; דער ברודער בנימין איז ספּעציעל געקומען צופאָרן פון קויל און אַלע האָבן זיך פאַרנומען אויף אסתרן. באַזונדער פלייסיק האָט זיך אַ נעם געטאָן בנימין. „אסתר, — האָט ער געשריגן — האָסט שוין גענוג צרות אָנגעטאָן דעם טאַטן מיט דער מאַמען, גענוג האָסטו שוין פאַרשעמט די גאַנצע משפּחה, די גאַנצע שטאָט און די אַרומיקע שטעט וויסן פון דיר... טאָמער וועסטו איצט אָפּלאָזן דעם שידוך, וועסטו שוין פאַרזיצן ביזן גרויען צאָפּ אַריין״... נאָר די אַלע מוסר־רייד, די געשרייען און דראָונ־גען האָבן נישט געהאָלפן. שטילערהייט האָט אסתר צוריקגעשיקט דעם ברליאַנטענעם רינג און די איבעריקע מתנות. דער שידוך איז אָפּגעגאַנגען. אויס כלה, — צוריק מויד...

פאַר יוספן איז דאָס געווען די גרעסטע טראַגעדיע אין זיין לעבן, ס׳האָט אים אין גאַנצן צעבראָכן. ווען מ׳האָט אים געזען אין גאַס, איז ער געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. שוין נישט געווען מער דער

עלעגאַנטער געפּוצטער יוסף, נאָר אַן אָפּגעלאָזענער, אומגליקלעכער מענטש. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ נישט־נאָרמאַל פייַערל. אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער ערנסט קראַנק געוואָרן, זיינע עלטערן האָבן אים אַוועקגעפירט קיין פּלאָצק. דאָרט איז ער געשטאָרבן אין אַ משוגעים־הויז.

✶

כ'האָב איבערגעריסן דעם לויף פון מיינע אייגענע זכרונות און איבערלעבונגען, כדי צו דערציילן וועגן מיין נאָענטער משפחה, וועגן דער סביבה און ראַם, אין וועלכער איך האָב געלעבט. נישט וועגן אַלץ איז מעגלעך צו דערציילן. כ'גלויב, אַז דער לייענער האָט באַקומען אַ באַגריף וועגן דעם לעבן־שטייגער, וועגן די פריידן און ליידן אין יענער צייט, וועלכע כ'האָב איינגעזאַפּט אין מיין יונגער נשמה, אין מיין פּילבאַר הארץ... איצט לאָמיר ממשיך זיין דערציילן וועגן זיך אַליין:

נאָך פּסח האָט יוסף פּאַקולסקי געשיקט זאָגן, אַז ער וועט מער נישט קומען צו דער אַרבעט. נאָך זיין ברודערס טויט, וועט ער זיין מיט די עלטערן אין מסחר. אויף זיין אָרט איז געקומען ירחמיאל — באַטשקעס זון פון זיין ערשטער פרוי, וואָס האָט די גאַנצע צייט געאַרבעט אין קאַליש. דאָס איז געווען אַ מיטל־וווקסיקער, מאָגערער בחור, אַ סימפּאַטישער און גוטער. נישט איין מאָל האָט ער זיך צעשריגן אויף זיין שטיפמאַמע — פרוי באַטשקע, פאַרוואָס זי קאָמאַנדעוועט מיט מיר, ווי איך וואָלט געווען אַ דינסט, נישט קיין אַרבעטער. ער האָט אויך אויסגעפועלט ביים פאָטער, מען זאָל מיך נישט צווינגען צו קומען אין וואָרשטאָט מוצאי־שבת, ווי נאָר עס באַווייזן זיך דריי שטערן. דאָס קומען שבת־צונאַכט איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע פּיין, ס'איז מיר געוואָרן זייער טרויעריק אויפן האַרץ — ווען אין סאַמע מיטן שפּאַציר שבת־פאַרנאַכט, האָב איך געמוזט אַלץ און אַלעמען איבערלאָזן; לויפן אַהיים זיך איבערטאָן אין די וואָכעדיקע קליידער, לויפן צו באַטשקען אראָפּשלעפּן קוילן פון בוידעם, איינהייצן אין קיך און טאָן אַנדערע שמוציקע אַרבעטן. דווקא שבת־צונאַכט איז געווען דער גרעסטער שפּאַציר אויף דער „בירזשע". פאַרזאַמלונגען זענען

געווען פאַרוועֶרט. האָט מען ביי עמיצן געפונען אַ פּראָקלאַמאַציע, אָדער אַ סאָציאַליסטישע בראָשור, איז די גאַנצע גרופּע אַרעסטירט געוואָרן. טייל מאָל האָט זיך עס געענדיקט אַפילו מיט סיביר. גרעסערע פאַרזאַמ־לונגען זענען בכלל נישט מעגלעך געווען. האָט מען זיך געטאָן אַן עצה: שבת פאַרנאַכט שפּאַצירן אויף די אַלייעס, וואָס פירן צו דער באַן הונ־דערטער מענטשן. אויבן־אויף איז עס כלומרשט אַן אומשולדיקער שפּאַ־ציר; נאָר דאָ ווערט איבערגעגעבן אַלץ, וואָס מען דאַרף. אַלע באַשלוסן, נייעסן און פאָדערונגען ווערן דאָ דערליידיקט...

אויך איך דריי זיך צוזאַמען מיט אַלע אויף דער בירזשע. אַמאָל מיט מיין חבר — קאַם, נאָר אַפטער, מיט אונדזער שכנהס אַ טעכטערל, איידל האָט מען זי גערופן — אַ יונגע 14־יאָריקע מיידעלע, נאָר גוט אַנטוויקלט, הויך, בלאָנד מיט בלויע אויגן. צוויי לאַנגע צעפּ, וואָס האָבן זיך געוואָרפן בעתן גיין און צוויי יונגע בריסטלעך, וואָס האָבן געצאַפּלט... אונדזערע שמועסן האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צו פּאָליטיק. מיר האָבן גערעדט וועגן זאַכן, וואָס האָבן געהאַט אַן אינטערעס פאַר אַ מיידל ווי איידל איז געווען. נאָר מיר איז געווען אַזוי גוט און אַנגענעם נעבן איר...

אַזוי שפּאַצירנדיק, האָט מען מיר אַמאָל אַריינגערוקט אַ פּראָקלאַ־מאַציע, אָדער מען האָט מיר שטיל און גיך אַ שעפּטשע געטאָן, אַז דעם צווייטן שבת וועט אין פּאַרק פאָרקומען אַ פּאָליטישע רעדע. דער פּאַרק איז געווען ווייט הינטער דער שטאָט, דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון אַ פּוי־לישן פּריץ. קיינער, אויסער זיינע באַקאַנטע און איינגעלאַדענע געסט, האָט דאָרט נישט געקענט אַריינגיין. נאָר זינט ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאָליטישע שטורעמס קעגן דער רוסישער הערשאַפט, האָט דער פּריץ ברייט געעפנט די טויערן פון זיין פּאַרק יעדן שבת און זונטיק פאַר פּאָליטישער אַגיטאַציע. ער אַליין — דער פּריץ — האָט אָנגעהערט צו דער פּויליש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג, וואָס האָט געקעמפט פאַר פּוילישער אומאָפּהענ־גיקייט, געווען אַ שונא פון סאָציאַליזם. פונדעסטוועגן האָט ער אין דער פּאַזע, געהאָלפן די סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געקעמפט קעגן צאַריזם, ווייל וואָס שוואַכער ס'וועט ווערן די רוסישע מאַכט, אַלץ לייכטער וועט זיי זיין צו דערגרייכן זייער ציל — די פּוילישע אומאָפּהענגיקייט.

יעדע צווייטע וואָך, שבת, זענען אין פּאַרק געהאַלטן געוואָרן פּאָלי־טישע רעדעס. לויט אַ הסכם, יעדעס מאָל פון אַן אַנדער פּאַרטיי. דער רוב רעדנער, זענען געקומען פון אַנדערע שטעט. דער גאַנצער וועג פון דער באַן־ליניע ביז דעם פּאַרק איז געווען באַשטעלט, אָפּגערוקט איינער פון צווייטן אויף אַ געוויסן שטח — חברים פון דער פּאַרטיי, כדי צו וויסן טאָן, אויב ס׳וועלן זיך באַווייזן פּאָליציי, וועט דער רעדנער און דער עולם נעלם ווערן...

ביי עטלעכע אַזעלכע רעדעס בין איך געווען אַנוועזנדיק. קיין סך האָב איך טאַקע נישט פאַרשטאַנען, כ׳האָב אָבער אַ סך געפילט... כ׳האָב זיך געפילט שטאָלץ און העלדיש בייצוזיין אויף אַן אומלעגאַלער פאַר־זאַמלונג...

די ליטעראַטור־מאָדע

דער רעוואָלוציאָנערער שטורעם האָט זיך גיך איינגעשטילט. די רעאַקציע האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. מיט אַ געוואַלדיקער אכזריות האָט זי אונטערגעדריקט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. די רעדנער זענען מער נישט געקומען, די רעדעס אין וואַלד און אין פּאַרק האָבן אויפגע־הערט. אויך די בירזשעס זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן. זייער אָרט האָט איצט פאַרנומען די ליטעראַרישע טעטיקייט. אין קוטנע איז געשאַפן געוואָרן אַן אָפּטיילונג פון דער „יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט" אין פּעטערבורג. כמעט די גאַנצע יוגנט האָט זיך געכאַפּט צום לייענען ביכער. אויף די שפּאַצירן, האָבן אַ סך ייִנגלעך און מיידלעך געטראָגן ביכלעך אונטער די אָרעמס. דאָס בוך איז אַריין אין דער מאָדע...

דער גרעסטער יום־טוב איז געווען ביי דער יוגנט די ליטעראַרישע פאָרלעזונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אינעם שטאָט־טעאַטער. ס׳זענען געקומען אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי י. ל. פּרץ, הלל צייטלין, ה. ד. נאָמבערג א. א. גרויסע שרייבער.

אין שטאָט זענען אויסגעקלעפּט אַפישן — האַלב יידיש, האַלב פּוי־

ליש, — אז פרץ וועט האבן א פארלעזונג א. ד. ט. „די יידישע ליטעראַ־טור”. שבת פאַרנאַכט נאָך פאַר דער באַשטימטער צייט, גייען מיר אין אַ יום־טובדיקער שטימונג אין טעאַטער. דער זאַל איז איבערגעפולט נישט נאָר מיט יידיש־רעדנדיקע, נאָר אויך מיט האַלב און גאַנץ אַסימי־לירטע אינטעליגענץ. אויף דער בינע אַ טישל מיט אַ רויטן בוקעט בלומען. ווען פרץ האָט זיך באַוויזן אין זאַל, האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט און אים געמאַכט אַ שטורמישע אָוואַציע. בעתן רעדן, איז אין זאַל געווען אַן איינגעהאַלטענע, אָנגעשטרענגטע שטילקייט. נאָכן רעפעראַט האָט דער עולם לאַנג, לאַנג אַפּלאַדירט. ביז שפּעט אין דער נאַכט, זענען מענטשן געשטאַנען און רעדלעך און געשמועסט, דיסקוטירט די געדאַנקען, וואָס פרץ האָט אַרויסגעזאָגט. איך האָב וויינעק פאַרשטאַנען, נאָר צוזאַמען מיט אַלע געפילט די געהויבענע שטימונג און דעם צויבער פון זיין פערזענלעכקייט.

איך ווער אַ געזעל

זונטיק אין דער פרי בין איך ווידער ביי באַטשקען, ביי דער אַרבעט. כ'זיץ, נאָך פאַרשיכורט פון דעם נעכטיקן פרץ־אָוונט. כ'אַרבעט מעכאַניש, אָן חשק. באַטשקעס ייִנגסטע טעכטערל, אַ מיידל פון אַ יאָר 13, טשעפּעט זיך צו מיר, באַליידיקט מיך. איך ווער אין כעס און דערלאַנג איר אַ פּעטשל. זי לויפט אַריין צום פאָטער מיט אַ געוויין. באַטשקע גייט אַריין, פרעגט גאַרנישט, נאָר לאָזט מיר אַראָפּ אַ קלינגענדיקן פּאַטש אין פּנים. איך רעאַגיר נישט. איך האָב גוט אין זינען, אַז אָט שוין באַלד, נאָך 4 חדשים, ענדיקט זיך מיין לער־צייט און איך טאָר נישט שטעלן אין סכנה מיין לערע און דעם פּאַלטן, וואָס באַטשקע האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן ביים סוף פון דער לער...

כ'האָב שוין געציילט די חדשים, די וואָכן, די טעג. ענדלעך איז גע־קומען דער ערב סוכות, כ'האָב געענדיקט די לער!... חול־המועד איז

מיין פֿאָטער געגאַנגען צו באַטשקען זיך אַדורכרעדן וועגן מיין וויטער־דיקער אַרבעט, שוין ווי אַ געזעל. אַהיימקומענדיק פון דאָרט, האָב איך געזען, אַז מיין פֿאָטער איז גאָרנישט פריילעך. ער האָט דערציילט דער מאַמען און מיר, אַז ער האָט מיך פאַרדונגען אויף אַ יאָר, פאַר 65 רובל... די מאַמע האָט גאָרנישט געזאָגט. אפשר האָט זי נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ווייניק. נאָר איך האָב שוין גוט געוווסט, אַז דאָס איז נישט גענוג. האָב איך געפרעגט: „פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרדונגען פאַר אַזאַ קליינעם שכר?" אויף דעם האָט דער טאַטע געענטפערט מיט כעס: „באַטשקע זאָגט, אַז דו קענסט נישט די מלאכה, אַנווייזנדיק אויף דער „קרן־קימת"־פושקע, האָט ער געזאָגט, איר זעט ר' גרשון — אָט דאָ ליגט אייער זונס קאָפּ. ער וויל אַראָפּזעצן דעם קיסר. ער וויל פירן די יידן קיין ארץ־ישראל. איז דען אַ וווּנדער, אַז אַ ייִנגל, וואָס האָט אַזוי פיל זאַכן אויפן קאָפּ, קען נישט די מלאכה?" איך האָב זיך אויפגערעגט און געשריגן: „ס'איז אַ ליגן, איך קען גוט די אַרבעט, באַטשקע זוכט נאָר אַ תירוץ, כדי מיך אויסצונוצן. איך וועל ביי אים נישט אַרבעטן. איך פאָר קיין וולאָצ־לאַוועק!"

אין וולאָצלאַוועק

דעם ערשטן טאָג נאָך סוכות בין איך געפאָרן קיין וולאָצלאַוועק. דאָרט האָב איך אויפגעזוכט נטע מלמדס זון משה, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס קאַמאַשן־שטעפּער. אים האָב איך געקענט נאָך פון דער צייט, ווען איך האָב געלערנט ביי זיין טאַטן אין חדר. ער האָט שוין דאָ געאַרבעט אַ לענגערע צייט, געקענט די שטאָט מיט אירע מענטשן, האָט ער מיר געהאָלפן זוכן אַרבעט. מיר האָבן געטראָפן אַ מיליטער־שניידער און איך האָב זיך פאַרדונגען פאַר 65 רובל אַ זמן (ד. ה. אַ האַלב יאָר) מיט עסן און שלאָפן. נאָך דעם זעלבן טאָג, בין איך געפאָרן אַהיים ברענגען מיינע זאַכן. אין אַ שטרוי־געפלאָכטן קיישל, האָב איך איינגעפּאַקט מיינע זאַכן: אַ ביסל וועש, אַן אַנצוג, שיך. די מאַמע האָט אַכטונג געגעבן, איך זאָל

נישט פאַרגעסן די תפילין און מיר אָנגעזאָגט: כ׳זאָל למען־השם נישט פאַרגעסן יעדן טאָג צו דאַווענען...

דער שניידער, ביי וועמען איך האָב געאַרבעט, איז געווען אַ נישט הויכער, מאָגערער מענטש, מיט אַ שיין פאַרשוירן בערדל, געדרייטע וואָנצעס און צוויי שאַרפע אויגן. זיין פרוי — אַן אויסגעפוצטע, אויך הויכע אַפּצאָסן, איז געווען אַ ביסל העכער פון אים. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט און זי האָט — אויסער דער ווירטשאַפט, — אים גע־האָלפן אין דער שניידעריי. דער וואַרשטאַט — ווי ביי אַלע יידישע בעלי־מלאכות, — איז געווען אין קיך. ער, דער בעל־הבית, האָט גענייט זיצנדיק אויפן טיש מיט די פיס הינטער זיך און קיין רגע נישט געשוויגן. כסדר עפּעס געזונגען, חזנישס, פון יידישע טעאַטער, אָדער גאָר דערציילט עפּעס אַ מעשה. צו מיר האָט ער געזאָגט: „זעסט, איך זינג, דערצייל, אָבער די הענט אַרבעטן”. אַזוי דאַרף זיך עס פירן. געגעסן, האָב איך צוזאַמען מיט זיי ביים טיש, געשלאָפן אויף אַן אויפגעשטעלט בעטל אין קיך. נאָך עטלעכע טעג אַרבעט, האָב איך גענומען שטאַרק בענקען אַהיים. ווען מען האָט זיך געזעצט עסן, האָט דער לעפל געציטערט אין מיין האַנט פון איינ־געהאַלטענעם געוויין...

אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, בין איך געגאַנגען איבער די גאַסן און געוויינט. איך האָב זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען פון בענקשאַפט. איך בין געגאַנגען צו משה קוטשינסקי, זיך פאַר אים אַראָפּגערעדט פון האַרץ און ווייטער געוויינט; איך האָב גאַרנישט צו די מענטשן, ביי וועמען איך אַרבעט, נאָר די בענקשאַפט פייניקט... משה האָט מיך באַ־רואיקט און געטרייסט: „איך פאַרשטיי דיך זייער גוט, ווען איך בין געווען אין דיינע יאָרן און בין צום ערשטן מאָל געפאָרן אין דער פרעמד, האָב איך אויך זייער געבענקט, נאָר מען געוויינט זיך צו. שפּעטער ווערט לייכטער”...

איך האָב געאַרבעט נאָך אַ וואָך און די בענקשאַפט איז נישט גע־וואָרן קלענער. ביים עסן ציטערן מיר די הענט און אין די נעכט קען איך נישט באַהערשן דאָס געוויין. באַזונדער פייניקט די בענקשאַפט פריי־טיק־צונאַכט און שבת...

די אַנדערע וואָך פרייטיק, האָב איך זיך אַנגענומען מיט מוט און געזאָגט צו מיין בעל־הבית: „איך קען מער ביי אייך נישט אַרבעטן, איך בענק אַהיים". ער און זי קוקן מיך אָן, ווי כ'וואָלט אַראָפּ פון זינען. „וואָס הייסט? — פרעגט מאַטעק, מיין מייסטער, — ווו וועסטו מיך איבערלאָזן אין מיטן זמן? ווו וועל איך איצט נעמען אַ מענטש צו דער אַרבעט?" פון מיינע אויגן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שטראָם טרערן. „איך וועל באַלד צוריקקומען", — האָב איך אַ זאָג געטאָן און אַרויס פון שטוב. איך בין געגאַנגען צו משה קוטשינסקי, געוויינט פאַר אים: „איך קען דאָ מער נישט זיין, איך ווער משוגע פון בענקשאַפט". ער — ווי אַן עלטערער, איז געגאַנגען מיט מיר צו מיין בעל־הבית, גערעדט מיט אים רואיק, אַפּעלירט צו זיין געוויסן: „זעט, — האָט ער געטענהט — ער איז קוים 15 יאָר אַלט, נאָך גאָר אַ קינד, ווילט איר אים האַלטן מיט געוואַלד?" מאַטעק האָט אויך געהאַט זיינע גערעכטע טענות, נאָר זעענדיק, אַז ס'וועט גאָרנישט העלפן, האָט ער מיר אויסגעצאָלט די עטלעכע רובל, וואָס מיר איז געקומען. כ'האָב גענומען מיין קיישל און אַוועק צו דער באַן...

אַ גאַסט אויף שבת

פרייטיק נאָך מיטאָג בין איך געקומען אַהיים. דער ערשטער, האָט מיך דערזען דער טאַטע. מיר געגעבן שלום און אַריינגעשריגן צו דער מאַמען: „פעסע, מיר האָבן אַ גאַסט אויף שבת!" די מאַמע האָט זיך שטאַרק גע־פרייט מיט מיר. „גוט, וואָס דו ביסט געקומען, וואָס מאַכסטו? וואָס הערט מען ביי דיר?" „אַלדאָס גוטס", — ענטפער איך, גלייך ס'וואָלט גאָרנישט געשען...

שבת נאָכן עסן, ביים שפּאַציר אויף דער ברייטער גאַס, האָב איך זיך ספּעציעל געדרייט אויף דעם טראָטואַר פון באַטשקעס דירה. ירחמיאל האָט מיך דערזען און מיך אַריינגערופן אין שטוב. „אַ גאַסט אויף שבת" — זאָגט באַטשקע. מען האָט מיך מכבד געווען מיט טיי און קוכן, געשמועסט. פאַרן אַוועקגיין זאָגט ירחמיאל: „דוד, קום אַרויף נאָך הבדלה, דער

טאַטע וויל מיט דיר עפּעס רעדן". אין אָוונט בין איך אַריינגעגאַנגען. אָנגעהויבן האָט באַטשקע: „כ'האָב געהערט, אַז דו אַרבעטעסט אין וואָלאָצ־לאַוועק, וויפל נעמסטו פאַרן יאָר?" „כ'אַרבעט נישט אויפן יאָר, נאָר אויפן זמן און כ'נעם 65 רובל מיט עסן און שלאָפן" — ענטפער איך. באַטשקע שטעלט אָן אויף מיר זיינע גרויסע אויגן, קוקט אָן מיך און דעם זון. „הערסט, ירחמיאל, 65 רובל פאַר אַ האַלב יאָר, דערצו נאָך עסן און שלאָפן. אַ סך, המ... באמת אַ סך".

„אַ, — רופט זיך אָפּ ירחמיאל — אָבער זיין אָוועק פון דער היים, זיין אין דער פרעמד איז נישט אַזוי גוט. איך אַליין ווייס דעם טעם דערפון...". „יאָ, בין איך מודה, — אוודאי איז בעסער צו זיין אין דער היים".

„איז ווי וואָלט געווען, ווען כ'זאָל דיר געבן 85 רובל אַ יאָר?" — פרעגט באַטשקע. „ניין", — ענטפער איך, איך וויל נישט מוותר זיין אויף אַזוי פיל געלט. טאַטע און זון גייען אַוועק אין אַ ווינקל, סודן זיך, קומען צוריק און דערלייגן נאָך 10 רובל. איך בין נאָך אַלץ נישט צופרידן, וויל שוין אַוועקגיין. נאָר ירחמיאל האַלט מיך צוריק און באַטשקע לייגט פאָר: „נו, מיר גיבן דיר גאַנצע 100 רובל". איצט בין איך מסכים. אַזוי בלייבט עס.

געקומען אַהיים, האָב איך דערציילט, אַז איך פאָר מער נישט קיין וואָלאָצלאַוועק, איך גיי אַרבעטן ביי באַטשקען, נאָר פאַר אַ גאַנצן 100־ער, וועלכן כ'האָב אַליין אויסגעדונגען, אָן קיינעמס הילף...

קיין לאָדזש

אַפּאַרבעטנדיק עטלעכע וואָכן דערציילט אונדז באַטשקע, אַז דער גאַנצער פאָלק מיליטער מיטן שטאַב, פאָרט אַריבער קיין לאָדזש. פאַר־שטייט זיך, אַז ער פירט אַריבער דעם וואַרשטאַט און ער פרעגט מיך, צי איך וויל מיטפאָרן. איך האָב אים תיכף געענטפערט: „יאָ, איך פאָר!" סיי ווי האָב איך נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ער איז געווען דער

איינציקער מיליטער־שניידער אין שטאָט, דערצו האָט מיך געלאָקט דאָס פאָרן אין אַ גרויסער שטאָט... עטלעכע וואָכן פאַר חנוכה, פרייטיק פאָרן אהיימגיין, זאָגט מיר באָטשקע, אַז דינסטיק פאָרן מיר. איך זאָל זיך צוגרייטן, נאָר איך וועל דאַרפן פאָרן מיטן וואָגן זאָכן, „מען קען דאָך די זאָכן נישט לאָזן אַליין". דאָס לעצטע האָט מיר נישט געשמעקט, נאָר האָב איך דען געהאַט אַ ברירה ?...

אין דער היים האָב איך דערציילט, אַז דינסטיק פאָרן מיר קיין לאָדזש. אַז איך וועל דאַרפן פאָרן מיט דער פור צוויי טעג מיט אַ נאַכט אין קעלטן שניי און רעגן — האָב איך פאַרשוויגן...

דינסטיק באַלד אין דער פרי, אַריינגעכאַפּט דעם פרישטיק, מיטגענומען עפּעס עסן אויפן וועג, האָב איך זיך געזעגנט מיט די עלטערן. די מאַמע, ווי תמיד, האָט מיר אָנגעזאָגט: „דוד, פאַרגעס נישט צו דאַווענען, גיי נישט אין שלעכטע וועגן, פאַרגעס נישט, לאָדזש איז נישט קוטנע" און אַזוי ווייטער.

ביי באָטשקען אין הויף איז שוין געשטאַנען דער וואָגן אָנגעלאָדנט מיט זאָכן. אַ באַרג מיט מעבל און שטוב־ווירטשאַפט, אַפילו די פאַס זויערע אוגערקעס האָט מען אַרויפגעשטעלט. אַלץ איז געווען גרייט צום פאָרן. באָטשקע האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל היטן די זאָכן און די „באָטשקעכע" האָט אָנגעזאָגט היטן די אוגערקעס.... און זיי זענען אַוועק צו דער באַן. איך בין געבליבן מיטן בעל־עגלה זרח, אָדער ווי מ'האָט אים גערופן „זרח דער רויטער", צוליב דער רויטער נאָז, וואָס ער האָט געהאַט פון טרינקען בראָנפן...

זרח איז געווען אַ ברייט־פּלייציקער, פעסט־געבויטער ייד מיט אַ קורץ־געשוירענער באָרד, מיט לאַנגע ברעמען, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּחד. ער האָט געטראָגן אַ קורטקע מיט אַ הויכן בּאַראַנקאָווע קאָלנער, אַרומגענומען מיט אַ ברייטן לעדערנעם פּאַסיק. הויכע שטיוול, און אין כאָליעווע האָט געשטעקט אַ בייטש, אַ טיפּישער בעל־עגלה. איצט האָט ער אַרומגעדעקט דעם וואָגן מיט גרויסע לייוונטענע פּלאַכטעס, אַרומגעבונדן מיט פעסטע שטריק, צוגענומען פון די פערד די טאָרבע האָבער, אַ סימן, אַז מיר וועלן באַלד פאָרן. מיך האָט ער אַוועקגעזעצט נעבן זיך

פון פארנט, האט א פאכע געטאן מיט דער בייטש אין דער לופטן, א גע־שריי געטאן: וויא! וויא! און אט פארן מיר שוין. באלד זענען מיר געווען אויסער דער שטאט, אויפן וועג קיין לענטשיץ.

איבער דער פוילישער פראווינץ

דאס איז געווען דאס ערשטע מאל, וואס כ'בין געפארן אויף א וואגן איבער פויליש־יידישע שטעטלעך. דאס וועטער איז געווען פראסטיק־טרוקן, די זון האט געשיינט, האט מען דערוויל נישט געפילט די קעלט און איך האב געשלונגען מיט די אויגן די לאנדשאפט. זרח ציט ארויס זיין גרויסן זייגער, וואס איז געווען צוגעטשעפעט מיט א גראבער קייט צו דער וועסט, גיט א קוק און זאגט: „נו, ביז לענטשיץ האבן מיר נאך א צוויי שעה פארן, ווי זאגט מען עפעס? ביז דער קרעטשמע דארף מען אויך א טרונק בראנפן". ביי די ווערטער ציט ער ארויס פון בוזעם א קליין פלעשעלע בראנפן, גיט עס א זעץ אויף זיין דלאניע, דער קארעק פליט ארויס. כמעט צערטלעך ווישט ער ארום דאס העלדזל פון פלעשל, נעמט עס צום מויל, בייגט ארונטער דעם קאפ, מען הערט נאר בול־בול און מיט איין זופ, איז דאס פלעשל ליידיק. רואיק נעמט ער ארויס פון דעם פעסל — איבער וועלכן די באטשקעכע האט אזוי געציטערט — עט־לעכע זויערע אוגערקעס, פארבייסט, פאסמאקעוועט זיך. „איי, איי, געשמאקע, באטעמטע אוגערקעס". ער ציט ארויס נאך איינע, דערלאנגט מיר און זאגט: „נא, עס בחורל!". מיר איז עס נישט צום הארצן, כ'דארף דאך היטן דעם פאס, די באטשקעכע האט אזוי אנגעזאגט. נאר ווי קען איך זיך קעגנשטעלן דעם געזונטן זרחן? שוויינ איך און עס. אזוי האט זיך עס איבערגעחזרט יעדע עטלעכע שעה: אראפגעלאזט א פלעשעלע וואד־קא, פארביסן מיט די באטעמטע אוגערקעס און ווייטער געפארן... צו מיר איז ער געווען גוט, געוואלט מיך מכבד זיין מיט א זופ בראנפן, נאר איך האב מורא געהאט טרינקען, האט ער עס אליין געטאן...

קיין לענטשיץ זענען מיר אנגעקומען אין מיטן טאג. פונקט איז

דאָרט געווען אַ יאַריד־טאָג. אַ טומל, אַ געשריי פון קויפערס און פאַר־קויפערס, פערד הירזשען, בהמות מרוטשען, חזירים קוויטשען, עופות האַלדערן און קרייען. קוים מיט צרות האָבן מיר זיך דורכגעשטופּט צו דער קרעטשמע. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן דעם ברונעם, געגעבן דאָס פערד טרינקען און פאַשע: „ווען זיי וועלן עסן — זאָגט זרח, — וועלן מיר זיך אַריינכאַפּן צו משה־בערן עפּעס איבערכאַפּן".

אין קרעטשמע איז נישט מעגלעך אַ פוס אַריינצושטעלן: אַ טומל, אַ גע־פילדער, אַ געדיכטע פאַרע מיט ריחות פון קרויט־באָרשט און געבראָטענע גענדז. היינט איז יאַריד, זענען דאָ אַ סך געסט, עסערס. משה־בער, אַ חסי־דישער ייד מיט אַ רויטער באָרד — שוויצט, כאָטש אין דרויסן איז אַ פראָסט. ער לויפט פון גאַסט צו גאַסט, פון טיש צו טיש, די ציצית קוקן אַרויס פון דעם פאַרפעצטן שפּענצער, זיי וואַרפן זיך... אַלע רגע שרייט ער אַריין אין קיכל: „צוויי באָרשט! אַ פאַרציע געבראָטנס! לע־בערלעך! צימעס! קישקע!" זיין זון, אויך אַ רויטער, אַרבעט פליסיק, לויפט אין קיך, ברענגט די פאַרציעס, באַדינט די געסט — אַלץ אויפן פאַטערס באַפעל. די אַרבעט ברענט, נישט אַלע טעג איז דאָך אַ יאַריד...

מיין זרח ווערט אומגעדולדיק, „משה־בער!" — שרייט ער, — מיר, — דאָס מיינט ער אויך מיך — זענען נישט געקומען נעכטיקן דאָ, מיר ווילן עסן און פאָרן ווייטער!"

נאָכן הייסן קרויט־באָרשט מיט קישקע און צימעס, איז מיר הייס געוואָרן. זרח זאָרגט פאַר מיין געזונט. ער וויקלט מיך אַרום מיט אַ שאַל. „דאָ איז הייס, אָבער אין דרויסן איז אַ פראָסט, זאָלסט זיך נישט פאַר־קילן". מיר זענען אַרויף אויפן וואָגן. אַ כוואַסט מיט דער בייטש און מיר פאָרן ווייטער. די זון לאָזט זיך אַראָפּ צום אונטערגיין. אויפן הימל באַ־ווייזן זיך שוואַרצע וואָלקנס, באַלד נעמט שיטן אַ שיטערער שניי, וואָס ווערט אַלץ געדיכטער. זרח באַדעקט אונדזערע פיס מיט זעק. ס׳איז שוין נאַכט און מיר זענען אָנגעקומען קיין אַזאַרקאָוו. „אין דער אכסניה — זאָגט זרח, — וועלן מיר לאַנג נישט שטיין, אַ ביס, אַ גלעזל הייסע טיי און ווייטער געפאָרן". מיר זענען אַריין אין דער קרעטשמע. ביי אַ גרויסן טיש מיט לאַנגע בענק, זענען געזעסן נאָך בעלי־עגלות, וואָס פאָרן קיין

לאַדזש, צווישן זיי, זרחס אַ נאָענטער ידיד, האָט מען געמאַכט אַ „לחיים״, עפּעס געגעסן, אַ ביסל געשמועסט. אין דרויסן איז גוט פֿינצטער, העלגט מען אָן לאַמטערנעס פֿון הינטן און פֿאָרנט און מען לאָזט זיך פֿאָרן אין דער נאַכט אַריין. מיר איז קאַלט, איך ציטער מיט אַלע אברים. דער שניי שיט און שיט — באַדעקט מיך אינגאַנצן. אין האַלבן דרעמל, הער איך, ווי זרח שרייט צו זיין חבר, וואָס פֿאָרט הינטער אים: „ס׳איז שוין באַלד דריי, באַלד וועלן מיר מיט גאָטס הילף זיין ביי דער קרעטשמע!״ דאָס ערשטע מאָל הער איך זרחן דערמאָנען גאָטס נאָמען. מסתמא דער פּחד פֿאַר דער נאַכט האָט עס גורם געווען...

פֿאַרטאָג, די פֿינצטערניש איז בלייכער געוואָרן, די שטערן שיטערער, מען זעט שוין דעם וועג — זענען מיר אָנגעקומען אין דער דאָרפֿישער קרעטשמע. דאָס דאָרף ליגט צווישן וועלדער און עס וווינען דאָ נאָר דריי יידישע משפּחות. דער קרעטשמער — אַ פֿעסטער ענערגישער ייד, רעדט מיט אַ גראָבן באַס־קול. כאָטש אַ דאָרפֿישער, איז ער זייער פֿרום, שיט כסדר מיט תורה־ווערטער. אין אַ זייטיק קליין צימערל, ליגט תמיד אויפֿן טיש אַ טלית ותפֿילין מיט אַ גרויסן סידור פֿאַר די אורחים וועגן. זרח מיט זיין חבר שטעלן זיך דאַוונען. ס׳דויערט ביי זיי נישט לאַנג. זיי גיבן די פֿערד פֿאַשע און נעמען זיך צום אָנבייסן. אַ גלעזל בראָנפֿן מיט אַ גוטן צובייס און מיר פֿאָרן ווייטער. אויפֿן וועג, ווידער עפּעס אַ קליין שטעטל מיט אַ גרויסן מאַרק. ווען מיר שטעלן זיך אָפּ ביי אַ קרעמל, לויפֿן זיך צוזאַמען אַלע קינדער פֿון שטעטל. דער קרעמער כאַפּט דערווייל אַריין אַ שמועס — פּאָליטיק: „איר פֿאָרט קיין לאַדזש? וואָס הערט מען אויף דער וועלט? מ׳שמועסט, אַז ס׳וועט זיין מלחמה, האַ?״. זרח גיט אַ בורטשע: „מלחמה, שמומע, גיט בעסער עפּעס צום עסן, מיר איילן זיך, כ׳וויל נישט אָנקומען קיין לאַדזש שפּעט אין דער נאַכט אַריין״.

ווידער אַ נאַכט. די קעלט נעמט מיך דורך, כ׳ציטער און עס קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. זרח דערוואַרעמט זיך אָפּט מיט אַ גלעזל וואָדקע, מיך טרייסט ער: „שוין באַלד, באַלד, וועלן מיר זיין אין לאַדזש״. פֿון דער ווייטנס זעט מען ליכט־שיין, כ׳מיין, אַז ס׳איז שוין לאַדזש, נאָר זרח זאָגט, אַז דאָס איז ערשט זגערזש. נאָר פֿון דאָ איז שוין באמת נישט ווייט.

זגערזש זענען מיר דורכגעפאָרן אין גאַלאָפּ און מיר זענען אָנגעקומען קיין לאָדזש. מיר פאָרן דורך איינע פון די הויפּט־גאַסן און כ׳בין פאַר־גאַפט. כ׳האָב גאָר פאַרגעסן די קעלט און די מידקייט. אַזוי פיל ליכט אין די גאַסן, אין די שויפענצטער, טראַמווייען לויפן, קלינגען, אַזוי פיל מענטשן. דאָס אויג קען עס קוים אויפכאַפּן... נאָר אָט זענען מיר שוין אין אַ זייטיקער גאַס, נעבן דער באַן. דאָ איז געשטאַנען אַ טייל פון מיליטער, וואָס איז געקומען פון קוטנע און באַטשקע, דער מיליטערישער שניידער האָט דאָ באַקומען אַן אומזיסטע דירה. מיר זענען שוין ביי דער שטוב, ווו ער וווינט. דער רויטער זרח שפּרינגט אַראָפּ פון וואָגן, מאַכט אַ באַוועגונג, ווי עמיצן אַרומצוכאַפּן, נאָר כאַפּט אַרום זיך אַליין. אַזוי קלאַפּט ער זיך אַליין מיט זיינע געזונטע הענט איבער די זייטן אַ לענגערע צייט, כדי זיך צו דערוואַרעמען. מיר איז שרעקלעך קאַלט, אַלע ביינער טוען וויי פון דער נסיעה. ווען מיר זענען אַריין אין שטוב, זאָגט די באַטשקעכע: „אָ, מיר האָבן גערעדט פון אייך, מיר האָבן מורא געהאַט, איר וואָלט נישט קומען שפּעט ביינאַכט״. „יאָ, — ענטפערט זרח, — איך דאָס קען טרעפן ביי די טיפע שנייען און גליטשיקע וועגן״.

באַטשקע האָט אַ קאָמאַנדע געטאָן צו זיין זון און ברודערס זון: „נו, חברה, ירחמיאל, יחיאל! גייט אַרונטער העלפן אַרויפנעמען די זאַכן!״. מען האָט אַלץ אַרויפגעבראַכט. נאָר ווען מ׳האָט אַוועקגעשטעלט די פּאַס זויערע אוגערקעס, האָט די באַטשקעכע געגעבן אַ טיפן קוק אַריין אין איר פּנים האָט זיך פאַרענדערט, דאָס גרויסע מויל האָט זיך פאַר־קרימט און די בייזע אויגן האָבן געברענט פון כעס. פאַר זרחן האָט זי מורא געהאַט צו רעדן, זי האָט געוווּסט אַז ער קען איר געבן אַזאַ „טאַטע־לשון״, זי זאָל האָבן צו געדענקען. נאָר ווי ער איז אַרויס פון שטוב, האָט זי אויסגעשאָסן, אַרויף אויף מיר מיט זידלערייען: „דו הונט איינער, מען האָט דיך געהייסן פאָרן מיט דער פור, כדי אַכטונג צו געבן. איצט פעלט מיר אַ האַלבע פּאַס אוגערקעס. ווער האָט זיי אויפגעגעסן?״. איך בין געווען צו מיד און שוואַך איר צו ענטפערן, האָב איך געשוויגן און גע־שלונגען די טרערן. ירחמיאל האָט, זעט אויס, געפילט די עוולה, וואָס ווערט מיר דאָ געטאָן, האָט ער זיך צעשריגן אויף זיין שטיף־מאַמען:

„וואָס ווילסטו פון אים? וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט? דאָס איז דער ברוך־הבא, וואָס דו גיסט אים, נאָך דעם, וואָס ער האָט זיך געוואַלגערט צוויי טעג מיט אַ נאַכט אויפן וואָגן, אין שניי און קעלט? דאָס איז דאָס וואַרעמע עסן, וואָס דו גיסט אים, נאָך אַזאַ שווערער רייזע? און אויב זרח האָט געצויגן אוגערקעס, האָט ער זיך געדאַרפט שלאָגן מיט אים?". דאַ האָט זיך שוין אַריינגעמישט באַטשקע אַליין: „נו, גענוג, גענוג, ירח־מיאל! זאָל שוין זיין שטיל! רחל, גיב דודן צו עסן!..."

אין דער גרויסער קיך, וואָס איז אויך דער אַרבעט־וואַרשטאַט, האָט מען אויפגעשטעלט אַ צוליי̆ג־בעטל. איך בין געפאַלן אויפן געלעגער און באַלד איינגעשלאָפן, אַ טויט־מידער...

צומאָרגנס באַלד אין דער פרי, האָט מיך געוועקט באַטשקעס ברודערס זון יחיאל, „דוד, שטיי אויף, ס'איז שפּעט!" איך האָב געעפענט די אויגן, זיך אַרומגעקוקט, נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. נאָר נאָך עטלעכע מינוט, בין איך געקומען צו זיך, פאַרשטאַנען, אַז ס'וועט גאָר־נישט העלפן, מ'דאַרף זיך נעמען צו דער אַרבעט...

יחיאל — באַטשקעס ברודערן־זון — אַרבעט שוין לאַנג אין לאָדזש, איצט אַרבעט ער ביי זיין פעטער, צוזאַמען מיט מיר. זיינע עלטערן וווינען אין קוטנע. זיין פאָטער איז אויך אַ מיליטערישער שניידער, נאָר — ווי זאָגט באַטשקע — „נעבעך, אַ שלימזל". דאָס גאַנצע לעבן אַן אַרבעטער ביי יענעם. איצט, אויף דער עלטער, ווייל אים מער קיינער נישט האַלטן, אַרבעט ער אין שטוב. ווער ס'האָט אַרבעט איבערן קאָפּ און קען זיך אַליין קיין עצה נישט געבן, גיט ער אים די אַרבעט אַהיים. אַזוי האָט זיך אויך געפירט זיין ברודער באַטשקע, ווען ער האָט נאָך געוווינט אין קוטנע. זייער דירה איז געווען אויף אַ שמוציקן הויף אין אַ זייטיק געסל. אויף עטלעכע, זיך טרייסלענדיקע טרעפּלעך, איז מען אַריין אין שטוב, די טיר איז געווען פאַרלאַטעט מיט ברעטער, אַן אויסגעהאַקטע שויב, פאַרשטופּט מיט אַ שמאַטע. דאַ, ביים איינציקן פענצטער, איז געזעסן יחיאלס טאַטע און געדזשאַבעט מיט דער האַנט, אָדער געניייט אויף דער מאַשין, זיין איינציקער פאַרמעגן... ווי אַנדערש ס'זענען די גורלות פון צוויי ברידער...

יחיאל, אַ דאַר, שוואַרץ ייִנגל, אַרבעט שטענדיק אין דער פרעמד.

עסט ביי פרעמדע טישן און שלאָפט אויף פרעמדע געלעגערס. נאָר עס אַרט אים נישט. ער האָט זיך צוגעוווינט און איז צופרידן פון זיין לעבן. פּאָליטיק, ביכער לייענען, אינטערעסירן אים נישט. נאָר ער האָט ליב טעאַטער און דער עיקר גייט אויס זיין האַרץ נאָך טאַנצן... מיר ביידע האָבן געלעבט אין פריינדשאַפט; געאַרבעט צוזאַמען, געגעסן צוזאַמען און געשלאָפן אין דער זעלביקער קיך... די באַטשקע־משפחה האָט געגעסן אין אַן אַנדער צימער, אונדז האָט מען אַריינגעברענגט דאָס עסן אין קיך אַריין. שטענדיק האָב איך עס געפילט ווי אַ טיפע באַליידיקונג, ווי מיר וואָלטן געווען מענטשן פון אַ נידעריקן גראַד. נאָר מיט איין זאַך איז עס געווען בעסער — ווייל עסנדיק באַזונדער, האָב איך נישט געדאַרפט אָנקוקן די באַטשקעס זויער פּנים...

אין לאָדזש

שבת אין דער פרי האָט מיר יחיאל גענומען אויף אַ שפּאַציר, כדי מיר צו ווייזן די שטאָט. צום ערשטן מאָל בין איך אין אַזאַ גרויסע שטאָט ווי לאָדזש. אַ גאָר גרויסן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט די פּיעטריקאָווער גאַס. אַזעלכע ברייטע טראָטואַרן, גרויסע געשעפטן, טראַמווייען און אַזוי פיל מענטשן. ס'רוישט און עס זשומעט ווי אויף אַ גרויסן יאַריד. אַלע מענטשן איילן זיך, ווי זיי וואָלטן געקענט עפּעס פאַרשפּעטיקן... פון פּיעטריקאָווער, זענען מיר אַריין אין קאָנסטאַנטינער גאַס. דאָ איז שוין אַ ביסל רואיקער, דאָ האָט מען שוין דערקענט דעם שבת. אַ סך געשעפטן פאַרמאַכט, חסידים גייען רואיק אין זייערע שטיבלעך, מאָדערנע מענטשן — אין שול אַריין. ביים יידישן טעאַטער האָבן מענטשן געקויפט בילעטן אויף דער שבת־צונאַכטיקער פאָרשטעלונג. כ'האָב געקויפט דעם „לאָדזשער טאָגבלאַט" און געלייענט אַ מודעה פון דער „צעירי־ציון", אַז הייַנט קומט פאָר אַ חברים־פאַרזאַמלונג. אין אָוונט בין איך דאָרט אַהין אַוועק. ווען מען האָט מיך געפרעגט: צי איך בין אַ חבר? האָב איך זיי

דערציילט, אז כ׳בין פון קוטנע, כ׳וויל זיך באקענען מיט די חברים דא אין לאדזש. מען האט מיך אריינגעלאזט — פארט א חבר פון דער פראווינץ. ס׳איז געווען די יערלעכע אלגעמיינע פארזאמלונג. מען האט אפגעגעבן א באריכט און אנגעצייכנט די ריכט־ליניעס פאר דער ווייטער־דיקער ארבעט. ס׳איז אויך פארגעקומען א דיסקוסיע, עטלעכע נעמען פון די באטייליקטע געדענק איך נאך ביז היינט: ראפאפארט, דאווידאוויטש, יעבץ. מיט זיי האב איך זיך שפעטער נעענטער באקאנט, זייער פיינע און איי־בערגעגעבענע חברים. אזוי בין איך יעדע וואך געקומען צו דער „צעירי־ציון", געהערט רעפעראטן און אהיימגענומען ליטעראטור צום לייענען. א סך פון די חברים זענען געווען שטודירנדיקע יוגנט — פול מיט פייער און באגייסטערונג. זייער אקטיווע טעטיקייט האט אויף מיר געמאכט א טיפן רושם.

איינמאל, א שבת נאך מיטאג, האט מיך יחיאל גענומען אין דעם בארימטן „טאנץ־סאלאן" פון הענדריקאווסקי. בחורים און מיידלעך האבן אום סאמע שבת אויסגעקויפט בילעטן און געטאנצט ביי דער באגלייטונג פון מוזיק. ווען ס׳איז געקומען צו דער קאלעקטיווער רונדע, מיט וועלכער ס׳האט אנגעפירט הענדריקאווסקי אליין, האט מיך יחיאל אריינגעשלעפט אין טאנץ. איינע א פריילין, האט געוויקלט פאפירענע סטענגעס איבער די העלדזער פון די טאנצנדיקע, געשיט מיט קאנפעטי אויף די קעפ און אקסלען. ס׳איז געווען פריילעך.

דאס לעצטע מאל ווען כ׳בין געקומען מיט יחיאלן אין טאנץ־זאל, האט מיר הענדריקאווסקי צוגעשפילעט אן אויסצייכענונג פאר גוט טאנצן, כאטש כ׳האב נאך קיין פוס נישט געקענט שטעלן. פארוואס ס׳איז מיר געקומען, איז מיר ביז היינט נישט קלאר, מסתמא געהער דאס צו די סודות פון דער פרנסה...

ס׳איז געווען נאענט צו פסח, ביי באטשקען האבן מיר שוין געארבעט ביז שפעט אין דער נאכט. ווען ס׳איז שוין געקומען דער לאנג־דערוואר־טער שבת, בין איך געווען מיד און געבליבן אין שטוב לייענען א בוך. פלוצים גיט מיר יחיאל א זאג: „הער, דוד, מיר זענען דאך שוין גוטע נאענטע חברים, וויל איך דיך פרעגן — צי דו גלויבסט אין גאט?" די

ערשטע רגע, האָב איך זיך פאַרלוירן, וואָס מען ווענדט זיך צו מיר מיט אַזעלכע ערנסטע פראַגן. נאָר באַלד האָב איך געמאַכט אַן ערנסטן אָנ־שטעל און ווי אַן אַנגעלייענטער, איבערצייגטער סאָציאַליסט, געענט־פערט: „געוויס גלייב איך אין גאָט, נאָר אַזוי ווי איך פאַרשטיי דעם באַגריף „גאָט". מיין גלויבן האָט גאָרנישט קיין שייכות מיט גיין אין שול, דאַווענען א. א. וו. נאָר דער מענטש, וואָס דערהויבט זיך צו אַ הויכער מאָראַלישער מדריגה, איז באַהאַפטן מיט דער געטלעכקייט..."

יחיאל האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען און ווייטער געפרעגט: „כ'וויל וויסן, צי דו גלויבסט אין אַ „יענער וועלט", אין אַן „עולם הבא"? „ניין, אין דעם גלויב איך נישט. כ'גלויב נאָר אין דער עקזיסטירנדיקער וועלט, אין דער וועלט, וועלכע מיר פילן מיט אונדזערע חושים און אין וועלכער מיר לעבן. דיין פעטער באַטשקע און אַנדערע גבירים זענען פאַראינטע־רעסירט איינצורעדן די מאַסן אַ גלויבן אין אַן אַנדער אייביקער וועלט, כדי זיי זאָלן נעמען פאַר ליב די שווערע אַרבעט, זיך לאָזן אויסנוצן, לעבן אין אָרעמקייט — ווייל די וועלט איז דאָך נאָר אַ צייטווייליקע, אַ פרוזדור צו אַ שיינע וועלט. דערוויל געניסן זיי אַליין פון דעם גאַנצן „עולם הזה". האָסט מיך פאַרשטאַנען, יחיאל?" „יאָ, איך פאַרשטיי — ענטפערט ער, — איך פאַרשטיי, אַז דו גלויבסט נישט אין גאָט...". „יחיאל, דו וועסט קיינ־מאָל נישט פאַרשטיין אַזעלכע זאַכן, אויב דו וועסט נישט לערנען און לייענען. לערן, לייען, וועסטו נישט דאַרפן פרעגן, וועסט אַליין אויסגע־פינען" — האָב איך פאַרענדיקט מיט אַן אויטאָריטעטן טאָן...

אויף פסח זענען מיר ביידע געפאָרן אַהיים קיין קוטנע. אויף דער באַן האָט ער מיר פאַרגעלייגט אַ געשעפט: היות ער איז אַ גוטער טענצער, נישט נאָר פשוטע טענץ, נאָר אויך אויף באַלעט־טענץ איז ער אַ מומחה, וויל ער, אַז חול־המועד פסח זאָלן מיר איינאָרדענען אַ טאַנץ־אָוונט אין קוטנע. לויט זיין חשבון, קען דאָס איינבררענגען אַזוי פיל געלט, וויפל מיר פאַרדינען אַ האַלב יאָר ביי באַטשקען. איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז קיין געלט אַריינצולייגן אין דעם עסק, האָב איך נישט. כ'וויל אויך נישט, אַז מיין נאָמען זאָל פיגורירן אויף די פלאַקאַטן, וואָס מען וועט אויסהענגען אין שטאָט, כ'קען עס נישט טאָן צוליב מיינע עלטערן

און דעם זיידן. נאָר כ'וועל העלפן מיט וואָס כ'וועל קענען. יחיאל האָט מסכים געווען און דער שותפות איז געשלאָסן געוואָרן...

קומענדיק אין שטעטל, האָבן מיר זיך געלאָזט אַהיים צופוס, טראָגנ־דיק מיט זיך צוויי שווערע אַרבוזן — אַ מתנה פאַר די עלטערן אויף פסח. די שוועסטער און דער ברודער האָבן זיך מיט מיר שטאַרק געפרייט, נאָר ווען דער טאַטע האָט אַ קוק געטאָן אין זעקל, איז ער אין כעס געוואָרן: „דאָס ברענגט מען אַהיים אויף פסח?, צוויי אַרבוזן, ווי די שטיינער?" — האָט ער זיך געבייזערט. נאָר די גוטע מאַמע האָט, ווי שטענדיק, זיך אָנגערופן: „גרשון, מיר דאַרפן זיין צופרידן, וואָס אונדזער זון איז געקומען אויף פסח אַהיים. ווען ער וואָלט אַפילו גאָרנישט געבראַכט, איז ער אָן אָנגעלייגטער גאַסט, ער אַליין איז די בעסטע מתנה..."

יחיאל האָט זיך פאַרנומען מיטן צוגרייטן דעם טאַנץ־אָוונט. ער האָט צוגעצויגן נאָך איין שותף אַ בעקער — בנימין. זיי האָבן געדונגען אַ גרויסן זאַל מיט אַ קאַפּעליע מוזיקאַנטן, אין שטאָט זענען אויסגעקלעפּט געוואָרן פּלאַקאַטן, אַז חול־המועד פּסח וועט פאַרקומען אַ גרויסער „טאַנץ־אָוונט" אונטער דער לייטונג פון דעם באַרימטן טאַנץ־מייסטער פון לאָדזש — יחיאל באַטשקע.

אַרום 8 אָוונט, אין דעם טאָג, וואָס דער טאַנץ־אָוונט האָט געדאַרפט פאַרקומען, בין איך געקומען אין זאַל. יחיאל איז שוין געזעסן ביי דער קאַסע און דער בעקער האָט זיך נערוועז געדרייט אַהין און צוריק. אויף אַ באַנק, נאָענט פון דער קאַסע, זענען געזעסן צוויי פּאָרלעך און געוואַרט, אַז מענטשן זאָלן קומען. דערווייל האָבן זיי קיין בילעטן נישט געקויפט. דער זייגער איז שוין 8. איצט האָט זיך עס געדאַרפט אָנהייבן. ס'באַווייזן זיך נאָך עטלעכע פּריילינס מיט קאַוואַלירן, נאָר דערזעעדיק דעם „באַ־רימטן באַלעט־טענצער" — יחיאלן, זענען זיי באַלד אַוועק צו דער צוויי־טער קאַסע, וואָס איז געווען דאָ נישט ווייט, און געקויפט בילעטן אין קינאָ...

דער זייגער גייט, ס'איז שוין נאָך 9 און דער זאַל איז פּוסט. די מוזיקאַנטן טוען זייערס, זיי שפּילן טאַנץ־מוזיק...

אין גאַס האָבן זיך אַרומגעדרייט יידישע רעקרוטן. בחורים, וואָס

האָבן געדאַרפט שטיין פּאָר אַ מיליטערישער קאָמיסיע און ווערן סאָלדאַטן, נאָר זיי האָבן געטאָן אַלץ, כדי זיך אַרויסצודרייען דערפון. זיי האָבן זיך געצערט — געגעסן געזאַלצענע זאַכן, ווייניק געשלאָפן, אַ סך געגאַנגען אַלץ — כדי זיך צו מאַטערן, זיי זאָלן אָפּפאַלן פון דער וואָג און באַפרייט ווערן. הערנדיק שפּילן טאַנץ־מוזיק, זענען זיי, אַ גאַנצע כאַליאַסטרע, אַריין אין זאַל, — צו דער קאַסע אַפילו קיין בליק נישט געטאָן און געגומען טאַנצן. (דאָס איז אויך אַ מיטל אַפּצוקומען פון דער וואָג). יחיאל און בנימין האָבן גאָרנישט געזאָגט, זיי זענען געווען נידערגעשלאָגן און רעקרוטן איז סיי ווי אַלץ דערלויבט...

אַרום 10 האָט יחיאל געשיקט בנימינען רופן דעם סטרוזש, ער זאָל פאַרלעשן דאָס ליכט און פאַרשליסן דעם זאַל. נאָר ער איז נישט צוריק־געקומען. אַ ביסל שפּעטער, האָט יחיאל פאַרשלאָסן די ליידיקע קאַסע און איז אַליין אַוועק רופן דעם סטרוזש. דער האָט געטאָן, ווי מיר האָבן אים געהייסן און מיר זענען אַוועק זוכן בנימינען. מיר האָבן אים געטראָפן ביי זיך אין שטוב — אַ קעלער־שטוב אויפן אַלטן מאַרק — אַ שלאָפנדיקן. יחיאל האָט אים אויפגעוועקט מיט אַ טענה: „כ׳האָב דיך געשיקט רופן דעם סטרוזש, ליגסטו גאָר דאָ און כראָפּעסט?" בנימין האָט קוים פאַר־שטאַנען וואָס מ׳וויל פון אים, דערנאָך האָט ער זיך פאַרענטפערט: „ווען כ׳האָב געזען אַ ליידיקע קאַסע, און אַ האַלבער זמן שכירות איז אַוועק מיטן ווינט, בין איך געווען אין אַ צושטאַנד פון חלשות, כ׳האָב זיך קוים דערשלעפּט אַהיים און געפאַלן אויפן בעט"... אַזוי האָט זיך פאַרענ־דיקט יחיאלס טרוים צו כאַפּן אַ לייכט פאַרדינסטל...

נאָך פסח זענען מיר צוריקגעפאָרן קיין לאָדזש. אויף דער באַן האָט מיר יחיאל געגעבן אַנצוהערענישן אַז איך וועל דאַרפן צוטראָגן מיין חלק צו דעם היזק וואָס ס׳איז געווען פון טאַנץ־אָוונט. איך האָב אים געענט־פערט אַז כ׳האָב אים פריער געזאָגט אַז קיין געלט האָב איך נישט און ער האָט מסכים געווען. „נו אויב אַזוי, — זאָגט יחיאל, — וועל איך דיך אין לאָדזש רופן צום רב..."

קיין לאָדזש זענען מיר אָנגעקומען שוין שפּעט אין טאָג. געאַרבעט יענעם טאָג האָבן מיר נישט, נאָר די באַטשקעכע האָט מיר באַפוילן, כ׳זאָל

אראפגיין אויפן הויף אנהאקן האלץ צום הייצן אין קיך. א כעס האט מיך באהערשט — וואס מיינט זי מיט זיך? איך בין א לערן־יינגל, אדער א האלץ־העקער? איך האב איר אפגעזאגט. דעמאלט איז זי ארויס אויף מיר מיט א מענה־לשון: „דו, הונט איינער! וואס מיינסטו מיט זיך, איך האב שוין פארגעסן די פאס אונגערקעס, וואס דו האסט אויפגעגעסן?" און נאך אזעלכע שיינע דיבורים. איך האב זיך שוין נישט געקענט מער איינ־האלטן און אויסגעבראכן מיט א געוויין... כ'האב זיך אבער באלד באַ־הערשט און געזאגט צו באטשקען: „כ'וויל מער ביי אייך נישט ארבעטן, באצאלט, וואס מיר קומט פון אייך און כ'פאר אהיים!". באטשקע האט נישט געהאט קיין חשק מיך אפצולאזן, נאר ירחמיאל האט זיך אריינגע־מישט, האט ער מיר באצאלט די עטלעכע רובל, וואס מיר איז געקומען און איך בין אהיימגעפארן.

אהיימקומענדיק מיט מיין קיישל זאכן, האבן די עלטערן באלד פאר־שטאנען וואס דאס באדייט. נאך עטלעכע מינוט שווייגן, רופט זיך אפ דער טאטע: „נו, וואס איז שוין ווידער? אין וולאצלאוועק האסטו נישט געקענט זיין, אין לאדזש קענסטו נישט זיין, ווו־זשע וועסטו יא קענען זיין?" זיינע ווערטער האבן מיך אויפגערעגט און ווי געטאן, האב איך מיט כעס געענטפערט: „דער טאטע האט קיינמאל נישט געארבעט און אוודאי נישט ביי יענעם, קיינמאל נישט געגעסן ביי פרעמדע טישן און נישט געשלאפן אויף א פרעמד געלעגער, איז אים גרינג מיר צו מאכן פארווורפן. איך בין גרייט צו ארבעטן שווער, איך בין גרייט געווען צו פארן אויף אן אפענעם וואגן טעג און נעכט, אין קעלטן און שניי אבער קיין באליידיקונגען, קיין דערנידעריקונג וועל איך נישט פארנעמען". „נו, אויב אזוי, וואס קלערסטו איצט צו טאן?" — פרעגט דער טאטע. איך טראכט אין גיכן אוועקצופארן אין דער גרויסער וועלט און ביז דעמאלט וועל איך זיך שוין געפונען ארבעט...

איך בין אריינגעגאנגען אין דעם שניט־געשעפט פון נתן וויינשטיין אויף דער ברייטער גאס. דערזעענדיק מיך, האט נתן געזאגט צו זיין ווייב: „זע נאר גנענדל, ווער ס'איז געקומען — גרשונס זון, יצחקס אייניקל!" און צו מיר: „נו, וואס וועסטו זאגן עפעס גוטס? דער זיידע האט דיך געשיקט?"

כ׳האָב אים דערציילט מיין לאַגע און אים געבעטן ער זאָל מיך צונעמען פאַר אַ „מענטש" אין זיין געשעפט. נתן האָט געצופּט זיין גרויסע געלע באָרד, לאַנג געטראַכט און צום סוף געזאָגט: „אַזוי גאָר? הער זשע בחורל, איך דאַרף טאַקע אַ מענטש, אַ געהילף, אָבער נאָר אויף צוויי טעג אין וואָך — דינסטיק און פרייטיק. אין די מאַרק־טעג, ווען די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער שטופּן זיך אַן אין געוועלב, דאַרף מען אויף זיי גוט אַכטונג געבן, זיי זאָלן נישט עפּעס איינשטופּן אין די קיישלעך אָדער אין בוזעם. האָסט מיך פאַרשטאַנען? אַחוץ אין די צוויי טעג, קען איך מיט מיין ווייב זיך גאַנץ גוט אַן עצה געבן. נאָר ביסט דאָך עפּעס יצחקס — מיין בעסטן ידידס — אַן אייניקל, וועל איך דיך צונעמען אויף דער גאַנצער צייט, אויפן זמן. ביי מיר וועסטו זיך אויסלערנען זיין אַ סוחר. נאָך אַלעמען פּאַסט נישט, אַז יצחק מענכעס אַן אייניקל זאָל זיין אַ שניידערוק...". איצט האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן ווייב און צוגעגעבן: „אַן אַנדערן וואָלט איך געגעבן 25 רובל אַ זמן, נאָר דיר גיב איך 35. ביסט צופרידן?" כ׳האָב מסכים געווען.

נתן ווינשטיין איז אַ ייד אין די 60־ער, נישט קיין הויכער, מיט אַ געדיכטער געלער באָרד און גרויסע ברעמען. ער רעדט אָן אַן אויפהער, לאָזט קיינעם נישט קומען צום וואָרט. ער האָט פיינט, אַז מען האַקט אים איבער אין דער מיטן, נאָר תמיד האַלט ער „אין דער מיטן". אין משך פון לאַנגע יאָרן שטיין דאָ אין געוועלב, נאָך ביי זיין פאָטערס לעבן און שוין לאַנג נאָכדעם, פון כסדר האָבן צו טאָן מיט די ווייבער, האָט ער זיך צוגע־ווינט אַ סך צו רעדן... ווען אַ יידענע דאַרף האָבן עטלעכע איילן לייוונט, אָדער סאַטין, קומט זי אין געוועלב — מיט דער מאַמען, מיט אַ שוועסטער און מיט דער שניידערין. מען וואַרפט אָן אַ גאַנצן באַרג סחורה, מען דינגט זיך, ביז לסוף הייסט מען אָפּשניידן און די גאַנצע צייט האַלט נתן אין איין רעדן, אַפילו ווען ס׳איז גאָרנישט נייטיק. ער רעדט וועגן געשעפט, וועגן פּאָליטיק, ער קען נישט שווייגן...

אין זיין חסידים־שטיבל כאַפּט ער זיך כסדר צום ברעטל, זיין אַ בעל־תפילה. נאָר דער עיקר גייט אים אויס דאָס חיות צו זיין אַ גבאי. ער איז געווען אַ געערער חסיד, האָט ער זיך צעקריגט מיטן גבאי, איז ער

אוועק צו די קאָצקער, אויך דאָרט איז נישט געווען קיין שלום, ווען מען האָט געדאַרפט קלייבן אַ גבאי, האָט נתן זיך געריסן, ממש איינגעלייגט וועלטן, נאָר זיין בעל־יריב איז געווען אַן עקשן, אַן אַלטער קאָצקער חסיד, זענען טאָקע געפלויגן פּעטש... דער סוף איז געווען, אַז נתן איז אַריבער־געגאַנגען צו די אַלעקסאַנדער חסידים. דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט און ער איז דאָ געוואָרן דער גבאי. נאָך אַזאַ נצחון, האָט נתן געמאַכט אַ גאַנ גרויסן קידוש פאַר די אַלעקסאַנדער; וויין, בראָנפן, לעקעך, שטראָדל, פיש און גאַליער איז געווען לרוב. ער האָט אויך פאַרבעטן גוטע פריינד געוער און קאָצקער חסידים, זיי זאָלן קענען איבערדערציילן וואָסער קידוש, כיד המלך, נתן האָט געמאַכט...

צו מיין זיידן איז נתן געקומען כמעט אַלע מוצאי־שבת, אַמאָל אויך אין מיטן וואָך, ווען ער האָט געדאַרפט אַ גמילת־חסד צו באַצאָלן אַ וועק־סעלע. אָבער שבת־צו־נאַכטס איז עס געווען אַ באַזוך ביי אַ גוטן־פריינד, בלויז רוחניות... אַ גאַנצע וואָך האָט ער געשמעקט טאַבאַק, נאָר שבת־צו־נאַכטס האָט ער פאַררויכערט אַ גרויסן ציגאַר און געלאָזן געדיכטע וואָלקנס רויך בעת ער האָט גערעדט. און גערעדט האָט ער כמעט שטענדיק, שטענדיק האָט ער עפּעס צו דערציילן. דער עיקר, ווען ער קומט פון רבין, האָט ער צו דערציילן וואָכן־לאַנג: פון אַלע חסידים וואָס ער האָט געטראָפן, פון די טיש־זיצער, פון רבין אַליין — ניסים ונפלאות... ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם, נעמט ער אויסטייטשן דעם פּאָליטישן פרייטיק־פעליעטאָן פון „איטשעלען" (ב. יאושזאָן). אַזוי האָט ער נישט געהאַלטן פון די צייטונגען, וואָס שרייבן אַפּיקורסות און ליגנט, נאָר איטשעלעס פעליעטאָן, די שמועסן געמישט מיט תורה־ווערטלעך, האָט ער ליב געהאַט און צוליב דעם געקויפט יעדן פרייטיק דעם „מאָמענט".

ביי מיין זיידן אין הויז איז נתנען זייער באַקוועם צו רעדן, קיינער שטערט אים נישט. דער זיידע איז אַ שווייגער, אַ געדולדיקער צוהערער, נאָר ווען נתן צעהיצט זיך ביים אַרויסזאָגן זיינע סברות — ער איז דאָך עפּעס אַ „פּאָליטיקער" און דערביי זיצט דער ציגאַר ביי אים אין מויל, רייסט אים דער זיידע איבער — „נתן, כ'בעט דיך, אַז דו רעדסט, נעם אַרויס דעם ציגאַר פון מויל, שטעל אַ ביסל אָפּ דעם קוימען". נתן פאָלגט,

ווייל ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון מיין זיידן און דאָס וואָס ער האָט מיך צוגענומען אין געשעפט, איז געווען כדי אָפּצודאַנקען דעם זיידן פאַר זיין גוט־פריינדשאַפט און פאַר די גמילות־חסדים. ער וועט מיך מאַכן פאַר אַ מענטש, אַ סוחר, ווי עס פאַסט פאַר ר׳ יצחק מענכעס אַן אייניקל...

דעם ערשטן טאָג, ווען כ׳בין געקומען אין געשעפט אַריין ווערן אַ „מענטש״, האָט מיך נתן געהייסן צעוואַרפן אַ שטיק סחורה און עס ווידער צוזאַמענוויקלען. „ביי יעדער קונד, וואָס קויפט עטלעכע איילן סחורה — האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין — צעוויקלט מען עטלעכע שטיק, נאָך אַ מאַרק־טאָג איז די גאַנצע סחורה צעוואָרפן. איז וויכטיק צו קענען אויפוויקלען פונקט ווי ס׳איז געווען פון פאַבריק. אַז דו וועסט שוין קענען וויקלען — וועל איך דיך לערנען מעסטן, דאָס איז נאָך וויכטיקער...

באַלד טאָקע צומאָרגנס איז געווען אַ מאַרק־טאָג. אינדערפרי האָט נתן געגעבן אָנווייזונגען, ווי אַזוי צו אַרבעטן: מיך האָט ער געהייסן שטיין אויף דער שוועל און קוקן אין געוועלב אַריין, זיין טאָכטער, שרה, וועט שטיין אין געוועלב און קוקן אין דרויסן אַרויס און ער מיט זיין גנבענדל וועלן שטיין היגטערן טומבאַנק און פאַרקויפן. דער עיקר, איך זאָל קוקן מיט טויזנט אויגן, אַז די קונים זאָלן נישט גנבענען. באַלד טאָקע האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן די ערשטע קונים: ס׳זענען געקומען אַ פּויער מיטן ווייב, מיט אַ טאָכטער און אַ ייִנגל. זיי האָבן געוואָלט קויפן רויטע לייוונט צום איינשיטן פעדערן אויף בעטגעוואַנט. באַלד נאָך זיי זענען געקומען נאָך גויים מיט ווייבער און קינדער, מיט קוישן און זעק, דאָס געוועלב איז געוואָרן פול. גנבענדל האָט צעוואָרפן גאַנצע פּאַליצעס מיט סחורה, נתן האָט געמאָסטן און גערעדט... ער האָט גערעדט מיט אַזאַ כוח, אַזש אַ שוים האָט זיך געוויזן אין די ווינקלען פון זיין מויל. דערביי האָט ער נישט פאַרגעסן צו וואַרפן בליקן, צי איך גיב גוט אַכטונג. אַלע ווײַלע האָט ער אַריבערגעשריגן: דוד, שרה! זעט, גיט אַכטונג! וואָס טוט דאָרט דער ערל אין ווינקל? וואָס לייגט ער אין קיישל? אַזוי האָבן מיר אָפּגעאַרבעט דעם גאַנצן פרייטיקדיקן טאָג, ביז ס׳איז געוואָרן שבת...

שבת אין דער פרי האָב איך זיך געטראָפן מיט מיין חבר יהושע

רויער. כ'האָב אים דערציילט פון מיין נייער אַרבעט און ער האָט מיר דערציילט, אַז זיי האָבן באַקומען אַ בריוו פון זיין טאַטן אין אַמעריקע, אַז גאָר אין גיכן וועלן זיי אַלע אַריבערפאָרן צו אים. הערנדיק דאָס האָב איך אים פאַרטרויט מיין סוד, אַז איך האָב חשק צו פאָרן אין דער גרויסער וועלט אַריין: פּאַריז, לאָנדאָן, אַמעריקע, ווו נאָר עס וועט זיך לאָזן.. אַ געוויסע צייט האָט אין מיין דמיון פאַרנומען אַן אָרט אויך ארץ־ישראל, האָב איך געשריבן אַ בריוו צו מיין פעטער זלמן ליכט אין ירושלים. היות איך בין אַ שניידער, בעט איך אים, ער זאָל מיר שרייבן צי כ'וועל קענען געפינען אַרבעט ביי מיין פאַך? אויב יאָ — וואָלט איך גערן געקומען קיין ארץ־ישראל. אין אַ צייט אַרום באַקום איך אַן ענטפער, אין וועלכן ער שרייבט: קיין שניידערס דאָ דאַרף מען נישט, קיין אַרבעט ביי שניידעריי איז דאָ נישטאָ. די שניידערס גייען אויס פון הונגער. דאָס איינציקע, וואָס אַ ייד קען דאָ טאָן, איז — זיצן לערנען תורה.

דער פעטער זלמן האָט אין פלאַצק געלאָזן אַ ווייב מיט קליינע קינדער, אַ לעדער־געשעפט און געפאָרן קיין ירושלים לערנען. „כ'האָב שוין גענוג געאַרבעט פאַרן גוף, איצט מוז איך עפּעס טאָן פאַר דער נשמה" — האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב. זי האָט ווייטער געפירט דאָס געשעפט, דערצויגן די קינדער און געשיקט קיין ירושלים חודש־געלט. אדרבא, האָט זי געזאָגט, זאָל ער דאָרט זיצן און לערנען, אפשר אין זיין זכות לעב איך, דערציי די קינדער און האָב ב"ה פּרנסה, און דערצו וועל איך נאָך אָפּשפּאָרן אַ שטיקעלע עולם־הבא...

זונטיק איז ביי נתנען אין געשעפט נישט געווען וואָס צו טאָן, ערשט נאָך מיטאָג האָט זיך באַוויזן אַ קונה: אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער, אַ כלה מיידל, און אַ שניידערין זענען געקומען קויפן סאַטין אויף אַ חופה־קלייד. דאָס אויסקלייבן און באַדינגען זיך האָט געדויערט זייער לאַנג. נתן האָט זיי געלאָזן מיט זיין ווייב און טאָכטער, ער אַליין איז אַוועק אין שטוב און זיך געשטעלט דאַווענען מנחה...

אין מיין פרייער צייט האָב איך זיך פאַרנומען מיט ציוניסטישע ענינים. אָפט געקומען צו דער משפחה ערדבערג, גענומען ביי זיי ביכער, בראַשורן, וואָס זענען אָנגעקומען פון אָדעס, וואַרשע און ווילנע — צום

לייענען. דעמאָלט איז ביי מיר אויפגעקומען דער געדאַנק צו שאַפן אין קוטנע אַ „צעירי־ציון פאַרטיי״. איך האָב דאָס דערציילט די ערדבערגס און זיי האָבן מיר צוגעזאָגט העלפן אין דעם. באַלד האָב איך זיך געטראָפן מיט עטלעכע בחורים אין מיין עלטער, אַלע האָבן מיט באַגייסטערונג אויפגענומען דעם רעיון. איינער פון זיי איז געווען צאַמבער, אַ חסידישער בחור, וואָס איז אין דער זעלבער צייט געגאַנגען אין דער פוילישער גימנאַזיע. אַנגעטאָן איז ער געגאַנגען אין חסידיש לאַנגע קליידער, נאָר אין גימנאַזיע האָט ער געטראָגן אַ סטודענטן־מונדיר, מיט מעשענע קנעפּ... ער איז עס געווען מיין רעכטע האַנט ביים אָרגאַניזירן די פאַרטיי אין קוטנע.

אין ל״ג בעומר האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ 30 בחורים אין אַ סאַד, וואָס ס׳האָט געהאַלטן אַ יידישע פרוי. אַלע זענען געווען געשפּאַנט, פול מיט דערוואַרטונג. ס׳איז געקומען אברהם ערדבערג פון לאָדזש. איצט האָב איך געהאַלטן אַ קורצע רעדע — די ערשטע רעדע אין מיין לעבן... נאָך מיר האָט אברהם ערדבערג גערעדט לענגער וועגן די ציוניסטישע אידעאַלן און די אויפגאַבעס פון דער צעירי־ציון פאַרטיי. די פאַרזאַמלטע זענען געווען באַגייסטערט און גרייט צו טאָן אַלץ, וואָס מ׳וועט פון זיי פאַרלאַנגען. האָבן מיר טאַקע דאָ פּראָקלאַמירט די גרינדונג פון דער צעירי־ציון אין קוטנע.

באַלד איז די ידיעה, אַז מ׳האָט געגרינדעט אַ צעירי־ציון־פאַרטיי, און אַז איך און צאַמבער זענען די אָנפירערס, באַוווסט געוואָרן אין שטאָט. ס׳איז אויך דערגאַנגען צו מיין בעל־הבית, נתן ווייבשטיין. אין אַ פרייער צייט, האָט ער גענומען אַ גרויסן שמעק־טאַבאַק און מיט מיר געהאַט אַן ערנסטן שמועס: הא, ס׳איז אמת, וואָס כ׳האָב געהערט, אַז דו ביסט געוואָרן אַ גאַנצער אָנפירער ביי דער נייער חברה? אמת ר׳ נתן, ענטפער איך. אַזוי? הער־זשע אויס בחורל: מיט געוואַלד קען מען משיחן נישט ברענגען און אוודאי נישט די ציוניסטישע אַפּיקורסים־טריפניאַקעס. איך בין אַ ביסל עלטער פון דיר, זאָג איך דיר, אַז דו גייסט אויף אַ פאַלשן וועג. נאָר ווען די צייט וועט קומען און גאָט וועט וועלן, וועט משיח קומען, און מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן. „גאָט וועט וועלן — ווען דאָס פאָלק וועט וועלן״ — האָב איך אים איבערגעריסן. מיין ענטפער האָט אים אַ ביסל איבערראַשט ער האָט געוואַרט אַ ביסל, גענומען אַ פרישן שמעק־טאַבאַק און ממשיך

געווען: „וואָס מיינסטו, איך וויל נישט, אַז מיר זאָלן זיך אומקערן אין אונדזער הייליקן לאַנד אַריין? אָבער דאָס וועט קיינמאָל נישט געשען דורך די ציוניסטן, וואָס דאַווענען נישט, עסן טריפות און גייען בגלוי־ראש, פאַרשטייסט? גלויב מיר, כ׳בין נאָר אויסן דיין טובה. כ׳עצה דיר, נישט גיין אויף דעם גליטשיקן וועג, וואָלסטו נישט געווען ר׳ יצחקס אַן אייניקל, וואָלט איך מיט דיר בכלל נישט איינגעטענהט, הלמאי איינער וויל זיך דערטרינקען? איז עס מיין זאַך?...״ אין געוועלב באַווייזט זיך אַ קונה, דער שמועס ווערט איבערגעריסן. נתן האָט שוין מיט וועמען צו רעדן...

מיין חבר יהושע פאָרט קיין פאַריז. ער האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון זיינס אַ קוזין, אַז ער זאָל נישט וואַרטן ביז דער טאַטע וועט אים אַרויסנעמען קיין אַמעריקע, נאָר ער זאָל תיכף קומען קיין פאַריז. אויב דער פאָטער וועט וועלן, קאָן מען פון פאַריז אויך פאָרן... נאָך דעם בריוו האָט נישט לאַנג געדויערט, און איך האָב אים באַגלייט צו דער באַן, אויפן וועג קיין פאַריז. כ׳האָב זיך מיט אים געזעגנט און אָנגעזאָגט, ער זאָל שרייבן — אויב אים וועט געפעלן, וועל איך אויך קומען...

כ׳האָב נישט לאַנג געוואַרט, פון יהושען איז אָנגעקומען אַ בריוו. ער שרייבט: ס׳איז אים גוט, ער אַרבעט, פאַרדינט, וווינט נאָך דערווייל ביים קוזין, ווער ס׳האָט נישט געזען פאַריז, ווייסט נישט וואָס עס הייסט אַ וועלט. מען פילט זיך פריי... ער באַשרייבט די בולוואַרן, די קאַפעען. ער איז אַרויף אויף דעם „אייפעל־טורעם״ און פון דאָרט געזען גאַנץ פאַריז ווי אויף דער האַנט. און ער פאַרענדיקט: קום תיכף צו פאָרן קיין פאַריז...

דעם בריוו האָב איך פאַרגעלייענט פאַר מיינע עלטערן. כ׳האָב זיי דערקלערט, אַז איך פאָר קיין פאַריז. די מאַמע האָט געקרעכצט: „ביסט נאָך אַזוי יונג, צו וואָס דאַרפסטו זיך לאָזן אין אַזאַ ווייטן וועג? ווען דו ביסט געווען אין וולאָצלאַוועק האָסטו געבענקט, די הענט האָבן דיר גע־ציטערט, ווען דו האָסט געגעסן ביי אַ פרעמדן טיש. אין לאָדזש האָסטו נישט געקענט זיין, נו, ביסט אַהיימגעקומען — אָבער פאַריז איז ווייט חוץ דעם, האָב איך געהערט, אַז אין יענע לענדער, דאַוונט מען נישט מען עסט טריפות. מען אַרבעט אום שבת״. דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער טאַטע: „און דאָ דאַוונט ער דען יאָ? טאָ וואָס איז דער חילוק, ווו ער

דאַוונט נישט? דער וואָס וויל קען זיין אַן אָפּגעהיטענער ייד אויף דער גאַנצער וועלט. איך האַלט, אויב ער וויל פאָרן — זאָל ער, אדרבא, פאָרן, אפשר וועט ער דאָרט ווערן אַ מענטש. כ׳הער פון אַ סך קינדער, וואָס זענען געפאָרן קיין לאָנדאָן, קיין אַמעריקע, שרייבן זיי גוטע בריוו, שיקן נאָך אַפילו געלט צו די עלטערן. דאָ צו זיין איז זיכער נישט קיין תכלית...״

זיך אַ ביסל באַרואיקט, פרעגט די מאַמע: „ווען קלערסטו צו פאָרן?״. זאָג איך, בערך, אין אַ דריי וואָכן אַרום. איך קלער נאָר, ווי אַזוי וועל איך זיך אַריבערשוואַרצן די גרענעץ. „וועגן דעם, מיין קינד, דאַרפסטו נישט זאָרגן — זאָגט די מאַמע — אין ריפּין, וואָס איז נאָענט צו דער דייטשער גרענעץ, וווינען מיינע בעסטע פריינד. איך בין זיכער, אַז זיי וועלן אַלץ טאָן פאַר דיר. דו שרייב זיי נאָר אַ בריוו אין מיין נאָמען״.

אין יענער צייט אין רוסלאַנד, האָבן די וואָס האָבן געוואָלט פאָרן קיין אויסלאַנד, געמוזט האָבן אַן אויסלענדישן פּאַס און דאָס האָט געקאָסט אַ סך געלט. דעריבער האָבן כמעט אַלע געשוואַרצט די גרענעץ. גרינג איז עס געווען פאַר די, וואָס האָבן געוווינט אין אַ גרענעץ־שטעטל. דאָרט איז געווען אַ געזעץ: ווער ס׳האָט געוויזן אַ באַשטעטיקונג פון שטאָט־ראָט, אַז ער איז אַ דאָרטיקער תושב, האָט געמעגט דורכגיין די גרענעץ...

איך האָב געשריבן קיין ריפּין, און עטלעכע טעג אַרום איז געקומען אַ תשובה פון דער משפחה שפּערלינג. זיי פרייען זיך זייער, וואָס זיי וועלן האָבן אַזאַ ליבן גאַסט, ווי פּעסעס זון. אַלץ וועט ווערן געטאָן און באַזאָרגט, איך זאָל תיכף קומען צו פאָרן.

איצט האָב איך זיך אויף אַן מת געגומען גרייטן. ווען איך האָב געמאָלדן מיין בעל־הבית, נתן ווייגשטיין, אַז איך פאָר קיין פּאַריז, האָט ער אויף מיר אַ געטאָן, ווי כ׳וואָלט פּלוצים אַראָפּ פון זינען. נאָך דעם איז ער אַרויס מיט אַ געלעכטער, „וואָס הייסט דו פאָרסט קיין פּאַריז? הער נאָר גנענדל! ע ר פאָרט קיין פּאַריז! דו ביסט דאָך נאָך קיין 16 יאָר נישט אַלט. די שפּראַך קענסטו נישט, קיין געלט האָסטו נישט, קיין קרובים דאָרט, האָסטו אויך נישט. וואָס וועסטו דאָרט טאָן? וואָס מיינסטו זיך, ס׳איז דיר לאַדזש? וואָס אין עטלעכע שעה ביסטו אין דער היים. כ׳האָב געהערט, אַז מען אַרבעט דאָרט שווער, מען איז מחלל שבת, וועסטו אויך

דאָרט ווערן אַ גאַנצער גוי. דער עיקר, וואָס זאָגט דיין זיידע דערצו ?״
דאָס אַלץ האָט ער אויסגעשאָטן מיט איין מאָל, ווי ס׳וואָלט געווען ביי
אים אַ צוגעגרייטע רעדע. נאָר איך האָב זיך נישט געלאָזט אָראָפּשלאָגן
פון טאָן און געזאָגט: „כ׳וועל אייך בעטן, ר׳ נתן, איר זאָלט מיר באַצאָלן
וואָס מיר קומט פון אייך, ווייל איינגיכן פאָר איך אַוועק״.

סוף וואָך האָט נתן געמאַכט דעם „חשבון״, ס׳איז מיר געקומען אַ זעקס
רובל. געבנדיק מיר דאָס געלט, האָט ער נאָך באַוויזן מיר אַריינזאָגן
אַ היפּש ביסל מוסר: „געדענק, גאָט הערשט איבער דער גאַנצער וועלט,
היט אָפּ יידישקייט, וועט דיר גאָט העלפן, און פאַרגעס נישט אַריינצוקומען
זיך געזעגענען...״

אַ טאָג פאַרן פאָרן האָב איך איינגעפּאַקט אין מיין שטרויענעם קיישל
מיין ביסל אַרעמקייט: אַן אַנצוג, אַ פּאָר שיך, אַ פּאָר העמדער. די מאַמע
האָט מיר אונטערגעטראָגן די תפילין, אַ סידור און די אַרבע־כנפותן...

דעם טאָג פון פאָרן בין איך אויפגעשטאַנען זייער פרי, געפּענט דעם
לאָדן, דערזע איך מיין באָבע דרייט זיך אַרום אויפן הויף פאַרזאָרגט און
טרויעריק. כ׳בין צו איר אַרויס. „גוט מאָרגן באָבעלע!״. „איך דריי זיך
שוין דאָ אַ האַלבע שעה — זאָגט זי, רוקט מיר אין האַנט אַ גאָלדענעם
פינפער רובל און טרערן גיסן זיך איבער אירע געקנייטשטע באַקן. „זיי
פאַרזיכטיק, זיי אַ ייד, פאַרגעס נישט צו שרייבן און גיי אַריין זיך געזעגענען צום זיידן״.

דער זיידע איז געשטאַנען אין געוועלב און צוזאַמענגעלייגט לעדערנע
פעלכלעך. „גוט מאָרגן, זיידע! כ׳בין געקומען זיך געזעגענען״. ער האָט
איבערגעריסן די אַרבעט, געשטאַנען גלייך, דאָס פּנים ערנסט, מיך לאַנג
אָנגעקוקט, צום סוף אויסגעשטרעקט צו מיר זיין דאַרע האַנט און געזאָגט
נאָר די ווערטער: „געדענק, זיי אַ ייד!״

דאָס שווערסטע איז מיר געווען זיך געזעגענען מיט דער מאַמען.
ס׳האָט זיך מיר געוואָלט וויינען, אָבער כ׳האָב זיך באַהערשט. נאָר זי האָט
זיך ביטער צעוויינט... דער טאַטע האָט מיך באַגלייט צו דער באַן, אויף
דער סטאַנציע האָט ער ווידער איבערגעחזרט: כ׳זאָל נישט פאַרגעסן אין

טאַטע־מאַמע, כ׳זאָל געדענקען, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט, כ׳זאָל אָפּט שרייבן און אויך ער האָט זיך שטיל צעוויינט.

די באַן איז אָנגעקומען, כ׳בין אַריין אין וואַגאָן. פּאַמעלעך, געלאַסן, האָט די באַן געריִרט פון אָרט. אין עטלעכע מינוט אַרום, איז דער טאַטע און דאָס שטעטל פאַרשוווּנדן פון מיינע פאַרטרערטע אויגן...

ביי דער גרענעץ אין ריפּין

די משפחה שפּערלינג אין ריפּין האָט מיך זייער פריינטלעך און האַרציק אויפגענומען. דאָס איז געווען אַן אידעאַלע משפחה: דער מאַן אלישע, אַ הויכער, אַ שיינער, אַ פיין שוואַרץ געשוירן בערדל, שוואַרצע אויגן, זייער פיין אָנגעטאָן. זיין ווייב, פעסע, אַ הויכע, שלאַנקע פרוי, מיט אַ סימפּאַטיש פנים, שטאָלץ און איידל. ביידע זענען זיי געווען אויפגע־קלערטע מענטשן, נאָר מיט וואַרעם־יידישע הערצער. זייער עלטערע, 15־יאָריקע טאָכטער, נחמהלע, איז געווען אַ שיין מיידל מיט שוואַרצע פאַר־חלומטע אויגן, לאַנגע שוואַרצע צעפּ און מיט חן־גריבעלעך אין די באַקן. זי איז געווען פאַרגעשריטן, דרייסט נישט לויט איר עלטער און נישט ווי אַ מיידל פון אַזאַ קליינער פּראָווענץ־שטאָט. אפשר די נאָענטקייט צו דייטש־לאַנד האָט געווירקט.

די משפחה איז געווען אַ גאַנץ־פאַרמעגלעכע. זיי האָבן געהאַט אַן אייל־געשעפט. אין שטעטל האָט מען זיי טאַקע גערופן „די אָליעווניקעס". געוווינט אין אַ גרויסער דירה און געפירט אַ בכבודיק שיין הויז. זיי האָבן זיך געמיט מיר צו פאַרשאַפן כלערליי פאַרגעניגנס. צו יעדער מאָלצייט איז דער טיש געווען געגרייט ווי צו אַ יום־טוב. אמת, איך האָב זיך טאַקע געפילט יום־טובדיק... אָלע פאַרנאַכט בין איך מיט נחמהלען געגאַנגען שפּאַ־צירן הינטער דער שטאָט, צו דער וואַסער־מיל, צווישןביימער און בלומען. מיר האָבן געקוקט אויף די רויטע פלאַמען פון זון־אונטערגאַנג, דאָרט ווו הימל און ערד באַגעגענען זיך. מיר איז געווען אַזוי גוט צו קוקן אויף דער שיינער נאַטור און... אין די טיפע שוואַרצע אויגן פון נחמהלען.

אַ ווינטל האָט געבלאָזן און געברענגט פריש־שמעקנדיקע ריחות. ס׳וועט שפּעטלעך, מיר קערן זיך אום אַהיים, אין שטעטל פילן מיר נאָך דעם אַראָמאַט פון בלומען און פריש־געשניטן היי. דאָס זענען געווען די בעסטע און אויך לעצטע טעג פון מיינע יינגלישע יאָרן.

זונטיק אין דער פרי, נאָכן פרישטיק, איז צו דער טיר פון שפּערלינגס דירה צוגעפאָרן אַ בריטשקע געשפּאַנט אין צוויי פערד. מיר זענען איינגעזעסן. כ׳האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנט צו געזעגענען זיך מיט נחמהלען און זיך באַגעגנט מיט אירע אויגן. ס׳האָט זיך מיר געוואָלט איר זאָגן עפּעס צערטלעכס, אַ קוש טאָן. נאָר די עלטערן... אַזוי האָב איך פאַרלאָזט פוילן און מיטגעפירט מיט זיך אויף אייביק אירע פאַרחלומטע, אומעטיקע בליקן...

געפאָרן בערך אַ האַלבע שעה, זענען מיר געקומען צו אַ קליין בריקל. די בריטשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט. די גרענעץ־וועכטער האָבן באַקוקט די דריי באַשטעטיקונגען פון שטאָט־ראָט, אַז מיר זענען שטענדיקע ריפּינער תושבים און געהייסן דעם פורמאַן, ער זאָל פאָרן ווייטער. אַריבער דאָס בריקל, און מיר זענען שוין אין גאַלוב — דייטשלאַנד. די שפּערלינגס האָב מיך אַריינגעפירט אין אַ הוט־געשעפט, געקויפט פאַר מיר אַ שטרויערנעם הוט. ווען איך האָב אָנגעטאָן דאָס „יידישע היטעלע״, האָב איך געפילט, אַז כ׳האָב איבערגעריסן מיטן אַלטן יידישן שטייגער. איך לאָז זיך אין דער גרויסער וועלט, כ׳פיר מיט זיך דעם ציוניסטישן געדאַנק, כ׳בין אַ טייל פון אַ גרויסער מחנה. כ׳פיר אויך מיט זיך דעם בטחון פון פּוילישן יידנטום.

צווייטער טייל

אין דער גרויסער וועלט

19־טער יולי, אַרום 10 אָוונט, בין איך אָנגעקומען קיין פּאַריז. מאַסן פּאַסאַזשירן, מיט זייערע וואַליזעס, האָבן זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג, און איך, מיט מיין שטרויענעם קיישל, מיט זיי. אויף דער גאַס, בין איך פאַר־בלענדט געוואָרן פון דעם ים ליכט, וואָס האָבן פאַרפלייצט די גאַסן. ס׳איז אַ שטופעניש, אַ געפּילדער און אַ רעש פון מענטשן, דראָזשקעס, אויטאָ־מאָבילן, פּאָליציי, צייטונגס־פאַרקויפערס. איך שטיי אַ צעטומלטער, ווייס נישט צו וועמען זיך צו ווענדן און פאַרשטיי נישט קיין וואָרט. כ׳נעם אַרויס דאָס פּאַפּירל מיט מיין חברס אַדרעס און באַווייז עס אַ דערנעבן־שטייענדיקן פראַנצויז. ער לייענט דאָס איבער און נעמט צו מיר רעדן. אויף שטום־לשון ווייז איך אים, אַז איך פאַרשטיי נישט. ער באַקוקט מיך פון אויבן־אַראָפּ און זעענדיק מיין „באַגאַזש״ האָט ער זיך ווייזט אויס, אָריענטירט, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ נייעם עמיגראַנט. מיט די אויגן און הענט ווייזט ער מיר, אין וועלכער ריכטונג איך דאַרף גיין. אָפּגייענדיק אַ שטיקל וועג, באַווייז איך דאָס פּאַפּירל אַ צווייטן פראַנצויז; פון אים הערט זיך אַ ריח פון אַלקאָהאָל, ער איז אַ ביסל בגילופין, אָבער זייער פריינדלעך. ער ווייזט מיר, כ׳זאָל גיין נאָך אים. מיר גייען עטלעכע גאַסן, ביז ער שטעלט זיך אָפּ ביי אַ הויז, ער קלינגט אָן. פון אויבערשטן שטאָק, דורך אַ קליין פענצטערל, רוקט זיך אַרויס אַ קאָפּ. דער פראַנצויז זאָגט אים עפּעס, איז ער אַרונטער־געקומען און געעפנט דעם טויער, איבערגעלייענט דאָס שטיקל פּאַפּיר אין מיין האַנט, האָט ער מיך געהייסן גיין נאָך זיך. מיר גייען אויף אַ סך טרעפּ, פאַרדרייען זיך און ווידער אויף טרעפּ, ביז זיי האָבן זיך פאַרענדיקט. דאָ האָט ער אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר. ס׳האָט געעפנט מיין חבר יהושעס קוזין. ער האָט באַדאַנקט דעם פאַרטיער און מיך אַריינגענומען אין שטוב, וואָס

איז באַשטאַנען פון איין צימער. דאָ האָט ער געוווינט מיט זיין שוועסטער, אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק. אין צימער איז טונקל, אָפּגעלאָזן, אַ טישל מיט צוויי שטולן, צוויי בעטלעך און אַ גרויסער קופערט איז דאָס גאַנצע מעבל. אַ פּאָר טעפּלעך, אַ טשייניק — דאָס ווירטשאַפט. אין ווינקל, ביי דער וואַנט — זע איך, אַ לאַנג שמאָל ברויט מיט אַ פלאַש וויין. כ'האָב זיך געוווּנדערט. די גאַנצע דירה האָט אויף מיר געמאַכט אַ טרויעריקן איינדרוק. דער קוזין דערציילט מיר, אַז מיין חבר יהושע איז שוין נישטאָ אין פּאַריז, מיט אַ וואָך צוריק איז ער אָפּגעפאָרן צו זיין פאָטער אין אַמעריקע. ס'ווערט מיר אומעטיק, נאָר ער טרייסט מיך, כ'זאָל נישט זאָרגן, ער וועט מיר העלפן זיך איינאָרדענען...

בינו לבינו, זאָגט ער מיר, אַז עס טוט אים זייער לייד, נאָר איך זע דאָך דאָס בוידעם־שטיבל, ווו ער וווינט מיט זיין שוועסטער, האָט ער נישט קיין אָרט ווו מיך צו לייגן שלאָפן. דער זייגער איז געוואָרן שפּעט, האָט ער מיך אַוועקגעפירט אויף רי־דע־ראָזיע, יידן רופן עס „דאָס פּלעצל" — איבערצוגעבטיקן.

אין דעם קליינעם רעסטאָראַנדל, ווו מיר זענען אַריין, איז שוין געווען ליידיק. איך בין געווען הונגעריק און מיד, נאָר דער אייגנטימער — אַ גאַליציאַנער ייד, וואָס איז שוין לאַנג אין פּאַריז, האָט מיך גענומען אויספרעגן: ווער איך בין? פון וואַנען איך שטאַם? וואָסער פאַך איך האָב? א. א. שאלות. כ'האָב נישט געהאַט קיין כוח און געדולד צו ענטפערן. זאָג איך צו אים: „ר' ייד, כ'בין מיד און שלעפעריק, ווייזט מיר בעסער דעם צימער, ווו איך דאַרף שלאָפן". האָט ער מיך אַריינגעפירט אין אַ פּיצל צימערל מיט אַ קליין פענצטערל. אַ בעטל, אַ טישל, אַ בענקל. אויפן טיש שטייט אַ ליכט, אין ווינקל אַ שיסל מיט אַ קרוג וואַסער. (קיין עלעקטריש ליכט און וואַסער זענען אין די צימערלעך נישט געווען). ווידער האָט דאָס צימערל געמאַכט אויף מיר אַ דערדריקנדיקן איינדרוק, נאָר כ'בין געווען טויט־מיד, האָב איך זיך אַ וואַרף געטאָן אויפן בעטל און פעסט איינגעשלאָפן...

צומאָרגנס אין דער פרי, כ'זיץ און עס אָנבייסן, פּלוצים אַ גרוס פון דער היים. ס'איז אַריין יאַמפּאָל מיט אַ שיקסע און זעצט זיך אַוועק ביי

אַ טישל. דאָס האַרץ האָט אַזש אַ צאַפּל געטאָן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז מיר האָבן גאָר אַ נאָענטע שייכות...

יאַמפּאַל — אָדער „יאַמפּאַל פּאָרך״, צוליב זיין גרויסן פּליך, איז געווען אַ בונדיסטישער פּירער אין קוטנע. די לעצטע צייטן, האָט מען געשמועסט, אַז ער איז געוואָרן אַ רענעגאַט... צוליב אַ מעשה שהיה: אויפן וועג קיין אַמעריקע, אין האַמבורג, פון וואַנען ס'איז אָפּגעגאַנגען אַ שיף, האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַ גאַליציאַנער רבילע, וואָס האָט נישט געקענט — נישט קיין פּויליש, נישט קיין דייטש. אויך זיין יידיש האָט ער געפּאַנפּעט אונטער דער נאָז. ס'איז אים נישט מעגלעך געווען צו פאַרשטיין. יאַמפּאַל האָט געזען ווי ער קען זיך קיין עצה נישט געבן, האָט ער אים גענומען „אַרויסהעלפן״, געגאַנגען מיט אים אין דער רייזע־ביוראָ, גערעדט פאַר אים, געטאָן געפע־ליקייטן. ביז לסוף, האָט ער ביי אים גענומען די דאָלאַרן איינצוצאָלן פאַר דער שיף־קאַרטע און איז נעלם געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין. מער האָט דאָס רבילע יאַמפּאַלן נישט געזען. ער איז געבליבן שטעקן אין האַמבורג, ביז די דאָרטיקע יידישע קהילה האָט זיך אויף אים מרחם געווען און אים אָפּגעטראַנספּאָרטירט קיין אַמעריקע. און אונדזער יאַמפּאַל האָט אויס־געדרייט דעם דישעל און איז אַוועק קיין פּאַריז. אָט זיצט ער דאָ אַנטקעגן מיר, וואַרפט כסדר בליקן צו מיר, נאָר קומט נישט צו. אויך מיר האָט אויס־געפעלט דרייסטקייט צו פאַרפירן אַ שמועס. האָבן מיר זיך געמאַכט נישט זעענדיק איינער דעם צווייטן...

דערווייל איז אַריין מיין חברס קוזין: „קום גיכער! כ'וועל פאַרשפּע־טיקן צו דער אַרבעט״, האָט ער געזאָגט, נאָך שטייענדיק ביי דער טיר. מיר זענען אַוועק אין אַ קאַפע אויף רי־דע־ריוואָלי. דאָרט האָט ער מיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ לאַנדסמאַן, וועלכן איך האָב נישט געקענט, ער איז שוין לאַנגע יאָרן געווען אין פּאַריז. גערופן האָט מען אים „דער טערק״. ער האָט באַשטעלט קאַווע און מיך גענומען אויספרעגן וועגן דער היים... דאָ איז געווען אַ גאַנצער יאַריד, אַ טומל, אַ רעש, מען האָט גערעדט אויפן הויכן קול, געטרונקען, גערייכערט, געהאַנדלט. דאָס אַלץ אין אַ היימישן יידיש. די קליענטן דאָ זענען כמעט אַלע עמיגראַנטן, וואָס ווינען אין בוידעם־שטיבלעך, אין לעכער, אין וועלכע זיי שלאָפן נאָר איבער. דאָס

לעבן אָבער קומט פאַר אין דער קאַפע, דאָ האַנדלט מען מיט וואַליוטע, מען מעקלערט, מען פעדלט, מ׳טרעפט זיך מיט מענטשן, מ׳רעדט פּאָליטיק. די פראַנצויזישע קעלנערס זענען שוין צוגעוויינט צו דעם רעש. צו אַלץ געוויינט מען זיך צו — צוליב פּרנסה...

„דער טערק״ האָט מיך גענומען אויף אַ שפּאַציר איבער פּאַריז. מיר געוויזן גרויסע שיינע בולוואַרן, פּרעכטיקע געשעפטן, עלעגאַנטע קאַפעען. מענטשן זיצן ביי די טישלעך אויף דער גאַס ברייט און פריי. מען טרינקט קאַווע, מ׳לייענט צייטונגען, מ׳רויכערט, אָדער סתם מען וואַרעמט זיך אויף דער זון. טויזנטער מענטשן שפּאַצירן, אַ סך שיינע פרויען. די אויס־געשרייען פון צייטונגס־פאַרקויפער פאַרטויבן די לופט און כ׳פיל, אַז כ׳בין אין אַ גרויסער נייער וועלט, אין אַ וועלט פון טאָלעראַנץ און פרייהייט...

מיר שניידן דורך די גאַסן פּלאַס־דע־לאַ־רעפּובליק, פּלאַס־דע־באַסטיל און מיר דרייען זיך אַריין אין אַ געסל, וואָס הייסט רי־דע־ברוק. דאָ זענען מיר אַריין אין אַ הויז צו אַ דאַמען־שניידער, דעם טערקס אַ באַקאַנטער. זיי רעדן צווישן זיך פראַנצויזיש, וואָס איך פאַרשטיי נישט. צום סוף זאָגט מיר דער טערק: „דאָ וועסטו מאָנטיק קומען אַרבעטן״. ערשט אַראָפּגייענדיק, זאָגט ער מיר, וויפל כ׳וועל פאַרדינען אַ טאָג. כ׳האָב גיך אויסגערעכנט, אַז אויף אַ פּשוטן, קאַרגן לעבן, וועט עס סטייען און אויב כ׳וועל וויניקער עסן, קען מען נאָך אָפּשפּאָרן עטלעכע פראַנק... אויב די מייסטערס זאָלן וועלן צאָלן די געהעריקע פרייזן פאַר אַרבעט, דאַרפן זיי נישט נעמען קיין „גרינע״ עמיגראַנטן, ס׳זענען דאָ גענוג פראַנצויזן, אַרמענער, איטאַליענער, גוטע שניידערס און שוין לאַנג אין לאַנד.

דער טערק האָט מיך צוריקגעפירט אויפן פּלעצל אין דער קאַפע. מיר געזאָגט, אַז ער וווינט אויפן מאָנמאַרט, אין דער קאַפע קומט ער נאָר מאַכן געשעפטן. מאָרגן זאָל איך דאָרט זיין, וועט ער מיך פירן צום „אייפעל טורעם״, וועל איך פון אויבן זען די שיינקייט פון גאַנץ פּאַריז...

אין אָוונט בין איך געגאַנגען צו מיין חברס קוזין. אַריינקומענדיק, זע איך, ווי ער זיצט אויף זיין בעטל, די שוועסטער אַנטקעגן אים, און ער שפּילט פידל. איך דערצייל זיי די בשורה, אַז מאָנטיק גיי איך שוין צו דער אַרבעט. ביידע דערפרייען זיך. „נו, אויב אַזוי — זאָגט די שוועסטער —

איז עס דאָך אַ שמחה, דאַרף מען אויסטרינקען!". זי שטעלט אַ פלאַש וויין און מיר טרינקען — לחיים! דער ברודער שפּילט פאַרשידענע נגונים און פאָלקס־לידער. ווען מיר האָבן דערהערט דאָס לידל „איך בענק אַהיים", האָט זיך די שוועסטער צעוויינט און אויך מיר זענען געקומען טרערן אין די אויגן. ס'האָט זיך דערמאָנט די היים... ער האָט געזען די ווירקונג פונעם לידל און איז גיך איבערגעגאַנגען צו פריילעכע מעלאָדיעס. נאָך אַ ביסל געזעסן, געשמועסט, האָבן מיר אָפּגערעדט זונטיק זיך צו טרעפן און פאַר־ברענגען צוזאַמען.

צומאָרגנס האָב איך באַגעגנט דעם טערק און ער האָט מיך געפירט צום „אייפעל טורעם". מיר זענען אַרויף גאַנץ אויבן, און פאַר מיינע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט די וווּנדערלעכע פּאַנאָראַמע פון פּאַריז. איך בין געווען באַצויבערט. מיין באַגייסטערונג פאַר פּאַריז איז דערגאַנגען ביז פאַרגעסונג; אַט געפין איך זיך אין דער שטאָט פון רעוואָלוציע און קאָמונע, דאָ איז דאָס ערשטע מאָל געוואָרפן געוואָרן די לאָזונג: „פרייהייט, גלייכהייט, ברי־דערלעכקייט!" דאָ האָט מען געשטורעמט די באַסטיליע, דאָ איז געשאַפן געוואָרן די „מאַרסעלעזיע", וואָס מיר האָבן אַזוי שטיל געזונגען אין דער היים... מיין פאַרטראַכטקייט האָט איבערגעריסן דער טערק: „נו, גענוג געקוקט. קום! מיר וועלן גיין".

מיר האָבן שפּאַצירט איבער די שיינע פּאַריזער גאַסן. דער טערק האָט מיך פאַרבעטן צו אַ טישל, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן טראָטואַר און באַשטעלט קאַווע. מיר איז עס געווען מאָדנע — זיצן און עסן אין מיטן גאַס, אין קעגנוואַרט פון אַזוי פיל מענטשן. נאָר דאָ אַרט עס קיינעם נישט. קיי־נער וווּנדערט זיך אפילו נישט, ווען פרוי און מאַן קושן זיך ביים באַגע־געגענען. דאָ איז יעדער נאַטירלעך און פריי. דאָס איז דאָס אַזוי געריימטע פּאַריז...

פרייטיק האָב איך געהאַט אַ ליידיקן טאָג. ווייט אַוועקצוגיין, האָב איך מורא געהאַט, האָב איך זיך אַרומגעדרייט אַ פאַרטראַכטער איבער די נאָענטע גאַסן און געטראַכט וועגן מיין פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט...

נאָך מיטאָג האָט מען אויפן „פּלעצל" גענומען פּילן דעם שבת. געשעפטן האָבן זיך צוגעמאַכט — אויסער די עטלעכע קליינע רעסטאָראַנדלעך. פון

די הייזער האָט זיך געהערט ריחות פון געקאָכטע געפילטע פיש און טשאָלנט. לויפנדיק פון דער אַרבעט, האָט מען געקויפט אַ יידישע צייטונג. פאַרנאַכט, נאָך ליכט־בענטשן איז מען געגאַנגען צום דאַווענען. מען האָט אַפילו געזען יידן אין זיידענע שבתדיקע קאַפּאָטעס. אַ ביסל שפּעטער, האָט זיך געהערט דער געזאַנג פון זמירות, ווי אין דער אַלטער היים. אַזוי האָט אויסגעזען „דאָס פּלעצל", וווּ די יידישע עמיגראַנטן האָבן זיך באַזעצט.

זונטיק אין דער פרי האָב איך זיך געטראָפן מיט משה רעק (אַזוי האָט געהייסן מיין חברס קוזין) און זיין שוועסטער. דאָס איז דער טאָג, וואָס זיי פאַרברענגען אין גאַס, ווי עס טאָן דאָס אַנדערע מיליאָנען פראַנצויזן. מען קאָכט נישט אין שטוב, מען עסט אין אַ רעסטאָראַן, מ'שפּאַצירט אויף די בולוואַרן, אָדער מען פאָרט אַרויס אויסער דער שטאָט אין די וועלדער. זונטיק גייט מען אין דער אָפּערע, מען באַזוכט מוזעאומס. אויך מיר האָבן באַזוכט דעם מוזעאום „לוווּר". דאָס ערשטע מאָל בין איך אין אַ מוזעאום און דער איז איינער פון די גרעסטע אין דער וועלט. מיינע אויגן האָבן געזען אַ וואַלד מיט קונסטווערק, בילדער און סקולפּטורן. מען האָט מיר אָנגעוויזן אויף „מאָנאַ־ליזאַ". נישט אַלץ האָב איך פאַרשטאַנען, נאָר פאָרט האָב איך זיך זאַט נישט געקענט אָנקוקן. וואָס מער איך האָב געזען, אַלץ מער האָט זיך געוואָלט זען. נאָר סיי ווי האָט מען אין איין טאָג נישט געקענט אַלץ זען און באַטראַכטן. ס'איז אַן ענין אויף וואָכן גאַנצע. דער איינדרוק, וואָס איך האָב געהאַט פון מיין ערשטן באַזוך אין אַ מוזעאום, איז מיר פאַר־בליבן אויף לאַנגע יאָרן.

פון מוזעאום זענען מיר געגאַנגען זען דעם „נאָטר־דאַם". נאָך מיטאָג זענען מיר געפאָרן אין אַ וואַלד הינטער דער שטאָט, פאַרברענגט דאָרט אונטער די קלאַנגען פון פריילעכער מוזיק, טענץ און געלעכטער פון דער יוגנט. שפּעט אין אָוונט בין איך געקומען אין מיין אומעטיקן צימערל.

מאָנטיק האָב איך זיך אויפגעכאַפּט זייער פרי. דער עול נישט צו פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט, האָט נישט געלאָזט שלאָפן. ווי אַזוי צו פאָרן, האָב איך נישט געוווּסט, בין איך געגאַנגען צופוס, לויט די סימנים, וואָס כ'האָב זיך געמאַכט בעת כ'בין געגאַנגען מיטן טערק. סוף־סוף, בין איך אָנגעקומען אויף מיין אַרבעטס־אָרט. ס'איז געווען אַ קליין וואַרשטאַט,

אויסער דעם בעל־הבית, האָבן נאָך דאָרט געאַרבעט איין אַרבעטער, אַ מיידל און אַ לערן־ייִנגל. מיך האָט מען צוגעשטעלט צו דעם אַרבעטער, איך זאָל זיין אונטער זיין האַנט. דער אַרבעטס־טאָג איז געווען פון 8 ביז 8, מיט אַ שעהדיקן איבעררייס אויף מיטאָג, וועלכן כ׳האָב געגעסן אין אַ גרויסן רעסטאָראַן, ווו ס׳איז געווען זעלבסט־באַדינונג. דאָס האָב איך געטאָן צוליב צוויי סיבות. קודם, האָט דאָרט געקאָסט ביליק, והשנית, האָט מען נישט געדאַרפט רעדן. גענומען אַ טאַץ, אויסגעקליבן און אַרויפגעלייגט דאָס עסן, באַצאָלט ביי דער קאַסע, אַט דאָס אַלץ האָט מען געקענט טאָן אָן רעדן איין וואָרט אַפילו. דאָס עסן איז געווען געשמאַק און איך האָב געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט, ווייל כ׳בין געווען אויסגעהונגערט, קיין פרישטיק האָב איך נישט געגעסן... אין עטלעכע טעג אַרום, האָב איך זיך דערוווסט, אַז דאָס פלייש, וואָס מען סערווירט דאָרט, איז פון פערד... האָט עס מיך אַזוי פאַר־איבלט, אַז כ׳האָב מער אין דעם רעסטאָראַן נישט געקענט אַריינגיין. מיין לאָגע מיטן עסן איז געוואָרן ערגער. נאָענט איז קיין יידישער רעסטאָראַן נישט געווען, פאַרן אויפן „פּלעצל״ איז געווען צו ווייט. בין איך איבער־געקומען די טעג מיט ברויט, קעז, אייער און קאַווע...

דעם ערשטן פרייטיק נאָך דער אַרבעט, בין איך געקומען אין מיין נייער דירה, אויף רו־דע־ריוואָלי, דאָס איז ווידער געווען אַ בוידעם־צימערל אין אַ האָטעל, אָן עלעקטריע און אָן וואַסער. איין וואַנט איז געווען אַ קרומע, אַ משופּעדיקע, דאָס קליינע פענצטערל איז אַרויס אויף אַ דאַך. אַזוי האָבן דעמאָלט געוווינט אַלע עמיגראַנטן אין פּאַריז. נאָר אַהיים האָט מען געשריבן און זיך באַרימט, אַז מען וווינט אין האָטעלן... אַ מידער און הונגעריקער, האָב איך אָנגעצונדן אַ ליכט, זיך געזעצט אויפן בעטל און געטראַכט. ס׳האָט מיך אַרומגענומען אַזאַ בענקעניש, פּשוט אויסצוגיין. פאַר מיינע אויגן האָט זיך געשטעלט דער פרייטיק־צונאַכט אין דער היים: אין שטוב איז ריין און ליכטיק, דער טיש געגרייט מיט אַ קלאָר־ווייס טישטעך, די ליכט אין די זילבערנע לייכטער ברענען, דער וויין מיט די חלות זענען גרייט. דער טאַטע קומט פון שול, זאָגט „שלום עליכם״, מאַכט קידוש, זינגט זמירות. ביים טיש איז פריילעך, שבתדיק — און איך בין אין דער וועלט־שטאָט פּאַריז, מיר איז אומעטיק און טרויעריק. כ׳זיץ אויף

אַ בוידעם־שטיבל אַ הונגעריקער און מידער, איינזאַם־אַליין... די אַלע מחשבות האָבן מיך אַזוי צוגעדריקטביים האַרצן. די אויסלאַדונג איז געקו־מען דורך טרערן. כ׳האָב זיך צעוויינט... דאָס ליכט האָט געגומען צאַנקען, האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיין האַרטן בעטל, זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער מיט שווערע קאָשמאַרן, ביז כ׳בין לסוף איינגעשלאָפן.

שבת אין דער פרי בין איך געגאַנגען צו דער אַרבעט, צום ערשטן מאָל קומט מיר אויס צו אַרבעטן אום שבת. דאָס געפיל איז נישט געווען קיין אַנגענעמס, כ׳האָב זיך דערמאָנט אַלע רייד פון דער מאַמען, פון זיידן און פון נתנען... ביי דער אַרבעט, אין גאַס איז פריילעך און רוישיק ווי יעדן טאָג, נאָר מיר איז אומעטיק. אַ גאַנצן טאָג איז מיין געדאַנק פאַרנומען מיט דער „היים״. פאַר מיינע אויגן שטייט דאָס שבתדיקע שטעטל. מיין נשמה ווערט צעריסן צווישן דער גרויסער וועלט פון פרייהייט און טאָלע־ראַנץ און דעם טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן און שטייגער, וואָס איינער פון זיינע עלעמענטן איז שבת. שבת מיט זיין באַזונדערן טעם און חן...

די ווייטערדיקע טעג האָבן זיך געצויגן לאַנג און שווער. נאָך אַ 12־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, אַן אויסגעשעפּטער און מידער, האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט עסן אָוונט־ברויט אין „ראָטשילדס ביליקער קיך״. געגעסן האָט מען דאָרט ברויט און זופּ, פאַר כמעט אומזיסט. ס׳איז מיר געבליבן ווייניק צייט אויף גייסטיק־געזעלשאַפטלעכע ענינים. עטלעכע מאָל בין איך אַריין אינעם „ציוניסטישן אינסטיטוט א. נ. פון מאַקס נאָרדוי״, דאָרט געלייענט צייטונגען און ציוניסטישע בראָשורן. קיין געזעלשאַפט האָב איך נישט געהאַט. אַמאָל אין אַן אָוונט, בין איך אַריין אין דער קאַפע אויף ריוואָלי און דאָרט געטראָפן דעם טערק, מיין לאַנדסמאַן. ער האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט. איך האָב זיך פאַר אים באַקלאָגט, אַז כ׳בין דאָ איינזאַם, כ׳בענק, און אים דעם ערשטן פאַרטרויט, אַז איך טראַכט צו פאָרן קיין לאָנדאָן — דאָרט האָב איך אַ פעטער מיט אַ משפחה. כ׳האָב אויך געהערט, אַז דאָרט איז פאַראַן אַן אַקטיווער געזעלשאַפטלעך לעבן. דער „טערק״ האָט מיך אויסגעהערט און מיך אויך צוגערעדט, כ׳זאָל טאַקע פאָרן קיין לאָנדאָן...

נאָכן אָפּזיין פיר וואָכן אין פּאַריז, האָב איך אין אַ געוויסן שבת־צו־נאַכט זיך געזעגענט מיט פראַנקרייך. כ׳בין געפאָרן דורך האָלאַנד. די נסיעה האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט. אויף דער שיף האָב איך זיך באַקענט מיט אַן ענגלישן ייד. היות כ׳האָב נישט געקענט קיין איין ענגליש וואָרט, האָב איך זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן נאָענט צו אים. פּלוצים איז צו מיר צוגעקומען אַן ענגלישער באַאַמטער, ער האָט צו מיר גערעדט און איך האָב נישט פאַרשטאַנען. דער ענגלישער ייד איז געשטאַנען פון דערווייטנס. איך האָב צו אים געקוקט מיט בעטנדיקע בליקן, נאָר ער איז נישט צוגעקומען. די סיבה דערפון האָב איך זיך ערשט שפּעטער דערוווּסט. — דער באַאַמטער זעענדיק, אַז איך פאַרשטיי נישט, האָט ער אַרויסגענומען פון זיין קעשענע עטלעכע פונט און מיט די הענט געפרעגט, צי איך האָב אַזעלכע? נישט קלערנדיק, אינסטינקטיוו, האָב איך געשאָקלט מיטן קאָפּ — אויף יאָ און ער האָט מיך צורו געלאָזט... לויטן געזעץ — האָט יעדער עמיגראַנט געמוזט האָבן ביי זיך 50 ענגלישע פונט — האָב איך זיך דערנאָך דערוווּסט — מיין פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון גאַנצע 8 פראַנצויזישע פראַנקן. נאָר די ענגלישע באַאַמטע האָבן פאַרקוקט, זיך געמאַכט נישט וויסנדיק, און עמיגראַנטן זענען אַריינגעפאָרן אָן געלט, אָפילו אָן דאָקומענטן, נאָר מיט אַ שטיקל פּאַפּיר, אויף וועלכן ס׳איז געווען אָנגעשריבן אַן אַדרעס פון אַ פעטער, אַ קוזין אָדער גאָר פון אַן אומבאַקאַנטן לאַנדסמאַן. דער ענגלישער ייד האָט עס געוווּסט און ער האָט געהאַלטן פאַר בעסער, זיך נישט אַריינצומישן. כדי ס׳זאָל אויף אים נישט פאַלן קיין שום אחריות. אַזוי האָט ער זיך דערנאָך פאַרענטפערט...

אין איינעם פון די אויגוסט־טעג 1912, בין איך געקומען קיין לאָנדאָן. אַרויסקומענדיק אויף דער הויפּט־גאַס בישאַבסגעדו, האָב איך אַרויסגעצויגן דאָס שטיקל פּאַפּיר מיט מיין פעטערס אַדרעס. דער ענגלישער ייד האָט מיך אַריינגעזעצט אין אַ קאַטש און געזאָגט דעם קוטשער וווהין צו פאָרן. אַ מאָדנע קאַטש איז דאָס געווען. נאָך פון דער מלכה וויקטאָריאַס צייטן. דער פּאַסאַזשיר זיצט פון פאָרנט און דער קוטשער אויסגעפּוצט אין אַ מאַנטל מיט מעשענע קנעפּ און אין אַ צילינדער, אויף אַ העכער אָרט הינטער אים. ער האָט מיך געטאָן אַ מעסט־אָפּ מיטן בליק, באַטראַכט מיין קיישל און

אַ פּאַכע געטאָן מיטן בייטשל. די פערדלעך האָבן זיך געלאָזט גיין געלאָסן, שטאָלץ, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַזאַ קאַטש מיט אַזאַ אויסגעפּוצטן קוטשער...

מיר זענען דורכגעפאָרן עטלעכע גאַסן. אַ טויטע שטילקייט, ס׳איז זונטיק, אַלע שלאָפן נאָך. מיר זענען אַריבערגעפאָרן אַ גרויסע בריק (טאַער־ברידזש), ס׳איז שוין פולער טאָג. דער קוטשער דרייט זיך אויס, פאָרט צוריק. ווידער פאָרן מיר איבער דער בריק, ער שטעלט זיך אָפּ, פרעגט נאָך אַמאָל ביי אַ דורכגייענדיקן. דאָס מאָל איז עס אַ ייד, אויך ער ווייסט נישט פון אַזאַ אַדרעס. נאָר ער עצהט דעם קוטשער, אַז ער זאָל מיך צופירן צום „יידישן שעלטער״, אַן אינסטיטוציע, וווּ עס האַלטן זיך אויף צייטווייליק, דורכפאָרנדיקע עמיגראַנטן.

מיר זענען צוגעפאָרן צום שעלטער. דער קוטשער איז אַריינגעגאַנגען און אַרויסגעקומען מיט דעם דירעקטאָר פון דער אינסטיטוציע. כ׳בין אַראָפּ פון דער קאַטש. דאָס אַרומפירן מיך האָט געדויערט מער ווי אַ שעה און באַטראָפן בערך 9 פראַנק. כ׳האָב זיי געזאָגט, אַז כ׳האָב נאָר 8 פראַנק. דער קוטשער האָט מסכים געווען צו נעמען די סומע, האָט זיך העפלעך באַדאַנקט און איז אַוועקגעפאָרן.

מיר זענען אַריין אין שעלטער. אין אַ גרויסן זאַל, ביי לאַנגע טישן און בענק זענען געזעסן עטלעכע עמיגראַנטן, וואָס האַלט זיך דאָ אויף אין זייער וועג קיין אַמעריקע, אַרגענטינע א. א. לענדער. פאַר זיי איז געשטאַנען ברויט מיט מאַרמעלאַד און טעפּלעך טיי. אויך פאַר מיר האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ טעפּל טיי, נאָר טרינקענדיק, האָב איך דאָרט באַמערקט... אַ פליג. מער האָב איך נישט געקענט טרינקען. כ׳האָב געלאָזט שטיין דאָס טעפּל טיי און זיך פאַרנומען צו דער טיר. דער דירעקטאָר פרעגט: „וווּהין גייט איר ?״, ענטפער איך: „אין דרויסן, כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט״.

איך שטיי אין דרויסן פאַר דער טיר פון שעלטער, ס׳גייען דורך מענטשן, נאָר כ׳זע, אַז דאָס זענען גויים — ענגלענדער, שטער איך זיי נישט. אַ ביסל שפּעטער, ווען די באַוועגונג ווערט אַ ביסל גרעסער, דערקען איך שוין היימיש־יידישע פּנימער. כ׳שטעל אָפּ איינעם פון זיי: „אַנטשולדיקט מיר, אפשר קענט איר מיר זאָגן, וווּ עס געפינען זיך אַ סך יידן ?״. דער ייד קוקט מיך אָן, זעט אַז איך שטיי ביים שעלטער, בין איך דאָך אַ נייער

עמיגראַנט, אַ „גרינהאָרן”. ענטפערט ער: „אַט טאָקע דאָ ווו דו שטייסט, געפינען זיך אַ סך יידן”. „יאָ, — זאָג איך אים — כ׳מיין דאָרט ווו ס׳וווינען אַ סך יידן, נאָר יידן, כ׳מיין דאָס וואָס מ׳רופט „די געטאָ”. ערשט איצטער האָט ער פאַרשטאַנען וואָס איך מיין און האָט מיר אויסגעמשלט, ווי אַרום איך דאַרף גיין צו ווייטשעפל. „דאָרט וועסטו געפינען גאָר אַ סך יידן”. און איז אַוועק.

אין עטלעכע מינוט אַרום בין איך שוין געווען אויף ווייטשעפל. דאָ איז שוין אַ גרויסע באַוועגונג און מ׳זעט טאָקע אויך אונדזערע היימישע יידן. איך שטעל אָפּ איינעם אַ ייד, דערצייל אים מיין געשיכטע: „היינט געקומען פון פאַריז, איך זוך אַ פעטער, אָדער אַ לאַנדסמאַן פון קוטנע. אפשר ווייסט ווער?” דער ייד הערט מיך אויס און ווייזט מיר מיט דער האַנט: „זעסט דאָרט, אַ ביסל ווייטער, שטייען אַ גרופּע מענטשן און רעדן צווישן זיך? דאָס זענען שניידער, יוניאָן־מענטשן. ביי זיי אין דער יוניאָן זענען דאָ מענטשן פון אַלע לענדער און שטעט. פרעג ביי זיי, דאָרט וועסטו זיכער טרעפן אַ קוטנער”. איך דערנענטער זיך צו דער גרופּע און פרעג: „געפינט זיך צווישן אייך אַ קוטנער?” איינער פון זיי רופט זיך אָפּ, אז יאָ, „איך בין אַ קוטנער”. איך חזר איבער מיין געשיכטע: „ווי הייסט דער פעטער?” — פרעגט דער קוטנער.: „לאַזאַר מענכע” — ענטפער איך. „נו, אויב אַזוי, קומט, וועל איך אייך צופירן ביז דער טיר פון זיין וווינונג, ס׳איז דאָ נישט ווייט, אויף באמוט־סקווער”. מיר גייען אַ שטיקל וועג און ער ווייזט מיר אויף אַ הויז: „דאָ וווינט דיין פעטער”. איך נעם זיך אָן מיט דרייסטקייט און פרעג ביי אים: „פאַרוואָס ווילט איר נישט אַריינגיין אין הויז, אָדער כאָטש וואַרטן, ביז מ׳וועט מיר עפענען די טיר, אויב איר זענט מיין פעטערס אַ באַקאַנטער?” דער קוטנער גיט אַ שמייכל און ענטפערט: „דער ענין איז אַזאַ — איך בין אייער פעטערס אַ שטיף־זין, זיין פרוי איז מיין מאַמע, נאָר איך לעב נישט בשלום מיט אים און מיט זיינע קינדער — קען איך נישט אַריינגיין. האָסט פאַרשטאַנען?”...

כ׳האָב לייכט אָנגעקלאַפּט אין טיר און באַלד האָט זיך באַוויזן אַ שיין, בלאָנד מיידל. זי פרעגט אויף ענגליש: „וואָס פאַרלאַנגסטו דאָ?” איך ענטפער אויף יידיש: „דאָ וווינט דער הער מענכע?” זי האָט מיך אָנגע־

קוקט, מסתמא באַמערקט, אַז איך בין אַ „גרינער". ווייל נאָר זיי זאָגן „הער" אַנשטאָט „מיסטער". זעענדיק איר פאַראינטערעסירטן בליק, האָב איך צוגעגעבן: „איך בין אויך אַ מענטש". זי האָט אַ שמייכל געטאָן און ברייט געעפנט די טיר: „קום אַריין, קום אַריין!"

אין פאָדערצימער איז מיר אַנטקעגנגעקומען דער פעטער. כ'האָב אים באַלד דערקענט. ער איז געווען זייער ענלעך צו זיין ברודער משה האַרן פון קוטנע. דער פעטער איז זייער אַ שיינער ייד, אַן אַריסטאָקראַט מיט אַ הדרת־פּנים. אַ שיין צוגעשוירענע באָרד, אַ ווייס העמד מיט שטייפע מאַנקעטן. דורך גאָלד געראַמטע בינאָקלען, האָבן אויף מיר געקוקט קלוגע אויגן. כ'האָב זיך דערפילט עפּעס זיכערער...

מיט מיר האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט, זיך געגנוי אויסגעפרעגט אויף דער גאַנצער משפּחה, באַזונדער אויף זיין ברודער יצחק — מיין זיידע. די טאָכטער רעטשל האָט דערלאַנגט טיי, די מומע האָט געשטעלט היימיש געבאַקענע קיכלעך. כ'האָב ווידער דערפילט דעם אָטעם פון דער היים...

אין לאָנדאָן

די ערשטע טעג בין איך געוועןביים פעטער אין הויז. נאָך דעם ערשטן טאָג אין אָוונט איז געקומען די חתונה־געהאַטע טאָכטער — פראַנסעז, די זין דזשעק און מאַנועל, זיי האָבן מיר אַרויסגעוויזן פריינדלעכקייט. מען האָט געשמועסט אין אַ צעבראָכענעם יידיש, געמישט מיט ענגליש. די זין זעען טאַקע אויס ווי ענגלענדער, נאָר די נעז מסורן, אַז זיי זענען יידן... זיי זענען געקומען אַהער נאָך ווי קליינע קינדער, אויסגעוואַקסן — זענען זיי עטלעכע יאָר געווען אין דרום־אַפריקע, שווער געאַרבעט, געמאַכט אַ ביסל געלט און צוריקגעקומען קיין לאָנדאָן. איצט זענען זיי אַרויפגעאַרבעטע מענטשן — דזשענטלמענער... זיי האָבן גוט־שטייענדיקע שיך־געשעפטן, פיינע היימען, אַלץ איז „אָלרייט". זייער יידישקייט באַשטייט אין קומען פּסח צום טאַטן אויפן סדר, אין די „הייליקע טעג" גייען זיי אין שול. דאָס איז אַלץ. אַ גאַנץ

יאָר זענען די געשעפטן אָפן אין די שבתים און יום־טובים. מען האַנדלט, מען וואַנדלט, ווי אין געוויינטלעכע וואָכעדיקע טעג.

ביים פּעטער אין שטוב ווערט נאָך אָנגעהאַלטן אַ ביסל טראַדיציאָנעלע פרומקייט. פּרייטיק פּאַרנאַכט צינדט מען ליכט, שבת גייט ער נישט צו דער אַרבעט. נאָר ער איז שוין פון די איינציקע אויסנאַמען. קיין סך אַזעלכע זענען שוין נישטאָ. אַזוי זעט עס אויס אַפילו אין דער סביבה פון ווייטשעפּל, וואָס איז באַוווינט פון כמעט נאָר יידן און וואָס ווערט באַטראַכט ווי דער יידישער צענטער אין לאָנדאָן.

ווייטשעפּל איז אַ לאַנגע ברייטע גאַס, וואָס הויבט זיך אָן פון אלדגעיט און ענדיקט זיך ביי מייל־ענד. די גאַנצע געגנט דאָרט, רופט מען „איסט ענד".

אין אַ זייטיקער גאַס געפינט זיך די „פּעטיקאָט־ליין". יעדער זונטיק איז דאָ אַ גרויסער מאַרק און די עטלעכע געסלעך זענען אַזוי געפּאַקט מיט מענטשן, אַז ס'איז פּשוט נישט מעגלעך דורכצוגיין. אַלע קומען דאָ אַהער כאַפּן מציאות. פּעטיקאָט־ליין איז שוין געוואָרן אַ שם־דבר, אַז דאָ קריגט מען אַלצדינג, גוט און ביליק... מענטשן אין שוואַרצע צילינדערס שטייען אויף בענקלעך, קעסטלעך און רופן אויס זייערע מציאות. אַפילו ביליקע רפואות פּאַר יעדער קרענק באַקומט מען דאָ; אַ רפואה ס'זאָלן וואַקסן האָר אויף גאָלע קעפּ, אַ רפואה אויסצוהיילן רויטע נעז א. א.... דער רוב סוחרים אויף די מערק זענען יידן.

נישט ווייט פון ווייטשעפּל ליגט די געגנט, וואָס מען רופט „סטעפּנע־גרין". דאָ איז די יידישע איינוואַנדערונג אַריינגעדרונגען, האָט אָפּגעקויפט היימלעך און גרויסע הייזער־בלאָקן. דאָ געפינט קרעמלעך, שניידער־וואַר־שטאַטן. דאָ איז געוואָר זייער היים. ביסלעכווייז זענען די גוי׳שע איינוווינער אַרויסגעשטויסן געוואָרן און דאָס האָט גורם געווען געוויסע אַנטיסעמיטישע שטימונגען...

אין יענער צייט, זענען אין ווייטשעפּל געווען צוויי יידישע טעאַטערס. דער „פּאַוויליאָן", מיט דעם הויפּט־אַרטיסט מאָריס מאָשקאָוויטש בראש און „די עמפּייערס", מיט דעם סטאַר יוסף קעסלער. די טעאַטערס זענען שטענדיק געווען פול געפּאַקט. ס'זענען געווען צוויי טאָג־צייטונגען:

„דער זשורנאַל" און „עקספּרעס". דער וויכטיקסטער און עלטסטער וואָכן־זשורנאַל, וואָס איז געלייענט געוואָרן פון די שוין לאַנג געקומענע און די אין ענגלאַנד געבוירענע, איז געווען דער „דזשואיש־קראָניקל". ס'האָבן אים געלייענט אַפילו נישט־יידן, וואָס האָבן געהאַט אַן אינטערעס פאַר יידישע ענינים. זיין רעדאַקטאָר איז געווען י. גרינבערג. אַ ציוניסט און פּערזענלעכער פריינד פון ד"ר הערצל. אַ צווייטער וויכטיקער וואָכן־זשורנאַל איז געווען דער אַנאַרכיסטישער „אַרבעטער־פריינד", דער רעדאַקטאָר איז געווען רודאָלף ראָקער, אַ דייטש, אַ גרויסער געלערנטער, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט יידיש. די אַנאַרכיסטישע אידעען האָבן אין יענער צייט געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג ביי די יידישע עמיגראַנטן אין ווייטשעפּל און ראָקער איז געווען זייער לערער, רעדנער און רעדאַקטאָר.

אויסער די אַנאַרכיסטן, זענען נאָך געווען אַנדערע פּאַרטייען: בונדיסטן פון דער אַלטער היים האָבן זיך דאָ געגרופּן סאָציאַל־דעמאָקראַטן ציוניסטן־טעריטאָריאַליסטן, סתם ציוניסטן, פּועלי־ציון. ס'זענען געווען פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנען) פון בעקערס, היטלמאַכערס, שניידערס א. א.

נאָך עטלעכע טעג זיין ביים פעטער, האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַרבעט. כ'האָב עס געזאָגט דעם פעטער. פרעגט ער מיך: „וואָסער אַרבעט ווילסטו זוכן?". האָב איך אים דערציילט, אַז כ'בין אַ שניידער, כ'האָב דאָס פאַך געלערנט אין דער היים. „נו, אויב אַזוי — זאָגט דער פעטער — קענסטו זיך נאָך אַ וואָך אָפּרוען. איך וועל שוין פאַר דיר געפינען אַרבעט".

דער פעטער אַליין האָט געהאַנדלט מיט צירונג: בריליאַנטענע פינגערלעך, גאָלדענע זייגערלעך, בראַנזאָלעטן, אוירינגלעך. זיינע קונים זענען געווען מענטשן פון „גאָלדענעם פאַך": שניידער־מייסטערס, וואָס האָבן געפירט אייגענע וואַרשטאַטן. זיי האָבן אַרויסגענומען אַרבעט פון גרויסע ענגלישע פירמעס, געהאַלטן עטלעכע אַרבעטער און צוזאַמען מיט זיי געשוויצט לאַנגע טעג — אין סעזאָן אויך נעכט. אין פּאָליטישן זשאַרגאָן האָט מען עס גערופן „דער שוויץ־סיסטעם". די דאָזיקע שניידערס, ווי באַר זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט עטלעכע פונט — האָבן זיי געקויפט צירונג. אויף

אויסצאָלן אין וועכנטלעכע ראַטעס. דאָס איז פאַר זיי געווען אַ זייער וויכ־טיקער ענין, כמעט ווי „אַרבעטסלאָזע פאַרזיכערונג" — ווייל אין דער שטיל־צייט, נישט אין סעזאָן, ווען ס'האָט גענומען אויספעלן דער גראָשן אין שטוב, ס'איז נישט געווען פון וואָס צום לעבן, האָט מען דעמאָלט פאַרזעצט דאָס צירונג אין אַ לאָמבאַרד און פון דעם געלט געלעבט. ווען דער סעזאָן איז ווידער געקומען — האָט מען עס אויסגעלייזט. אַזוי האָט זיך עס געפירט פון יאָר צו יאָר. ווען די שטיל־צייט האָט זיך פאַרצויגן לענגער, ווי געוויינלעך, האָט מען זיך נאָך פאַרבאַרגט אין שפייז־געוועלבל, און דאָך האָט מען שניידעריי געהאַלטן פאַר אַ גאָלדן פאָך, ווייל אין סעזאָן, ווער ס'האָט געקענט אַ סך שוויצן, האָט אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט. ביי אַנדערע אַרבעטן איז דאָס אויך נישט געווען...

אין די צען טעג, וואָס איך בין געווען ביים פעטער, גאָרנישט געטאָן, האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין דער סביבה פון ווייטשעפּל. דאָ האָב איך זיך געפילט ווי אין אַ קליין פּויליש שטעטל: מ'רעדט יידיש, מ'לייענט יידישע צייטונגען, מ'גייט אין יידישן טעאַטער. אַפילו אויף אַ טייל שילדן זענען די אויפשריפטן אויסער אויף ענגליש, אויך אויף יידיש. אַלע אָפּישן, פּלאַקאַטן, אַפילו פון דער רעגירונג, אָדער שטאָט־ראַט, זענען אויף יידיש. כ'גיי אין גאַס און זע: נישט ווייט פון יידישן טאַטער שטייט אַ ייד מיט אַ ברייט־צעקעמטער באָרד און דרשנט אויף יידיש. כ'הער זיך צו, לסוף כאַפּ איך זיך, אַז דאָס איז אַ מיסיאָנער, ער דרשנט יידן זאָלן זיך שמדן, איבערגיין צום קריסטנטום. אַ ביסל ווייטער פון אים, שטייט אַ ייד — שוין אָן אַ באָרד, און אַגיטירט פאַרן אַנאַרכיזם... ענגלאַנד איז אַ פריי, טאָלעראַנט לאַנד, ווער ס'וויל נאָר, קען זיך אוועקשטעלן אין גאַס און דרשנען. אַ פּאָליציאַנט שטייט פון דערווייטן, ער פאַרשטייט נישט און ס'אַרט אים נישט. נאָר ווען ס'ברעכט אויס אַ סקאַנדאַל — מישט ער זיך אַריין, שטעלט איין רו און אָרדענונג. דאָס טרעפט זייער זעלטן.

דער פעטער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געשאַפן פאַר מיר אַן אַרבעטס־פּלאַץ אין דער וועסט־ענד, אין דעם רייכן מערב־טייל פון לאָנדאָן. נאָך אין דעם זעלבן טאָג, האָבן מיר זיך אַרויפגעזעצט אויף אַן אויטאָבוס, אויף דער אויבערשטער דעק, וואָס האָט נישט קיין דאַך, כדי צו קענען

זען לאַנדאַן פאַרנדיק. דאָס אויג פאַרכאַפּט פאַרשיידענע געגנטן און מערק־ווירדיקייטן. דער פעטער ווייזט מיר אַלע מאָל אָן אויף אַן אַנדער זעלטנ־קייט. דאָס איז „באַנק אָף ענגלאַנד", דאָס איז אָקספאָרד־גאַס א. א. וו. מיר זענען אַרונטער פון אויטאָבוס און אַריין אין גרעד טישפעלד־גאַס. דאָס איז אַ גאַנץ טומלדיקע גאַס. אויף די טראָטואַרן שטייען אויסגעשטעלט טישלעך, פון וועלכע מען פאַרקויפט פאַרשיידענע זאַכן: גרינוואַרג, פּירות, בלומען, וועש, שיך. דאָ גייען אַרום קאַטערינטשיקעס און שפּילן פּאָפּולערע גאַסן־לידער.

אַזוי האָבן מיר זיך דורכגעשטופּט, ביז דער פעטער האָט זיך אָפּגע־שטעלט ביי אַ גרויס הויז. מיטן מעשענעם הענטל האָט ער אָנגעקלאַפּט דריי מאָל — אַ סימן, אַז מיר דאַרפן אויפן דריטן שטאָק. ס'איז אַראָפּגעקומען אַ מיידל און געעפנט די טיר. אונדז אַריינגעפירט אין הויז, האָב איך דערזען דאָס ערשטע אַ ריזיק־הויכן און ברייטן פאַרשוין, וואָס האָט, דוכט מיר, פאַרנומען דעם גאַנצן שטח. „דאָס איז מיסטער ווייס" — שטעלט פאָר דער פעטער. „האָ, דאָס איז דער יונגערמאַן, אייער קרוב ? — פרעגט מיסטער ווייס און ער שטרעקט מיר אויס אַ ריזיקע האַנט — „האָ דו יודו יונגערמאַן" (וואָס מאַכסטו יונגערמאַן), און איז גלייך איבערגעגאַנגען אויף יידיש און דווקא אַ גוטן רוסישן יידיש. נאָר זעלטן אַריינגעבראַקט אַן ענגליש וואָרט. זיין פרוי האָט אַריינגעברענגט כיבוד — גינעס. דאָס איז אַזאַ שוואַרץ ביר, ביטער ווי גאַל, כ'האָב עס קוים געקענט נעמען אין מויל. — שפּעטער, זייענדיק אַ לענגערע צייט אין ענגלאַנד, איז עס געוואָרן מיין באַליבטער געטראַנק...

בעתן טרינקען „לחיים", זאָגט מיר דער פעטער, אַז פון מאָנטיק אָן וועל איך דאָ אַרבעטן, זאָל זיין מיט מזל! מיסטער ווייס האָט צוגעשמייכלט. איצט האָט איך אים אַ ביסל בעסער באַטראַכט און ער האָט מיר אויסגעזען אַ סימפּאַטישער פריינטלעכער מענטש. שפּעטער האָט מיר דער פעטער דערציילט, אַז ער איז פון אַדעס, האָט אַ סך איבערגעלעבט, געווען לאַנגע יאָרן אין טערקיי ביז ער איז געקומען קיין ענגלאַנד.

דער פעטער האָט מיך געפירט. מיר זענען אַריין אין דער בעריג־גאַס. דאָ וווינען בלויז יידן. אַלע געשעפטן זענען פון פרויען־מלבושים, אויסער

עטלעכע שפּייז־געוועלבלעך, אַ כשרער רעסטאָראַן, אַ געוועלבל פון טאַבאַק, וואָס פאַרקויפט אויך יידישע צייטונגען און ספרים. אין ווינקל גאַס איז אַ יידישע שענק, ווו מען קען זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ מיט אַ גלעזל בראָנפן, פאַרביסן מיט אַ לעבערל אָדער פּיפּיקל, אַ גלעזל ביר מיט געפעפערטע אַרבעס. ס׳דערמאָנט אין לאָדזשער באַלוט. אויך דאָ טרעפט מען דעם באַצילינדערטן גוי, מיט דער קאַטערינקע, וואָס וואַרט אויף אַ נדבה...

די גאַנצע גאַס איז אַ לאַנגע און שמאָלע, אויך דאָ וווינען נאָר יידן. די געשעפטן אָבער זענען פון אַנדערע אַרטיקלען: זייגערס, מעבל, מאַנו־פאַקטור, מוזיק־אינסטרומענטן א. א. מיר זענען אַריין אין אַ געשעפט פון שניידער־צודאַטן, דער פּעטער האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר דער פרוי דיימאָנט — שטאַמט פון פּוילן, נאָר איז שוין לאַנג אין לאָנדאָן — און פאַר אירע צוויי טעכטער, ענִי און ראָזאַ. מ׳האָט אונדז פאַרבעטן אין סאַלאָן, מכבד געווען מיט טיי און קוכן. מיר זענען געזעסן און געשמועסט. די טעכטער רעדן אַ ביסל אַ פאַרענגלישטן יידיש. די ייִנגערע ראָזאַ איז מיט מיר אַרויף אונטערן דאַך, כדי מיר באַווייזן דעם צימער, אין וועלכן כ׳וועל ביי זיי וווינען: דאָס איז געווען אַ גאַר קליין צימערל מיט אַ משו־פּעדיקן סופיט, אַ קליין פענצטערל, אַ קליין גאַז־לעמפּל. דאָס מעבל: אַ בעטל, אַ טישל, צוויי בענקלעך. נאָר ריין איז דאָרט געווען, קלאָר, ממש אַ פּאַלאַץ אַנטקעגן די בוידעם־שטיבלעך אין פּאַריז. פאַר דעם צימער האָב איך געדאַרפט צאָלן זעקס שילינג אַ וואָך. כ׳בין געווען צופרידן פון דער דירה. ס׳האָט זיך מיר געוואָלט זיין אין אַ משפּחה, צווישן דעם פּעטערס פריינד, אפשר וועל איך זיך נישט פילן אַזוי עלנט און איינזאַם. דערצו איז נאָך די עלטערע טאָכטער, ענִי, אַזוי שיין און סימפּאַטיש...

ווען מיר זענען אַרויס פון הויז, זאָגט דער פּעטער: „נו, מיט אַרבעט און אַ דירה ביסטו שוין באַזאָרגט. בלייבט נאָר איבער דיך איצט אויסצו־קליידן, זאָלסט נישט אויסזען ווי אַ „גרינער". ער איז מיט מיר אַריין צו אַ שניידער און באַשטעלט אַ מאַנטל. אין אַ געשעפט האָט ער פאַר מיר געקויפט: וועש, אַ שוואַרצן הוט און אַפילו הענטשקעס... „פּעטער, וואָס איז מיט באַצאָלן פאַר דעם אַלעם?" — פרעג איך שטיל. „זאָרג נישט דוד!

ווען דו וועסט אַרבעטן, פאַרדינען, וועסטו מיר אָפּגעבן". — ענטפערט ער מיט אַ שמייכל.

זונטיק אָוונט איז דער עלטערער זון פרענק (אפרים) מיט זיין ווייב געקומען אויף אַ באַזוך צו די עלטערן, צוליבן גאַסט. די שנור איז אַ געבוי־רענע אירלענדערין, זי מאַכט גאָר אַ גוטן איינדרוק. זי איז שיין, איידל און דערצויגן. אַן אמתע ענגלישע ליידי... זי האָט מיך באַגריסט, גערעדט עטלעכע ווערטער, וואָס כ'האָב נישט פאַרשטאַנען. קיין יידיש האָט זי נישט געקענט. בכלל האָט מען יענעם אָוונט, צוליב די געסט, גערעדט נאָר ענגליש. כ'האָב זיך געפילט זייער נישט באַקוועם און געהאַט דעם ווילן אַוועקצוגיין. נאָר ס'האָט נישט געפּאַסט. כ'האָב קיינעם נישט געוואָלט באַליידיקן. בין איך געזעסן ביז די געסט זענען אַוועק...

מאָנטיק, 7 אין דער פרי, בין איך שוין געווען אויף די פיס, גרייט צו פאָרן צו דער אַרבעט. מיטן בוס דויערט עס אַ האַלבע שעה. דעם פעטערס טאָכטער רעי, האָט מיר מיטגעגעבן עפּעס עסן און אָנגעזאָגט, אַז אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, זאָל איך קומען צום מיטאָג. אַזוי האָב איך זיך געפירט בערך אַ 8 טעג. שפּעטער בין איך נאָר געקומען שבת און יום־טוב.

געאַרבעט האָבן מיר פון 8 ביז 8, מיט אַ שעהדיקן איבעררייס אויף מיטאָג און עטלעכע מינוט אַרום 5 נ. מ. צו טרינקען טיי. די טיי איז געווען שטאַרק, מיט אַ ביסל מילך — די באַרימטע ענגלישע טיי. ווען מען געוויינט זיך צו — דערפילט מען ערשט איר ריכטיקן טעם.

וואָכן לאַנג בין איך געגאַנגען צו דער אַרבעט ניכטערערהייט. אין מיין צימער, האָב איך גאָרנישט געקענט מאַכן, נאָר קומען איבערשלאָפן. די רעסטאָראַנען און טיי־הייזער זענען נאָך געשלאָסן אַזוי פרי. אויסער די איטאַליענישע קליינע קאַפעען אין די זייטיקע גאַסן, און אַהין האָב איך נישט געקענט גיין. מיטאָג האָב איך געגעסן אין אַ יידישן רעסטאָראַן אויף בעריק־גאַס. אין די שעהן 1 — 2 איז דאָרט געפּאַקט, קיין שפּילקע נישט אַריינ־צוּוואַרפן. די ריחות פון די יידישע מאכלים האָבן פאַררייסן די נאָז. דאָ האָט מען זיך געפילט היימיש, געטראָפן לאַנדסלייט — נייע עמיגראַנטן. מען ווערט געוואָר נייעס פון דער אַלטער היים. דאָ האָט מען זיך אויך דער־

ווסט ווען אַרבעט, פרייזן, באַדינונגען. דערווייל עסט מען אָפּ אַ גוטן, געשמאַקן מיטאָג, פֿאַר נישט טייער...

דער מיסטער ווייס, ביי וועמען איך אַרבעט, איז אַ גוטמוטיקער, פריינט־לעכער מענטש. ביי דער אַרבעט דערציילט ער מעשיות פון זיין יוגנט אין אָדעס, אין סטאַמבול. נאָר ווי מיין בעל־הבית אין וואָלאַצלאַוועק, דערמאָנט ער: „מיטן מויל קען מען רעדן, אָבער די הענט דאַרפן אַרבעטן". צו מיר האָט ער אַ גוטע באַציאונג. עטלעכע מאָל האָט ער מיך אַפילו מיטגענומען אין דעם מוזיק־האָל, אין „קאָלאָסעאום".

ס'איז חודש סעפּטעמבער. אין דער פרי און אין אָוונט איז שוין גאַנץ קאַלט. די פייכטקייט קריכט אין די ביינער. דער הימל איז גרוי, נעפּלדיק, די זון לייכט, אָבער וואַרעמט נישט. אויף ראש־השנה בין איך פאַרבעטן צום פעטער און ער האָט שוין געזען איך זאָל גיין מיט אים צום דאַווענען. סוכות האָב איך געאַרבעט ווי אין געוויינלעכע טעג. דאָ אין דער וועסט־ענד, פירט מען זיך נישט אַזוי יידיש, ווי אין ווייטשעפּל, שבת און יום־טוב דערקענט מען כמעט נישט. מען אַרבעט און די געשעפטן זענען אָפן. נאָר פרייטיק־צו־נאַכטס ברענען אין פאַדערשטן צימער שבת־ליכט.

שמחת־תורה זענען אין רעסטאָראַן געווען צוגעגרייט יום־טובדיקע מאכלים, אַפילו זיס קרויט מיט ראַזשינקעס. נאָר מיר איז געווען זייער אומעטיק. שפּעטלעך אין אָוונט, בין איך געקומען אין צימער, דאָס גאַז־לעמפּל האָט טונקל געלויכטן, די שאָטנס אין צימער האָבן געטאַנצט אויף די ווענט, אַ דראָבנער רעגנדל האָט געקלאַפּט אין די שויבן פון מיין קליין פענצטערל. כ'זיץ אַליין אַ טרויעריקער און מידער. ס'איז אַרויסגעשווומען פאַר מיינע אויגן אַ שמחת־תורה אין דער היים: כ'זע די שול, יידן טאַנצן ביי די הקפות, קינדער מיט פענדלעך און ברענענדיקע ליכטלעך דרייען זיך מיט. איצט — די סעודה אין דער היים, חסידים קומען, מען טאַנצט, ס'איז ליכטיק און פריילעך. דאָ זיץ איך אַן עלנטער, אַליין. ווי אַמאָל אין וואָלאַצ־לאַוועק און אין פּאַריז, האָט מיר אַ קלעם געטאָן דאָס האַרץ פון רחמנות אויף זיך אַליין און כ'האָב זיך ביטער צעוויינט... אינסטינקטיוו האָב איך אַ כאַפּ געטאָן אַ פעדער און אָנגעשריבן אָט די עטלעכע נאַיווע גראַמען:

תמיד פֿאַרוואָגלט, תמיד אין דער פֿרעמד,
תמידליידן, שטענדיק בין איך עלנט,
דער הימל איז שוואַרץ, קאַלט איז די לופֿט,
אויף דער וועלט בין איך פֿון גאָט געשטראָפֿט.

תמיד צו שאַפֿן, צו שפּינען פֿאַר פֿרעמדע,
שטענדיק צו זיין צווישן די עלנטע,
דער הימל איז שוואַרץ, די לופֿט איז קאַלט,
בין איך פֿאַרשלונגען אין אַ חושכדיקן וואַלד...

ס'איז אָנגעקומען דער חודש אָקטאָבער. אין הייד־פּאַרק און אין אַלע גערטנער פֿאַלן גאָלדיק־געלע בלעטער פֿון די ביימער. דער הימל ווערט נידעריק און גרוי, ווי מיט בליי אָנגעגאָסן. אויף דער נשמה פּרעסט דער גרויער נעפּל און די פֿאַמעלעכדיקע דראָבנע רעגנדלעך פֿון ענגלישן ווינטער. אין איינעם פֿון אַזעלכע אָוונטן בין איך אָוועק אויף ווייטשעפּל אויסהערן אַ רעפֿעראַט וועגן ציוניזם אין „בית־ציון", וואָס האָט זיך געפֿינען אין אַ קליין געסעלע אין אַן אַלט הויז, פּאַרטער. דאָס איז געווען דער ציוניס־טישער צענטער אין לאָנדאָן און אפֿשר אין גאַנצן לאַנד. דער לאָקאַל איז באַשטאַנען פֿון אַ גרויס צימער מיט איין פֿענצטער, וואָס האָט געקאָנט אַריינבנעמען אפֿשר אַ 200 מענטשן, און אויפֿן ערשטן שטאָק, צו וועלכן מען האָט געדאַרפֿט קריכן אויף אויסגעקרימטע טרעפּ — נאָך צוויי צימערלעך. דער רעדנער איז געווען ד"ר זאַלקינד, צו יענער צייט אַ באַ־קאַנטע פּערזענלעכקייט אין לאָנדאָן. די רעדע און דער רעדנער האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ער איז געווען אַן אמתער פֿאָלקס־טריבון, ראַדיקאַל און פֿאָלקיש. זיין ריזיקע פֿיגור און דער גרויסער קאָפּ האָבן אים צוגעגעבן חשיבות, ווען ער האָט געשטורעמט מיט צאָרן קעגן דער אַסימילאַציע, האָט זיך געדוכט, אַז אַ לייב ברומט קעגן זיי...

אַ ביסל וועגן ד"ר י. מ. זאַלקינד:

אַ פֿרייער, ראַדיקאַלער מענטש, אַ סימפּאַטיקער פֿון אַנאַרכיסטישע אידעען, אַ דענקער און אַ בקי אין תלמוד (אַ טייל פֿון אים האָט ער איבער־

געזעצט אויף יידיש), אַ פֿאָלקס־שרייבער און אַ מאַסן־רעדנער. אין מיין צייט איז ער געווען אַ הייסער ציוניסט, אַן ערן־מיטגליד אין דער צעירי־ציון־אָרגאַניזאַציע. ער האָט עס געגרינדעט אין לאָנדאָן די געזעלשאַפט „אחוזה", וואָס איר ציל איז געווען: צו קויפן ערד אין ארץ ישראל, כדי זיך שפּעטער באַזעצן אויף דעם באָדן. ווערן קאָלאָניסטן און לעבן אין ארץ ישראל. צו דעם צוועק איז ד"ר זאַלקינד, אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט געפאָרן קיין ארץ ישראל. דאָ האָט ער טאַקע געקויפט און געמאַכט אַ חוזה אויף דעם באָדן, וואָס הייסט היינט כ ר כ ו ר, געפינט זיך לעבן עין־שמר און פרדס־חנה. ליידער, זענען נאָר איינציקע משפחות געפאָרן זיך באַזעצן אויפן באָדן. זייער גורל איז מיר נישט באַקאַנט. נאָר איין משפחה — טיטשער האָט זי געהייסן — האָט איבערגעלאָזט אין לאָנדאָן אַ גרויס איינגעאָרדנט געשעפט, אַ פיינע היים און זיך באַזעצט אין ישראל. דאָ האָט ער שווער געאַרבעט און קיין פּרנסה נישט געהאַט. אין 1937 האָב איך אים געטראָפן אין תל־אביב, איינגאַנצן אַן אַנדערן, ווי ער איז געווען אין לאָנדאָן. געעלטערט, אויסגעמאָגערט, אַנטוישט, אַ צעבראָכענער מענטש. דאָס שווערע לעבן און דער קלימאַט האָט אויף אים אַזוי געווירקט. שפּעטער האָט ער שוין נישט געקענט באַאַרבעטן דעם באָדן, האָט ער געקויפט אַ מכלת, קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין כרכור. דאָס איז נאָר איין ביישפּיל, וואָס ס'איז געוואָרן פון די פּלענער, וואָס ד"ר זאַלקינד האָט מיט אַזוי פיל פאַנטאַזיע און באַגייסטערונג געבויט...

אַ צווייט מאָל, בין איך געפאָרן אין „בית־ציון" מיט דעם באַשלוס, זיך צו באַקענען מיט די ציוניסטן און אַליין ווערן אַקטיוו. דער גרויסער זאַל איז יענעם אָוונט געווען געשלאָסן, נאָר אויבן, אויפן שטאָק, האָב איך געטראָפן עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן געלייענט צייטונגען, אָדער געשפּילט אין שאָך. אין אַנדערן צימער, האָט דער סעקרעטאַר געשמועסט מיט עטלעכע מענטשן אין די מיטעלע און עלטערע יאָרן. דאָ האָב איך זיך באַקענט מיט עטלעכע זייער אינטערעסאַנטע געשטאַלטן: בראַדיצקי, אַן אייגנטימער פון אַ יידישער דרוקעריי. אַן אייגנאַרטיקער טיפּ, צו וועלכן מיר וועלן זיך נאָך אומקערן אין מיין וייטערדיקער באַשרייבונג. זיך באַקענט מיט י. ד. גאָלדבלום, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, פול מיט לעבן און

ענערגיע, ווי אַ יונגער מאַן. ער איז דעמאָלט געווען דער אָנפירער און לערער אין דער תלמוד־תורה, אין וועלכער שוין דעמאָלט, האָט מען געלערנט עבר׳ית־בעברית. די איבעריקע האָבן מיר אויסגעזען גרוי פאַרשלאָפענע מענטשן, כאָטש אַלע אַלטע, באַוווסטזיניקע ציוניסטן, האָט, זעט אויס, אויף זיי געווירקט דער ענגלישער קלימאַט מיט זיינע נעפּלען און רעגנס, ער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיי אַ מידקייט... אַרויסגייענדיק פון „בית־ציון״, האָב איך געטראַכט, אַז ס׳וואָלט גוט געווען אויך דאָ, צו שאַפן אַ צעירי־ציון־אָרגאַניזאַציע, לויטן מוסטער פון די רוסיש־פּוילישע „צעירי־ציון״.

כ׳אַרבעט שוין עטלעכע וואָכן, פאַרדין צוויי מיט האַלבן פונט אַ וואָך. יעדן שבת קריגן מיר אויסגעצאָלט די שכירות אין גאָלד־שטיקלעך. כ׳האָב ליב דעם שבת, מען אַרבעט נאָר אַ האַלבן טאָג, ביז צוויי, אָבער מען באַצאָלט פאַר אַ גאַנצן, און די גאָלד־שטיקלעך האָבן געוואָרעמט... כ׳האָב שוין טאַקע אויך אָפּגעשפּאָרט עטלעכע שיינע פונט און די שטימונג האָט זיך געבעסערט. אַרום 4 נ. מ. בין איך שוין אַן אָפּגעגעסענער, אַן אויסגעפּוצט־שבתדיקער. איצט איז דאָ צייט צו לייענען, שפּאַצירן, גיין אין געסט צום פעטער אָדער צו אַ לאַנדסמאַן. אין אָוונט גייט מען אין יידישן טעאַטער, וווּ מען שפּילט יעקב גאָרדינס „דער פאָטער״. אַ דראַמע, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. פאַרן אויפהויב פון דעם פאָרהאַנג איז דער טומל אַ געוואַלדיקער, ס׳טרעפן זיך דאָ באַקאַנטע, לאַנדסלייט, אַלטע און פרישע, אַלע רעדן צוזאַמען. דער פאָרהאַנג הייבט זיך פּאַמעלעך; דער עולם ווערט שטיל. דאָס נישט דערדערטע פאַרענדיקט מען בעת די איבער־רייסן צווישן די אַקטן און נאָך דער פאָרשטעלונג.

ס׳איז שוין נאָוועמבער, די לופט ווערט נאָך מער חושכדיק און פייכט. אויף דער גאַס רעגנט, אויפן געמיט איז שווער. קאַטערינטשיקעס שפּילן טרויעריקע מעלאָדיעס. בעטלען דערלויבט מען זיי נישט, מוזן זיי שפּילן... אין איינעם פון די אָוונטן האָט מיך מיין קוזינע פראַנסעז פאַרבעטן אין ענגלישן טעאַטער. ס׳האָט געשפּילט די באַרימטע פראַנצויזיש־יידישע אַרטיסטין סאַראַ בערנאַרד. דעם אינהאַלט פון דער דראַמע האָב איך נישט פאַרשטאַנען, נאָר איר שפּיל האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם...

אַרויסגייענדיק פון טעאַטער האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרק

געדיכטער פאגע (אַ פינצטערער נעפּל). ווי שווערע געדיכטע וואָלקנס וואָלטן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. איינער זעט נישט דעם אַנדערן, מען זעט נישט צו גיין, מ׳טאַפּט, מ׳זוכט אין דער פינצטער, מ׳הוסט, די פאָגע שטיקט, זי לייגט זיך אויפן האַרץ. די קעשענע־לעמפּלעך העלפן נישט. ס׳באַווייזן זיך פלאַקערס פון שטורקאַצן, וואָס עמיץ האָט אָנגעצונדן. די אויטאָבוסן קריכן טריט־ביי־טריט, אָדער שטעלן זיך אין גאַנצן אָפּ. איך האַלט זיך ביי מיין קוזינע, ביז מיר דערקריכן קוים צו דער אונטער־ערד־באַן, נאָר אויך אַהער רייסט זיך אַריין די פאָגע און מען הערט אַ הוסטעריי. שפּעט ביינאַכט האָבן מיר זיך דערקליבן אַהיים. דאָס איז געווען מיין ערשטער באַזוך אין ענגלישן טעאַטער און דער ערשטער איבערלעב פון אַ גרויסער פאָגע. שפּעטער האָב איך נאָך געזען פאַרשידענע פאָגעס: אַ געלע, עס דוכט זיך, אַז די גאַנצע לופט איז אויסגעפּילט מיט רויך פון אַ קוימען און אַ שוואַרצע, ס׳איז פינצטער, ווי אין אַ סוף־חודש־נאַכט. אַמאָל האַלט ער אָן עטלעכע טעג, אָפּט קומט צוזאַמען מיט אים אַ נודנע, דראָבנע רעגנדל...

די ענגלענדער זענען צוגעוווינט צו דעם קלימאַט מיט אירע אַנשי־קענישן. זיי נעמען עס אויף באַטירלעך און גוטמוטיק. אין אַזעלכע אָוונטן זיצן זיי אין שטוב ביים קאַמין, רויכערן אַ פּייפּ, לייענען צייטונגען, טרינקען טיי אָדער וויסקי. גאַנצע משפחות זיצן זיי צוזאַמען אין זייערע אייגענע הייזלעך. דאָס פּריוואַטע לעבן דאָ איז הייליק, קיינער וועט נישט קומען שטערן. ביי זיך אין הויז, איז יעדער ענגלענדער אַ לאָרד... ווען די זון באַווייזט זיך נאָר, פרייען זיי זיך: — אַ שיינער טאָג! אַ פּרעכטיקער! וווּנדערלעכע רואיקע אייגנשאַפטן ביי די ענגלענדער...

מיר גרינדן אַ „צעירי־ציון״־אָרגאַניזאַציע

אַ געוויסן שבת־פאַרנאַכט, זענען — אויף מיין איניציאַטיוו — זיך צונויפגעקומען אין מיין צימערל 4 יוגנטלייט און 2 מיידלעך. מיר האָבן אַרומגערעדט די ציוניסטישע אידעען און אויפגאַבן און די נויטיקייט צו

גרינדן אין לאָנדאָן אַ ציוניסטישן יוגנט־פאַראיין. נאָך אַ לענגערע דיסקוסיע, האָבן מיר זיך איינשטימיק דערקלערט ווי אַ „צעירי־ציון״־גרופּע. אַלע זענען מיר געוואָרן מיטגלידער אין „קאָמיטעט״ און דער שרייבער פון די שורות — דער „פּרעזידענט״. דעם באַשלוס האָבן מיר פּובליקירט אין דער יידישער פּרעסע, כדי לאָנדאָן זאָל וויסן. איצט האָבן מיר געדאַרפט אַן אָרט, אַן אַדרעס צו פירן אונדזער טעטיקייט. אין דער וועסט האָט זיך געפונען אַ בית־ספר, וואָס אין די וואָכן־טעג איז עס געווען אַ תלמוד־תורה, שבת — אַ שול צום דאַווענען. דאָרט זענען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען וועגן פאַרשידענע קהלישע ענינים. דער לאָקאַל, וואָס איז פריער געווען אַן איטאַליענישער קלוב, האָט געהאַט אַ גרויסן זאַל און עטלעכע צימערן, אַ גאַנץ הייזל פאַר זיך. דער רוב פון די מיטגלידער זענען געווען פּשוטע יידן, פאָלקס־מענטשן, נאַציאָנאַל געשטימטע אָדער ציוניסטן. איינער פון די חשובסטע איז געווען דער — פריער־דערמאָנטער — ד״ר זאַלקינד. דער פאָרזיצער איז געווען מיסטער וויטשינסקי, אַן איידעלער מענטש, אַ וואַרעמער ייד מיט אַ גוט הארץ. אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אַ טעריטאָריאַליסט, איצט ציוניסטיש געשטימט. צו אים האָב איך זיך פּערזענלעך געוואָנדן, ער זאָל דערלויבן דער „צעירי־ציון״־אָרגאַניזאַציע צו באַנוצן זיך מיטן לאָקאַל פון בית־ספר. אָן לאַנג צו טראַכטן, האָט ער דערקלערט, אַז ער אַליין איז מסכים מיטן גאַנצן הארצן, נאָר ער מוז נאָך אָנפרעגן ביי דעם קאָמיטעט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז די „צעירי־ציון״ קענען מאַכן זייער היים אין דעם בית־ספר. היות מיר זענען געווען אַ „יוגנט־פאַראיין״ האָבן זיך אַ סך מיטגלידער פון בית־ספר — מיט מיסטער וויטשינסקי און ד״ר זאַלקינד בראש — אָנגעשלאָסן צו אונדז. איצט, אַז מיר האָבן שוין געהאַט אַן אַדרעס, זענען מיר אַריינגעטרעטן אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע און מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ סעריע רעפעראַטן מיט חשובע פּרעלעגענטן, ווי: רעוו. י. ק. גאָלד־בלום, רבי דייוויס, ד״ר גאַסטער, דזשאָזעף קאָהען, ד״ר זאַלקינד א. א. אין משך פון אַ קורצער צייט, זענען מיר דערגאַנגען ביז 100 חברים. אין רעזולטאַט און ווי אַ מוסטער פון אונדזער גרופּע, וואָס האָט זיך אָפיציעל גערופן „די וועסט צענטראַל צעירי־ציון״, איז אין דער איסט־ענד, אין

דער געגנט פון ווייטשעפל, אויך געגרינדעט געוואָרן אַ צעירי־ציון גרופּע, וואָס איז געשטאַנען אין ענגער פאַרבינדונג מיט אונדז. אין משך פון איין יאָר, האָט די „צעירי־ציון" אין לאָנדאָן געציילט 500 חברים.

דער שרייבער פון די שורות האָט אָוועקגעגעבן זיין גאַנצע פרייע צייט, אַלע אָוונטן, שבתים און יום־טובים, פאַר דער „צעירי־ציון"־באַוועגונג. יעדן זונטיק נאָכמיטאָג און אַנדערע נישט אַרבעטס־טעג, האָבן מיר געפירט ציוניסטישע אַגיטאַציע אונטערן פרייען הימל, אין די ווינקלען פון אַ ריי גאַסן. די רעדנער זענען אַלע געווען יונגע חברים: שפּירא, קאַזיקאָוו און איך. איינמאָל, אין אַ זונטיק, איז מיר אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן פינף מאָל, אויף פינף פאַרזאַמלונגען, אונטערן פרייען הימל. דאָס זענען געווען פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען קעגן דעם „יידיש־דייטשן הילפס־פאַראיין", וואָס האָט פאַרלאַנגט איינצופירן דייטש ווי די אונטערריכטס־שפּראַך אין חיפהער טעכניקום. מיר, די ציוניסטן, האָבן דורכאויס געפאָדערט — העברעאיש. די פאַרזאַמלונגען האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן עולם, גערעדט האָבן מיר — יידיש. קיין דערלויבעניש האָט מען נישט געפאָדערט. ענגלאַנד איז אַ לאַנד, ווו עס הערשט „פרייהייט פון וואָרט". ווער ס'האָט נאָר געוואָלט האָט זיך געקענט אַרויפשטעלן אויף אַ בענקל, אָדער קעסטל און רעדן, וואָס זיין האַרץ גלוסט נאָר. די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געמאַכט אַזעלכע גאַסן־אַרויסטרעטונגען, האָבן געהאַט אַ טריבונע אין דער פאָרם פון אַ לייטערל מיט ברייטע טרעפּלעך, מען האָט עס געקאָנט איבערטראָגן; אַמאָל אין הייד־פּאַרק, אַמאָל אין אַ ווינקל פון אַ גאָס. אַזאַ לייטערל האָט אויך געהאַט „צעירי־ציון", קיינער האָט נישט געשטערט און קיינעם האָט עס נישט געאַרט...

דער כאַראַקטער פון די ענגלענדער נישט צו מישן זיך אין פרעמדע ענינים, קיינעם נישט צו פאַרטשעפּען, יעדן לאָזן גיין זיין אייגענעם וועג, איז פאַר מיר בולט געוואָרן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. אַמאָל אין אַ ווייַנאַכט־אָוונט (ווייַנאַכט איז אַ יום־טוב נישט נאָר ביי קריסטן, נאָר אויך ביי יידן. די אַסימילירטע פון זיי שטעלן אָוועק קריסמעס־ביימלעך מיט שיינע באַפּוצונגען, דער עיקר פאַר די קינדער. סתם יידן, מאַכן יענעם אָוונט פאַרוויילונגען, וואָס האָבן קיין שייכות נישט צו ווייַנאַכט, נאָר

גאָר פּשוט — ס'איז דאָ פרייע צייט, דער יום־טוב ציט זיך 3 — 4 טעג, נוצט מען עס אויס), אין איינעם אַזאַ אָוונט בין איך געפאָרן צום פּעטער, נאָר דאָרט האָב איך קיינעם נישט געטראָפן. מסתמא זענען זיי געוועזן אַוועק אויף עפּעס אַ שמחה. האָב איך געדאַרפט צוריקפאָרן אַהיים צו זיך. כ'האָב זיך געשטעלט וואַרטן אויף אַן אויטאָבוס, אָבער ער איז נישט געקומען. נאָך אַ לענגערער צייט, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דעם אָוונט — דער איינציקער אין יאָר — גייען נישט די אויטאָבוסן. נעמען אַ טעקסי איז מיר אַפילו נישט איינגעפאַלן, דאָס וועט זיך אַ „גרינער" נישט דערלויבן. ער רעכנט שטענדיק אויס, אַז אַן ענגלישער פונט איז רוסישע 10 רובל, אַ שילינג — אַ האַלבער רובל, און אַזאַ נסיעה ביז דער וועסט, וועט צופיל קאָסטן. האָב איך באַשלאָסן גיין צופוס. דערווייל איז געוואָרן שפּעט, די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע, אַ פייכטע. איבער אַלע גאַסן, וואָס כ'בין דורכגעגאַנגען, האָט זיך פון די הייזער געהערט געשרייען, געלעכטערס און געזאַנג. איבער די גאַסן האָבן איינציקע און גאַנצע גרופּעס שיכּורים געטומלט און געזונגען אויפן קול, כ'בין געגאַנגען נאָענט פון זיי, אָבער קיינער האָט נישט פאַרטשעפּעט. כ'האָב עס פאַרגלייכט מיט פּוילן — דאָרט וואָלט מען שוין אין אַזאַ אָוונט געבראָכן שויבן און געשלאָגן יידן...

די „צערי־ציון" איז געווען ראַדיקאַל אין אירע איבערצייגונגען און דינאַמיש אין איר טעטיקייט. אַמאָל האָב איך, ווי דער פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע, דערהאַלטן אַ בריוו פון „ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט" אין קעלן, אין וועלכן זיי האָבן געלויבט די לאָנדאָנער „צעירי־ציון" פאַר זייערע מעשים און שוווּנג. פאַרגלייכנדיק זיי צו די רוסישע „צעירי־ציון".

ווי דער פאָרשטייער פון דער גרופּע, איז מיר אויסגעקומען צו זיין פאַרטרעטן אויף פאַרשידענע קאָנפערענצן, נישט נאָר פון ציוניסטישן כאַראַקטער, נאָר אויך ביי אַלגעמיין־יידישע ענינים, אין די טרייד־יוניאָנס (פּראָפ־פאַראיינען), אין וועלכע איך בין געווען טעטיק.

אויף איינער פון די ציוניסטישע לאַנד־קאָנפערענצן, האָב איך זיך פּנים אל פּנים באַגעגנט מיט ד"ר חיים ווייצמאַן, וועלכער האָט דאָרט געהאַלטן דעם הויפּט־רעפעראַט וועגן דער ציוניסטישער פּאָליטיק. ער האָט וואַרעם געדריקט מיין האַנט און געזאָגט, אַז „די צעירי־ציון־אָרגאַניזאַציע

אין לאָנדאָן איז אַ מוסטער פאַר אַנדערע". דאָס האָט אויך געמיינט אַ לויב פאַר דעם פירער פון דער אָרגאַניזאַציע. ווייצמאַן האָט נישט ליב געהאַט קיין סך צו רעדן, צו וואַרפן מיט סתם ווערטער. זיין פיגור, זיין איידל רעדן צו יעדן מענטשן, די ערנסטקייט, וואָס איז געלעגן אונטער יעדן וואָרט, זיין אייראָפּעאישקייט — צוזאַמען מיט שטאַלצע יידישקייט, האָט אויף מיר געמאַכט אַ רושם און אַרויסגערופן טיפע אַכטונג.

אין דער אַלגעמיינער דיסקוסיע, וועגן דער ציוניסטישער טעטיקייט — אויף יענער קאָנפערענץ, בין איך אַרויסגעטרעטן מיט אַ שאַרפער אַטאַקע קעגן דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין לאַנד, פאַר איר איגנאָרירן די יידישע שפּראַך, פאַר איר באַנוצן זיך נאָר מיט ענגליש אין דער פּראָפּאַגאַנדע. נישט רעכענענדיק זיך מיט דעם, וואָס אַ גרויסער טייל פון די ניי־איינגעוואַנדערטע פאַרשטייען נישט קיין ענגליש. אין תשעה־באב האָט די ציוניסטישע פעדעראַציע אַרויסגעלאָזט אַ ווענדונג צו דער יידישער באַפעלקערונג, זי זאָל זיך באַטייליקן, זיך באַשטייערן פאַר דעם „נאַציאָנאַל־פאָנד". דעם אויפרוף האָט מען פאַרשפּרייט אין די שולן פון איסט סייד, דאָרט ווו עס וווינען כמעט אַלע ניי־איינגעוואַנדערטע, וואָס פאַרשטייען נישט קיין וואָרט ענגליש. האָבן טאַקע אַ סך נישט געוואָלט נעמען די בלעטלעך — מיינענדיק, אַז דאָס זענען מיסיאָנערישע אַגיטאַציע. (זיי האָבן נישט געוווסט, אַז דווקא די מיסיאָנערן פירן זייער פּראָפּאַגאַנדע אין יידיש). מיין אַרויסטריט האָט געמאַכט אַ רושם און איז באַשאַנקען געוואָרן מיט אַ סך אַפּלאָדיסמענטן. באַזונדער פון די געסט — די פּועלי־ציון. שפּעטער זענען שוין אַלע אויפרופן און ווענדונגען געדרוקט געוואָרן אויך אין יידיש.

בריוועלעך פון דער היים

פון דער מאַמען: אויף מיינעם אַ בריוו, מיט עטלעכע געשיקטע פונט, האָב איך דערהאַלטן פון דער מאַמען אַן ענטפער, שטענדיק איז די מאַמע געווען די בריוו־שרייבערין, דער טאַטע האָט נישט געהאַט קיין צייט און געדולד...

טייערער זון! דיין ליבן בריוו פון לאַנדאָן, האָבן מיר דערהאַלטן. די שמחה ביי אונדז פון דעם בריוו, איז גאָר נישט צום באַשרייבן. אַלע האָבן מיר אים געלייענט עטלעכע מאָל. אויך די משפחה, וואָס איז אַריינגעקומען, האָט אים געלייענט. איך מוז דיר זייער דאַנקען פאַר די עטלעכע פונט, וואָס דו האָסט אונדז געשיקט. ס'איז איבעריק צו שרייבן, ווי נוצלעך זיי זענען איצט פאַר אונדז און ווי זיי וועלן צונוץ קומען. מיט דער פרנסה איז איצט זייער שווער. ווען כ'האָב געלייענט דיין בריוו, האָב איך פאַרגאָסן טרערן, אַז מיין עלטסטער זון זאָל דאַרפן זיין אין דער פרעמד. נאָר געלויבט צו גאָט, אַז מען הערט פון דיר, אַז דו ביסט געזונט. כ'בעט דיך מיין קינד, פאַרגעס נישט, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט, פאַרגעס נישט צו דאַווענען. כדי צו זיין זיכער, דאַוון איך יעדן טאָג צוויי מאָל, פאַר דיר און פאַר מיר. קינד! געדענק אין גאָט, וועט ער דיר העלפן און ס'וועט דיר גוט זיין. פאַרגעס נישט אין דיינע אָרעמע עלטערן. שרייב אָפט. דיין פאָטער און די קינדער שיקן דיר די בעסטע גרוסן. מיט מוטער־לעכע וואַרעמסטע גרוסן — דיין מוטער, וואָס בעט פאַר דיר און פאַרגיסט טרערן פאַר דיר...

פון ריפּין:

ליבער דוד! דיין בריוו, ווי אויך די פריערדיקע, האָבן מיר דערהאַלטן און מיט פרייד געלייענט. ערשטנס צו הערן, אַז דיר גייט גוט אין דעם נייעם לאַנד, און אויך פון דעם, וואָס דו פאַרגעסט נישט שרייבן צו אונדז. ביי אונדז ווערט די פרנסה שווערער, ס'האָבן זיך געעפנט פוילישע געוועלבער, וואָס קאָנקורירן מיט יידן. אויך דער אַנטיסעמיטיזם וואַקסט. נאָר גאָט האָט געהאָלפן ביז איצט, וועט ער אויך ווייטער העלפן. דאָס איבעריקע וועט דיר מיין טאָכטער נחמה שרייבן. מיר ווינטשן דיר אַלדאָס גוטס. פון מיר, מיין פרוי און קינדער די האַרציקסטע גרוסן

דיין אלישע.

פון נחמהלע שפערלינג:

ווערטער פריינד מענטשעס!

עס האָט מיך ווירקלעך געפרייט פון אייך צו דערהאַלטן אַ בריוו, און נאָך מער צופרידן בין איך, וואָס אייך גייט גוט אין דעם נייעם לאַנד. יידיש איז מיר אַ ביסל שווער צו שרייבן, נאָר איך באַמי זיך און האָף, אַז איר וועט קענען לייענען מיין שרייבן. ווי איך זע, לויט אייער שרייבן בענקט זיך אייך אַ ביסל. דאָס איז פאַרשטענדלעך אין דער ערשטער צייט. שפּעטער וועט עס איבערגיין. אויך שרייבט איר, אַז איר טראַכט פיל מאָל וועגן מיר — באמת, דאָס איז אַ קאָמ־פלימענט און איך ווייס נישט, מיט וואָס איך האָב זיך עס ביי אייך פאַרדינט, אַז איר זאָלט טראַכטן וועגן מיר. אַזוי ווי איר זענט אָפנהאַרציק, מוז מיין באַציאונג צו אייך אויך זיין די זעלבע — אויך איך טראַכט אַ סך מאָל וועגן אייך... די פאָטאָגראַפיעס, וואָס איר בעט פון מיר, וועל איך אייך אין קורצן צושיקן. איך קלער די טעג צו מאַכן אַ ניי בילד, וועל איך עס אייך שיקן. אייך דאַנק איך זייער פאַר דער צוגעשיקטער פאָטאָגראַפיע. כאָטש ס'איז נאָר זעקס חדשים, ווי איר האָט פאַרלאָזן פוילן, זעט איר שוין אויס — אויף דעם בילד אַ גאַנץ אַנדער מענטש, ממש אַ פאַלנער ענגלענדער... ביי אונדז אין קליינעם שטעטל האָט זיך כמעט גאָרנישט געענדערט. אַלץ שטייט אויפן זעלבן אָרט: דאָס שטעטל, דער טייך, די מיל, די לאָנקעס און די סעדער. די זעלבע שפּאַצירן אין די אָוונטן און שבת נאָך מיטאָג. האָב איך מער נישט וואָס צו שרייבן. זייט געזונט, שרייבט אָפט.

מיט די בעסטע ווונטשן, נחמה שפערלינג.

דער בייליס־פּראָצעס

1913 איז אין קיעוו פאָרגעקומען דער באַרימטער בייליס־פּראָצעס. די רוסישע רעאַקציע האָט באַשולדיקט דעם ייד, מענדל בייליס, אַז ער

האַט דערמאָרדעט אַ קריסטלעך קינד, צוליב יידיש־ריטועלע צוועקן. כדי זיין בלוט צו באַנוצן ביים באַקן מצות אויף פסח — דער אַלט־באַקאַנטער עלילת־דם בילבול. דער פּראָצעס האָט אויפגערודערט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. אויך אין ענגלאַנד איז די געזעלשאַפטלעכקייט געווען אויפגערודערט. אַפילו צו דער קריסטלעכער באַפעלקערונג איז עס דערגאַנגען. ביי יידן איז די אויפרעגונג דערגאַנגען ביזן העכסטן גראַד. די צעירי־ציון־אָרגאַניזאַציע האָט גערופן אין דער וועסט־ענד אַ קאָנפערענץ פון אַלע יידישע אינסטי־טוציעס און פּאַרטייען, וועגן דעם אופן צו רעאַגירן אויף דעם שענדלעכן בילבול. איך האָב געפירט די קאָנפערענץ און ס'איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן, זיך צו פאַרבינדן מיט דער איסט־ענד, כדי געמיינזאַם צו אָרגאַ־ניזירן אַ פּראָטעסט־מאַרש איבער די לאָנדאָנער גאַסן, צו פּראָטעסטירן קעגן דער רוסישער שוואַרץ־מאהדיקער רעגירונג, די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם העסלעכן משפּט.

אין דעם טאָג פון פּראָטעסט האָבן מיר באַלד אין דער פרי אויפגע־שטעלט אַ טריבונע אויף בראָעד־סטריט וועסט. דער טאָג איז געווען אַ שיינער און באַלד האָבן זיך גענומען זאַמלען מענטשן. אַרום דער טריבונע זענען געשטאַנען חברים פון אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס מיט פּענער, פּלאַ־קאַטן מיט פּאַסיקע לאָזונגען. מוזיק האָט געשפּילט געהעריקע מעלאָדיעס. אַרום 11 זענען שוין אויף בראָעד־גאַס געווען פאַרזאַמלט אַ סך טויזנטער יידן. צווישן זיי אַ גרויסע צאָל יוגנט. דער שרייבער פון די שורות איז אַרויף אויף דער טריבונע, געהאַלטן אַ רעדע, דער צוג האָט זיך פאַרמירט און אונטער די קלאַנגען פון מוזיק, זיך געלאָזט גיין. אויפן וועג האָבן מיר זיך פאַראייניקט מיט דעם אָנקומענדיקן דעמאָנסטראַציע־צוג פון דער איסט־ענד. צוזאַמען האָבן מאַרשירט און אויף אַן אַקטיוון אופן פּראָטעסטירט 50.000 יידן. אַ ים מיט פּענער — בלוי־ווייסע, רויטע פּאַרטיי־פּענער און פון אַנדערע אינסטיטוציעס. פאַרשידענע פּלאַקאַטן האָבן גערופן צו קעמפן קעגן דעם מיטלעלטערלעכן עלילת־דם בילבול. אַ מאַניפעסט מיט אויפקלע־רונגען פון די סיבות פון דעם פּראָטעסט אויף ענגליש, איז געטיילט געוואָרן צו אַלעמען די גאַנצע צייט פון דעם מאַרש. דער דעמאָנסטראַציע־צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אין טראַפאַלגער־סקוועד, ביי דעם נעלסאָן־מאָנומענט. פון

4 טריבונעס זענען רעדנער אַרויסגעטראָטן אויף ענגליש און יידיש וועגן דעם פאַרברעכן, וואָס מען גרייט אין קיעוו. טויזנטער נישט־יידן האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין דער מאַסע. פּאָליציאַנטן האָבן געהאַלטן די אָרדענונג... אַלץ איז דורכגעגאַנגען אויף אַן אימפּאָזאַנטן אופן. די דעמאָנסטראַציע האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אויף דער ענגלישער גאַס. די גאַנצע אָוונט־פּרעסע און צומאָרגנס די טאָג־צייטונגען, האָבן מיט סימפּאַטיע אויספירלעך באַשריבן די ביילים־פּראָטעסט־מאַניפעסטאַציע...

דער אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — אויגוסט 1914

עטלעכע טעג פאַר דעם, ווי ענגלאַנד האָט דערקלערט מלחמה דייטשלאַנד, האָבן אַ סך דייטשן געפּאַקט די וואַליזעס און געלאָפן צו די באַנען צוריקצופאָרן אין זייער פאָטערלאַנד. באַזונדער שטאַרק האָט מען דאָס אָנגעזען אויף טשאַרלאַט־גאַס, ווו ס׳האָבן פריער געוווינט אַ סך דייטשן. אַפילו אַן אייגענעם קלוב האָבן זיי דאָרט געהאַט. אין מלחמה־צייט, האָט מען אים פאַרמאַכט און דעם לאָקאַל האָט איבערגענומען דער יידישער שניידער־פאַראיין.

יענעם זונטיק, ווען ענגלאַנד האָט דערקלערט מלחמה צו דייטשלאַנד, האָבן אין אָוונט פּאַטריאָטישע יוגנט מאַרשירט איבער די גאַסן פון לאָנדאָן, געזונגען מיליטערישע לידער און אַלע מאָל אויסגעשריגן: „נידער מיט דייטשלאַנד! זאָל לעבן ענגלאַנד! זאָלן לעבן די אַליירטע!". פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכער קנאַל, ווי אַ דונער וואָלט אויפגעטרייסלט די ערד. כ׳בין אַ רגע געוואָרן צעטומלט, נאָר באַלד זיך געלאָזט לויפן צו דעם אָרט, ווו דער קלאַפּ איז געקומען. מיט מיר לויפן נאָך מענטשן, פייערלעשער, פּאָליציי און אָט דערזען מיר, נישט ווייט ברענט אַ הויז. פּאָליציי לאָזט נישט צוגיין נאָענט. נאָר כ׳זע שוין, ווי מען טראָגט אַרויס פאַרוווּנדעטע צו דעם אַמבולאַנס, וואָס שטייט דערנעבן. דאָס האָבן די דייטשן געוואָרפן זייער ערשטע באָמבע אויף ענגלאַנד.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע ווערבירונג פון פרייוויליקע — קיין צוואַנגס־דינסט איז נאָך דעמלט נישט געווען — ס׳איז געווען אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה און קיין פרייוויליקע האָבן נישט געפעלט.

ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער פאָנד פאַר דעם „רויטן קרייץ״ אויפן נאָמען פון „פּרינץ־אָף־וועלס״. אויך יידן האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון זאַמלען פאַר דעם פאָנד. ס׳איז באַשטימט געוואָרן אַ טאָג, ווען די זאַמלונג וועט פאָרקומען אין גאַנצן לאַנד. אָן אָונט פאַר דעם, האָט מען אין לאָקאַל פון בית־ספר אַרויסגעגעבן די זאַמלער — פּושקעס און אינסטרוקציעס, ווי זיך אויפצופירן, אין וועלכע גאַסן צו גיין א. א. וו. דאָ איז אינטערעסאַנט צו דערציילן אַזאַ פאַקט: בעתן פונאַנדערטיילן די פּושקעס, איז צופעליק אַריין ד״ר י. מ. זאַלקינד און זעענדיק, וואָס מיר טוען, איז ער אַרויס קעגן אונדז מיט כעס: „יאָ, יידן מוזן מיטטאַנצן אויף אַלע חתונות. זאָלן די גוים דאָס אַליין טוען, זיי זענען רייך, גרויס און שטאַרק. מיר זענען אָרעם. מיר האָבן אונדזער אייגענעם „נאַציאָנאַל־פאָנד״. זיי גיבן נישט אויף אונדזערע פאָנדן, אַלץ ליגט אויף אונדזערע פּלייצעס אַליין א. א. וו.״. מיר האָבן אויסגעהערט, אָבער נישט געפאָלגט. ערשט שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זיינע סימפּאַטיעס צום אַנאַרכיזם — וואָס איז געווען קעגן קריג בכלל, האָבן אים דיקטירט אַזוי צו רעדן. נאָר פאַר אונדז האָט ער עס מאָטיווירט מיט נאַציאָנאַלע מאָטיוון...

מלחמה־פּליטים אין ענגלאַנד

אין די מלחמה־יאָרן, זענען אָנגעקומען טויזנטער יידישע פּליטים פון פראַנקרייך און בעלגיע. צווישן זיי אַ סך אינטעליגענטע יוגנט. כמעט אַלע האָבן זיי געשטאַמט פון פּוילן. מען האָט זיי איינגעאָרדנט אין אַ ספּעציעל־געשאַפענעם מקלט־הויז. די דאָזיקע פּליטים האָבן אַריינגעברענגט אַ שטאַר־קע אויפלעבונג אינעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן און האָבן אויסגע־ברייטערט די טעטיקייטן פון אַלע פּאַרטייען. אַלע האָבן דעמאָלט געגלויבט, אַז די מלחמה איז שוין די לעצטע, אַז דאָס איז אַ מלחמה צו פאַרענדיקן

מיט מלחמות, אַז דאָס איז אַ מלחמה פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע, פאַר דער באַפרייאונג פון קליינע אונטערגעדריקטע פעלקער. מיט איין וואָרט: נאָך דער מלחמה וועלן מיר לעבן אין אַן עפּאָכע פון פרייהייט און שלום. איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס דאָס האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל באַגייסטערונג ביי מיליאָנען מענטשן, באַזונדער ביי אונדז, יידן. ווער איז נאָך אַזוי קליין און אונטערדריקט, ווי אונדזער פאָלק? די האָפענונג און דער גלויבן ביי יידן פון דער גאָרער וועלט איז געווען אין לשער. אויך איך בין געווען איינער פון די, וואָס האָבן געגלויבט, אַז די נייע צייט, וואָס קומט אָן — נאָכן באַזיגן דייטשלאַנד — וועט ברענגען גליק דער מענטשהייט און אונדזער מאַרטירער־פאָלק...

אין יענער צייט, האָט אין לאָנדאָן אָנגעהויבן דערשיינען אַ נייע יידישע טאָג־צייטונג „די צייט". איר רעדאַקטאָר איז געווען מאָריס מייער — אַ רומענישער ייד, אַ פּעאיקער פּובליציסט, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און אַ פאַרביסענער קעגנער פון ציוניזם. נאָר די צייטונג האָט ער רעדאַגירט טאַלענטירט, ראַדיקאַל־יידיש און פאָלקסטימלעך. זי האָט גענוצט אַ בעסערן יידיש, אַ פיינעם סטיל. בכלל איז די צייטונג געשטאַנען אויף אַ העכערן ניוואָ, אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע. זי האָט צוגעצויגן נייע שרייבער פון לאַנד און פון אויסלאַנד. זי האָט דערצויגן אַ בעסערן טיפּ לייענער און מיט דעם מיטגעווירקט צו דער קולטור־טעטיקייט ביי די יידישע מאַסן.

אינטערעסאַנט איז אַזאַ דערשיינונג — אין דער מלחמה פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע — איז דערווייל, צוליב זיכערקייט — באַגרענעצט געוואָרן די שטענדיקע איינגעוואָרצלטע פרייהייטן. ס'זענען געשלאָסן געוואָרן די טויערן פאַר נייע עמיגראַנטן, (אויסער פאַר מלחמה־פּליטים פון די שכנישע לענדער); צום ערשטן מאָל אין ענגלאַנד, האָבן זיך אַלע אויס־לענדער געמוזט רעגיסטרירן אין דער פּאָליציי, שטענדיק האָט מען געמוזט ביי זיך טראָגן די אידענטיטעטס־קאַרטע, ביים בייטן דעם אַדרעס, האָט מען באַלד געדאַרפט מודיע זיין אין דער פּאָליציי. פאַר נישט צופּאַסן זיך צו די באַגרענעצונגען, האָט געדראָט אַ גרויסע שטראָף, ביז דעפּאָרטירט צו ווערן פון לאַנד. ס'זענען געווען נאָך אַנדערע באַגרענעצונגען, וואָס דאָס פרייע דעמאָקראַטישע ענגלאַנד האָט דערפון נישט געוווסט ביז דער מלחמה.

די נאראדיצקי־משפּחה

בעת דער רעגיסטראַציע אין דער פּאָליציי, האָט מען אויך געדאַרפט אָנגעבן די נאַציאָנאַליטעט. ביי זיי האָט עס געהייסן די לענדער, פון וועלכע מען האָט עמיגרירט; אַ רוסישער ייד איז פאַרצייכנט געוואָרן ווי אַ רוס, אַ פּוילישער — פּאָליאַק, אַ ליטווישער — לעט א. א. וו. האָט געטראָפן אַזאַ מעשה: ס'האָט געלעבט אין לאָנדאָן אַ פיינע, אַלט־איינגעזעסענע משפּחה — נאראדיצקי, ער אַליין האָט געשטאַמט פון אָדעס, נאָך דאָרט האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך א. ב. „דאָס פאָלק ישראל". אַ הייסער ציוניסט, ביאַליקס אַ פערזענלעכער פריינד. (מיט יאָרן שפּעטער, האָב איך זיך פּערזענלעך געטראָפן און באַקאַנט מיט ביאַליקן ביי אים אין הויז). אין יענע צייטן איז ער נאָך געווען אין די מיטעלע יאָרן: אַ מיטל־וווקסיקער מיט שוואַרצע פייערדיקע אויגן. זייער אַן איידעלער מיט אַ וואַרעם מענטשלעך האַרץ, איז ער געווען פריי־פּראָגרעסיוו נאָר שטאַרק נאַציאָנאַל. אויך זיין פרוי איז געווען ווי ער ראַדיקאַל, נאַציאָנאַל מיט אַ שטאַרקע ליבע צו מענטשן. זייערע קינדער האָבן באַקומען אַ פרייע יידישע נאַציאָנאַלע דערציאונג, געלערנט העברעאיש. אַלע האָבן זיי תנ"כישע נעמען. די זין: בר־כוכבא, זרובבל, כרמל. די טעכטער: שושנה, שולמית. אין לאָנדאָן האָט ער געהאַט אַ דרוקעריי. אַלע יידישע אויסגאַבעס, ביכער, פּאַרטייאישע ליטעראַטור, האָבן זיך געדרוקט ביי אים צוליב צוויי סיבות: ער איז געווען אַ דערפאַרענער דרוקער, גוט געקענט יידיש און העברעאיש, גיט אַרויס שיינע אַרבעט, אָן פעלערן; נאָר דער עיקר גיט מען אים די אַרבעט — ווייל ער אַרבעט אויף קרעדיט און איז אַ שוואַכער מאָנער... דער שרייבער י. ח. ברענער איז געווען אַן אָפטער גאַסט אין נאראדיצקיס וואַרעמען הויז און זיך אויך באַנוצט מיט זיין דרוקעריי ביים אַרויסגעבן די צייטונג „המעורר" און זיינע ביכער, וואָס זענען דערשינען אין לאָנדאָן.

אָט דער נאראדיצקי, ווי אַן אויסלענדער, איז אַוועק אין דער פּאָליציי זיך רעגיסטרירן און צו באַקומען אַן אידענטיטעטס־קאַרטע. ביים אויס־שרייבן די קאַרטע פרעגט ביי אים דער אינספּעקטאָר זיין נאַציאָנאַליטעט. נאראדיצקי ענטפערט „היברו". דער אינספּעקטאָר קוקט אים אָן פאַרוווּנ־

דערט. „פון וועלכן לאַנד ביסטו געקומען?" פרעגט דער אינספּעקטאָר. „פון רוסלאַנד" — באַקומט ער אַן ענטפער. „אויב אַזוי, ביסטו אַ רוס" — דערקלערט דער אינספּעקטאָר. אָבער נאַראַדיצקי עקשנט זיך, אַז ער איז דווקא א היברו און דער אינספּעקטאָר הייסט אים קומען אין אַ וואָך אַרום. איבער דער צייט האָט ער זיך פאַרשטענדיקט מיט דעם הויפּט־אינספּעקטאָר פון דער איסט־סייד, וועלכער האָט לאַנגיאָריקער דערפאַרונג און אַ סך באַציאונגען מיט יידן, איז אַ רעליגיעזער מענטש און ליבהאָבער פון דער „בייבל". סוף־כל־סוף איז אין נאַראַדיצקיס קאַרטע, אין דער רובריק נאַציאָנאַליטעט, אַריינגעשריבן געוואָרן „היברו". אַזוי אַרום איז נאַראַדיצקי געווען דער איינציקער איינגעוואַנדערטער ייד אין דער גאַנצער ענגלישער אימפּעריע... נאַראַדיצקי לעבט שוין נישט מער. זיין פרוי געפינט זיך ביי אַ טאָכטער אין ישראל, אפשר זע איך זי זיצן אויף אַ באַנק אויף ככר־דיזנגוף און שמועסן מיט פרויען אין איר עלטער...

איך ווער אַ סוחר

די מלחמה האָט גורם געווען ס׳זאָל זיין אַ סך אַרבעט. ס׳איז געוואָרן אַ גוטע לאַגע אין לאַנד. סוחרים האָבן געמאַכט גוטע געשעפטן און אויך די אַרבעטער האָבן גוט פאַרדינט. אַרבעט איז געווען איבערן קאָפּ, סיי מיליטערישע, סיי ציווילע. מיין בעל־הבית האָט פון מיר געפאָדערט, איך זאָל אַרבעטן איבער־שעהן ביז שפּעט ביינאַכט און אויך זונטיק. אמת ער האָט געוואָלט גוט באַצאָלן, נאָר פאַר מיר האָט עס געהייסן איך זאָל פאַרנאַכלעסיקן, אָדער זיך אין גאַנצן אָפּזאָגן פון מיינע ציוניסטישע אַק־טיוויטעטן. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ צו גרויסער קרבן, האָב איך זיך אָפּגעזאָגט און צוליב דעם פאַרלאָזט מיין אַרבעטס־אָרט.

אַ חבר פון די צעירי־ציון האָט מיר געראָטן, כ׳זאָל נעמען האַנדלען אויף די מערק. ער אַליין האַנדלט שוין אַ לענגערע צייט און ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ס׳איז גאָר נישט שלעכט. ער האָט מיר אָנגעוויזן די געגנטן און אין וועלכע טעג דאָרט קומען פאַר מערק, ער האָט מיר אויך רעקאָמענ־

דירט די געשעפטן, ווו איינצוקויפן סחורה. באַזונדער וויכטיק איז געווען דער מאַרק אום שבת — ווייל שבת באַקומען די אַרבעטער אויסגעצאָלט שכירות און האָבן דעם נאָכמיטאָג פריי צום גיין איינקויפן. דער שבת־מאַרק איז געווען גאָר אַ שווערער: שוין פרייטיק האָב איך געמוזט צו־גרייטן און ברענגען די פעק סחורה אין אַ הויז נאָענט צום מאַרק, שבת — ווי נאָר ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט מען שוין געמוזט זיין אויפן אָרט, כדי צו פאַרכאַפּן אַ פּאַסיקן פּלאַץ, אָוועקשטעלן אַ טיש — אַזאַ טיש האָט מען געקראָגן אויסגעבאָרגט פאַר עטלעכע שילינג. ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט, בין איך ערשט געגאַנגען ברענגען די סחורה. די פּעק זענען געווען שווערע, אַ שווייס האָט מיך באַגאָסן, כ'האָב געפילט, אַז כ'רייס אָפּ דאָס האַרץ. אַרום 9 אין דער פרי האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער האַנדל. מיין אַרטיקל איז געווען פרויען־אונטערוועש און זאָקן. טויזנטער פרויען זענען געקומען האַנדלען מציאות, יעדער סוחר, כדי צוציען קונים צו זיין טיש, האָט די סחורה אויסגעשריגן, אַ סך מאָל מיט גראַמען אַרויסצורופן אינטערעס. כדי נישט צו בלייבן הינטערשטעליק, האָב איך אויך נישט געשוויגן. דער פּרייז פון מיינע זאָקן איז געווען 8½ שילינג, האָב איך צו־געטראַכט אַזאַ גראַם: אַכט און אַ האַלב, מאַכט מיך לאַכן...*)

אַ סך יונגע פרויען האָבן טאַקע געלאַכט און געקויפט... נאָר איך בין פאַרט נישט געווען צופרידן; דאָס אויפשטיין דריי ביינאַכט, שלעפּן שווערע פּעק, אַ גאַנצן טאָג שטיין און שרייען, כאַפּן בלויז אַ טרוקענעם ביסן, איז נישט געווען פאַר מיינע כוחות און האָט מיך אויסגעמאַטערט. אַרום 10 אין אָוונט, האָב איך זיך אַהיימגעשלעפּט מיט מיינע פּעק און געפאַלן אויפן בעט אַן אויסגעשעפּטער און מידער...

אויף די מערק האָב איך אַמאָל אָנגעטראָפן מיין חבר פון די „צעירי־ציון”, דעם, וואָס האָט מיר צוגערעדט כ'זאָל ווערן אַ סוחר. איינמאָל ווען ער איז געשטאַנען מיט זיין קראַם נישט ווייט פון מיר און ער האָט געזען, אַז ביי מיר זאַמלען זיך אַ סך קונים, האָט ער, נישט פרעגנדיק, אַריבער־

*) אין ענגליש קלינגט עס אַזוי:
EIGHT AND A HALF MAKES ME LAUGH

געפירט זיין טיש צו מיינעם, אוועקגעשטעלט זיך נאענט צו מיר און גענומען רופן די קונים צו זיך. פארשטייט זיך, אז דאס האט מיך פאר־דראסן און געקרענקט, נאר כ׳האב געשוויגן. נישט רעאגירט אויף זיין גאר נישט פיינע האנדלונג. א צווייטער שבת ווידער, איז פלוצים אראפגעפאלן א שטארקער גאס־רעגן. כ׳האב נישט באוויזן גענוג גיך צו פארדעקן די סחורה, איז א גרויסער טייל פון איר דורכגענעצט געווארן און איך האב געהאט א גרויסן היזק. סיי ווי, איז מיר דער גאנצער ענין נימאס געווארן און איך האב ליקווידירט דעם מארק־האנדל. כ׳האב נאר ממשיך געווען צו האנדלען מיט פריוואטע מענטשן; כ׳האב זיי געגעבן סחורה אויף וועכנטלעכע אויסצאלונגען און פון דעם זיך ווי נישט איז מפרנס געווען.

פון יענע טעג דערמאנט זיך מיר א פאל, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר דעם טיפ פון יענע עמיגראנטן: א זונטיק אין דער פרי, קומט צו מיר מיין חבר שפירא, ווי שטענדיק — מיט דער טעקע אונטערן ארעם, און רוימט מיר איין, אז ער דארף פון מיר א טובה. ער וויל כ׳זאל אים בארגן 25 פונט. כ׳קוק אויף דעם בטלן שפירא, אויף זיינע לאנגע הענט און לאנגע האר און פרעג: „צו וואס דארפסטו זונטיק באלד אין דער פרי אזוי פיל געלט?״ ענטפערט ער: „דאס איז א געשעפטלעכער סוד, מיר שטייט פאר צו פארדינען געלט. בארג מיר און דו וועסט אויך נישט דערלייגן״. „איך וויל נישט קיין פארדינסט — זאג איך צו אים, — כ׳בארג דיר דאס געלט, נאר אין צוויי טעג ארום, ד. ה. דינסטיק אין דער פרי, זאלסטו מיר דאס געלט צוריקברענגען״. ער פארזיכערט, אז אזוי וועט עס זיין, נעמט דאס געלט און לויפט ארויס.

דינסטיק באגינען, פאלט אריין שפירא א בלאסער, א ציטערנדיקער, נישט ראזירט, די האר ווילד צעשויבערט. ער קען כמעט נישט רעדן, גלאצט מיט די אויגן און ברענגט קוים ארויס פון זיך: „אן אומגליק האט מיך געטראפן!״. האב איך באלד פארשטאנען, אז מיך אויך. מיינע 25 פונט זענען שוין פארפאלן. איך בעט אים בארואיקן זיך, זעצן זיך און דערציילן מיט א טאלק. נאר ער קען עס נישט טאן. שטייענדיק אזוי, דערציילט ער מיר אזא געשיכטע: אין דעם רעסטאראן, וווּ איך עס, קומט יעדן טאג איינער א מענטש עסן מיטאג. מיר האבן זיך נישט געקענט, נאר פון זען

זיך יעדן טאָג, אַ לענגערע צייט, האָבן מיר זיך געגריסט. מיט אַ פּאָר טעג צוריק, האָט ער זיך צוגעזעצט צו מיין טישל און מיר האָבן גענומען שמועסן. אין שמועס האָט ער מיר דערציילט, אַז ער קען איינעם, וואָס איז איצט געקומען פון אַמעריקע, מיט וועלכן מ׳קען מאַכן גוטע געשעפטן. אויב כ׳וויל וועט ער מיך מיט אים צונויפפירן, נאָר מיט איין באַדינג — פון די פאַרדינסטן מיינע וויל ער אויך עפּעס האָבן. איך האָב מסכים געווען. נאָך דעם זעלבן אָוונט, האָט ער מיך פאַרגעשטעלט פאַר דעם „אַמעריקאַנער״ אין דעם רייכן פּאַרק־האָטעל. דאָס איז געווען אַן עלעגאַנטער הער, אַ הויכער, בלאָנדער, מיט גאָלדענעברילן און גאָלדענע ציין. ער האָט אונדז געבעטן זיצן, באַשטעלט כיבוד. נאָך איידער מיר האָבן אָנגעהויבן רעדן וועגן געשעפט, האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און געמאָלדן, אַז פּונקט איצט האָט ער אַ זייער וויכטיקע טרעפונג וועגן געשעפט־ענינים, מוז ער אַוועקגיין. ער האָט זיך אַנטשולדיקט און אָפּגערעדט מיט מיר אויף מאָרגן אין קאַפע־הויז „קראָקאָדיל״. ער האָט באַצאָלט פאַרן כיבוד, דעם קעלנער געלאָזן אַ פיינעם טרינק־געלט און איז אַוועק, איבערלאָזנדיק מיך מיט אַ ברענענדיקער נייגעריקייט.

צומאָרגנס באַלד אין דער פרי, בין איך אַוועק אין „קראָקאָדיל״. ער איז שוין דאָרט געזעסן, געטרונקען קאַווע און גערויכערט. מיט מיר האָט ער זיך באַגריסט, ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן. ווידער האָט ער באַשטעלט קאַווע און מיר האָבן גענומען שמועסן. אַזוי רעדנדיק, ציט ער אַרויס פון טאַש 50 פראַנק און בעט מיך כ׳זאָל זיי אויסבייטן אויף ענגלישע פונטן. כ׳האָב אַזוי געטאָן. ווען כ׳בין צוריקגעקומען און אים געגעבן דאָס געלט, בייגט ער זיך צו מיר און זאָגט מיט אַ סודותדיקן שמייכל: „דו ווייסט, די פראַנקן, וואָס דו האָסט איצט אויסגעטוישט — האָב איך אַליין פּראָדוצירט״. כ׳האָב אים אָנגעקוקט זייער פאַרוווּנדערט. נאָך עטלעכע מינוט נעמט ער ווידער אַרויס אַ 50 ער פראַנק. „זעסט — זאָגט ער — אויך דאָס איז מיין מלאכה, נעם זיי און גיי אין יעדער באַנק, ווו דו ווילסט, וועסטו זען, אַז מ׳וועט זיך נישט אָריענטירן און באַלד אויסבייטן״. דאָס מאָל בין איך אַוועק אין איינער פון די גרעסטע בענק און טאַקע — מען האָט גלייך אויסגעצאָלט ענגליש געלט.

ווען כ׳בין צוריקגעקומען, האָט ער ווידער באַשטעלט קאַווע מיט צו־בייסן און מיך גענומען אויספרעגן: וואָס כ׳טו, פון וואָס איך לעב און ווי גייט עס מיר? כ׳האָב אים דערציילט דעם אמת, אַז כ׳בין אַן אַרבעטער, אַ מאַשינער ביי מענער־קליידער און איך פאַרדינט נישט קיין סך. האָט ער מיר אַרויסגעוויזן מיטגעפיל. „וואָס קענסטו דערלעבן ביי דער אַרבעט, שטענדיק וועסטו אַרבעטן שווער און צו גאַרנישט דערגיין, איך בין גרייט דיר צו העלפן. קענסט ביי מיר רייך ווערן". ער האָט מיר פאַרטרויט זיין פּלאַן: ער קען פּונקט ווי די פראַנקן, פאַבריצירן אויך ענגלישע פונטן. ער האָט ביי זיך נאָר 100 ענגלישע פונטן און ער פאַרלאַנגט פון מיר אַ 100־ער. דאָס דאַרף מען נאָר ווי מוסטערן פאַר דער פאָטאָגראַפישער מאַשינקע. יעדן טאָג וועט ער מאַכן 200 פונט, איך וועל זיין אַ גלייכער שותף. מיין אויפגאַבע וועט זיין אומבייטן זיי אויף אמתע פונטן. נישט אַלץ האָב איך פאַרשטאַנען, נאָר דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרייט און איך האָב מסכים געווען אים צו געבן 100 פונט.

צו דער אָפּגערעדטער צייט, איז ער מיט אַ טעקסי צוגעפאָרן צו מיין דירה. אין אַ וואַליזע האָט ער געבראַנגט דאָס מאַשינדל און עס אַוועק־געשטעלט אויפן טיש. אַרויסגענומען צוגעשניטן גרייט פּאַפּיר, אַ פלעשל קלעפּיק וואַסער און נאָך עטלעכע קלייניקייטן, האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט זיך געפּאָרעט און מיך געשיקט צו דער טיר, צום פענצטער, זען צי קיינער גייט נישט. דאָס מאַשינדל האָט געאַרבעט, צוויי רויטע לעמפּלעך האָבן געלויכטן און ס׳האָט שטיל געקלאַפּט. ווען כ׳האָב אים אויף זיין פאַרלאַנג געבראַנגט אַ גלאָז וואַסער צום טרינקען, האָט ער שוין געהאַלטן ביים איינשרויפן דאָס גרייטע געמאַכטע געלט אין האַנט־פרעסל. איצט האָט ער מיר דערקלערט, דאַרף עס ליגן אַ 2 — 3 שעה אין דער פרעס און ס׳איז פאַרטיק. דערווייל וועט ער אַוועקפירן דאָס מאַשינדל אין האָטעל און ער וועט באַלד צוריקקומען. ער איז אַוועק. כ׳האָב געוואַרט דריי שעה, אַפילו מער. די נאַכט פאַלט צו און קיין אַמעריקאַנער זעט מען נישט. כ׳בין געוואָרן אומרואיק, נערוועז. לסוף האָב איך נישט אויסגעהאַלטן, אָפּגעשרויפט דאָס פרעסל און דאָרט געפונען — ליידיקע

שטיקלעך פּאַפּיר... כ׳בין געלאָפן, געזוכט, זיך נאָכגעפרעגט, אָבער ער איז ווי אין וואַסער אַריין.

אויסדערציילט די גאַנצע אויסטערלישע געשיכטע, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. איך האָב זיך נישט געקענט באַהערשן און אים גוט אויסגעזידלט. כאָטש כ׳האָב געוווּסט, אַז דאָס געלט איז פאַרפאַלן. מען דאַרף נאָך אַפילו דעם גאַנצן ענין האַלטן בסוד. מ׳קען וועגן דעם נישט מעלדן דער פּאָליציי און בכלל קיינעם נישט דערציילן. שפּירא איז געזעסן און געציטערט און איך האָב געהאַט אויף אים גרויס רחמנות. ס׳איז געווען זיינע לעצטע שווער־אויסגעהאַרעוועטע עטלעכע פונט. מ׳האָט אים מיאוס באַשווינדלט און ער איז געבליבן מיט חובות. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און איז אַרויס מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. אין דרויסן האָט געגאָסן אַ רעגן. דורכן פענצטער האָב איך געזען, ווי ער גייט אַ געבראָכענער. מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער געפּרוּווט אויפמאַכן דעם שירעם און נישט געקענט. האָט ער אים אַ וואָרף געטאָן און איז אַריין אין אַן אויטאָבוס, וואָס האָט געפירט אין דער איסט־ענד.

נאָך זיין אַוועקגיין האָט דער רעגן אויפגעהערט. די זון איז אַ בלאַסע אַרויס אויפן הימל. דער כעס און די פאַרביטערונג האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט. כאָטש די גאַנצע מעשה (אויך מיינע 25 פונט) זענען מיר נישט אַרויס פון געדאַנק, בין איך אַרויס אין גאַס זיך אַ ביסל צו צעשטרייען. כ׳בין דער־גאַנגען ביזן הייד־פּאַרק. באַלד ביים טויער זענען געשטאַנען הונדערטער מענטשן און רעדנער פון קליינע לייטער־טריבונעס האָבן צו זיי גערעדט. צו איינע פון די טריבונעס איז געווען צוגעטשעפּעט אַן ענגלישע פאָן, דער רעדנער האָט געהאַלטן אַ פּאַטריאָטישע רעדע. ער האָט אַפּעלירט צו אַלע דינסט־פעאיקע מענטשן, זיי זאָלן פרייוויליק גיין אויף דער מלחמה. דערביי האָט ער נישט פאַרגעסן אַריינצוואַרפן עטלעכע אַנטיסעמיטישע אַנצוהע־רענישן. כאָטש בפירוש האָט ער עס נישט געזאָגט: „אונדזערע זין פאַלן אויף די שלאַכט־פעלדער, ווען די אויסלענדער מאַכן דאָ גוטע געשעפטן״.

הייד־פּאַרק איז דאָס אַפּיציעלע אָרט צו דרשנען. נישט נאָר פון טרי־בונעס רעדט מען דאָ, נאָר סתם אַזוי שטעלן זיך אַוועק באַזונדערע גרופּעס מענטשן און מען דיסקוטירט איבער פאַרשידענע פראַגעס. באַזונדער גרויס

אין די רעדעריי אום זונטיק, ווען דעם פּאַרק גייען דורך טויזנטער מענטשן. זונטיק אין דער פרי איז די הויפּט-טעמע — רעליגיע. אויף דער טעמע פּאַרנעמט דאָס צענטראַלע אָרט די „סלאַוועשן אַרמיי" (די אויסלייזונג-אַרמיי). דאָס איז אַ ברייט-פאַרצווייגטע באַוועגונג, וואָס האָט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף די אָרעמע שיכטן פון פאָלק. ווייל זיי פירן אַ סאָציאַלע טעטיקייט פון הילף און טרייסט צו די נויטבאַדערפטיקע און געפאַלענע. זיי זענען די איינציקע, וואָס פּריידיקן און פאַרשפּרייטן די קריסטלעכע רעליגיע — ווי זיי פאַרשטייען זי — איבער די גאַסן און פּאַרקן אין לאָנדאָן. אין זייערע ספּעציעלע קליידער, וואָס מענער און פרויען טראָגן, מאַרשירן זיי איבער די גאַסן מיט מוזיק און פענער. בכלל פאַרנעמט מוזיק אַ חשוב אָרט אין זייער אַגיטאַציע.

אַזוי האָב איך זיך אַרומגעדרייט איבערן פּאַרק, געגאַנגען פון איין טריבונע צו דער צווייטער. דער דיספּוט איז אַ לעבעדיקער; מענטשן שטעלן פראַגעס, טשעפּען זיך, אַמאָל אַפילו נישט צו דער זאַך, וויצלען זיך. דער עולם לאַכט. די רעדנער ענטפערן רואיק, איידל, טאָלעראַנט. איך באַוווּנדער נאָך אַלץ דעם ענגלישן כאַראַקטער. נאָכן אַרומגיין עטלעכע שעה אין דעם רעדנערישן הו-האַ, איז מיר אַ ביסל לייכטער געוואָרן. כ'האָב זיך אומגעקערט אַהיים און זיך באַמיט נישט צו טראַכטן מער וועגן דעם גאַנצן ענין, וואָס איז פאַר מיר געווען זייער באַלערנדיק...

1915. אין די מלחמה-יאָרן האָבן זיך אין לאָנדאָן באַוויזן נייע מענטשן: שרייבערס, קינסטלער, פּאַרטיי-טוערס און פּאָליטיקערס. אַלע האָבן געברענגט פּראָיעקטן און פּלענער. פּלוצים, אומגעריכט, איז געקומען שלום עליכם. געהאַט אַ פאַרלעזונג מיט אַ ריזיקן דערפאָלג אין אַ פול-געפּאַקטן פּאַוויליאָן-טעאַטער. געווען דאָ עטלעכע טעג און איז נעלם געוואָרן. געפאָדן דוכט מיר, קיין אַמעריקע. צוליב דער מלחמה, איז דער ציוניסטישער אַקציאָנס-קאָמיטעט אַריבערגעפירט געוואָרן קיין לאָנדאָן. אַ קורצע צייט איז דאָ געווען: ד״ר שמריהו לעווין, שענקין, אוסישקין. סאָקאָלאָוו האָט זיך דאָ באַזעצט און צוזאַמען מיט ד״ר חיים ווייצמאַן אָנגעפירט די פּאָליטישע טעטיקייט פון ציוניזם. דעמאָלט האָט זיך אויך דאָ באַוויזן די דינאַמישע פיגור פון זאב זשאַבאָטינסקי. ס'זענען געקומען אַ סך פירערס

און טוערס פון דער פּ. צ. באַוועגונג: ב. באָראָכאָוו, חאַזאַנאָוויטש, זרובבל און אַנדערע.

די צעירי־ציון האָט איינגעאָרדנט אַ באַנקעט לכבוד נ. סאָקאָלאָוו. איך האָב געפּענט די פּייערונג מיט אַ האַרציקער באַגריסונג פאַר דעם פּאָליטישן פירער פונעם ציוניזם. ס'האָבן נאָך גערעדט וועגן די פעאיקייטן און אייגנ־שאַפטן פון נ. סאָקאָלאָוו: ד"ר זאָלקינד, רעוו. גאָלדבלום, ד"ר דייכעס און דזשאָזעף קאָהען. דער לעצטער איז געווען אַן אַריסטאָקראַטישער ענגלישער ייִד, איינער פון די ערשטע אין ענגלאַנד געבוירענע ייִדן און מיט דער צייט איז ער געוואָרן איינער פון הערצלס נאָענטע מענטשן. אַ מיטגליד פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט און דירעקטאָר פון דער ייִדישער „קאָ־לאָניאַל־באַנק". קאָהען האָט באַגריסט דער לעצטער און זיינע ווערטער זענען געבליבן אין מיין זכרון, ווי ער וואָלט זיי נעכטן געזאָגט. „איך גלויב, — האָט ער געזאָגט — און דערפאַר שטיי איך אויף דער זייט פון די אַלייִרטע, אַז זייער נצחון וועט ברענגען אַ נייע תקופה אין דער ציוניס־טישער פּאָליטיק. איך גלויב, אַז מיר זענען נישט ווייט פון דער צייט, ווען ד"ר הערצלס חלום וועגן אַ ייִדן־שטאַט אין ארץ־ישראל וועט ווערן אַ לעבעדיקעווירקלעכקייט". סאָקאָלאָוו מיט זיין מאַיעסטעטישער פיגור און שיינעם קאָפּ, האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ שטיל, געלאַסן קול באַדאַנקט דער צעירי־ציון און די באַגריסער, פאַר דעם כבוד, וואָס מ'האָט אים צוגעטיילט. אין אַ קורצער רעדע, האָט ער מסכים געווען מיט די ווערטער פון דעם לעצטן רעדנער, אַז „מיר, דאָס ייִדישע פאָלק, שטייט איצט פאַר אַ נייער עפּאָכע, ווען די רעאַליזירונג פונעם ציוניזם, די אייביקע בענקשאַפט פון פאָלק זיך אומצוקערן אין זייער אַלטן היימלאַנד — ציון, וועט פאַרקומען אפשר נאָך אין אונדזער דור".

שבת אין אָוונט בין איך געווען אין דער איסט־ענד, צו הערן אַ רעפעראַט פון דעם באַקאַנטן פּועלי־ציון פירער — זרובבל. דער זאַל, וואָס האָט אַריינגענומען עטלעכע הונדערט מענטשן, איז געווען איבערפולט און אַ סך זענען געבליבן אויף דער גאַס. ווען זרובבל האָט זיך באַוויזן אויף דער טריבונע, האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. ער האָט געהאַט אַ סוגעסטיווע ווירקונג אויף מאַסן. זיין פיגור: הויך, גלייך,

ברייטע אַקסלען. אַ קאָפּ שוואַרצע האָר, אַ שיינע שוואַרצע באָרד. דערצו איז ער נישט לאַנג צוריק געווען אין ארץ ישראל, פון וואַנען די טערקישע רעגירונג האָט אים פאַרטריבן. דאָס אַלץ האָט גורם געווען, מען זאָל זיין רעדע אויסהערן מיט טיפער אויפמערקזאַמקייט און צום סוף אים באַשאַנקען מיט לאַנג־דויערנדיקע אַפּלאַדיסמענטן און אויסרופן פאַר זיין כבוד וועגן.

די פאָלקס־קאָנפערענץ פאַר יידישער רעכט

לויטן מוסטער פון דעם „אַמעריקאַנישן יידישן קאָנגרעס", האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו רופן אַ פאָלקס־קאָנפערענץ פאַר יידישער רעכט. כדי צוצוגרייטן אַן אויסגעאַרבעטע פּלאַטפאָרם פון יידישע פאָדערונגען, בעת די אָנקומענדיקע שלום־קאָנפערענץ צווישן די מלחמה־פירנדיקע לענדער. די איניציאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ זענען אייגנטלעך געווען אומפּאַרטייאישע פּערזענלעכקייטן און אָרגאַניזאַציעס (בני ברית, הילף־פאַראיינען א. א.), אָבער אויך ציוניסטישע פאַרבאַנדן האָבן אָנטייל גענומען. איך בין געווען דער פאַרטרעטער פון „צעירי־ציון" אין דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט. די אַרבעטער־פּאַרטייען (בונד, פועלי־ציון, ס.ס.) האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באַטייליקן זיך אין דער קאָנפערענץ. נאָר שפּעטער אַ ביסל איז אויף דער איניציאַטיוו פון ד"ר ל. חאַזאַנאָוויטש געשאַפן געוואָרן דער „אַרבעטער פאַרבאַנד פאַר יידישער רעכט", וועגן וועלכן ס'וועט נאָך ווייטער קומען צו רייד.

קורץ פאַר דער קאָנפערענץ איז אַקטועל געוואָרן די פראַגע, ווער ס'זאָל רעפּרעזענטירן די קאָנפערענץ? אַלע האָבן מסכים געווען, אַז דער פּאָסיקסטער מענטש וואָלט געווען ד"ר גאַסטער, דער ציוניסטישער נעסטאָר, וואָס די פאָלקס־אינטערעסן זענען געווען נאָענט צו זיין האַרץ און ער האָט זיי פאַרשטאַנען אויף אַ ברייט־דעמאָקראַטישן אופן. מיר האָבן אַרויסגעשיקט צו אים אַ פאַרבעטונגס־בריוו און אַ דעלעגאַציע פון צוויי מענטשן

— איך און נאָך עמעץ — זענען אוועק אים איינלאָדן פּערזענלעך. ד״ר גאַסטער האָט אונדז זייער העפלעך באַגריסט און אויפגענומען אין זיין קאַבינעט. כ׳האָב זיך צוגעקוקט, ווי ד״ר גאַסטער, דער גרויסער געלערנ־טער, דער ספרדישער חכם און עלטערער מענטש, האָט זיך נישט געזעצט — ביז זיינע יונגע געסט זענען שוין געזעסן. זיין אויסערלעכקייט האָט גע־מאַכט אַ פיינעם איינדרוק: אַ מיטל־וווּקסיקער מיט אַ גרויסן קאָפּ און אַ ברייט צעקעמטער פּאַטריאַכאַלישער באָרד מיט גוטע פריינדלעכע אויגן. צוליב וואָס מיר זענען געקומען, האָט ער שוין געוווּסט, האָט ער זיך נאָר אינטערעסירט מיט עטלעכע פראַגן פון טעכנישן כאַראַקטער. מיר האָבן מיט אים געשמועסט בערך אַ האַלבע שעה און זענען אַוועק צופרידענע. ד״ר גאַסטער האָט צוגעזאָגט צו דערעפענען די קאָנפערענץ.

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אויף דער איסט־ענד אין אַ זאַל, וואָס האָט אַריינגענומען איבער טויזנט מענטשן. דאָך איז ער געווען פול מיט דעלעגאַטן און געסט. ד״ר גאַסטער האָט געעפנט די קאָנפערענץ מיט אַן איבערבליק און אַ בילד פון יידישער רעכטלאָזיקייט און פאַרפאָלגונגען אין פאַרשידענע לענדער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פּראָבלעם פון רעכט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן בכלל און יידישע גלייכבאַרעכטיקונג אין די לענדער, ווו עס וווינען קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן בפרט. דערנאָך איז ער אַריבער צו באַווייזן די היסטאָרישע רעכט פון יידישן פאָלק אויף ארץ ישראל. צום סוף האָט ער אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט צו קאָאָרדינירן די אַרבעט פון דער „יידישער קאָנפערענץ״ מיטן „אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס״ און מיט יידישע קערפּערשאַפטן אין אַנדערע לענדער. כדי די יידישע רעפּרעזענטאַנץ און די יידישע פאָדערונגען אויף דער שלום־קאָנ־פערענץ, זאָל זיין אַן איינהייטלעכע און געאייניקטע. זיין אַרויסטריט איז געווען די פּאָליטיש־לאָגישסטע, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אויף דער קאָנ־פערענץ און געלאָזן אַ שטאַרקן רושם אויף אַלע אַנוועזנדיקע. די גאַנצע יידישע און אַ טייל ענגלישע פּרעסע האָט אויספירלעך באַריכט וועגן דער קאָנפערענץ, און באַזונדערס — וועגן ד״ר גאַסטערס רעדע.

מיין 21־סטער געבוירן־טאָג

לכבוד מיין 21־סטן געבוירן־טאָג האָבן די ציוניסטישע יוגנט־טוער איינגעאָרדנט אין אַ רעסטאָראַן אויף נאָעל־סטריט וועסט — אַ באַנקעט. ס׳זענען געקומען אַ סך יוגנט, מען האָט געהאַלטן אַ סך באַגריסונג־רעדעס. טעלעגראַמעס זענען אָנגעקומען פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע, פון ציוניסטישע פירער, פון פריינד און חברים. חבר שפּירא האָט מיר צוגע־טראָגן אַ מתנה אין נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע — ד״ר הערצלס „אַלט־ניילאַנד" אויף דייטש. די שטימונג איז געווען אַ דערהויבענע. אַ סך פון די אָנוועזנדיקע זענען געווען ניי־געקומענע יוגנט פון בעלגיע, מיט וועמען איך האָב זיך נאָענט באַפריינדט. מיר האָבן שפּעטער אָפט פאַרברענגט צוזאַמען אויך אויסער די רייען פון דער אָרגאַניזאַציע. זונטיק האָבן מיר זיך געטראָפן אין הייד־פּאַרק, געשווימען אויף שיפלעך. שבת אין אָוונט האָבן מיר פאַרברענגט אין וועסט העמסטעט, צווישן בערג און וואַלד. יוגנט האָט איר אופן פון פאַרברענגען און אויסלעבן זיך.

באָראָכאָוו אין לאָנדאָן

פון די צייטונגען בין איך געוווּר געוואָרן, אַז דער אַרבעטער־פירער און טעאָרעטיקער פון „פּועלי־ציון", בער באָראָכאָוו, איז געקומען קיין לאָנדאָן און וועט דאָ פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט. ער וועט מאַכן אויספאָר־שונגען אין בריטישן מוזעאום און אַרויסטרעטן מיט עטלעכע רעפעראַטן. אין עטלעכע טעג אַרום, באַקום איך אַ בריוו פון דעם סעקרעטאַר פון פּועלי־ציון, חבר י. פּאָמעראַנץ — אין וועלכן ער בעט מיך, איך זאָל קומען זיך פערזענלעך באַקענען מיט באָראָכאָוון. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך זייער געפרייט צו האָבן די געלעגנהייט באַקענען די גרויסע פערזענלעכקייט — באָראָכאָוו. זונטיק נ. מ. בין איך אַוועק אין לאָקאַל פון „פּועלי־ציון". דאָס זענען געווען צוויי קליינע צימערלעך אויפן ערשטן שטאָק, איבער אַ קליינעם יידישן רעסטאָראַן אין מיילענד. אין ערשטן

צימער איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט עטלעכע בענק. אויף די ווענט — בילדער: באַראַכאָוו, סירקין און יידישע שרייבער. אין צווייטן צימער איז בײַ אַ שרייב־טיש געזעסן באַראַכאָוו. פֿאַמעראַנץ האָט מיך פֿריינדלעך אויפגענומען און מיך באַלד אַריינגעפֿירט צו באַראַכאָוון. ער האָט מיך פֿאַרגעשטעלט און באַראַכאָוו האָט מיר געשטעלט עטלעכע פֿראַגן: וויפֿל חברים ציילט די צעירי־ציון, אין וועלכע שטעט? א. א. שאלות. ווען כ'האָב אים געזאָגט, אַז מיר האָבן אַן ערך 600 חברים, האָט ער אַ קוק געטאָן אויפֿן סעקרעטאַר, ווי מיט פֿאַרוואורף. פּועלי־ציון האָט דעמאָלט געהאַט נאָר 200 חברים אין גאַנצן לאַנד. דערווייל האָט מען געבראַנגט טעלעגראַמעס און בריוו פֿון אויסלאַנד. כ'האָב געפֿילט, אַז באַראַכאָוו וויל לייענען און איך פֿאַרנעם זיין טייערע צייט. האָב איך זיך געזעגנט און בין אַרויס.

באַראַכאָוו האָט אויף מיר געלאָזן אַ זייער אַנגענעמען איינדרוק: זיינע איידעלע שטילע רייד, די חברישע פּשוטע באַנעמונג, האָט אויף מיר גוט געווירקט. פֿאַמעראַנץ האָט מיך באַגלייט אין ערשטן צימער אַריין און דאָ נעמט ער מיט מיר שמועסן גאַנץ אָפֿן, אַז איך זאָל אַריינטרעטן אין דער פּועלי־ציון פּאַרטיי. דערביי באַמערקט ער, אַז אין אַלע מיינע אַרויסטריטן — סיי אויף ציוניסטישע קאָנפֿערענצן, סיי אין די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַ־ריינען — רעד איך ווי אַן איבערצייגטער פּועלי־ציוניסט... כדי נאָך מער צו ווירקן, שילדערט ער מיר די שווערע לאַגע פֿון דער פּאַרטיי פּ. צ. זי האָט אויסצושטיין דעם קאַמף מיט דעם „בונד", און „אַנאַרכיסטן" אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס. יענע האָבן די גאַנצע השפּעה אויף די פֿאַראיינען (יוניאָנס) און אויפֿן „אַרבעטער־רינג". פּ. צ. האָט נישט גענוג פֿעאיקע מענטשלעכע כוחות צו קעמפֿן מיט זיי אויף די אַלע אַפּשניטן פֿון טעטיקייט. איך וואָלט ביי זיי געהאַט אַ ברייט פֿעלד צו אַרבעטן...

אויף דעם אַלעם האָב איך געענטפֿערט: „מעגלעך, אַז מיינע אַרויס־טריטן און האַנדלונגען האָבן אין זיך עלעמענטן און אַ נייגונג צום פּועלי־ציוניזם, נאָר איך האָב געמיינט, אַז אַ צעירי־ציוניסט דאַרף אַזוי רעדן און האַנדלען. גיט מיר פּועלי־ציוניסטישע ליטעראַטור, כ'וועל לייענען, שטודירן און געבן תשובה". פֿאַמעראַנץ האָט מיר געגעבן אַ פּעקל בראָשורן, דער רוב געשריבן פֿון באַראַכאָוון. „אונדזער פּלאַטפֿאָרם", „וואָס ווילן מיר",

„דער קלאַסן־קאַמף און די נאַציאָנאַלע פראַגע״ א. א. די לעצטע בראַשור האָב איך געלייענט מיט אַ סך אויפמערקזאַמקייט, זיך פאַרטיפט אין איר. געלייענט און ווידער געלייענט, ביז כ׳האָב זי גוט צעקייעט...

כ׳בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז לויט מיין טראַכטן און פילן, געהער איך צום לאַגער פון פועלי־ציון. שוין לאַנג האָט מיך געצויגן צום סאָציאַליזם, נאָר כ׳האָב נישט געקענט פאַראייניקן אים מיט מיין טיפן גלויבן אין ציוניזם. באַראָכאָווס בראַשור האָט מיר דעם סינטעז געגעבן. ער האָט אויף אַן איבערצייגנדיקן אופן פאַראייניקט די צוויי — אויפן ערשטן בליק — קעגנזאַצן, אין איין גאַנצקייט. הייסט עס, איך בין אַ פועלי־ציוניסט!

היות אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט געדאַרפט פאַרקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער צעירי־ציון־אָרגאַניזאַציע, האָב איך געהאַלטן פאַר מיין חוב אָנצוהאַלטן מיין אַמט — ווי דער פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע — ביז דער פאַרזאַמלונג.

אויף דער יערלעכער פאַרזאַמלונג, האָב איך, ווי תמיד אָפּגעגעבן דעם טעטיקייטס־באַריכט פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר און נאָך דעם געבעטן, מען זאָל אויסקלויבן אַ פאַרזיצער אָנצופירן מיט דער פאַרזאַמלונג, ווי עס פירט זיך, איידער מען קלויבט אויס די נייע פאַרטיי־אינסטאַנצן. פאַרן פאַרלאָזן די טריבונע, האָב איך אָפּגעגעבן פאָלגנדיקע דערקלערונג: „איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיין אָרט איז צו זיין אין דער פּראָלעטאַרישער „פועלי־ציון״ אָרגאַניזאַציע, כאָטש מיר איז אַ שאָד צו פאַרלאָזן די חברים, מיט וועלכע כ׳האָב זיך אַזוי חבריש איינגעלעבט און געאַרבעט האַרמאָניש, קען איך זיך אָבער נישט פאַרלייקענען צו מיינע טיפע איבערצייגונגען און בין געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די רייען פון דער „צעירי־ציון״. כ׳דאַנק אייך פאַר דעם כבוד און צוטרוי, וואָס איר האָט מיר אַרויסגעוויזן די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אייער חבר און פּרעזידענט!״

מיין דערקלערונג האָט אויפגעריסן ווי אַ באָמבע. עטלעכע מינוט איז געווען אַן אַלגעמיינע שטיל־שווייגעניש. שפּעטער אַ ביסל האָט מען זיך גענומען שושקען. ביי עטלעכע נאָענטע חברים האָבן זיך געוויזן טרערן

אין די אויגן. דעם אמת געזאָגט, איז אויך מיר נישט געווען לייכט דער דאָזיקער איבערגאַנג. כ'בין געווען אריינגעוואַקסן אין דער אָרגאַניזאַציע און צוגעבונדן צו די חברים. כ'האָב אָבער אַנדערש האַנדלען נישט געקענט... צוזאַמען מיט מיר האָבן נאָך אַ פּאָר חברים פאַרלאָזן די „צעירי־ציון"־אָרגאַניזאַציע.

אין די רייען פון „פועלי־ציון"

כ'האָב זיך פאַרבונדן מיטן סעקרעטאַר פון צ. ק. „פועלי־ציון", חבר פּאָמעראַנץ און כ'האָב אָרגאַניזירט אַ פּ.צ.־פאַרבאַנד אין דער וועסט־ענד. מיר האָבן געדונגען אַ לאָקאַל. דער זאַל איז אויף פאַרזאַמלונגען און רעפעראַטן איז געווען איבער אַ רעסטאָראַן. אָבער אין געוויינלעכע אָוונטן, ווען ס'איז געווען ווייניק קונים, האָבן מיר געהאַט אונדזערע טרעפונגען אין רעסטאָראַן גופא. יעדער פון די פאַרזאַמלטע האָט באַשטעלט אַ טיי אָדער קאַווע. דאָס איז געווען דער פאַרדינסט פון דעם אייגנטימער, פאַרן דערלויבן באַנוצן דעם לאָקאַל פאַר אונדזער אַרבעט.

די ערשטע אַקציע, וואָס דער ניי־געגרינדעטער פאַראיין האָט געטאָן איז געווען: זי האָט צונויפגערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע עקזיסטירנדיקע פאַראיינען און אָרגאַניזאַציעס אין דער וועסט־ענד, כדי נאָך דעם ווי מיר וועלן זיך דערעדן מיט די אָרגאַניזאַציעס פון דער איסט־ענד, זאָלן מיר בשותפות איינאָרדענען אַ טרויער־אָוונט צו די „שלושים" פון שלום־עליכמס טויט.

טויזנטער יידן האָבן אָנגעפילט דעם גרעסטן זאַל אין דער וועסט־ענד, כדי אָפּצוגעבן כבוד דעם אָנדענק פון דעם גרויסן יידישן שרייבער, אויף דעם אזכרה־אָוונט, וואָס מיר האָבן איינגעאָרדנט. איך האָב געעפנט דעם אָוונט מיט אַ קורצער רעדע וועגן דער גרויסער אבידה, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געליטן מיטן טויט פון שלום־עליכם און כ'האָב איבערגעגעבן צו פירן דעם אָוונט, דעם גרויסן דראַמאַטישן אַרטיסט מאָריס מאָשקאָוויטש. אַ סך שרייבער, שוין אַלטע תושבים און ניי־געקומענע, זענען אַרויסגע־

טרעטן מיט טרויער־ווערטער און אָפּשאַצונגען וועגן דעם גרויסן ייִדישן קינסטלער, דעם איינציקן אין זיין דור — שלום־עליכם.

פון דער פּרעסע האָב איך זיך דערוווּסט, וועלכע שטעט און שטעטלעך עס זענען אַריינגעפאַלן צו די דייטשן. צווישן זיי, אויך קוטנע און ריפּין. אין קוטנע האָב איך געהאַט מיינע עלטערן און די גאַנצע משפּחה. אין ריפּין — די משפּחה שפּערלינג מיט זייער טעכטערל נחמהלע, וועמענס אויגן און געשטאַלט כ׳האָב כסדר געזען פאַר זיך... נעכט בין איך נישט געשלאָפן, טראַכטנדיק וועגן זייער גורל. אין חלום האָב איך געזען שרעק־בילדער: באָמבאַרדירונגען, שריפות, מענטשן לויפן, מען באַהאַלט זיך אויף די פעלדער, אויפן בית־עולם, מ׳וויינט, מ׳רייסט קברים. מען ליגט אויפן קבר פון ר׳ יהושעלע קוטנער, ער זאָל זיך מיען. פון מיינע קאָשמאַרן, איבערלעבונגען און פאַרשטעלונגען, האָב איך אָנגעשריבן אַ סעריע ביל־דער, וואָס זענען אַריין אין דעם בוך „בילדער פון לעבן", וואָס כ׳האָב דעמאָלט געשריבן. עטלעכע בילדער: „די בלוטיקע מלחמה", „תשעה באב", און אַנדערע, זענען געדרוקט געוואָרן אין די צייטונגען „די נייע וועלט", „עקספּרעס". דאָס גאַנצע בוך האָט מיין מוטער פאַרברענט. גענויער וועגן דעם — אַ ביסל שפּעטער.

אין דער מלחמה, ווי אין יעדער מלחמה — זענען מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעטויגט, געקענט אויסנוצן די מלחמה־קאָניונקטור — רייך געוואָרן. כאָטש איך האָב אויך געהאַט מעגלעכקייטן, איז מיר אָבער דער קאָפּ נישט געלעגן דערביי. פאַרקערט, מיין מאַטעריעלע לאַגע איז געוואָרן ערגער, ווייל שטענדיק בין איך געווען פאַרנומען מיט פּאַרטייאיש־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס האָט צוגענומען מיין גאַנצע צייט. אַ חוץ טעכניש־אָרגאַני־זאַציאָנעלע אַרבעט, האָב איך געדאַרפט אַ סך לייענען, כדי נישט אָפּצושטיין אין די טעאָרעטישע פּראָבלעמען. אין יענער צייט, האָב איך גענומען לערנען מאַרקס „קאַפּיטאַל" בלעטל נאָך בלעטל, ווי יידן האָבן אַמאָל געלערנט גמרא. כ׳האָב געלייענט זשיטלאָווסקין, וועלכער איז דעמאָלט געווען אין סאַמע בלי פון זיין ווירקונג. באַזונדערס האָט מיר אינטערעסירט זיין בוך „די נאַציאָנאַלע פּראַגע און דער סאָציאַליזם", כ׳האָב עס געלייענט עטלעכע מאָל. כ׳האָב געוואָלט געדענקען.

אַ ביסל שפּעטער האָט זיך פאַרט מיין מאַטעריעלע לאַגע געענדערט צום בעסערן. מיינס אַ קוזין, וואָס איז געווען אַן אויפזועער אין אַ מיליטערישער שניידער־פאַבריק, האָט מיך גענומען צו דער אַרבעט. קיין גרויסער קענער האָט מען דאָרט נישט געדאַרפט זיין. מ׳האָט געניית כאַקי־קליידער און ווער ס׳האָט נאָר געקענט האַלטן אַ נאָדל אין דער האַנט, האָט געקענט פאַרדינען געלט.

דער בן־אורי פאַראיין

אין לאָנדאָן האָט זיך דעמאָלט געפונען דער יידישער מאָלער בערגסאָן, איז ער געקומען מיט דעם געדאַנק צו גרינדן אַ קונסט־פאַראיין. כאָטש פּאָליטיש איז ער געווען אַן אַנהענגער פון דער ס. ט. (סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן). ער, ד״ר י. קרוק א. א. האָבן דאָ געבילדעט אַ ס.ט.־גרופּע. זיי האָבן זיך געהאַלטן נאָענט צו דער פּועלי־ציון, דער עיקר אין קולטור־פראַגן. האָט זיך בערגסאָן געוואַנדן צו דער פּ. צ.־אָרגאַניזאַציע, אַז זיינע חברים זאָלן אַריינטרעטן אין דעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַר דעם פאַראיין. איך בין געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן עס געטאָן און בין אַזוי אַרום פון די גרינדער פון דעם „יידישן קונסט־פאַראיין — בן אורי״, וועלכער איז אויסגעוואַקסן צו אַ רייכער יידישער קולטור־אינסטיטוציע און עקזיסטירט עד היום אין לאָנדאָן.

די לאַנד־קאָנפערענץ פון „פּועלי־ציון״ אין מאַנטשעסטער

אַרום 12 ביינאַכט זענען מיר — אַ גרופּע דעלעגאַטן פון לאָנדאָן, אַריין אין באַן, צו פאָרן קיין מאַנטשעסטער אויף דער קאָנפערענץ. זעקס פאַרטאָג זענען מיר אָנגעקומען. ס׳איז נאָך געווען פינצטער. דאָס וועטער קאַלט, פייכט און נעפלדיק און די דעלעגאַטן — ווי ס׳איז דעמאָלט געווען

דער שטייגער, זענען זיך צעפאָרן אין די היימען פון די חברים. איך מיטן חבר פאָמעראַנץ — דער סעקרעטאַר, זענען איינגעשטאַנען ביים חבר גאָלדבערג, אין אַ זייטיק, קליין געסל, ווו אַלע הייזלעך זענען געווען נידעריק, קרום און אַלט. ווען מיר האָבן אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָט שוין אויף אונדז געוואַרט גאָלדבערג מיט זיין משפּחה. זיי האָבן אונדז אויפגענומען מיט אַ פריילעכן „ברוכים הבאים!" מיר האָבן זיך אַרומגענומען און געקושט. עפּעס אַ קלייניקייט, דעלעגאַטן פון לאָנדאָן. אין שטוב האָט געברענט דער ענגלישער קאַמין, וואַרעם אַ מחיה! באַלד איז געשטאַנען אויפן טיש טיי מיט צובייסן. מען האָט געמאַכט אָרט מיר זאָלן זיך קענען אויסרוען, נאָך אַ נסיעה פון אַ גאַנצער נאַכט. קיין שלאָף-וואַגאָנען האָבן זיך די פּ.צ.-דעלעגאַטן דעמאָלט נישט געקאָנט דערלויבן. דאָ האָבן מיר זיך געפילט ווי אין דער היים. אַלע זענען מיר געווען איין גרויסע משפּחה.

10 אין דער פרי האָט זיך די קאָנפערענץ געעפנט. דעלעגאַטן זענען געקומען פון לאָנדאָן, לידז, גלאַזגאָ און עדינבורג. סך הכל, עטלעכע צוואַנציק חברים, וואָס האָבן פאָרטרעטן העכער 100 מיטגלידער אין לאַנד. ס'איז אויך געקומען ד"ר זאַלקינד, וואָס איז דעמאָלט געווען דער קאַסירער פון „פּאַלעסטינער אַרבעטער פאָנד".

צוויי טעג האָט געדויערט די קאָנפערענץ. אַ חוץ דעם באַריכט פון דער טעטיקייט און דאָס קלייבן אַ צענטראַל-קאָמיטעט, האָבן מיר אויך באַהאַנדלט דעם ענין פון „אַרבעטער קאָמיטעט פאַר יידישער רעכט", וואָס האָט זיך דעמאָלט געהאַלטן אין שאַפן.

ביים קלייבן אַ צ. ק. האָט ח' פּאָמעראַנץ פאָרגעשלאָגן מיין קאַנדידאַטור. קעגן אים איז אַרויסגעטרעטן חבר קאָוועס פון לידז, מאָטיווירנדיק זיין קעגנערשאַפט מיט דעם, אַז איך בין נאָך צו יונג (דער ייִנגסטער דעלעגאַט אויף דער קאָנפערענץ) און צו ווייניק אין דער פּאַרטיי. בעת דער אָפּשטימונג, בין איך אויסגעקליבן געוואָרן ווי אַ מיטגליד אין צ. ק. מיט אַ גרויסער מערהייט שטימען.

נאָך דער קאָנפערענץ אין אָוונט, איז אין אַ קינאָ, אין דער יידישער געגנט, פאָרגעקומען אַ גרויסער מאַסן-מיטינג. מיט רעפעראַטן זענען אַרויסגעטרעטן: ד"ר זאַלקינד, בצלל שערמאַן און איך. אַ ביסל שפּעטער,

דעם זעלבן אָוונט, האָט די מאָנטשעסטער אָרגאַניזאַציע איינגעאָרדנט אַ באַנקעט לכבוד די דעלעגאַטן, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט ביינאַכט. אין דרויסן איז אַ גאָס רעגן, דאָך לאָזן מיר זיך אין דער באַגלייטונג פון די מאַנטשעסטער חברים צו דער באַן. מיר זענען אָנגעקומען אויסגעווייקטע, נאַסע, נאָר די אינערלעכע באַגייסטערונג האָט געוואָרעמט און געמונטערט. ווען די באַן איז אָנגעקומען, האָט מען זיך אַרומגענומען, געקושט. מען האָט זיך גאַרנישט געקענט צעשיידן. ניין! נישט משפּחה, נאָר אמתע ברידער...

זשאַבאָטינסקי ביים צ. ק. פון „פּועלי־ציון"

אויף איינער פון די צ.ק.־זיצונגען, ערגעץ ווו אין אַ הינטערשט צימער פון אַ כשר־רעסטאָראַן, האָט מען מיטגעטיילט, אַז זאב זשאַבאָטינסקי דאַרף קומען צו דער זיצונג און טאַקע אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט ער זיך באַוויזן. דאָס ערשטע מאָל האָב איך אים געזען, כאָטש געהערט האָב איך וועגן אים אַ סך. ער איז געווען פון מיטל־וווּקס, געטראָגן בינאָקלען, אויסגעזען יונג, פריש און ערנסט. חבר פּאָמעראַנץ האָט אים געבעטן זיך זעצן, האָט ער באַדאַנקט און געבליבן שטיין. אַזוי שטייענדיק, האָט ער גענומען רעדן. ער האָט אַפּעלירט צו דער פּ. צ. פּאַרטיי — אויך צו אַנדערע אָרגאַניזאַציעס — זיי זאָלן אונטערשטיצן זיין פּלאַן צו שאַפן אַ יידישן לעגיאָן פאַר ארץ ישראל. ער האָט אויפגעקלערט די וויכטיקייט דערפון. צווישן אַנדערן, געדענק איך, האָט ער געזאָגט: „אין דעם היסטאָרישן מאָמענט פון דער שלום־קאָנפערענץ, וועלן מיר נישט קענען קומען מיט בלויזע ווערטער, מיטן בלויזן ייחוס פון אונדזער עבר. מיר מוזן שאַפן אַ כוח אין ארץ ישראל, דעמאָלט וועט מען זיך מיט אונדז רעכענען. די יידישע יוגנט איז נאָך טיף נישט אַריינגעדרונגען אין די אַלייִרטע אַרמייען, איז נאָך איצט פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו שאַפן דעם לעגיאָן. מיר מוזן האָבן אַ 50 טויזנט יידישע יוגנט. צי פאַרשטייט איר די באַדייטונג פון אַזאַ כוח? וואָסער כבוד דאָס וועט זיין פאַר אונדזער פאָלק? דער געזעץ־

פראָיעקט, וואָס איז איצט אַריינגעטראָגן געוואָרן אין ענגלישן פּאַרלאַמענט — צו צווינגען אַלע פרעמדע בירגער פון די אַליירטע מלוכות, אונטער דער דראָאונג דעפּאָרטירט צו ווערן, צו גיין אין דער אַרמיי, עפנט נייע פּערספּעקטיוון פאַרן שאַפן דעם לעגיאָן. ציִ איז נישט בעסער צו דינען אין אַן אייגענעם יידישן לעגיאָן פאַר ארץ ישראל, פאַרן אייגענעם לאַנד, פאַרן נאַציאָנאַלן כבוד, פאַר אונדזער צוקונפט? אמת, ס'זענען נאָך פאַראַן שווע־ריקייטן און שטערונגען. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ווי אַ גאַנצע, שטיצט נישט מיין פּראָיעקט, כל זמן ס'איז נאָך נישט קלאָר דער אויסגאַנג פון דער מלחמה, ווילן זיי בלייבן נייטראַל. די ענגלישע רעגירונג האָט אויך אירע פּאָליטישע חשבונות קעגן דעם לעגיאָן. דאָך גלויב איך, אַז דער לעגיאָן וועט געשאַפן ווערן. כ'האָב נאָר מורא, ער זאָל נישט קומען צו שפּעט, ווען דער גרויסער רוב יידישע יוגנט וועט שוין זיין איינגעגלידערט אין דער רעגולע־רער אַרמיי. דאַרפן מיר זיך צואיילן. צייט שפּילט דאָ אַ גרויסע ראָל...

ווען זשאַבאָטינסקי האָט געענדיקט ר'עדן, האָט זיך האָסטיק אַ שטעל געטאָן יוסף פאָמעראַנץ — דער ברודער פון סעקרעטאַר — און אויסגעש־שריגן: „חבר זשאַבאָטינסקי! ווען איך וואָלט געהאַט ביי זיך אַ רעוואָל־ווער, וואָלט איך אייך דאָ דערשאָסן. דער פּראָיעקט, וואָס דאַרף איצט אָנגענומען צו ווערן אין פּאַרלאַמענט, צו צווינגען אַלע פרעמדע בירגער צו גיין אין דער מלחמה, איז אַ רעזולטאַט פון אייער פּאָליטישער אַרבעט אין די ענגלישע קרייזן. די, וואָס זענען קעגן לעגיאָן, האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין אייער פּראָיעקט, כדי אים אויסצונוצן אויף אַן אַנדער אופן, אַז מען זאָל באַנוצן די אויסלענדער פאַר דער מלחמה און דאָס איז אייער שולד!".

באַהערשט און רואיק, האָט אים זשאַבאָטינסקי געענטפערט: „ס'איז נישט אמת, אַז מיין אידעע צו שאַפן אַ לעגיאָן, האָט געפירט צו דעם געדאַנק וועגן רופן די פרעמדע אין דער אַרמיי. געפירט צו דעם האָט דאָס, וואָס מיליאָנען ענגלענדער, אירע פאַרבונדעטע און פון די קאָלאָניעס, זענען שוין געפאַלן אויף די מלחמה־פעלדער. די מלחמה איז נאָך נישט געענדיקט, די לאַגע איז אויסערגעוויינלעך שווער, און אין דער זעלבער צייט דרייען זיך אַרום טויזנטער יונגע מענטשן אין לאַנד, אויסלענדער, וואָס געניסן אַלע פרייהייטן און רעכטן, זיי אַרבעטן און פאַרדינען. די ענג־

לענדער זענען דאָס. ס׳פעלן אויך נישט אַזעלכע, וואָס טראָגן אין האַרצן אַנטיסעמיטישע געפילן און איצט האָבן זיי אַ געלעגנהייט זיי אויסצולאָדענען. זיי טומלען און העצן: „אין דער צייט, וואָס אונדזערע זין, די בעסטע יוגנט ווערן געהרגעט, דרייען זיך אַרום טויזנטער יונגע מענטשן אָן שום אחריות". מיט איין וואָרט, די שווערע מלחמה־לאַגע האָט געפירט צו דעם פּראָיעקט, וואָס ווערט איצט באַהאַנדלט אין פּאַרלאַמענט. איך חזר איבער נאָך אַמאָל: פאַר די אינטערעסן און פאַרן כבוד פון אונדזער פאָלק און פאַר דער יידישער יוגנט אַליין, איז בעסער זיי זאָלן פרייוויליק גיין אין לעגיאָן, נישט וואַרטן, ביז מ׳וועט זיי צווינגען צו גיין אין קריג, אָדער אַרויסגעשיקט ווערן פון לאַנד ווי דעזערטירן, אָדער בוגדים".

די חברים פון צ. ק. זענען געזעסן שטיל און טיילווייז באַווירקט געוואָרן פון זשאַבאָטינסקיס רייד. דער סעקרעטאַר פּאַמעראַנץ האָט געבעטן מוחל זיין דעם ווילדן אַרויסטריט פון זיין ברודער. ער האָט געדאַנקט פאַרן קומען צו אונדז און פאַרזיכערט, אַז דער צ. ק. וועט ערנסט באַטראַכטן די פראַגע און צו וויסן טאָן זיין באַשלוס.

איך און חבר פירשט פון גלאַזגאָ האָבן באַגלייט זשאַבאָטינסקין. ביים געזעגענען זיך, האָבן מיר וואַרעם געדריקט זיין האַנט און אים פאַרזיכערט, אַז אומאָפּהענגיק ווי דער באַשלוס פון צ. ק. זאָל נישט זיין, זענען מיר מסכים צו זיין אידעע און מיר וועלן מיטאַרבעטן ביים שאַפן דעם יידישן לעגיאָן.

צומאָרגנס זענען מיר ביידע געגאַנגען אין דער „ביוראָ פאַרן יידישן לעגיאָן". זשאַבאָטינסקי האָט אונדז פריינדלעך אויפגענומען. מיר האָבן פאַרגעלייגט אונדזער מיטהילף און זשאַבאָטינסקי האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט: „גוט, גוט! מיר וועלן אייך איינשפאַנען אין דער אַרבעט". פון אַ צווייטן צימער איז אַריינגעקומען מאיר גראָסמאַן, זשאַבאָטינסקי האָט אונדז פאַרגעשטעלט: „דאָס זענען חברים פון פועלי־ציוניסטישן צ. ק. איך בין זיכער, אַז אויך די אַנדערע וועלן קומען. די פראַגע איז נאָר, צי וועלן זיי קומען אין דער צייט".

מיר האָבן געהאָלפן פאַרשפּרייטן „די יידישע צוקונפט", אַ זשורנאַל, געווידמעט דעם רעיון וועגן אַ יידישן לעגיאָן. מיר האָבן פאַרשפּרייט ווענ־

דונגען, אויפרופן צו דער יוגנט, מיר האָבן געפירט פערזענלעכע פּראָפּאַ־גאַנדע און אַנדערע אַרבעטן.

די פאַרזאַמלונגען מיטן אַנטייל פון זשאַבאָטינסקין אין לאָנדאָן, האָבן געצויגן גרויסע מאַסן. ס׳זענען אויך געווען אַ סך היץ־קעפּ, וואָס האָבן געשריגן, אַז זשאַבאָטינסקי איז שולדיק אין דעם פּראָיעקט, וואָס ווערט איצט אָנגענומען אין פּאַרלאַמענט. ס׳זענען געווען טומלען און סקאַנדאַלן, מען האָט זיך באַוואָרפן מיט זידל־ווערטער. נאָר זשאַבאָטינסקין איז שווער געווען צו פּראָוואָצירן. ער האָט זיך געהאַלטן באַהערשט מיט ווירדע אויף דער בינע. רואיק, אָבער מיט טעמפּעראַמענט, האָט ער מיט לאָגישע אַרגומענטן, געענטפערט און פאַרטיידיקט זיינע געדאַנקען און אָפּגעוואָרפן פאַלשע באַשולדיקונגען. זיינע אַרויסטריטן און די ענטפערס די קעגנער, האָבן געהאַט דינאַמיק און טיפע איבערצייגונג, וואָס האָט מיטגעריסן מאַסן מענטשן. נישט געקוקט אויף די קעגן־אַקציעס וואָס האָבן דורכגעפירט די אַנאַרכיסטן, די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און אַפילו געוויסע ציוניסטישע עלע־מענטן. נישט איין מאָל איז אויסגעקומען אַרויספירן זשאַבאָטינסקין פון אַ פאַרזאַמלונג, אָדער מיטינג דורך אַ הינטערטיר, ווייל געוויסע קעגנער האָבן זיך געגרייט אים פיזיש צו באַפאַלן...

די יידישע אַרבעטער־קאָנפערענץ פאַר יידישע רעכט — 1916

די קאָנפערענץ, צו וועלכער מען האָט זיך אַזוי לאַנג געגרייט, איז פאַרגעקומען אין מאַנטשעסטער. ס׳האָבן זיך אין איר באַטייליקט פאַר־טרעטער פון אַלע יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן און פּועלי־ציון, וועמענס פאַרטרעטער איך בין געווען. ס׳האָב זיך אויך באַטייליקט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן און דער „אַרבעטער רינג״, וואָס האָט דעמאָלט געציילט אַ 6,000 חברים. אין דיביידע אָרגאַניזאַציעס האָט די גרעסטע צאָל דעלעגאַטן געהאַט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַ ביסל ווייניקער די אַנאַרכיסטן,

נאָך ווייניקער פּ. צ. פונדעסטוועגן האָט די פּ. צ.־פראַקציע זיך שטאַרק געלאָזט פילן אויף דער קאָנפערענץ. דאָ האָט זי אויך געהאַט די שטיצע פון דער קליינער גרופּע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן מיט ד״ר קרוק און דעם מאָלער בערגסאָן — בראָש.

די צאָל דעלעגאַטן, וואָס מיר האָבן געהאַט, האָבן מיר געהאַט צו פאַר־דאַנקען דעם חבר בצלאל. — אַ פּאָר ווערטער וועגן אים: ער קומט פון רומעניע. געלעבט יאָרן לאַנג אין פּאַריז. איצט, זינט ער געפינט זיך אין לאָנדאָן, איז ער אַ חבר אין צ. ק. פּועלי־ציון און איז טעטיק אויף אַלע געביטן פון אַרבעט. אויסערלעך איז ער געווען שטאַרק אימפּאָנירנדיק: געטראָגן אַ באָרד, אַ שוואַרצע פּעלערינע און אַ שוואַרצן, ברייטן ווייכן הוט. יונג און שיין, פול מיט לעבן און ענערגיע, האָט ער אומעטום אַרויס־גערופן אויפמערקזאַמקייט. עטלעכע חדשים פאַר דער קאָנפערענץ, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער פּראָווינץ, איבער שטעט און שטעטלעך, ווו נאָר עס געפינען זיך יידן. דאָרט האָט ער אויפגעזוכט די, וואָס האָבן אַ נייגונג צום אַרבעטער־ציוניזם. אַמאָל איז עס געווען פיר מענטשן, אַמאָל גאַנצע 6 און מיט זיי האָט ער געשאַפן אַ פּועלי־ציון פאַראיין. צווישן די חברים זענען געווען: דער שמש פון שול, דער שוחט און אַמאָל אפילו דער רב אַליין. לויט אים, זענען זיי געווען כשרע „פּראָלעטאַריער". זיי לעבן פון שכירות; אַז ארץ ישראל זאָל אומגעקערט ווערן דעם יידישן פאָלק, ווילן זיי דאָך זיכער. הייסט עס, זיי זענען פּועלי־ציוניסטן... בצלאל האָט זיי באַזאָרגט מיט אַ שטעמפּל, אַ בריוו צום צ. ק. אין לאָנדאָן איז אָפּגעשיקט געוואָרן, אַז אין ק״ק די און די, איז געגרינדעט געוואָרן אַ פּועלי־ציון פאַראיין. מזל־טוב! אַזוי אַרום האָבן מיר אָנגעקליבן אַ נישקשהדיקע צאָל דעלעגאַטן אויף דער קאָנפערענץ.

די „יידישע אַרבעטער קאָנפערענץ פאַר יידישע רעכט" איז געווען די גרעסטע אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ענג־לאַנד. אין דער רעזאָלוציע־קאָמיסיע האָט פּ. צ. אַריינגעטראָגן אַ פּונקט וועגן פרייע רעכט פאַר עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע. דער פּונקט האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפע קעגנערשאַפט פון די סאָציאַל־דעמאָ־קראַטן און אַנדערע גרופּן. זיי זענען געווען פאַר פרייער עמיגראַציע אין

אַלע לענדער, במילא אויך קיין פּאַלעסטינע. דער שאַרפסטער קעגנער אונ־דזערער איז געווען מאָריס מייער, דער רעדאַקטאָר פון „די צייט". „ציון — האָט ער געזאָגט — האָט נאָר אַ ווערט אין סידור, אין די תפילות, אָבער נישט אין לעבן". אויף דעם האָט זיך צעשריגן דער פּועלי־ציוניסט ראַמאַ־נאָווסקי: „איין ליד פון יהודה הלוי האָט מער ווערט ווי אַלע אייער'ע רעזאָלוציעס!". ס'איז געוואָרן אַ טומל, געשרייען, צווישנרופן. מיר, די מערהייט פון די פּ. צ. דעלעגאַטן, האָבן געהאַלטן, אַז ראַמאַנאָווסקיס אַרויסטריט איז געווען צו דראַסטיש און נישט טאַקטיש. ווייל, אויב איין שיר פון יהודה הלוי האָט מער באַדייטונג ווי אַלע רעזאָלוציעס פון דער קאָנפערענץ, טאָ צו וואָס איז ער געקומען אויף דער קאָנפערענץ, און בכלל צו וואָס איז נייטיק געווען די גאַנצע געפּטרטע ענערגיע זי צו רופן?

ראַמאַנאָווסקי איז געקומען פון ליטע. שוין לאַנגע יאָרן אין ענגלאַנד. אַ גרויסער קענער פון אַלטער און נייער יידישער ליטעראַטור. אין „די צייט" האָט ער געשריבן אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור און תנ"ך. אַ גייסט־רייכער מענטש מיט אַ סך סענטימענטן, האָט ער שטענדיק געשוועבט אין די הימלען. זיין פּועלי־ציוניזם איז אויך געווען עפּעס אַ גייסטיק־סענטי־מענטאַלער. אין יאָרן אַרום איז ער קראַנק געוואָרן פּסיכיש, אַראָפּ פון זינען, געווען אַ לענגערע צייט אין אַ היים פאַר גייסטיק־קראַנקע און דאָרט געשטאָרבן.

נאָך שאַרפע קאַמפן, וואָס האָבן געדויערט כמעט דריי טעג, איז אָנגע־נומען געוואָרן אַ קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע: פרייע עמיגראַציע קיין פּאַלעס־טינע און אין אַנדערע לענדער. ס'איז געווײלט געוואָרן אַן עקזעקוטיווע, אין וועלכער איך בין אויך אַריין.

כאָטש כ'בין געווען שטאַרק פאַרנומען מיט מיינע פאַרשידנאַרטיקע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, איז מיר אַ סך מאָל געווען גאָר קאַלאַמוטנע און טרויעריק אויפן האַרצן. די צייטונגען האָבן דערציילט טרויעריקע נייעסן פון די פראָנטן. מיליאָנען זענען שוין געווען געהרגעטע און פאַר־ווונדעטע און מ'זעט גאָרנישט קיין סוף צו דער מלחמה. די ווענט זענען פאַרקלעפּט מיט פּלאַקאַטן, וואָס רופן מען זאָל זיך פרייוויליק אַנשליסן אין דער אַרמיי. אויף די גאַסן זעט מען אַ סך פאַרוואונדעטע, קאַליקעס, וואָס

זענען שוין געקומען פון די פראָנטן. אַ יונגער געזונטער מענטש, האָט זיך פּשוט געשעמט צו באַווייזן אין גאַס... איך פערזענלעך איז נישט געווען פריילעך. מיין האַנדל — געבן סחורות אויף אויסצאָלן, האָב איך צוליב געוויסע סיבות ליקווידירט. היות כ׳האָב געקענט האַלטן אַ נאָדל אין האַנט, בין איך געגאַנגען אַרבעטן אין אַ פאַבריק פון מיליטערישע מלבושים.

דער קאָמיטעט פאַרן יידישן לעגיאָן האָט אָנגעפירט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער יידישער יוגנט אין ענגלאַנד. די שוועריקייטן זענען באַשטאַנען אין דעם, וואָס ס׳איז נאָך קיין שום קאָנקרעטע מעשים נישט געטאָן געוואָרן. ס׳איז געווען אַן אַגיטאַציע פאַר אַ רעיון, פאַר אַן אידעע. דאָס וועזנטלעכע איז געווען זשאַבאָטינסקיס אומדערמידלעכע פּאָליטישע אַרבעט צו ברענגען די אידעע צו איר פאַרווירקלעכונג.

אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס, האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיטעט, וואָס זיין ציל איז געווען פירן אַן אַגיטאַציע קעגן דעם געזעץ־פּראָיעקט, מען זאָל צווינגען די אויסלענדישע עמיגראַנטן צו גיין אין מיליטער. זיי האָבן געשיקט מעמאָראַנדומס און דעלעגאַציעס צו פאַרשידענע סאָציאַליסטישע פּערזענלעכקייטן, מיטגלידער פון פּאַרלאַמענט. ס׳זענען געווען דעפּוטאַטן, אַפילו לאָרדן, וואָס זענען אַרויסגעטרעטן קעגן דעם „געזעץ־פּראָיעקט". אין די מעמאָראַנדומס האָט דער קאָמיטעט מאָטיווירט זייער קעגנערשאַפט מיט דעם, אַז 1) זיי זענען פּאַציפיסטן. קעגנער פון קריג מחמת געוויסן. 2) זיי זענען נישט קיין ענגלישע בירגער. זיי זענען אַנטלאָפן פון זייערע לענדער צוליב פאַרפאָלגונגען און באַקומען דאָ אַזיל רעכט און ס׳פּירט זיך נישט מ׳זאָל די, וואָס לעבן אויף אַזיל רופן אין מיליטער. דער קאָמיטעט האָט אַגיטירט, אַז אויב דער פּראָיעקט וועט אָנגענומען ווערן אין פּאַרלאַמענט, זאָלן די אויסלענדער צוריקפאָרן אין זייערע אַלטע היימען. זיי האָבן אויך געפּלאַנט צו רופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, זי זאָל אָפיציעל באַשטעטיקן די שטעלונג פון דעם „קאָמיטעט קעגן צוואַנג־דינסט פאַר אויסלענדער". דער סעקרעטאַר פון קאָמיטעט איז געווען דער פּועלי־ציוניסט חבר בצלאל. נישט נאָר סעקרעטאַר איז ער געווען, נאָר אויך דער אָרגאַניזאַטאָר, דער לעבעדיקער גייסט, דער דינאַמישער כוח פון דער גאַנצער באַוועגונג.

ווען איך בין שוין געווען אין אַרגענטינע, האָב איך געלייענט, אַז דער פּראָיעקט צו צווינגען די אויסלענדער צו דינען אין מיליטער, איז פון ענגלישן פּאַרלאַמענט אָנגענומען געוואָרן ווי אַ געזעץ. טויזנטער אויס־לענדער זענען צוריקגעפאָרן אין זייערע אַלטע היימען: רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע א. א. בצלאל איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ענגלאַנד — ער איז געווען אַ רומענישער בירגער. דאָס זענען געווען שוואַרצע טעג פאַרן יידישן ישוב אין ענגלאַנד. די אימיגראַנטן האָבן אויפן וועג, צו דער באַן גייענדיק געמאַכט דעמאָנסטראַציעס, געוואָרפן לאָזונגען „נידער מיט ענגלאַנד!" אַוועקגעפאָרן זענען נאָר די מענער, די פרויען און קינדער זענען געבליבן. די רוסישע אימיגראַנטן זענען דאָרט אַרייַנגעפאַלן אין סאַמע תהו־ובהו פון דער רעוואָלוציע. די באָלשעוויקעס האָבן דעמאָלט שוין געהאַט פאַרכאַפּט די מאַכט. וואָס איז געווען זייער ווייטערדיקער גורל?...

קיין אַרגענטינע

אין אַט דער לאַגע און ביי דער שטימונג, טרעפט מיך אין אַ געוויסן טאָג מיין קוזין מ. „נו, וואָס הערט זיך מיט דיין לעגיאָן?" — פרעגט ער. „זשאַבאָטינסקי זאָגט, אַז ער וועט צושטאַנד קומען" — ענטפער איך אים. „ווען?" — פרעגט ער ווייטער. „דאָס קאָן מען נישט וויסן". פּלוצים, גאָר אומגעריכט, גיט ער מיך אַ פרעג: „וואָלסט געוואָלט פאָרן קיין אַרגענטינע?" „מעגלעך, אַז יאָ. אָבער ווי אַזוי?" — פרעג איך. דאָ וויקלט אויף מיין קוזין פאַר מיר אַ גאַנצן פּלאַן. „דו וועסט דאַרפן אַרבעטן אויף אַ שיף, וואָס גייט קיין בוענאָס־איירעס. איך קען אַן ענגלענדער, אַן אַגענט, וואָס שטעלט צו מאַטראָסן און אַרבעטער פאַר שיפן. ער וועט שאַפן פאַר דיר דאָקומענטן, ווי אַ געוועזענער מאַטראָס פון אַ רוסישער שיף, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר צוריק אונטערגעגאַנגען אין באַלטישן ים. אויך מיט אַ פאַר־איינס־קאַרטע און אַנדערע נייטיקע דאָקומענטן, וואָס דו וועסט דאַרפן, וועט ער דיר באַזאָרגן. ער קען דיך צושטעלן צו אַ שיף, וואָס גייט אָפּ

קיין בוענאָס־איירעס אין אַ צוויי וואָכן אַרום. קיין געלט וועסטו אים נישט דאַרפן געבן, נאָר ער נעמט צו דאָס געלט, וואָס די שיף־געזעלשאַפט וועט דיר צאָלן פאַר דיין אַרבעט אויף דער שיף.

דער געדאַנק וועגן פאַרן קיין אַרגענטינע, זען אַ נייע וועלט, נייע מענטשן, האָט מיך פאַרכאַפּט. באַזונדער אין דעם מצב, אין וועלכן איך האָב זיך געפינען, ווען דער ענין מיטן לעגיאָן איז נאָך אויך נישט געווען קלאָר.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מיך מיין קוזין פאַרגעשטעלט פאַר דעם שיף־אַגענט. דער האָט מיך געשטעלט פאַרשידענע פראַגעס; ער האָט אָפּגעשריבן די דאַטע פון מיין געבוירן ווערן, דאָס לאַנד און די שטאָט פון וואַנען איך קום און מיר געהייסן פאַרצייכענען און געדענקען דעם נאָמען פון דער רוסישער שיף, וואָס איז מיט יאָרן צוריק אונטערגעגאַנגען אויפן באַלטישן ים...

עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן און ער האָט מיר געבראַנגט שוין גרייטע דאָקומענטן און אַ מיטגלידער קאַרטע פון מאַט־ראָסן־פאַראיין. ער האָט מיר אויפגעשריבן דעם נאָמען פון דער שיף, וואָס גייט אין גיכן אָפּ קיין בוענאָס־איירעס, דעם פּאָרט, די ביוראָ און דער מענטש, וואָס נעמט אויף צו אַרבעטן אויף דער שיף.

אין אַ כמורנעם פרימאָרגן בין איך אַרויס פון שטוב, אָנגעטאָן אין אַן אַלטן אַנצוג, שווערע אַרבעט־שיך, אַ נישט־ראַזירטער און זיך געלאָזן צום פּאָרט. כ'בין לאַנג געפאָרן אויפן טראַמוויי ביז כ'האָב אים דערגרייכט. דאָרט איז שוין געווען אַ געוויסע באַוועגונג. שיפן — גרויסע און קליינע, האָבן זיך געוויגט אויפן ים. טרעגער, אַרבעטער, זענען געווען שטאַרק פאַר־טאָן מיט אויסלאָדן און אַנלאָדן די שיפן. כ'בין צוגעגאַנגען צו אַ טויער, וועלכן ס'האָבן געהיטן צוויי הויכע פּאָליציאַנטן, זיי געוויזן מיינע דאָקו־מענטן, האָבן זיי מיך דורכגעלאָזט. כ'בין אַריין אין אַ ביוראָ, איבערגעגעבן דעם סעקרעטאַר אַ פאַרמאַכטן בריוו פון מיין אַגענט, האָט ער מיך געהייסן צווואַרטן. אין אַ 10 מינוט אַרום האָט מען מיך גערופן אין אַ צווייטן צימער. ביי אַ שרייב־טיש איז געזעסן אַן עלטערער מענטש מיט אַ פייפ אין מויל. מיין בריוו, האָב איך באַמערקט ליגט פאַר אים. „פליז, זיץ!" — האָט ער

געזאָגט און געהייסן ווייזן מיינע דאָקומענטן. כ׳האָב אים אַרויסגעלייגט אַלע פּאַפּירן. ער האָט געקוקט אין זיי און אינעם בריוול פון אַגענט. געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך געזאָגט מיט אַ סקאָטישן אַקצענט: „צי מיר וועלן דאַרפן אַרבעטער, באַזונדער אויפן דעק — קען איך נאָך נישט זאָגן. מיר ווייסן נאָך אויך נישט גענוי, ווען די שיף וועט אָפּגיין. קום אין אַ דריי טעג אַרום, וועט מען דעמאָלט זען”.

מיין אַרבעט אין דער מיליטערישער קליידער־פאַבריק איז געוואָרן שוואַכער. פון אַקטיווער געזעלשאַפטלעך־פּאַרטייאישער אַרבעט, האָב איך זיך שוין געהאַט צוריקגעצויגן. מיין האַרץ און געדאַנקען זענען שוין געווען אין אַרגענטינע. דאָס האָט געמוזט געהאַלטן ווערן בסוד (אַ מלחמה סוד). אַ חוץ מיין נאָענטע משפחה און עטלעכע גאַר נאָענטע פריינד, האָב איך דעם סוד אַנטפּלעקט אויך פאַר זשאַבאָטינסקין. כ׳האָב געפילט, אַז כ׳קען נישט סתם אַזוי פאַרלאָזן לאָנדאָן, נישט געזעגענענדיק זיך מיט דעם מענטש, וואָס האָט די לעצטע צייט געגעבן אינהאַלטן מיין לעבן. איך בין אַוועק אין „ביוראָ פאַרן יידישן לעגיאָן” און געבעטן זשאַבאָטינסקין, ער זאָל מיך עטלעכע מינוט אויסהערן פריוואַט. מיר זענען אַריין אין אַ באַזונדערן צימער, דאָ האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט: „הער זשאַבאָטינסקי, איז דאָ אַן אויסזיכט, אַז דער יידישער לעגיאָן זאָל צושטאַנד קומען?”. „זיכער!” — ענטפערט זשאַבאָטינסקי. „ווען?” „דאָס זעט איר, איז שווער צו וויסן. כ׳זע, אַז ס׳וועט נאָך דויערן, ער וועט קומען שפּעט און דערפאַר וועט ער זיין קליין. די יידישע יוגנט וועט שוין דעמאָלט זיין איינגעגלידערט אין מיליטער, אָדער אין אויסלאַנד. אָבער ווי שפּעט ער זאָל נישט קומען און ווי ווייניק זיין צאָל זאָל נישט זיין, וועט ער נאָך אַלץ האָבן אַ פּאָליטישע באַדייטונג פאַרן ציוניזם און אַ פּראַקטישן נוצן פאַרן ארץ ישראלדיקן ישוב. בכלל וועט ער ברענגען פּרעסטיזש און כבוד דעם יידישן פאָלק...” איצט האָב איך געלאָזן, שטאַמלענדיק זיך אַרויס־געערדט. „אַזוי ווי ס׳איז נאָך נישט קלאָר ווען דער לעגיאָן וועט ווערן אַ פאַקט, האָב איך אַ מעגלעכקייט — — — איך פאָר קיין אַרגענטינע”. „נו, — זאָגט זשאַבאָטינסקי — אויך דאָרט קאָן יידישע יוגנט וואָלונטירן אין יידישן לעגיאָן. פאָר! דו וועסט דאָרט קענען אַ סך מיטהעלפן אין

אונדזער אַרבעט, ווען די צייט וועט קומען". ער האָט מיר וואַרעם געדריקט מיין האַנט און געווונטשן הצלחה.

ווידער פאָר איך צום פּאַפּלער־פּאַרט. אין ביוראָ פרעג איך וועגן אַרבעט פאַר מיר אויף דער שיף וואָס גייט קיין אַרגענטינע. נאָר מען לייגט עס ווידער אָפּ אויף אַ וואָך. כ׳קום פינקטלעך אין אַ וואָך אַרום. דאָס מאָל נעמט מיך אויף אַ צווייטער באַאַמטער, וואָס רעדט מיט אַן איירישן אַק־צענט. אַ הויכער מיט אַ רויט געזיכט, מיט געל־רויטע האָר. נאָכן איבער־קוקן אַלע מיינע פּאַפּירן, זאָגט ער ענדלעך: „גוט, וועסט אַרבעטן אויפן דעק, ווי אַ געהילף, די שיף גייט אָפּ אין דריי טעג אַרום, 6 אַזייגער אין דער פרי, זאָלסטו דאָ זיין!". ער האָט מיך געשיקט צו אַ צווייטן טיש, ביי וועלכן ס׳איז געזעסן אַ סעקרעטאַרין, אַ הויכע דאַרע פרוי מיט גרויע האָר. זי האָט גערעדט זייער איידל, גענומען מיינע דאָקומענטן, אין אַ בוך אַריינגעשריבן מיין נאָמען, דעם אַדרעס א. א. פּרטים. זי האָט אויס־געשריבן אַ גרינע קאַרטע, אַ מין פּאַספּאָרט אויף דער שיף. דעם נאָמען פון דער שיף געדענק איך נישט קלאָר, נאָר מיר דוכט, אין קאָפּ דרייט זיך דער נאָמען „איילענד־קארע".

יענעם טאָג, וואָס כ׳האָב געדאַרפט אָפּפאָרן, האָב איך זיך אויפגעהויבן פון בעט אַרום 4 פאַרטאָג. אין דרויסן איז נאָך געווען שטאַרק פינצטער. איך האָב זיך אָנגעטאָן אַן אַלטן אַנצוג, שווערע שיך, אַן אַלט העמדל אָן אַ קראַוואַט, אַ היטל מיט אַ דאַשעק. אין אַן אַלטער וואַליזע האָב איך אַריינגעשטופּט אַן אַלטן פּאַלטן, עטלעכע העמדער, די עטלעכע פונט, האָב איך פאַרשטופּט טיף אין קעשענע און זיך געלאָזן אין דער פינצטערניש צום טראַמוויי, וואָס פירט צום פּאָרט.

נאָך פאַר זעקס בין איך דאָרט געווען. ביים טויער שטייט אַ פּאָ־ליציי־מאַן, באַווייז איך אים די גרינע קאַרטע און ער לאָזט מיך דורך. ביי דער שיף ווידער אַ פּאָליציאַנט און נאָך איינער אין ציוויל — מסתמא אַ געהיים־אַגענט. זיי קוקן מיך שאַרף אָן און לאָזן מיך אַרויפגיין אויף דער שיף. דאָ האָב איך די קאַרטע אָפּגעגעבן דעם פירער, דעם „באָס", ווי מ׳רופט אים דאָ. אַ געזונטער חברהמאַן מיט אַ בלאָנדן קאָפּ און רויטע פלעקן אויפן פּנים. ער האָט מיך בייז באַקוקט פון אַלע זייטן און מיך

איבערגעגעבן צו אַ צווייטן פּאַרשוין, אונטער וועמענס האַנט איך האָב געדאַרפט אַרבעטן.

אין אַ צוויי שעה אַרום האָט די שיף געריירט, אַרויסגעקראָכן פון פּאָרט און ביסלעכווייז זיך אַריינגעשניטן אין אָפענעם ברייטן ים. איך האָב גע־אַרבעט אויפן דעק, געהאַלפן רייניקן, וואַשן. כ'האָב אָפּגעהאַקט דעם זשאַווער, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין משך פון יאָרן אויף די אייזערנע קלעצער און שטאַנגעס, און זיי איבערגעפּאַרבט אויפסניי. אַ סך מאָל האָט מען מיך אויפגעוועקט שפּעט ביינאַכט און מיך געשטעלט אויף שמירה אויף עטלעכע שעה,ביים שפּיץ פון שיף. איך האָב געדאַרפט היטן, צי מ'זעט נישט קיין שיף פון דער ווייטן. אויב יאָ, האָב איך געדאַרפט געבן אַ צייכן דורך קלינגען אין גלאָק. — „די גאהן", אויפן מאַטראָסישן סלענג. בכלל האָבן זיך די מאַטראָסן באַנוצט אויף דער שיף מיט פּאָר מיר אומבאַקאַנטע ווערטער. כ'האָב זיי נישט פּאַרשטאַנען און דערפּאַר געוויסע זאַכן געטאָן נישט ריכטיק, אָדער גאָר פּאַרקערט און געהאַט דערפון געגוג עגמת־נפש און צרות. ס'האָט געטראָפן, אַז זעענדיק אַ שיף, האָב איך נישט געגעבן דעם ריכטיקן צייכן. איז מען געקומען צו לויפן, געשריגן אויף מיר און אַ צווייטער האָט איבערגענומען די פּאָסט צו היטן. די פיזישע אַרבעט אויף דער שיף איז פּאָר מיר, וואָס בין נישט געווען געוווינט, געווען שווער און אויסמאַטערנדיק. דער באָס, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די אַרבעטער, איז געווען אַ שווערער פּאַרהאַרטעוועטער און שלעכטער מענטש. פון אַ פּאָר באַמערקונגען זיינע, האָב איך געזען, אַז ער איז אויך אַ שונא־ישראל. ער האָט מיך כסדר געהאַלטן אויפן אויג, מיר נישט געגעבן קיין רגע רו, נאָר כסדר אויסגעזוכט פּאָר מיר פרישע אַרבעט. אַמאָל האָט ער מיר דערלאַנגט אַ שווערן אייזערנעם האַמער אָפּצוקלאַפּן דעם זשאַווער פון די קלעצער אויפן דעק. ביי יעדן קלאַפּ מיטן האַמער, האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין האַרץ. אַ סך מאָל האָב איך געפילט, אַז איך פּאַל צו דער ערד פון מידקייט, נאָר כ'האָב געקלאַפּט מיט די לעצטע כוחות. פון דעם אויבערשטן דעק האָבן עטלעכע אַמעריקאַנער פּאַסאַזשירן זיך צוגעקוקט צו מיין שווערער אַרבעט, ווי דער שווייס גיסט זיך פון מיר אָן אויפהער און מיך באַדויערט. ס'איז מיר געווען שווער און ביטער, כאָטש נעם און

וואַרף זיך אין ים אַריין. נאָך ערגער איז מיין מצב געוואָרן, ווען עטלעכע אַרבעטער־מאַטראָסן האָבן זיך באַקלאָגט אויף מיר פאַרן באָס, אַז איך בין נישט מסוגל צו דער אַרבעט. ער האָט געשריגן: ר׳וועט מיך וואַרפן אין ים אַריין, ער וועט מיך נישט צוריקפירן קיין ענגלאַנד, נאָר איבערלאָזן אין בוענאָס־איירעס. אָט דאָס האָב איך געטראַכט, וואָלט טאַקע געווען די בעסטע און פּאַסיקסטע שטראָף פאַר מיר...

אַמאָל האָט ער מיר באַפוילן אָפּצופאַרבן די זייטיקע שטאַנגען אויפן דעק. די אַרבעט איז גראָד געווען אַ לייכטע, נאָר ווען מ׳האָט געדאַרפט פאַרבן די דרויסנדיקע זייט האָט עס שוין געשמעקט מיט סכנות־נפשות. שטייענדיק אויסער דער שיף, מיט דער פּלייצע צום ים, צוהאַלטנדיק זיך מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער פאַרבן, האָט אַ שטורעם מיך לייכט געקענט אַריינוואַרפן אין ים. בין איך געשטאַנען אין ציטערניש און די אַרבעט געטאָן. דאָ איז נישטאָ קיין סימפּאַטיע, קיין רחמנות. יעדער מוז טאָן זיינס. כדי אַ ביסל צו באַרעכטיקן מיין נישט־טויגעוודיקייט, האָב איך דערציילט די אַרבעטער, אַז נאָר צוויי חדשים האָב איך געאַרבעט אויף דער רוסישער שיף. כ׳בין געקומען קיין ענגלאַנד זיך לערנען אויף דעם אוניווער־סיטעט. מיינע עלטערן אין רוסלאַנד האָבן מיך אויסגעהאַלטן. נאָר איצט זינט די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָב איך פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט זיי, כ׳העך נישט פון זיי און באַקום נישט זייער הילף. דערפאַר האָב איך געמוזט אָנקומען אַרבעטן אויף דער שיף... די מעשה האָט קיין סך נישט געהאָלפן. גיכער איז מיר אַ ביסל לייכטער געוואָרן נאָך דעם, ווי כ׳האָב אין די אָוונטן געשטעלט ביר אויף מיין חשבון פאַר מיין אויבערשט און נאָך עטלעכע מאַטראָסן...

נאָר סיי ווי האָבן זיי פון מיר קיין גרויס נחת נישט געהאַט: ס׳איז געווען איינגעפירט, אַז יעדן טאָג אַרום פינף, פאַר פרישטיק, האָט מען מיט אַ גרויסער קישקע געוואַשן דעם דעק. איין מאָל האָט מען מיך געהייסן אָפּשרויפן די קישקע און דערביי פאַרדרייען דעם קראַן. נאָר אָנשטאָט צו פאַרדרייען דעם קראַן, האָב איך געגעבן אַ האַסטיקן דריי־אויף און דאָס וואַסער האָט גענומען פּלייצן מיט אַ געוואַלדיקן כוח איבערן דעק. כ׳האָב זיך בשום אופן נישט געקענט קיין עצה געבן. נאָר צו מיין גליק, איז

אָנגעקומען מיין אויבערשט און מיט איין דריי האָט ער אָפּגעשטעלט דאָס וואַסער. מיט בעזעמער האָבן מיר אַרויסגעקערט דאָס וואַסער פון דעק. כ'האָב זיך געריכט אויף אַ גוטער פּאַרציע זידלעריי, אָבער ער איז געווען אין כעס, געבורטשעט, נאָר נישט געשריגן. דאָס ביר, אַמאָל אויך צובייסן, וואָס איך האָב געשטעלט, האָט זעט אויס — געהאָלפן...

איצט זענען מיר געגאַנגען עסן פרישטיק: ברויט, קאָנפיטור, קאַשע, טיי. דאָס איז געווען דאָס בעסטע מאָלצייט. דער מיטאָג — אַרום 12 בייטאָג, איז פאַר מיר געווען אַן אָפּקומעניש. כאָטש כ'בין געווען הונגעריק, האָב איך כמעט גאָרנישט געגעסן. די זופּ איז געווען וואַסערדיק אָן אַ טעם און דאָס חזיר־פלייש האָב איך נישט געקענט פאַרליידן. כ'האָב נאָר געגעסן אַ ביסל קאַרטאָפל און ברויט, בין איך טאַקע געווען אויסגעהונגערט און זיך געפילט שוואַך. געשלאָפן זענען מיר, אַלע מאַטראָסן אין איין צימער, גאָר טיף אין בויך פון שיף. די לופט פשוט דערשטיקט צו ווערן. דערצו האָבן נאָך די מאַטראָסן, וואָס האָבן געגעסן די אַלע חזירישע מאכלים זיך גראָב געלאָזט ווילגיין, איז די לופט געווען נישט נאָר שטיקנדיק, נאָר אויך שטינקענדיק, אַן עיפּוש — נישט אויסצוהאַלטן...

פאַרן שלאָפן־גיין פלעגן זיי דערציילן מעשיות פון זייערע נסיעות איבער די ימען, פון לענדער, ווו זיי זענען געווען. אַ סך פון זיי האָבן שוין 20 — 30 יאָר געאַרבעט אויף שיפן. אין רוב מעשיות האָט זיך דער־ציילט וועגן שמוציקע גאַסן־הייזער אין די פּאָרטן. זיי האָבן דערציילט ביליקע מיאוסע וויצן. אַלעמאָל האָט אויסגעשאָסן אַ הילכיקער געלעכטער. נאָר איינער אַ סקאָט, וואָס אַ פּייפ איז שטענדיק געזעסן ביי אים אין מויל — האָט נישט געלאַכט. ער האָט פאַרלוירן צוויי זין אויף אַ מלחמה־שיף, וואָס איז אונטערגעגאַנגען. אַ גענוגנדיקע סיבה צו זיין ערנסט...

שלאָפן האָב איך סיי ווי נישט געקענט אין דער אַ לופט, דערצו האָבן זיי נאָך געשנאַרכט, געכראָפּעט אויף פאַרשידענע אופנים: איינער האָט מיט אַ דיקן באַס געכאָרכלט, דער צווייטער קוויטשענדיק מיט אַ פּייף, אַ דריטער האָט געקרעכצט. אַ גאַנצער אָרקעסטער. בין איך אין די נעכט געשטאַנען ביים ראַנד פון שיף און געקוקט אויפן ים, אויף די

שטורמישע כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געהויבן ווי ריזיקע בערג. אַמאָל אין ליכטיקע לבנה־נעכט, האָב איך צוזאַמען מיט די כוואַליעס געזען זיך הייבן געוואַלדיק גרויסע היי־פיש. ווען זיי האָבן די מאַטראָסן דער־דערציילט, אַז דאָס זענען געפּערלעכע פיש; עס טרעפט, אַז זיי וואַרפן זיך אויף מענטשן. ס׳האָט געטראָפן, אַז זיי האָבן אָפּגעריסן אַ פוס אָדער אַ האַנט ביי אַ מאַטראָס. צי דאָס איז אמת, ווייס איך נישט. אָבער אַזעלכע מעשיות האָבן קורסירט צווישן מאַטראָסן. פון נישט־דערעסן און נישט־דערשלאָפן, בין איך געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט. כ׳האָב זיך געפילט עלנט און דערשלאָגן. נישט איינמאָל האָב איך זיך גוט אויסגעוויינט און מיינע טרערן זענען געפאַלן אין גרויסן ים אַריין...

אין איינעם אַ טאָג, זאָגט מיר דער „באָס", אַז נאָך מיטאָג זאָל איך אַרויפשטייגן אויפן שפּיץ־מאַסטבוים. דאָרט איז געווען צוגעטשעפּעט אַ פעסל און אין אים איז יעדע צוויי שעה געשטאַנען אַן אַנדער מאַטראָס אויסצוקוקן צי ס׳באַוויזט זיך נישט קיין שיף. אויב יאָ, האָט ער געדאַרפט מעלדן דורך אַ צייכן. דער שפּיץ־מאַסטבוים איז געווען זייער הויך. דעם מאַטראָס אין פעסל האָט מען קוים אַנגעזען. ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אַרויף, איז מיר באַפאַלן אַ פחד. כ׳האָב נישט געגלויבט, אַז כ׳וועל עס קענען דורכפירן, האָב איך עס דערציילט איינעם פון די מאַטראָסן, וועלכן כ׳פלעג מכבד זיין. האָט ער געזאָגט, אַז דער באָס האָט נישט קיין רעכט צו הייסן מיר דאָס טאָן. דאָס איז אַן אויפגאַבע נאָר פאַר דערפאַרענע אויסגעפּרוּווטע מאַטראָסן. ער האָט מיר געראָטן, כ׳זאָל וועגן דעם מעלדן דעם קאַפּיטאַן פון דער שיף. איך בין צום קאַפּיטאַן נישט געגאַנגען, נאָר ווען כ׳האָב שפּעטער אַ ביסל באַגעגנט דעם באָס, האָב איך אים געזאָגט, אַז דער קאַפּיטאַן האָט מיר געזאָגט: דאָס אַרויפגיין אויפן שפּיץ־מאַסטבוים געהער נישט צו מיר. ער איז אין כעס געוואָרן און גענומען שרייען: „אַוועק, אַוועק!" נאָר אויפן מאַסטבוים בין איך שוין נישט געקראָכן.

צום 21־סטן טאָג פון אונדזער זיין אויפן ים, איז די שיף אָנגעקומען קיין מאָנטעווידעאָ (אורוגוויי). דער טאָג איז געווען אַ זוניקער, אַ שיינער, די לופט פריש און וואַרעם. עטלעכע פּאַסאַזשירן זענען אַרונטער פון דער שיף און מיר האָבן נאָכגעטראָגן זייער באַגאַזש און פון דערווייטנס געכאַפּט

אַ בליק אויף דער שטאָט. פאַרנאַכט האָט די שיף פאַרלאָזן דעם פּאָרט און זיך פאַרנומען קיין בוענאָס־איירעס.

יענעם גאַנצן אָוונט האָבן די יונגע מאַטראָסן געמאַכט פּלענער, ווי זיי וועלן פאַרברענגען די עטלעכע טעג, וואָס די שיף וועט שטיין אין בוענאָס איירעסער פּאָרט. זיי האָבן גערעדט פון קנייפּעס, „רויטע לעמפּ־לעך" (אַ סימן פאַר גאַסן־הייזער) א. א. פאַרוויילונגען. מיט מיר, דעם „גרינהאָרן", האָבן זיי נישט געשמועסט וועגן די ענינים און איך האָב זיך געמאַכט נישט פאַרשטייענדיק. כ'האָב זיי נאָר אַזוי „נאַאיוו" געבעטן, אַז ווען זיי וועלן גיין אין שטאָט אַריין, זאָלן זיי מיך מיטנעמען, כ'בין אַ גרינער, קען נישט די שטאָט. דערפאַר וועל איך פאַר זיי שטעלן אַ טרונק. כ'האָב געוואָלט גיין צוזאַמען מיט זיי, ווייל לאָזן זיך אַליין אין שטאָט — קען אַרויסרופן אַ חשד...

יענע נאַכט בין איך געלעגן אויף מיין האַרטן געלעגער און נישט געקאָנט צוטאָן קיין אויג. כ'האָב אַלץ געטראַכט, צי מיר וועט געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון דער שיף און בלייבן אין אַרגענטינע. פאַרטאָג — פריער ווי אַלע מאָל, זענען מיר אַלע שוין געווען אויפן דעק. ווען ס'איז אַ ביסל ליכטיק געוואָרן, האָבן מיר פון דערווייטנס געזען מאַסטביימער פון שיפן, וואָס זענען געשטאַנען אין פּאָרט. פּלוצים קומט צו דער „באָס" און זאָגט צו מיר: „זעסט די שיפן דאָרט ווייט? דאָס איז פּאַלעסטינע, דאָס יידישע לאַנד". דאָס האָט ער מיר געוואָלט אָ שטאָך טאָן, ווייל די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אויף דער שיף, האָב איך פאַר געוויסע מאַטראָסן אויסגעדריקט מיינע ציוניסטישע געדאַנקען און דאָס איז דער־גאַנגען אויך צו אים. נאָר דאָס מאָל האָב איך זיך נישט פאַרלוירן און געענטפערט: „הלוואַי וואָלט עס געווען פּאַלעסטינע".

צוזאַמען מיטן זון־אויפגאַנג איז די שיף אַריין אין פּאָרט. אויך דאָ זענען עטלעכע פּאַסאַזשירן אַרונטער פון דער שיף און מיר האָבן זיי אַראָפּ־געטראָגן דעם באַגאַזש. אויף דער שיף איז געוואָרן מאָדנע שטיל און איך בין געווען אומרואיק. אַרום 12 האָבן זיך די יונגע מאַטראָסן גענומען איבערטאָן, כדי צו גיין אין שטאָט. אויך איך האָב אָנגעטאָן דעם בעסטן אָנצוג, גענומען דעם מאַנטל — דאָס איבעריקע געלאָזן אויף דער שיף

און בין אַרויף אויפֿן דעק צו דער חברה, נאָר כ׳האָב שוין קיינעם נישט געטראָפֿן. די ערשטע רגע האָב איך זיך דערשראָקן. איך פֿרעג ביים אַלטן סקאָט — וואָס זיצט אויף אַ קאַסטן און רויכערט זיין פּייפּ — „ווּ זענען די חברה?״ „זיי זענען מיט עטלעכע מינוט צוריק אַראָפּ פֿון דער שיף — ענטפֿערט ער, — אַט גייען זיי, לויף גיך, וועסט זיי נאָך אָניאָגן״. כאָטש כ׳האָב זיי נישט געזען, כאַפּ איך דעם מאַנטל און מאַך זיך זיי נאָכלויפֿן...

אויף דער גאַס בין איך אַריין אין אַ טראַמוויי, דערלאַנגט דעם קאָנדוקטאָר אַ פּעזע און בעת מעשה אים געוויזן דעם אַדרעס, וואָס אַ פֿריינד אין לאָנדאָן האָט מיר געגעבן. לויט זיינע באַוועגונגען, האָב איך פֿאַר־שטאַנען, אַז ער הייסט מיר זיצן און וואַרטן, ביז ער וועט מיר זאָגן ווו כ׳דאַרף אַרונטערגיין. אָפּגעפֿאָרן בערך אַ האַלבע שעה, זע איך דורכן פֿענצטער אַ שילד מיטן וואָרט „כשר״. ביי דער ערשטער סטאַציע בין איך אַראָפּ פֿון טראַמוויי און אַריין אין אַ רעסטאָראַן, וואָס מ׳האָט גערופֿן „דער וואַרשעווער רעסטאָראַן״. דאָ האָבן אַזש דעם אָטעם פֿאַרכאַפּט די ריחות פֿון עכט יידישע מאכלים, געפֿילטע פֿיש, געבראָטנס א. א. גוטע זאַכן. אויסגעהונגערט ווי איך בין געווען, זעץ איך זיך ביי אַ טישל און דער קעלנער רעכנט מיר אויס דעם מעניו אויף „יידיש״. „ווילט איר אפשר אַ פּאַסגאַדע?״. „וואָס איז דאָס?״ — פֿרעג איך. דער קעלנער קוקט אויף מיר אַ ביסל איראָניש און זאָגט: „וואָס איר זענט איצטער אַראָפּ פֿון שיף?״ „יאָ, — זאָג איך, — איך בין איצטער אַרונטער פֿון דער שיף און בין הונגעריק ווי אַ הונט״. דער קעלנער האָט דערלאַנגט פֿיש, לאָקשן מיט יויך, פֿלייש, קוגל, ביר און איך האָב אַלץ פֿאַרשלונגען. דערווייל האָבן זיך די געסט אין רעסטאָראַן דערוווּסט וועגן דעם נייעם אורח, האָט מען מיך אַרומגערינגלט און גענומען אויספֿרעגן: ווען כ׳בין געקומען, ווי אַרום, וואָס הערט מען מיט דער מלחמה? זיי האָבן זיך זייער געוווּנדערט, ווייל אין יענער צייט זענען קיין עמיגראַנטן — דערצו נאָך יידישע — בכלל נישט געקומען. נאָר אָט באַווייזט זיך איינער. בין איך זיי געווען אַ גרוי־סער חידוש.

אָפּגעגעסן, האָב איך געוויזן די מענטשן דעם אַדרעס, וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך. ס׳איז געווען נישט ווייט פֿון רעסטאָראַן. אין אַ זייטיק

געסל, וואָס האָט געהייסן קאזשע צוגין, בין איך דאָרט אַוועק. אין אַ הויז מיט איינציקע צימערן, אָן פענצטער, — דאָס ליכט איז געקומען פון דער טיר, — האָט געוווינט דער חבר פון מיין לאָנדאָנער באַקאַנטן. כ׳האָב אים איבערגעגעבן די גרוסן און באַלד האָט זיך צווישן אונדז געשאַפן אַ פריינד־לעך־וואַרעמע באַציאונג. כ׳האָב אים דערציילט וועגן מיין נסיעה און מיינע איבערלעבונגען, און ער האָט מיר פאָרגעשלאָגן, כ׳זאָל דאָ ביי אים בלייבן וווינען. אין דעם צימער האָבן געוווינט דריי בחורים, נאָר היות איינער פון זיי געפינט זיך איצט נישט אין שטאָט, קען איך פאַרנעמען זיין שלאָף־אָרט. איך בין געווען אַ לייכטער לאָקאַטאָר, ווייל דאָס ביסל זאַכן, וואָס כ׳האָב נאָך געהאַט, האָב איך געלאָזן אויף דער שיף, האָב איך תיכף מסכים געווען. משה — אַזוי האָט געהייסן דער חבר, האָט מיך געראָטן אויסרוען זיך אַ ביסל, ווייל ער מוז צוריקגיין צו דער אַרבעט און אין אָוונט, וועט מען זיך זען און שמועסן וועגן מיין ווייטערדיקן גורל.

שלאָפן, אָדער רוען, האָב איך עפּעס נישט געקענט, בין איך אַרויס אויף דער גאַס. כ׳בין אויף קאַריענטעס, א שיינע גאַס מיט ברייטע טראָ־טואַרן. אַ גרויסע באַוועגונג. מאָדנע, מען זעט נאָר מענער, זייער ווייניק פרויען. איך זעץ זיך ביי אַ פריי טישל, אויף דער גאַס, נעבן דעם וואַר־שעווער רעסטאָראַן, און באַשטעל ביר. כ׳האָב הנאה פון דער פרישער לופט, מען פילט דעם פרילינג, וואָס קומט אָן. פון לאָנדאָן בין איך אַרויסגעפאָרן סוף זומער, און דאָ האָב איך אָנגעטראָפן דעם אָנהייב זומער. טרינקענדיק גיב איך אַ פרעג דעם קעלנער, צי דאָ איז פאַראַן אַ יידישע צייטונג ? „יאָ, — זאָגט ער, — זי הייסט טאַקע „די יידישע צייטונג“ און די רעדאַקציע געפינט זיך נישט ווייט פון דאַנען, אויף קאזשע לעוואזשע. בין איך דאָרט אַהין אַוועק.

אַן אַלט הויז. ביים אַריינגאַנג הענגט אַ שילד „די יידישע צייטונג“. אין פאַרטער איז די דרוקעריי, מענטשן אַרבעטן, גאַנצע בערג אַלטע צייטונגען און פאַפירן זענען אָנגעוואָרפן. די רעדאַקציע איז אויפן ערשטן שטאָק. דאָ באַגעגן איך אַ קליין בלאָנד מענטשל מיט שאַרפע דורכדרינ־גענדיקע אויגן, ער האָט מיר געוויזן די טיר פון רעדאַקטאָרס צימער. דער רעדאַקטאָר — מאָס, אַ פשוטער פאָלקס־מענטש מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ,

האָט מיך פריינדלעך אויפגענומען. ער איז געווען נידעריק, דיקלעך, גוט־מוטיק. מיך געבעטן זיצן, האָבן מיר אַ שמועס געטאָן וועגן פערזענלעכע ענינים און באַלד אַריבער צו אַלגעמיינע: ענגלאַנד, מלחמה, יידן א. א. צומאַרגנס איז דער שמועס, אין פאָרם פון אַן אינטערוויו, געווען אָפּגע־דרוקט אין דער צייטונג. אויף זיין בקשה, האָב איך אָנגעשריבן פאַרן פרייטיק־נומער אַן אַרטיקל א. נ. „די יידישע טראַגעדיע אין דער איי־

מיטאַרבעטער־קאַרטע פון דוד מענטשעס

ראָפּעאישער מלחמה". אַרויסגייענדיק פון רעדאַקטאָר, באַגעגנט מיך ווידער דער מענטש מיט די שאַרפע אויגן. ער שטעלט מיך אָפּ און פרעגט דירעקט און פשוט: „זענט איר נישט אַ פּאַרטיי־מענטש?". „יאָ, — ענטפער איך — אַ פּועלי־ציוניסט". ער טוט אַ שמייכל און דריקט מיין האַנט. „אויך איך בין אַ פּועלי־ציוניסט, כ'הייס פיניע כ"ץ, כ'בין דער מיטרעדאַקטאָר פון „די יידישע צייטונג". צוזאַמען זענען מיר אַרונטער טרינקען קאַווע און

מיר האָבן זיך נעענטער באַקענט. אויף מיין פראַגע, ווי ס׳איז דער מצב פון דער פאַרטיי אין אַרגענטינע? האָט ער מיר דערציילט: שוין פיר יאָר, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אָרגאַניזאַציע, כאָטש ס׳זענען דאָ גוטע פּ. צ. חברים אין לאַנד. פריער איז אין בוענאָס איירעס געווען אַ שטאַרקע, אַקטיווע אָרגאַניזאַציע, זיי האָבן אַפילו אַרויסגעגעבן אַן אייגענע צייטשריפט א. נ. „ברויט און ערע״. דער אָריגינעלער נאָמען איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער עפּאָכע אין בוענאָס איירעס — די יידישע גאַס איז געווען באַהערשט פון די טעמעס: דער האַנדל מיט „לעבעדיקע סחורה״, פּראָסטי־טוציע האָט געבליט. גאַנצע משפחות האָבן זיך דערמיט באַשעפטיקט. דאָס האָט געלייגט אַ חותם אויפן יידישן ישוב. ס׳איז געווען אַ פראַגע פון כבוד פאַר די אַרבעטער־פּאַרטייען אויסצורוימען דאָס דאָזיקע שמוץ און פּועלי־ציון האָט געפירט אַ ביטערן קאַמף קעגן דער דערשיינונג. דערפון דער נאָמען „ברויט און ערע״. כ״ץ האָט מיר אויך דערציילט וועגן דעם פּ. צ. פירער לעאָן חאַזאַנאָוויטש, וואָס איז געווען אין יענע צייטן אין אַרגענטינע. ער האָט זיך דער עיקר אָפּגעגעבן מיט קריטיקירן און באַקעמפן די ייק״א אַדמיניסטראַציע פון די יידישע קאָלאָניעס, וואָס דער באַראָן הירש האָט געשאַפן דאָ אין לאַנד. חאַזאַנאָוויטש האָט באַזוכט אַלע יידישע קאָלאָניעס, געזען די ביטערע לאַגע פון די קאָלאָניסטן, די עקספּלואַטאַציע און מיס־ברויכן פון דער אַדמיניסטראַציע, וואָס איז געווען אַסימילאַטאָריש, פרעמד און אוממענטשלעך לגבי די קאָלאָניסטן, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמף קעגן זיי. די אַדמיניסטראַציע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער רעגירונג, האָט אויך נישט געשוויגן. זי האָט פאַרמסרט חאַזאַנאָוויטשן, אַז ער איז אַ געפערלעכער אַנאַרכיסט. די רעאַקציאָנערע רעגירונג האָט לאַנג נישט געטראַכט און אים אַרויסגעשיקט פון לאַנד. קומענדיק קיין איירעפּע, האָט ער אָפּגעדרוקט אַ בוך א. נ. „דער באַנקראָט פון דער יק״א אַדמי־ניסטראַציע אין אַרגענטינע״.

אין אַרגענטינע

באַלד ביי אונדזער ערשטן שמועס, האָט חבר כ״ץ מיר פאַרגעלייגט, אַז איך זאָל נעמען אויף זיך די אויפגאַבע, צוריק אויפצולעבן די פועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע. נאָר ער האָט דעמאָלט נישט געהאַט קיין צייט, געמוזט גיין אין רעדאַקציע. האָבן מיר זיך אָפּגעשמועסט זיך צו טרעפן מאָרגן, צוזאַמען מיט זיין ברודער יאָסל כ״ץ אויף דעם זעלביקן אָרט. צומאָרגנס האָבן מיר זיך טאַקע באַגעגנט. אויך יאָסל איז אַ נידעריקער, מיט אַ גרויסן גלאַטן קאָפּ, נאָר אַ ביסל שיטערע האָר ביי די זייטן אין די מיטעלע יאָרן, אַן ערנסטער מיט אַ פעסטן כאַראַקטער, אַ הייסער אַנהענגער פון באָראָכאָוויזם. מיר האָבן זיך פונאַנדערגעשמועסט און אויך ער האָט באַשטעטיקט, אַז אין אַרגענטינע איז פאַראַן אַ באָדן פאַרן פועלי־ציוניזם, ס׳פעלט נאָר אַן ענערגישער אָרגאַניזאַטאָר, וואָס זאָל דעם באָדן באַאַרבעטן. ער האָט דערמאָנט נעמען פון עטלעכע חברים פועלי־ציוניסטן, צווישן אַנדערע, אויך דעם חבר מאיר לאַזער.

דער אינטערוויו מיט מיר, אויך מיין אַרטיקל אין „די יידישע צייטונג״ האָט מיך באַקאַנט געמאַכט ביי דעם ברייטן יידישן עולם. דער „פויליש־יידישער פאַרבאַנד״, וואָס האָט אויסער דעם קאַמף מיט די טמאים, זיך אויך פאַרנומען מיט קעגנזייטיקער הילף און קולטור־אַרבעט, האָט מיך פאַרבעטן, צו האַלטן אַ רעפעראַט אין זיין לאָקאַל א. ד. ט. „די יידישע טראַגעדיע אין דער אייראָפּעאישער מלחמה״.

איך טרעף זיך מיט חבר מ. מאירן־לאַזער

אַ ביסעלע התנצלות: אייגנטלעך וואָלט זיך מיר געוואָלט שרייבן וועגן מאירן־לאַזער, דעם גרויסאַרטיקן, אַ וווּנדערלעכן מענטש, ווי כ׳האָב אים געזען אין משך פון יאָרן. ס׳ווילט זיך מיר שרייבן וועגן דעם מענטש, וואָס איז אויס־געבונדן מיטן גאַנצן יידישן ישוב און שטענדיק אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס; וועגן דעם שרייבער און איבערזעצער, דעם פּעדאַגאָג און עסקן,

דעם נדבן און זאַמלער, דעם מענטש און פריינד... נאָר ראשית־כל, צי בין איך באַרופן דערצו? צי וועל איך זיין ביכולת אַרומצונעמען 50 יאָר אינטענסיוו געזעלשאַפטלעך לעבן פון איינעם פון די ערשטע און בעסטע אין אַרגענטינער יידישן ישוב? והשנית, בין איך דאָך געבונדן אין די ראַמען פון פערזענלעכע זכרונות. וועל איך דאָס טאַקע איבערלאָזן פאַר דעם היסטאָריקער פון ישוב און פאַר דעם שרייבער־קריטיקער און איך וועל זיך באַגנוגענען מיט דערציילן, וועגן מיינע טרעפונגען מיט אים אין יענע ערשטע יאָרן. סיי ווי וועלן געוויסע שטריכן פון דער פערזענלעכקייט מ. מאירן־לאַזער בולט ווערן.

אויף דער עלעגאַנט־רייכער גאַס אַווענידא דעמאָזשאַ, געפינט זיך דאָס רייכע טאַבאַק־געשעפט פון חבר מ. לאַזער. שוין עטלעכע מינוט דריי איך זיך דאָרט און צווייפל צי כ׳זאָל אַריינגיין. דאָס געשעפט איז פול מיט קונים. מיר איז עפּעס מאָדנע, אַ רייכער געשעפטס־מענטש, אַ פּועלי־ציוניסט? ביז איצט האָב איך געהאַט צו טאָן מיט אַרבעטער, קבצנים. צי זאָל איך אַריינגיין? כ׳נעם זיך אָן מיט מוט. אין געשעפט אַרבעטן צוויי עלטערע מענטשן — זיין פאָטער און מוטער און אַ ייִנגערער — דאָס פאַרשטיי איך, איז מאירן אַליין. כ׳וואַרט צו ביז ער וועט אַ רגע פריי ווערן און פרעג: „איר זענט חבר מאירן?״ „יאָ, — ענטפערט ער מיט אַ סימפּאַטישן שמייכל — און ווער זענט איר?״ „איך בין מענטשעס״. „אַ, יאָ, כ׳האָב וועגן אייך געלייענט אין דער צייטונג, גוט וואָס איר זענט געקומען״. דאָס געשעפט איז ווידער פול מיט קונים. דער אַלטער פאָטער איז בייז וואָס מ׳שטערט. בעט ער מיך, כ׳זאָל אים איצט מוחל זיין, כ׳זע דאָך. נאָר איך זאָל קומען אַרום איינס ביינאַכט, וועלן מיר שמועסן. אויף מיין פאַרוואונדערטער פראַגע, „איינס ביינאַכט?״, האָט ער מיר אויפגעקלערט, אַז די אַ געשעפטן זענען אָפן ביז אין דער טיפער נאַכט. ווען כ׳בין טאַקע אַרום איינס געקומען, האָט ער מיך אויפגענומען ווי אַן אַלטן באַקאַנטן און באַלד גענומען שליסן דאָס געשעפט. אויף דער זעלבער גאַס האָבן מיר זיך געזעצט ביי אַ קאַפע־טישל, אויף דער פרישער לופט. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיק־קלאָרע, אַן אַרגענטינער פרילינג־נאַכט. דער קעלנער האָט געברענגט סענדוויטשעס מיט ביר און מיר האָבן גענומען שמועסן.

ח׳ מאירן האָט — ווי אַ סך אַנדערע — אויסגעפּרעגט וועגן ענגלאַנד, מלחמה, יידן א. א. פראַגן, ביז מיר זענען אַרויף אויף דער טעמע, צוליב וועלכע כ׳בין געקומען צו אים, פּועלי־ציוניזם אין אַרגענטינע. כ׳האָב אים איבערגעגעבן, וואָס די ברידער כ״ץ האָבן מיר דערציילט. ער האָט דער־גענצט מיט פּרטים. ער האָט מיר געגעבן אַן איבערבליק איבער דער אַמאָ־ליקער אָרגאַניזאַציע. לויט אים איז אויסגעקומען, אַז די סבה פון דער ליקווידאַציע איז געווען, וואָס אַנפירנדיקע חברים האָבן נישט געלעבט בשלום צווישן זיך. ער האָט דערמאָנט חבר וואַקסמאַן און נאָך עטלעכע, וואָס האָבן זיך אַרומגעריסן מיט די ברידער כ״ץ. אמת — גיט ער צו — די ברידער כ״ץ זענען גוטע חברים, נאָר — בעט ער מיך — פאַרן צוטרעטן אַרבעטן פאַר דער אויפלעבונג פון דער אָרגאַניזאַציע, זאָל איך זיך זען און דורכשמועסן מיט חבר וואַקסמאַן, אַן ערלעכן און ווערטפולן חבר. דער זייגער ווייזט 4, דער הימל הויבט אָן ווערן גרוי, געזעגענען מיר זיך. ח׳ מאירן זאָגט, אַז אויב כ׳וועל אים דאַרפן, קאָן איך קומען אין געשעפט, אָבער אַ לענגערן שמועס קאָן ער האָבן נאָר נאָך איינס ביינאַכט, ווי היינט...



פון רעכטס: מאיר לאַזאַר מיט דוד מענטשעס, 1950 אין ישראל

צומאָרגנס פאַרנאַכט, האָב איך זיך אין דער יאַפּאַנישער קאַפע גע־טראָפן מיט אַ חבר, אַ לערער — וועלכן מאירן האָט צוגעשיקט, ער זאָל מיך פירן צו ח׳ וואַקסמאַן. דער לערער באַשטעלט צוויי קליינע טעפּעלעך ביטערע קאַווע, צו וועלכע מען דערלאַנגט צוויי גרויסע גלעזער וואַסער. דער אייגנטימער און די באַדינער דאָ זענען יאַפּאַנער, די באַזוכער — יידישע אינטעליגענטן, שרייבער, זשורנאַליסטן, קינסטלער א. א. ביים טרינקען זאָגט מיר דער חבר, אַז וואַקסמאַן וווינט הינטער דער שטאָט, כמעט אַ שעה פאָרן. נעמען מיר אַ טאַקסי און לאָזן זיך אין וועג אַריין. פ׳איז טאַקע אַ ביסל ווייטלעך, אַ נישט אַנטוויקלטע געגנט, קיין טראַמוויי דערגרייכט דאָרט נישט, אַפילו מיט דער טאַקסי איז נישט מעגלעך געווען צוצופאָרן נאָענט צום הויז, צוליב די אַנגעוואָרפענע שטיינער און אומגע־לייגטעביימער. מיר זענען אַריין אין אַ הויף און פון דאָרט אין אַ קליין געמויערט הייזל. דאָ וווינט חבר וואַקסמאַן. דער לערער שטעלט מיך פאָר. כ׳קוק אויף וואַקסמאַנען, אַ מענטש אין די 40־ער יאָרן, אַ הויכער. אַ קאָפּ לאַנגע שוואַרצע האָר מיט באַקנבערד, טיפע שוואַרצע אויגן מיט גרויסע ברעמען. באַלד האָב איך דערפילט סימפּאַטיע צו אים...

חבר וואַקסמאַן איז געווען צופרידן פון מיין קומען צו אים. ער שטעלט מיך פאָר פאַר זיין פרוי און מיידעלע. ער האָט שוין פאַרשטאַנען דעם צוועק פון מיין קומען צו אים, זאָגט ער — „ח׳ מענטשעס, איך האָב אַ סך צו רעדן מיט אייך, פאַרבעט איך אייך צו בלייבן נעכטיקן ביי אונדז, וועלן מיר זיך קענען אויסשמועסן״. איך האָב מסכים געווען. דער לערער געזעגנט זיך, איך בלייב. וואַקסמאַנס פרוי פרעגט: „איר ווילט טרינקען טיי, אָדער מאַטע?״ וואָס דאָס איז אַזוינס מאַטע, ווייס איך נאָך נישט. בעט איך טיי. ערשט שפּעטער בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז דאָס איז די נאַציאָנאַלע משקה 4 — 5 נ. מ. פונקט ווי אין ענגלאַנד — טיי מיט מילך.

ווי עס פירט זיך, זענען מיר נישט באַלד צוגעטרעטן שמועסן וועגן דעם אייגנטלעכן צוועק פון מיין קומען צו אים. מיר האָבן סתם אַזוי געשמועסט, כדי זיך צו דערקענען. וואַקסמאַן זאָגט, אַז ער האָט מיר אַ סך זאַכן צו דערציילן, נאָר מירן דאָס לאָזן אויף נאָכן אָוונט־ברויט. דאָס עסן איז געווען זייער באַשיידן, די שטוב און די ווירטשאַפט — גאַנץ אָרעמלעך.

דערפאַר איז וואַקסמאַן אַליין געווען רייך מיט חלומות, אידעאַלן און מחשבות. איינער פון די אינטערעסאַנטסטע מענטשן, וועלכע כ'האָב באַגעגנט.

נאָכן אוונטברויט זענען מיר אַרויס אויפן הויף. אין דער טונקלקייט זענען מיר געזעסן אויף נידעריקע בענקלעך און איך האָב אים דערציילט וועגן מיינע שמועסן מיט די ברידער כ"ץ און מיט מאירן. כ'האָב פאַר אים אַנטוויקלט מיין פּלאַן, וועגן אויפשטעלן אויפסניי די פּ. צ.־אָרגאַניזאַציע אין בוענאָס איירעס, דערנאָך אין אַנדערע שטעט. „יאָ, — זאָגט וואַקס־מאַן — דאָס אַלץ איז זייער וויכטיק, נייטיק און מעגלעך, איך בין גרייט צו העלפן דערביי, נאָר אַן די ברידער כ"ץ. וועט איר רופן אַ פאַרזאַמלונג מיט זייער באַטייליקונג, וועל איך נישט קומען". יענעם אָוונט האָט נישט געהאָלפן מיינע רייד און דאָס וועלן איבערצייגן. ער איז געבליבן איינגע־שפּאַרט ביי זיינעם. שפּעטער אַ ביסל האָט ער מיר מיט פּרטים דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון דער אַמאָליקער פּ.צ.־אָרגאַניזאַציע, פון דער יידישער פּרעסע און דערביי שטאַרק געפייערט קעגן די ברודער כ"ץ. ער אַליין האָט אַ ביסל דערציילט די סיבות פון זייער קעגנערשאַפט און דאָס איבעריקע האָבן אַנדערע געטאָן; ס'איז אַן אַלטער סיכסוך צווישן זיי. וואַקסמאַן האָט געוואָלט אַרבעטן אין „די יידישע צייטונג", נאָר די ברידער כ"ץ האָבן נישט דערלאָזן. צי מחמת פערזענלעך בייזע כוונות, אָדער זיי האָבן געהאַלטן, אַז זיינע אַרטיקלען זענען נישט דרוקפעאיק, קען איך נישט וויסן. נאָר די קעגנזייטיקע שנאה איז געבליבן...

פון די ענג־פּאַרטייאישע ענינים איז וואַקסמאַן אַריבער צו רעדן וועגן אַלגעמיינע און יידישע פּראָבלעמען, וועגן ליטעראַטור און פילאָזאָפיע, זיך פאַררופן אויף סאָקראַטעסן, קאַנטן, ניטשען. כ'האָב געזען, ווי זיינע אויגן גלאַנצן, ער לעבט־אויף רעדנדיק וועגן די ענינים... שפּעט ביינאַכט האָבן מיר זיך צעשיידט.

אין דער פרי האָב איך זיך געזעגנט מיט דער פרוי און דעם מיידעלע. איך מיט וואַקסמאַנען האָבן זיך געשלעפּט צום טראַמוויי, געפאָרן איבער אַ שעה ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין בוענאָס איירעס. מיר האָבן זיך געזעגנט, כדי זיך אין גיכן ווידער צו טרעפן. ס'איז געווען שפּעט. ער האָט זיך געיאָגט צו זיין אַרבעט — שניידעריי.

נאָך דעם זעלביקן טאָג האָב איך זיך געטראָפן מיט די ברידער כ״ץ. כ׳האָב זיי דערציילט וועגן מיין באַגעגעניש מיט וואַקסמאַנען. פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען נישט געווען צופרידן פון מיין טרעפן זיך מיט אים, אָבער אויך נישט געווען קעגן דעם, אַז כ׳זאָל אים פאַרבעטן אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך ווידער געווען ביי וואַקסמאַנען. די זעלבע וואַרעמע אויפנאַמע. כ׳בין געבליבן אויף אַוונטברויט און געשמועסט. וואַקסמאַן האָט מיך געפרעגט, צי איך רוף די ברידער כ״ץ אויף דער פאַרזאַמלונג, האָב איך אים דערוייל געענטפערט, אַז כ׳האָב נאָך נישט באַשטימט. איצט האָב איך גענומען רעדן צו זיין געוויסן, צו זיינע געפילן און פאַרשטאַנד. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז פערזענלעכע עוולהס טאָרן נישט שטערן דאָס אויפלעבן פון דער באַוועגונג, מען דאַרף דעם אידעאַל שטעלן העכער ווי יחידישע סימפּאַטיעס, ווי גערעכט מען זאָל נישט זיין, מוז מען אַמאָל מוותר זיין.. מיינע אויפריכטיקע ווערטער האָבן ווייזט אויס, געווירקט אויף אים. צום סוף האָט ער מסכים געווען, צו קומען אויף דער פאַרזאַמלונג און העלפן אין דער אַרבעט. מיט דעם האָבן מיר געענדיקט דעם שמועס...

אין שטוב איז געווען צו הייס, זענען מיר אַרויס אויפן הויף. ס׳איז געווען אַ לבנה־נאַכט, שטיל אַרום, און וואַקסמאַן מיט זיין פרוי האָבן געזונגען יידיש־האַרציקע לידער, פול מיט צער, בענקשאַפט און האָפענונג. כ׳בין געזעסן באַצויבערט, זיי האָבן מיך אַריבערגעפירט אין אַנדערע וועלטן פון ליבע און שיינקייט...

ס׳איז געוואָרן שפּעט, די לופט קילער, זענען מיר אַריין אין שטוב. דאָ האָב איך געפרוווט אַ רעד טאָן וועגן „תכלית״. היות ער איז אַ שניי־דער, און איך האָב געלערנט דאָס פאַך, קען האַלטן אַ נאָדל אין דער האַנט, איז אפשר מעגלעך צו באַקומען אַרבעט? ווייל מיין קאַסע ענדיקט זיך בקרוב. וואַקסמאַן קוקט מיך אָן מיט זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן: „וואָס הייסט — פרעגט ער — ווי ווער איר האָבן צייט צו אַרבעטן? איר וועט דאַרפן אָפּגעבן אייער גאַנצער צייט דער פּאַרטיי און זי איז מחוייב אייך אויסצוהאַלטן״. „אָ, ניין! — האָב איך געזאָגט. — דאָס נישט! כ׳האָב קיינ־

מאָל נישט געלעבט אויפן חשבון פון דער פּאַרטיי און וועל דאָס אויך ווייטער נישט טאָן. כ׳וויל זיך פילן אַ פרייער מענטש, און כ׳וועל נישט זיין פריי, אויב כ׳וועל זיין אַ באַצאָלטער פּאַרטיי־מענטש״. אַ ביסל געטראַכט, האָט וואַקסמאַן געזאָגט: „מעגלעך, איר זענט גערעכט, נאָר איצטער צו געפינען אַרבעט, איז נישט פון די לייכטע זאַכן. ס׳איז איצט אַ קריזיס אין פאַך, נאָר כ׳וועל זיך באַמיען צו קריגן אַ ביסל אַרבעט פאַר אייך״. די פרוי האָט געשטעלט טיי און וואַקסמאַן האָט זיך ווידער אַריינגעלאָזט אין אַ ליטעראַריש־פילאָזאָפישן שמועס. דורכלאָזן אַן אָוונט און נישט רעדן וועגן ליטעראַטור, האָט פאַר אים געמיינט, אַ פאַרלוירענער אָוונט.. נאָר די פרוי האָט כסדר דערמאָנט, אַז ס׳איז שפּעט, מען דאַרף פרי אויפשטיין. זענען מיר אַוועק שלאָפן.

באַלד אויפן אַנדערן טאָג, אַרום איינס ביינאַכט, בין איך געקומען צו חבר מאירן. צו דער צייט, האָט ער געשלאָסן דאָס געשעפט און מיר זענען אַריין אין אַ קאַפע־הויז, נישט ווייט פון דאָרט. כ׳האָב אים דערציילט וועגן מיינע לעצטע דערפאַלגן. ענדלעך איז מיר געלונגען צו באַקומען די הסכמה פון די ברידער כ״ץ, וואַקסמאַנען און אַנדערע אָנגעזעענע חברים, צו באַטייליקן זיך אין דער פאַרזאַמלונג, וואָס וועט גאָר אין גיכן פאָרקומען. מאירן איז געווען זייער צופרידן, ער האָט מיך באַגריסט און ווידער האָבן מיר זיך געזעגנט, ווען אין דרויסן האָט געטאָגט.

דעם נאָענטן פרייטיק, איז אין „די יידישע צייטונג״ געווען אָפּגעדרוקט מיינער אַן אַרטיקל א נ. „דער יידישער אַרבעטער־פאַרבאַנד פאַר יידישער רעכט אין ענגלאַנד״. יענעם פרייטיק נאָך מיטאָג, האָב איך געזען אַזאַ בילד: מיר זיצן אַ גרופּע שרייבער פאַר דער יאַפּאַנישער קאַפע — שבת דערשיינט נישט די צייטונג, האָבן זיי אַ ביסל צייט — פּלוצים דערזע איך — אַ קאַראַוואַן דאָראָזשקעס מיט שיינע, עלעגאַנטע, יונגע מיידלעך פאָרן לאַנגזאַם איבער דער גאַס. „ווער זענען זיי?״ — פרעג איך. „דאָס זענען מיידלעך פון הייזלעך מיט די רויטע לעמפּלעך״ — זאָגט מיין שכן ביים טיש. ער גיט מיר צו פאַרשטיין, אַז לויטן געזעץ פון געזונטהייטס־מיניסטעריום, מוזן זיי יעדן מאָנטיק און פרייטיק פאָרן אין קליניק מאַכן אַן אונטערזוכונג, צי

זיי זענען נישט ווענעריש קראַנק. דערביי באַמערקט ער, אַז אַ האַלבע הכנסה פון דער רעגירונג שטאַמט פון די קוואַלן. דאָס איז כמעט אַ נאַציאָנאַלע אינדוסטריע. דרך אגב, גיט ער מיר אַן עצה טובה: היות איך בין דאָ אַ פרעמדער, זאָל איך זיין זייער פּאַרזיכטיק ביים באַגעגענען זיך און שמועסן מיט מענטשן. דאָ זענען פאַראַן אַ סך, וואָס דירעקט אָדער אומדירעקט זענען זיי פאַרבונדן מיט דער פּראָפעסיע און זיי לעבן דערפון. אויב מ׳וועט זען, אַז איך שמועס מיט אַזאַ פּאַרשוין, וועט מען חושד זיין, אַז איך האָב עפּעס אַ שייכות מיט זיי... אונדזער געשפּרעך האָט איבערגעריסן אַן אַנדער בילד: אַ פּאָליציאַנט האָט געפירט איבער דער גאַס אַ מענטש געשלאָסן אין קייטן.ביידע, דער געפירטער און דער פּאָליציסט, האָבן אויסגעזען האַלב־ווילדע. אויף מיר האָט עס געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. צום ערשטן מאָל זע איך אין מיטן העלן טאָג, אויף אַ באַלעבטער גאַס, פירן אַ מענטש געשמידט אין קייטן...

פאַרנאַכט — ס׳איז דער צענטער טאָג זייט מיין זיין אין לאַנד, שפּאַציר איך איבער די גאַסן, ווו איך בין נאָך נישט געווען. כ׳געפין זיך אויף קאַזשאַ פלאָרידאַ, די רייכסטע און שענסטע גאַס אין בוענאָס איירעס. דאָ זענען די גרעסטע געשעפטן: אָפּטיילונגען פון פּאַריז, לאָנדאָן, ניו־יאָרק. רייכע מענער און עלעגאַנטע פרויען קומען דאָ מאַכן זייערע קניות. דאָ הערט מען ווי אויסגעפּוצטע יונגעלייט מאַכן קאָמפּלימענטן די דורכשפּאַצירנדיקע „סיניאָריטעס". די מיידלעך שטעלן זיך נישט אָפּ, גיבן אַ לייכטן שמייכל און גייען ווייטער צופרידענע פון זייער דערפאָלג...

כ׳פאַרנעם זיך אויף צוריק. ס׳איז צוגעפאַלן דער אָוונט, ס׳איז שוין שבת. אַלע געשעפטן זענען אָפן, אויסער די, וואָס האָבן נאָר יידישע קליענטן: כשרע יאַטקעס, וויין־געשעפטן און דאָס יידישע ביכער־געשעפט פון סטאָליאַרן. אגב, איז ער אויך אַ שותף צו „די יידישע צייטונג". שבת איז אויך אַן אַרבעטסטאָג, נאָר דאָ פּילט מען אים ווי ערב שבת. מען אַרבעט נאָר ביז 4 נ״מ. און מען באַקומט שכירות. שבת נ״מ איז די יאַפּאַנישע קאַפע פול מיט מענטשן. אויסער שרייבערס און זשורנאַליסטן, קומען אויך סתם אינטעליגענטע מענטשן און אַפילו די, וואָס שרייבן אויף שפּאַניש: מענדעלסאָן, רעזניק, חשובע מיטאַרבעטער אין אַ יידיש־שפּאַנישן וואָכן־זשורנאַל, דער־

יונגער פּאָעט קלינגער און אַנדערע. אַלע כמעט האָבן זיך דעקלאַרירט ווי פּועלי־ציוניסטן.

די אויפלעבונג פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין בוענאָס איירעס

דעם 3־טן זונטיק פון מיין זיין אין אַרגענטינע, איז אין לאָקאַל פון דעם „פּויליש־יידישן פאַרבאַנד" פאַרגעקומען די ערשטע פאַרזאַמלונג פון די בוענאָס איירעסער פּועלי־ציוניסטן. די אַמאָליקע אָנפירער, צוזאַמען מיט אַ גרעסערע צאָל חברים זענען געקומען. איך האָב געעפנט די פאַרזאַמלונג מיט אַ קורצער רעדע, אונטערגעשטראָכן אין וואָסער היסטאָרישן מאָמענט מיר קומען זיך צונויף. ס'איז אַ צייט ווען די אונטערדריקטע פעלקער גרייטן זיך אויסקעמפן אויף דער שלום־קאָנפערענץ זייער אומאָפּהענגיקייט, אויך אין יידישן לעבן קומען פאַר גרויסע ענדערונגען און אַן אַקטיווע טעטיקייט. אין דעם קאַמף פאַר רעכט, אויטאָנאָמיע און פאַר ארץ ישראל פאַרנעמט פּועלי־ציון אַ צענטראַל אָרט. אַרגענטינע מיט איר יידישער באַפעלקערונג, מיט איר אַרבעטערשאַפט, טאָר נישט בלייבן הינטערשטעליק. זי מוז דערפילן איר נאַציאָנאַלן חוב לטובת דער צוקונפט פונעם פאָלק. אַלע כוחות מוזן זיך איצט אַקטיוויזירן, כדי צו קענען אָפּצאָלן דעם חוב... בעתן קלייבן אַ פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג, בין איך איינשטימיק אויסגעקליבן געוואָרן. דאָך האָבן נישט געקענט פאַרשווינדן די אַלטע חשבונות און מחלוקתן צווישן די ברידער כ"ץ און וואַקסמאַנען. ערשט איצט זענען אַנדערע אַרויסגעטרעטן מיט טענות, פאַרוואָס די אָרגאַניזאַציע איז 4 יאָר געווען נישט טעטיק. מיר איז קוים געלונגען איינצושטילן די צעהיצטע געמיטער. אין אַ ביסל אַ באַרואיקטער אַטמאָספער, האָבן מיר אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט אָנצופירן מיט דער טעטיקייט און מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ ווענדונג צו די יידישע אַרבעטער אין אַרגענטינע. צו מאָרגנס איז אין „די יידישע צייטונג" געווען אַ באַריכט וועגן דער פאַרזאַמלונג אויפצולעבן פּועלי־ציון. מיט עטלעכע טעג שפּעטער, איז אין דער יידישער געגנט אויסגעקלעפּט געוואָרן

דער אויפרוף: אַז „נאָך אַ פיר יאָריקער הפסקה, איז ווידער אויפגעשטעלט די פּ. צ.־אָרגאַניזאַציע אין בוענאָס איירעס און מיר רופן די יידישע אַרבע־טער און אינטעליגענץ זיך אָנצושליסן אין אירע רייען".

מיר האָבן נאָך אָרגאַניזירט אַ ריי מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין לאָקאַלן און אונטערן פרייען הימל. אויסער מיר, זענען אַרויסגעטרעטן מיט רעדעס: וואַקסמאַן, העלפמאַן, מאירן־לאַזער. פּיניע כ"ץ איז געווען דער שרייבער און טעאָרעטיקער.

מיין מאַטעריעלע לאַגע

פון די עטלעכע פונט, וואָס כ'האָב געבראַנגט פון לאָנדאָן, זענען געבליבן נאָר עטלעכע פעזעס. כהאָב גענומען זאָרגן. דעמאָלט, — אין דער ריכטיקער צייט — האָט מיר וואַקסמאַן געזאָגט, אַז ער האָט פאַר מיר אַרבעט, טאַקע דאָרט ווו ער אַליין איז באַשעפטיקט. אין אַ זייטיקן געסל, אויפן ערשטן שטאָק איז געווען דער „וואָרשטאַט". די „אַרבעטער" זענען געווען וואַקסמאַן און איך, זיין געהילף. דער באַלעבאָס, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, איז געווען אַ דייטשער ייד, וואָס איז שוין לאַנג אין אַרגענטינע. ער האָט זיך שוין דאָ אַ ביסל אַקלימאַטיזירט. רעדט אַ פיינעם שפּאַניש, נאָר זיינע מאַ־ניערן, די שטרענגקייט און פּינקטלעכקייט, זענען דייטשע. צו מיר האָט ער גערעדט דייטש. קיין סך האָט ער מיט מיר נישט געדאַרפט רעדן, ווייל ער האָט מיך באַלד איבערגעגעבן אין וואַקסמאַנס רשות און דאָס איז געווען מיין מזל. ווייל ווען נישט וואַקסמאַן, וואָס האָט מיר צוגעוויזן און געהאָלפן — וואָלט איך דאָרט נישט געאַרבעט אַפילו קיין איין טאָג. פאַר אים איז קיין זאַך נישט געווען שווער צו טאָן פאַר מיר. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך געדולד און געטריישאַפט. נישט נאָר ער האָט מיר געוויזן ווי צו אַרבעטן, נאָר ער האָט אויך פאַרראַכטן דאָס, וואָס איך האָב קאַליע געמאַכט. כ'בין זיכער, אַז פאַר אַ צווייטן וואָלט ער זיך אַזוי פיל נישט געמיט. ער איז געווען צופרידן צו אַרבעטן מיט מיר. פאַר מיר האָט ער געקענט זיך אָראָפּ־רעדן פון האַרצן, אַנטוויקלען זיינע פּלענער פאַר דער פּ.צ.־אָרגאַניזאַציע

און סתם אַזוי שמועסן פּאָליטיק, פּילאָזאָפּיע. ווען ער האָט גערעדט וועגן די עניבים האָט ער געהאַט אַ פול מויל מיט זאַפט און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געבליקט אין דער ווייטער צוקונפט... דער עיקר שמועס איז פאָרגע־קומען אין דער מיטאָג־שעה. אונדזער עסן איז געווען זייער באַשיידן: ברויט, פּוטער, קאַווע. דאָס גרויסע מיטאָג האָבן מיר געגעסן נאָך דער אַרבעט — ער, אין דער היים און איך אין דעם „וואַרשעווער רעסטאָראַן". אין דער צווישנצייט האָבן מיר אַ ביסל צוגעהונגערט...

מיין פּאַרדינסט איז געווען דריי מיט אַ האַלבער פּעזעס אַ טאָג. דאָס איז געווען גענוג אויפן עסן. איך אָבער האָב נאָך גענדאַרפט צאָלן פאַר דער דירה, דערצו האָט מען זעלטן געאַרבעט גאַנצע וואָכן. אין לאַנד האָט געהערשט אַן עקאָנאָמישער קריזיס. צוליב דער מלחמה, האָט זיך דער האַנדל מיט אויסלאַנד אָפּגעשטעלט. איז טאַקע געווען נישט פריילעך אויפן געמיט און די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע.

אין די צייטן, ווען כ'האָב נישט געאַרבעט, בין איך גאַנצע טעג אָפּגעזעסן אין דער שלום־עליכם ביבליאָטעק און געלייענט. אַזוי אַרום האָב איך אַ ביסל פאַרגעסן דעם הונגער און דערצו נאָך — זיך גייסטיק אַנטוויקלט... מיט דער דירה איז אויך געווען צרות. די ערשטע צייטן, האָב איך געוווינט דאָרט ווו כ'בין פאַרפאָרן, ביי אַ חבר פון מיינס אַ לאַנדאַנער פריינד, נאָר אַ ביסל שפּעטער, האָט מיר דער חבר איידל געגעבן אָנצוהערן, אַז ס'איז שוין די העכסטע צייט, כ'זאָל זיך אַרומקוקן מכוח אַן אָרט צום שלאָפן. וועגן אַן אייגענעם צימער, האָב איך אַפילו טרוימען נישט געקאָנט. דאָ וווינען גאַנץ גרויסע משפחות אין איין איינציקן צימער. בלית־ברירה, בין איך אין איינעם אַ טאָג, אַרום 4 נ. מ., ווען די זון האָט נאָך הייס געברענט, אַרויס זוכן אַ בעטל ביי אַ משפחה. כ'קום צו אַ הויז — אויף וועלכן מען האָט מיר אָנגעוויזן — אַרום איז שטיל, אַלע לאָדנס פאַרמאַכט. — צוליב די היצן באַהאַלטן זיך די מענטשן אין די הייזער, אָדער זיי לייגן זיך צו שלאָפן. כ'האָב אָנגעקלאַפּט אין איין טיר, איז אַרויס אַ דיקער פאַרשוין, אַ פאַרשלאָפענער און מיט כעס געפרעגט, וואָס כ'וויל? זאָג איך אים מיין פאַרלאַנג, ענטפערט ער: „אַז קיין אָרט צום שלאָפן האָט ער נישט און קיין ביישלעפער דאַרף ער נישט. נאָר אים דוכט, אַז דאָרט, אין יענעם הויז נומער דריי, דאַרף מען אַ שלאָפער".

רעדנדיק אַזוי מיט אים, מאַך איך אַ באַמערקונג: „וואָס, דאָ אַרבעט מען גאָרנישט, מען שלאָפט?" גיט ער אַ שמייכל און ענטפערט: „נאָר יאָלדן אַרבעטן אין בוענאָס איירעס". שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אויך דער פאַרשווין לעבט פון אַ לייכטער פרנסה... איצט בין איך אַריין אין הויז נומער 3, געטראָפן דאָרט אַ פרוי מיט אַ מיידעלע פון אַ יאָר 10, כ'זאָג מיין פאַרלאַנג. „יאָ, זאָגט די פרוי, כ'קען אייך פאַרדונגען אַן אָרט צום שלאָפן. מיר זענען נאָר דריי מענטשן אין דעם צימער, קען איך אויפשטעלן אַ בעטל אויף ביינאַכט. קומט ווען מיין מאַן וועט זיין, וועט מען אַדורכרעדן".

איך בין ווידער אַוועק שלאָפן צו חבר משה. די נאַכט איז געווען אַ זייער הייסע, האָב איך — ווי אַלע טוען עס, — גענומען דאָס ביסל בעט־געוואַנט און אַרויף אויפן דאַך. די דעכער זענען דאָ פלאַכע — ווי אין ישראל. ס'איז אַ נאָרמאַלע זאַך דאָס שלאָפן אויפן דאַך אין די הייסע זומער טעג. קוים איינגעדרימלט, פלוצים אַ דונער, אַ בליץ און אין דער זעלבער רגע אַ גאָס־רעגן, אַלע כאַפּן זייערע זאַכן און צוריק אין די צימערן.

אויף דער נייער וואָך, בין איך אַריבער וווינען אין מיין נייער „דירה". דאָס מעבל אין צימער: אַ בעט, עטלעכע שטולן, אַ שמאַלע שאַנק אָן אַ טיר, נאָר מיט אַ לייוונט פאַרהאַנגען, אַ טיש. אין ווינקל צימער עטלעכע צוזאַמען־קלאַפּטע ברעטלעך פאַרן געפעס און דעם ביסל עסנוואַרג. דאָס קיכל איז אין דרויסן, ביי דער טיר. ביינאַכט פאַרן שלאָפן, האָט מען דעם טיש אָפּגע־רוקט אין אַ זייט און אויפגעשטעלט צוויי צוזאַמענגעלייגט־בעטלעך — פאַר מיר און דעם מיידל. נישט איין מאָל האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אין דער נאַכט און ביים שוואַכן שיין פון נאַפט־לעמפּל געזען אינטימע סצענעס צווישן מאַן און ווייב. ווי דאָס האָט געווירקט אויפן יונגן מיידל — קען מען זיך פאַר־שטעלן...

די פועלי־ציון פאַרטיי וואַקסט

אין אַ סך פאַרשטעטלעך פון בוענאָס איירעס האָבן זיך געשאַפן פּ. צ.־פאַראיינען. אין די גרינדונג־פאַרזאַמלונגען האָט זיך כמעט תמיד באַטייליקט

חבר מ. לאזער אָדער איך. ביסלעכווייז איז פּ. צ. געוואָרן אַ כּוח אויף דער יידישער גאַס. אויף אונדזער איניציאַטיוו איז גערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון אַלע עקזיסטירנדיקע חברות און פּאָליטישע גרופּעס: אַנאַרכיסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, געוו. בונדיסטן, מיט איינעם וואָלד בראַש, כּדי צו אָרגאַניזירן אַ גרויסן פּראָטעסט־מיטינג קעגן די טערקישע רדיפות אויף די יידן אין ארץ ישראל. מיר האָבן דאָס דורכגעפירט און טויזנטער יידן האָבן זיך פאַר־זאַמלט אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן אין בוענאָס איירעס. אַ סך זענען אַפילו געבליבן אין דרויסן, צוליב מאַנגל אין פּלאַץ. ס׳זענען אַרויסגעטרעטן חבר פּאָליאַק פון מאָזעסוויל און איך. זיין רעדע, וואָס יעדער וואָרט האָט געשניטן ווי אַ שאַרף מעסער, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף דעם פאַרזאַמלטן עולם און אויף מיר. די יידישע און שפּאַנישע פּרעסע האָט אָפּגעגעבן אַ סך אָרט פאַר באַריכטן פון דעם מיטינג.

אַ בוענאָס־איירעסער שניידער־משפּחה אין יענער צייט

מיין אַנצוג, אין וועלכן כ׳בין געקומען פון לאָנדאָן, האָט זיך אָפּגעטראָגן. די ערטער פון קני און עלנבויגנס האָבן שוין געגלאַנצט. אַ ביסל פּעזעס האָב איך אָנגעקליבן, אָבער נישט גענוג צו קויפן אַן אַנצוג. אַ באַקאַנ־טער פון „וואַרשעווער רעסטאָראַן" האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס פון אַ שניידער, וואָס וועט עס מאַכן אויסצוצאָלן אויף ראַטעס. בין איך דאָרט צוגעגאַנגען. דורך געדרייטע אייזערנע טרעפּן בין איך אַריין אין אַ גרויסן צימער. דאָ איז געווען דער וואַרשטאַט, די קיך, דאָס עס־ און שלאָף־צימער — אַלץ. דער שניידער — אַ הויכער און דאַרער פון אַ יאָר 45, די פרוי — אַ שיינע, אַן אידעלע פון 30. געטראָפן פּונקט ביים מאַטע־טרינקען, אַרום 4 — 5 נ. מ. האָבן זיי מיך געבעטן מיטהאַלטן. אויך מיר האָט זיך געוואָלט פאַרזוכן די משקה — ביז איצט האָב איך נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין געלעגנהייט עס צו טאָן. נאָר זעענדיק ווי זיי פירן דאָס רערל פון מויל צו מויל און דאָס זעלביקע האָבן זיי מיר אויך דערלאַנגט, האָב איך געדאַנקט און נישט פאַרזוכט. דעם אַנצוג האָב איך באַשטעלט, און פון

אַנמעסטן ביזן אָפּנעמען, זענען מיר געוואָרן באַקאַנט און אַפילו שטיקלעך פריינד. זיי האָבן מיך געבעטן כ׳זאָל זיי באַזוכן. אַ געווויסן טאָג, ווען כ׳האָב נישט געאַרבעט, בין איך צו זיי אַוועק. גייענדיק אויף די טרעפּ, הער איך, ווי מאַן און ווייב (קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט) שרייען, קריגן און זידלען זיך. ס׳איז מיר נישט געווען אָנגענעם אַריינצוגיין אין אַזאַ מאָמענט, נאָר די טיר איז געווען אָפן, זיי האָבן מיך זיכער געזען, בין איך אַריין. די ערשטע רגע איז שטיל געוואָרן. ער האָט זיך באַהערשט נישט אַרויסצווייזן זיין כעס, נאָר זי האָט זיך שרעקלעך צעוויינט. איך האָב זיך געפונען אין אַ מאָדנער לאַגע, זייער נישט באַקוועם, כ׳האָב נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן. נאָר דער מאַן האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן, גענומען שרייען: „אויב זי וועט נישט אויפהערן כליפּען, וועט ער אַוועק פון שטוב״. און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן. ווען ער איז אַרויס, האָט זי זיך אַ ביסל באַרויקט און מיר דערציילט דאָס ווייטערדיקע:

„ווען כ׳בין געווען אַ מיידל פון 18 יאָר, איז ער — מיין איצטיקער מאַן, אגב, איז ער אויך מיינער אַ קוזין — געקומען פון בוענאָס איירעס אין שטעטל אַריין. ער איז געווען אַ בחור איבער די 30, אַ הויכער, אַ שיינער, פיין אָנגעטאָן. אין שטעטל האָט ער געמאַכט אַ רושם מיט זיין עלעגאַנץ און ברייטער אויפפירונג, געבראַכט שיינע מתנות פאַר דער משפחה, געגעבן צדקה א.א.וו. בקיצור, אין אַ ביסל צייט אַרום האָט ער זיך פאַרליבט אין מיר, פאָרגעלייגט חתונה צו האָבן און צוזאַמען אַוועקפאָרן קיין אַרגענטינע. דעם אמת געזאָגט, איז ער מיר אויך געפעלן געווען, האָב איך מסכים געווען. דער עיקר קאַמף איז געווען מיט מיינע עלטערן, ס׳האָבן זיך אויך אַריינגעמישט אַנדערע קרובים און משפּחה. זיי האָבן גע־טענהט: „וואָס הייסט? לאָזן אַזאַ יונג מיידל פאָרן קיין בוענאָס איירעס, אַ לאַנד פון פרויען־האַנדל, ווו טויזנטער מיידלעך ווערן פאַרפירט? אמת טאַקע, ער איז אַ קוזין, אַן אייגענער פון בענדין, אָבער ווער ווייסט וואָס ער טוט איצט? איך האָב זיך צו זייערע רייד נישט געוואָלט צוהערן. כ׳האָב איבערצייגט מיינע עלטערן, אַז נישט דאָס גאַנצע לאַנד איז פאַרדאָרבן. ער איז אונדזערס אַן אייגענער קוזין, דאָרט פירט ער אַ שניידעריי און אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג. דעמאָלט האָבן מיינע עלטערן געזאָגט: „אויב

ס'איז גאָטס ווילן און אויך דיינער, טאָ זאָל זיין מיט מזל!". ס'איז געפּראַוועט געוואָרן אַ חתונה און צו די 8 טעג זענען מיר שוין אָפּגעפּאָרן קיין אַרגענטינע.

אָנגעקומען אין לאַנד, פירט מיך מיין מאַן אין זיין וווינונג, איין צימער מיט אַ קיכל אין דרויסן. כ'פרעג אים: „ווי קומט עס, וואָס אַזאַ פאַרמעגלעכער מענטש, ווי דו, וווינסט אין אַזאַ דירה?". ענטפערט ער: „אַזאַ דירה פאַר איין מענטש איז דאָ אין לאַנד, אַ לוקסוס. נאָר סיי ווי וועלן מיר דאָ לאַנג נישט וווינען".

מיין מאַן האָט געעפנט אַ שניידער־וואַרשטאַט, צוגענומען צוויי מענטשן צו דער אַרבעט, ס'איז אַוועק גאַנץ גוט. נאָר יעדן טאָג נאָך מיטאָג איז ער אַוועק אין גאַס און גאַנץ שפּעט געקומען אויף מיטאָג. ווען כ'האָב אים געפרעגט, וואָס ער טוט אַזוי לאַנג אין גאַס?, האָט ער געענטפערט, אַז אויסער שניידעריי, האַנדלט ער נאָך מיט אַנצוג־סחורות און ער פאַרדינט דערביי. צו מיר איז ער געווען זייער גוט, געבערענגט מתנות, געוועזן איידל און צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן אין דער צוקונפט...

איינמאָל אַ זונטיק, ברענגט ער מיט זיך אַ גאַסט, און מיר אים פאַר־געשטעלט ווי זיינער אַ פריינד. מאַטעק האָט ער אים גערופן. דער גאַסט מאַכט מיר קאָמפּלימענטן, רעדט שיין און פאַרן געזעגענען זיך אונדז איינגעלאַדן מיר זאָלן זיי באַזוכן. נאָך זיין אַוועקגיין, פרעג איך ביי מיין מאַן, „וואָס טוט דיין פריינד מאַטעק?" — ענטפערט ער: „הלוואי אויף מיר געזאָגט אַזאַ פּרנסה!" קלאָר האָט ער נישט געזאָגט. אין אַ פּאָר טעג אַרום אין אָוונט, זאָגט מיין מאַן: „קום, מיר וועלן מאַכן אַ וויזיט ביי די פריינד מאַטעק". כ'האָב מסכים געווען, מיר זענען דאָרט אַוועק. פאַרן הויז זע איך ברענט אַ רויט לעמפּל. „וואָס איז דאָס"? — פרעג איך. „איי, — זאָגט מיין מאַן, — דאָס רויטע לעמפּל איז אַ סימן, אַז דאָ, אין דעם הויז, געפינט זיך אַ סאַלאָן, אַזאַ מין קלוב". מיר האָבן אָנגעקלאַפּט אין אַ זייטיקער טיר, מאַטעק מיט אַ גראָבן ציגאַר אין מויל, עפנט און ער נעמט אונדז אויף מיט אַ פריילעכן ברוך הבא, נעמט ביי מיר דעם מאַנטל, מאַכט קאָמפּלימענטן און פירט אונדז אַריין אין אַ פיין אויסגע־מעבלירט צימער, שיין, ווייך מעבל א. א. שיינע זאַכן. ער שטעלט כיבוד,

ליקער, שאָקאָלאַד. אין ווינקל צימער אויף אַ טישל שטייט אַ בילד פון אַ פרומער יידישער מאַמע. „דאָס איז מיין פרויס מוטער" — קלערט אויף מאַטעק. „און ווו איז אייער פרוי?" — פרעג איך. „זי איז פאַרנומען אין סאַלאָן" — ענטפערט ער. ער קלאַפּט אָן אין אַ טיר און עס קומט אַריין אַ יונגע פרוי, דאָס פּנים, די האָר געפאַרבט, באַלייגט מיט צירונג. מאַטעק שטעלט פאָר זיין פרוי, מיר טרינקען אויס, די מענער פאַררויכערן ציגאַרן, זי — אַ סיגאַרעטל, און זי וויל זיך אומקערן אין סאַלאָן. „סאַלאַ, נעם מיט אונדזער פריינדין, ווייז איר דעם סאַלאָן" — זאָגט מאַטעק.

ווי כ'בין נאָר אַריין אין „סאַלאָן" האָב איך באַלד דערזען, אַז דאָס איז אָן אמת „הייזל". ס'זענען דאָ געווען שיינע, יונגע מיידלעך, וואָס זענען אָפּט פאַרשווונדן מיט מענער אין די זייטיקע צימערלעך. מאַטעקס ווייב איז דאָ געווען די גאַנצע פירערין. כ'בין געזעסן עטלעכע מינוט און נישט געוווסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. אָט דערנענטערט זיך צו מיר אַ מאַן, כ'ציטער, נאָר גיך האָט זיך אַריינגעמישט די „מאַדאַם" און זי האָט אויפֿגעקלערט, אַז איך בין דאָ נאָר אַ גאַסט...

ווען מיר האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז, האָב איך אַ גאַנצן וועג געשוויגן. נאָר אין דער היים, האָב איך זיך מער נישט געקאָנט באַהערשן און זיך אָפּגערופן צו מיין מאַן: „יאָ, אַ שיין הויז, אַ שיינער סאַלאָן, אַ שיינע פּרנסה. וואָסערע פריינד האָסטו זיך אויסגעקליבן?" ער האָט זיך געפּרוווט מאַכן גלייכגילטיק, עס מאַכן צו קליינגעלט. „דו פאַרשטייסט נישט — זאָגט ער — ביסט נאָך אַ גרינע, פון דעם לעבן דאָ טויזנטער משפחות. די סאַלאָנען זענען אָנערקענט פון דער רעגירונג, זיי האָבן פון דעם גרויסע הכנסות. אַ סך פון די מיידלעך שטאַמען פון פיינע משפחות, זיי איז דאָרט גוט. נעם פּרווו אדרבא, פרעג ביי די מיידלעך, צי זיי ווילן פאַרלאָזן די סאַלאָנען".

„הער — זאָג איך — דאָס איז זייער זאַך, מיך אינטערעסירט דאָס נישט. נאָר איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט זיך חברן מיט אַזעלכע מענטשן און נאָך מיך אַריינשלעפּן אין דער געזעלשאַפט". אויף דעם האָט מיין מאַן געענטפערט זייער ווייך — „סי בוענאָ" (זייער גוט).

די פרוי האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן, אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן און ווייטער דערציילט:

„די אַרבעט אין וואַרשטאַט איז געוואָרן זייער שוואַך. ער האָט אוועק־געשיקט איין אַרבעטער. איך האָב געוווּסט, אַז דאָס איז זיין שולד. ער האָט נישט אָפּגעהיטן די אַרבעט, פאַרנאַכלעסיקט די קונים. איצט האָט ער מיר געגעבן ווייניקער געלט צום לעבן. איך האָב אים פאַרגעוואָרפן, איינגעטענהט, געבעטן: „לאָז אָפּ דיינע געשעפטן אין גאַס, היט בעסער די שניידעריי, פאַרלאָז זיך נישט אויף פרעמדער אַרבעט, לייג אַליין צו די הענט". זיין ענטפער איז געווען, ווי שטענדיק — „סי בוענאָ". פּלוצים טוט ער אַזוי ווייך אַ פרעג: „זאָג מיר, סאַלעלע, ווי איז, אַז אַ מאַן ווערט קראַנק און די פרוי מוז גיין אַרבעטן, צו פאַרדינען אויף פּרנסה?" „יאָ, זאָג איך, אויב דער מאַן ווערט קראַנק, דאַרף טאַקע די פרוי אַרבעטן". „נו, אויב אַזוי, סאַלעלע, רעדסטו דאָך ווי אַ מענטש" — דערפרייט ער זיך. „אָבער וואָס קען איך אַרבעטן, אַז כ'האָב נישט קיין פאַך?" — זאָג איך. מיין מאַן שמייכלט און ענטפערט: „דאָ קענען פרויען אָן פאַכן מער פאַרדינען, ווי מיט פאַכן". „וואָס מיינסטו?" — פרעג איך שוין מיט שרעק. „כ'מיין נישט, חס ושלום, זאָלסט גיין אַרבעטן פיזישע אַרבעט, איך קען נאָך אויך פאַרדינען. כ'מיין נאָר, דו זאָלסט אַ ביסל מיטהעלפן. דאָס, וואָס דו קענסט פאַרדינען אין די סוף־וואָך טעג, שבת און זונטיק, קען איך עס נישט פאַרדינען אַ גאַנצע וואָך". „ווי אַרום?" — פרעג איך שוין אין גאַנצן אַ דערשראָקענע. „ביי מאַטעקן אין סאַלאָן" — זאָגט ער גאַנץ רואיק. „ניין! ניין! — שריי איך אויס, — דאָס בשום אופן נישט!" און איך צעוויין זיך...

פון יענעם שמועס אָן, איז ער געוואָרן צו מיר שלעכט און ביטער. ער פלעגט מיך אַפילו שלאָגן. ער האָט אויך אונטערגעשטעלט מאַטעקס פרוי, זי זאָל קומען מיך איבעררעדן מיט גוטנס. זיי האָבן מיך אַזוי לאַנג געמוטשעט, ביז זיי האָבן מיך געטריבן אין „הייזל" אַריין... יעדן שבת און זונטיק נאָך מיטאָג בין איך געקומען צו מאַטעקן אין סאַלאָן און געווען דאָרט ביז טאָג. די ערשטע צייט, איז מיר געווען זייער ביטער, ס'האָט מיך געאיבלט פון זיך אַליין. דאָס האַרץ וויינט, און דאָס פּנים, די אויגן, מוזן

שמייכלען צו די קונדן. נאָר ביסלעכווייז, האָב איך זיך צוגעוווינט געמאַכט שלום מיטן גורל. שוין מער ווי אַ יאָר צייט טו איך די דאָזיקע שרעקלעכע אַרבעט. מיין גאַנצן פאַרדינסט האָב איך אים אָפּגעגעבן. מיר האָבן געלעבט שיין. ס׳האָט גאָרנישט געפעלט. ער איז ווידער געוואָרן גוט און איידל צו מיר, ווידער האָט ער צוגענומען נאָך אַ מענטש צו דער אַרבעט. נאָר ווי פריער פלעגט ער נאָך פרישטיק פאַרשווונדן ווערן פון שטוב.

מיט אַ געוויסער צייט צוריק, האָב איך דערפילט, אַז מער קען איך נישט. ס׳איז מיר נמאס געוואָרן דער גאַנצער ענין. האָב איך אויפגעהערט אַהין צו גיין. מיין מאַן האָט מיך נישט געצוווּנגען. כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער איז צופרידן פון מיין באַשלוס. דעמאָלט האָב איך גענומען רעדן וועגן דעם — מיר זאָלן בייטן די דירה. האָט ער ווי שטענדיק געענט־פערט „סי בוענאָ״ און ס׳איז געבליבן ביים אַלטן. איך בין אָבער שטאַרק צוגעשטאַנען. זאָגט ער „כ׳האָב נישט קיין געלט״. „ווו איז דאָס געלט ?״ — פרעג איך. שווייגט ער. כ׳האָב געבעטן, געוויינט: „זאָג דעם אמת, ווו איז דאָס געלט ?״. האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן און מיט אַ נעבעכדיקער שטימע גענומען דערציילן נאָך אַ קאַפּיטל פון מיין אומגליקלעכן גורל: „דו קענסט מאַטעקן ?, יאָ, אַזעלכע מאַטעקס זענען דאָ אַ סך. זיי לעבן פון דעם, וואָס זיי האָבן „גאַסן הייזלעך״, נאָר לויטן געזעץ טאָרן זיי זיך נישט פאַרנעמען מיט דעם, דאָס מעגן טאָן נאָר פרויען. גיבן זיי זיך אַן עצה — זיי נעמען צו אַ פרוי פאַר אַ שותפטע, אָדער זיי האָבן גאָר חתונה מיט איר און אַלץ איז כשר. היות די מענער טאָרן זיך דאָרט נישט ווייזן, שלאָפן זיי אין די נעכט און בייטאָג ווען די פרויען שלאָפן, שפּילן די מענער אין קאָרטן. אין דער אַ כנופיה האָב איך זיך אַריינגעצויגן, דאָרט האָב איך פאַרברענגט מיינע טעג, אין ליידנשאַפטלעכן קאָרטן־שפּילן — נישט מיט האַנדל — בין איך געווען פאַרנומען פון פרישטיק ביז מיטאָג. די לעצטע צייטן האָט מיר דאָס מזל נישט געשפּילט און כ׳האָב פאַרלוירן דאָס גאַנצע געלט.״ ווען ער האָט געענדיקט דערציילן, האָב איך פון צער און ווייטיק געחלשט. שפּעטער, בין איך גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן. צוליב זיינס אַ ליידנשאַפט, האָב איך פאַרקויפט מיין קערפּער. ער האָט

מיך געטרייסט, געצערטלט, געברענגט מתנות, ביז כ'האָב זיך אַ ביסל באַרואיקט. דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבן צושטיין צו מיר, כ'זאָל גיין פאַרדינען. ער פייניקט מיך, שלאָגט... ווידער, האָט זי פאַרגראָבן דאָס פנים אין די הענט און זיך היסטעריש צעוויינט: אוי, ווײ, וואָס טוט מען?, וואָס טוט מען?.

די גאַנצע צייט פון איר דערציילן, בין איך געזעסן אַ שטומער, כ'האָב גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן. כ'האָב זיך אויפגעשטעלט, קוים אַרויסגע־ברענגט פון זיך די ווערטער: „מעלדעט דער פאָליציי!" און פאַרלאָזט דאָס הויז, מיט דער דעה שוין מער קיינמאָל אַהין נישט צו קומען...

אויף דער זעלבער טעמע: מיינער אַ פריינד, האָט מיך באַקענט מיט זיין משפחה, וואָס איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. ווען כ'האָב נאָר געהאַט אַ פרייע שעה, בין איך דאָרט אַריינגעגאַנגען שמועסן און טרינקען אַן אמת רוסיש גלעזל טיי. דאָס איז געווען אַ סימפּאַטיש־האַרעפּאַשנע משפחה; דער טאַטע אַ פּאַטריאַרכאַלער ייד מיט אַ לאַנגע גרויע באָרד, אַ יידישע מאַמע, וואָס קאָכט, באַקט און נייט. טוט אַלץ פאַר די קינדער. דער זון, אַ מעטאַל־אַרבעטער, די טאָכטער, אַ פיין מיידל פון אַ יאָר 20, מיט שוואַרצע האָר און אויגן, אַרבעט ביי דאַמען־קליידער און דאָס יונגע ברודערל פון אַ יאָר 13, גייט נאָך אין שול. די גאַנצע משפחה וווינט אין איין צימער, דאָס קיכל איז אין דרויסן ביי דער טיר. ביינאַכט, ווי אומעטום — צעלייגט מען די אויפשטעל־בעטלעך.

אין איינעם אַן אָוונט, בין איך געקומען זוכן מיין חבר און אים נישט געטראָפן. זיין שוועסטער האָט מיר געזאָגט, אַז ער אַרבעט היינט איבער־שעהן און וועט שפּעט צוריקקומען. גאָרנישט טראַכטנדיק, מיט די בעסטע כוונות, האָב איך איר פאָרגעלייגט צו גיין מיט מיר אין קינאָ. האָט זי זיך פאַרשעמט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, געדאַנקט און אָפּגעזאָגט. איך פרעג ביי איר „פאַרוואָס ווילט איר נישט?", ענטפערט זי נישט. איך שטיי און וואַרט. צום סוף זאָגט זי זשעניִרט: „איך קען גיין מיט אייך, אויב די מאַמע וועט אויך גיין". ס'האָט מיר אויסגעזען מאָדנע, אָבער איך ענטפער „גוט, זאָל זי אויך גיין". נאָך אַ ביסל טראַכטן, זאָגט זי: „ניין, די מאַמע איז אַלט און מיד". מיר זענען אין קינאָ נישט געגאַנגען.

די דאַזיקע סצענע, וואָס האָט מיר אין די ערשטע טעג אויסגעזען אַזוי מאָדנע, איז מיר שפּעטער אַ ביסל געוואָרן פאַרשטענדלעך: דער פּרויען־האַנדל, די פּראָסטיטוציע, די הייזלעך, וואָס זענען געווען אויף טריט און שריט — כאָטש ס׳איז שוין געווען אַ סך בעסער, ווי אַמאָל — האָבן אַזוי אָנגעשראָקן די מאַמעס, ווי די טעכטער. דער אומצוטרוי צו מענער, שטייט ווי אַ וואַנט אין די באַציאונגען פון די געשלעכטער. דערפאַר זעט מען זעלטן, אַז בחור מיט אַ מיידל זאָלן גיין אַליין. שטענדיק באַגלייט זיי אַ מאַמע, אַ ברודער, אָדער אַן אַנדער נאָענטער קרוב. אַ סך מאָל האָב איך געזען, ווי אַ בחור שטייט אונטערן פענצטער, וואָס איז פאַרצוימט מיט אייזערנע קראַטעס. זי איז אין שטוב, ער אין דרויסן און אַזוי שמועסן זיי שעהן לאַנג. דאָס איז אַ פאַרליבט פּאָרל, וואָס וועט מסתמא אין גיכן חתונה האָבן, נאָר ווען קיינער איז נישטאָ אין שטוב, וועט ער נישט וואַגן אַריינ־צוגיין, אויב ער וויל אָפּהיטן דעם מיידלס כבוד...

איינמאָל זיץ איך אין „וואַרשעווער רעסטאָראַן" און זע, ווי ס׳גייען אַריין צוויי מענער און פאַרנעמען אַ טישל. אין עטלעכע מינוט אַרום גייט צו דער אייגנטימער פון רעסטאָראַן און בעט זיי פאַרלאָזן. ס׳האָט מיך געחי־דושט. כ׳פרעג ביים קעלנער, וואָס דאָס איז. ענטפערט ער: „דאָס זענען צוויי פון דער שוואַרצער חברה, וואָס לעבן פון זנות. אַזעלכע באַדינען מיר נישט". „ווי דערקענט איר זיי?". „לויטן פּנים דערקענט מען דאָס פאַך — שמייכלט ער, — מען דערקענט זיי שוין". כ׳פרעג זיך נאָך, צי אויך אין די קריסטלעכע רעסטאָראַנען איז אַזוי?". „יאָ — זאָגט דער קעלנער — אויך דאָרט ווערן זיי נישט באַדינט. אַלע באַציען זיך צו זיי מיט פאַר־אַכטונג"...

איך הונגער און בין טעטיק

מיין מאַטעריעלע לאַגע איז זייער אַ קריטישע. איך אַרבעט נאָר צוויי טעג אין וואָך און הונגער צו ביסלעך. כ׳האַלט עס בסוד, קיינער זאָל זיך נישט דערוויסן. אויף די פאַרזאַמלונגען און רעפעראַטן קום איך, אין מיין

נייעם, שיינעם אַנצוג און דער מאָגן האָט נישט קיין פענצטער, קיינער זעט נישט, וואָס דאָרט טוט זיך...

אויף איינער פון די צ. ק. זיצונגען, האָב איך פאָרגעשלאָגן, אַז מיר, די פ.צ., זאָלן אָרגאַניזירן יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אמת, די שניי־דער זענען שוין אָרגאַניזירט ווי אַ סעקציע אינעם אַלגעמיינעם פּראָפ. פאַראיין. אָבער ס׳זענען געבליבן נישט אָרגאַניזירט די קעלנער, דרוק־קער, איינבינדער, זשורנאַליסטן א. א. דער צ. ק. האָט מסכים געווען און מיט דער הילף פון עטלעכע חברים האָב איך גענומען אָרגאַניזירן די קעלנער, וואָס אַרבעטן אין די יידישע רעסטאָראַנען. דאָס איז מיר גיך גע־לונגען און אין עטלעכע טעג אַרום, ווי נאָר דער „קעלנער פאַראיין" איז געוואָרן אַ געשעענער פאַקט, איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק. די קעלנער זענען געווען שטאַרק באַעוולט, ווען זענען אַרבעטער נישט באַעוולט? — איצט האָבן זיי זיך געפילט געשטאַרקט און גענוג פעסט, אויסצוקעמפן זייערע פאָ־דערונגען. איך בין געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע פונעם שטרייק־קאָמיטעט, און אין דריי טעג אַרום איז דער שטרייק פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ נצחון פון די אַרבעטער. די קעלנער האָבן איינגעאָרדנט אַ געהויבענעם באַנקעט, איך בין געווען זייער ערן־גאַסט און כוסות זענען געהויבן געוואָרן לכבוד דעם גאַסט, וואָס האָט געהאָלפן צום נצחון.

נאָך דעם דערפאָלג ביי די קעלנער, האָב איך גענומען העלפן אָרגאַ־ניזירן די דרוקער, איינבינדער און זשורנאַליסטן. צווישן וועלכע ס׳זענען געווען אַלע מיטאַרבעטער פון „די יידישע צייטונג". אויך דאָ, איז באַלד נאָך דער אָרגאַניזירונג, אויסגעבראָכן אַ שטרייק. היות דאָס איז געווען די איינציקע יידישע צייטונג אין בוענאָס איירעס, און נישט וועלנדיק, אַז דער יידישער לייענער זאָל ליידן, ווערנדיק אָפּגעריסן פון דער וועלט, אָדער ער זאָל איבערגיין צו שפּאַניש. האָט דער שטרייק־קאָמיטעט צייטווייליק אַרויס־געגעבן, אונטער דער רעדאַקציע פון פּ. כ"ץ — אַ קליינע צייטונג א. נ. „די פּרעסע". אין משך פון צוויי טעג איז דער שטרייק געוווּנען געוואָרן. נאָר פּ. כ"ץ און נאָך עטלעכע זשורנאַליסטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין אַרויסגעבן „די פּרעסע", זענען מער נישט צוריקגעגאַנגען אַרבעטן אין „די יידישע צייטונג", נאָר זיי האָבן ממשיך געווען אַרויסגעבן „די פּרעסע".

זי איז געווען פּראָגרעסיווער אין אינהאַלט, לעבעדיקער אין סטיל און שענער אין אויסזען. נישט אָפיציעל האָט זי געהאַלפן דעם פּועלי־ציוניסטישן געדאַנק. אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט שוין איר צירקולאַציע איבערגעשטיגן די „יידישע צייטונג", און אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר איז „די פּרעסע" געוואָרן די גרעסטע, איינפלוסרייכע יידישע טאָג־צייטונג אין דעם אַרגענטינער יידישן ישוב.

ס'האָט אָנגערוקט דער ווינטער. כאָטש דאָ איז ער אַ גאַנץ לייכטער, איז עס פאָרט ווינטער. איצט האָט זיך געמאַכט אַ ביסל אַרבעט און איך בין אויפגעריכט געוואָרן. כ'האָב זיך שוין געקענט דערלויבן אַ ביסל פאַרגעניגן. כ'האָב שוין געגעסן אין אַ רעסטאָראַן און געגאַנגען מיט יוסף כ"ץ אין דער אָפּערע. כ'האָב געזען „אַאידאַ" און כאָטש כ'האָב די שפּראַך נישט פאַרשטאַנען, האָט דאָס שפּילן געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק. שפּעטער, בין איך שוין אָפט געגאַנגען אין דער אָפּערע, ווען כ'האָב נאָר געהאַט אַ ביסל פרייע צייט פון מיין פּרנסה־עול און פון מיינע געזעלשאַפטלעכע פליכטן. מיט מיר זענען געגאַנגען נאָך עטלעכע חברים. ווען דאָס שפּילן האָט זיך געענדיקט, זענען מיר געזעסן אין אַ קאַפע־הויז, געטרונקען ביר און געשמועסט. „יאָ, ס'איז אַ ליכטיקע וועלט, אָבער נישט אָן געלט" — האָט דעמאָלט געזאָגט דער זשורנאַליסט נח וויטאַל, וואָס האָט שטענדיק צוגעהונגערט און געקרעכצט „אַ ביטערע וועלט, אַ ביטערע וועלט!" נאָר איינמאָל האָט ער באַקומען עטלעכע דאָלאַר פאַר אַן אַרטיקל אין אַן אַמעריקאַנער יידישן וואָכנבלאַט, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אין „וואַרשעווער רעסטאָראַן", געהייסן דערלאַנגען אַ גרויסן סטייק מיט אַ קופעל ביר. בעתן עסן, האָבן זיינע אויגן לעבעדיק געגלאַנצט. מיט פרייד האָט ער געריבן איין האַנט אין דער צווייטער און גערעדט צו זיך אַליין: „איי, אַ גוטע וועלט — נאָר נישט אָן געלט"...

דער 1־טער מאַי

עטלעכע חדשים פאַרן 1־טן מאַי, האָב איך אויף אַ חברים־פאַרזאַמלונג פאָרגעלייגט, אַז דעם היי־יאָריקן 1־טן מאַי, זאָל די פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע אין בוענאָס איירעס פייערן מיט אַ גאַסן־דעמאָנסטראַציע. קעגן דעם זענען אַרויסגעטרעטן די חברים: כ״ץ, עלפמאַן, וויטאל א. א. זיי האָבן דאָס מאָטיווירט מיט זייער מורא, ס'זאָל נישט זיין קיין דורכפאַל. ביי דער אָפּשטימונג איז מיין פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט אַ מערהייט שטי־מען. אפשר איז עס געווען דערפאַר, וואָס די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען פרייטיק אָוונט, ווען די אַרבעטער ענדיקן שפּעטער ווי געוויינלעך און זיי האָבן צו דער פאַרזאַמלונג נישט געקענט קומען? פאַרשטייט זיך, אַז איך בין נישט געווען צופרידן און געפאָדערט אַ רעוויזיע פון דער באַשלוס. לויט די סטאַטוטן פון דער פאַרטיי, האָט נאָר אַ מערהייט חברים דאָס רעכט צו פאָדערן אַזאַ רעוויזיע. האָב איך צונויפגעזאַמלט אונטערשריפטן פון אַ רוב חברים, ס'איז גערופן געוואָרן אַ צווייטע פאַרזאַמלונג, ווידער האָב איך אַרויפגעשטעלט די פראַגע אויפן סדר היום. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען זונטיק. מיר האָבן לאַנג דיסקוטירט. אין מיין אַרויסטריט האָב איך אָנגעוויזן, אַז די בוענאָס איירעסער אָרגאַניזאַציע איז איצט שוין גענוג שטאַרק, זי איז געוואָרן אַ מאַסן־פאַרטיי און זי האָט נאָך אַ מעגלעכקייט צו וואַקסן, ווען מיר וועלן זיך דערנענטערן צו די מאַסן, צו זייערע נויטן און שטימונגען, ווען מיר וועלן מיט אונדזערע לאָזונגען אַרויסגיין אין גאַס. ס'איז נישטאָ קיין מורא פאַר אַ דורכפאַל, פאַרקערט, מיר מעגן דערוואַרטן צושטימונג און דערפאָלג.

ביי דער אָפּשטימונג האָט דער פאָרשלאָג וועגן אַ 1־טער מאַי גאַסן־דעמאָנסטראַציע, באַקומען אַ מערהייט שטימען. באַלד האָבן מיר אויסגע־קליבן אַ קאָמיטעט, אָנצופירן מיט די צוגרייטונגען. די אָנפירנדיקע חברים כ״ץ, עלפמאַן און אַנדערע האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיטצואַרבעטן אין דעם קאָמיטעט, איז די גאַנצע אַרבעט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט געפאַלן אויף מיר און נאָך אַ פּאָר חברים. מיר האָבן באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי פון אַרגענטינע, וועגן אַ געמיינזאַמער דעמאָנ־

סטראַציע. אַז אין אַ געוויסן פּונקט, זאָלן זיך דער יידישער אַרבעטער צוג אַריינגיסן אין דער אַלגעמיינער מאַי־דעמאָנסטראַציע. מיר האָבן צוגעגרייט אַ מאַי־מאַניפעסט און אַן אויפרוף צו די יידישע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין דער דעמאָנסטראַציע.

אַ שוועריקייט איז געווען מיט דער דעלעגאַציע צום סעקרעטאַר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. צו בעטן זיין פּרינציפּיעלע הסכמה צו אַ געמיינזאַמען צוג און אָפּרעדן אויף וועלכער גאַס די יידישע אַרבעטער זאָלן זיך אַנשליסן אין דעם אַלגעמיינעם צוג. יענע חברים, וואָס זענען שוין לאַנג געווען אין לאַנד, האָבן דערפאַרונג און קענען די שפּראַך — האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו זיין אין דער דעלעגאַציע, צוליב זייער קעגנערשאַפט צו דער דעמאָנסטראַציע גופא. נאָר איין חבר פון מיין צד, וואָס האָט געקענט גוט שפּאַניש, האָט געשטעלט אַ באַדינג, אַז איך מוז אויך זיין דערביי. אַזוי איז עס טאַקע געווען. ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט מיטן סעקרעטאַר, האָט דער חבר איבערגעזעצט דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט אין יידיש.

די אויפנאַמע ביים סעקרעטאַר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז געווען אַ פריינדלעכע און האַרציקע. נאָך אַ קורצן געשפּרעך, האָט ער פאַר־זיכערט, אַז אין משך פון אַ וואָך, וועלן מיר באַקומען אַ שריפטלעכע תשובה אויף אונדזער פּאַרשלאַג. פּינקטלעך צו דער צייט, האָבן מיר באַקומען אַ פּאָזיטיוון ענטפער. ס׳איז באַשטעטיקט געוואָרן, אַז די יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע „פּועלי־ציון״, שליסט זיך אָן אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער מאַי־דעמאָנסטראַציע. זיי האָבן אויך באַשטימט אַ רעדנער צו באַגריסן די פאַרזאַמלטע פאַרן אַרויסמאַרשירן אויף דער גאַס, ווו עס געפינט זיך דער פּ. צ. פּאַרטיי־לאָקאַל.

דער טאָג פון ערשטן מאַי

אַרום 10 אין דער פרי האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום דער טריבונע, וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט, די ערשטע גרופּע חברים מיט פענער און פּלאַקאַטן

און זיך אויסגעשטעלט אין רייען, אויף דער גאַס פון פּאַרטיי־לאָקאַל. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט סאָציאַליסטישע מעלאָדיעס. דערווייל האָבן מאַסן מענטשן געשטראָמט צו אונדז. 12 אַ זייגער האָב איך געעפנט די מאַי־פאַרזאַמלונג אין יידיש מיט אַ קורצער, טעמפּעראַמענטפולער דערהויבענער רעדע ווי מיין שטימונג איז געווען. דער רעדנער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט באַגריסט אין שפּאַניש, דער אָרקעסטער האָט געשפּילט די פּ. צ. שבועה, דעם הימן פון דער אַרגענטינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, די מאַרסעליעזע און דעם אינטערנאַציאָנאַל...

אַזוי האָבן דריי טויזנט יידישע אַרבעטער, דאָס ערשטע מאָל אין אַר־געטינע, אַרויסמאַרשירט איבער די גאַסן פון בוענאָס איירעס, אונטער די פענער פון „פּועלי־ציון" מיט פּלאַקאַטן, וואָס אויף זיי איז געווען אָנגע־שריבן: „זאָל לעבן דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל!"; „זאָל לעבן די פאַרברידערונג פון פעלקער!"; „זאָל לעבן דאָס יידישע פאָלק, זיין אַר־בעטער־קלאַס, אין זיין אייגן לאַנד — פּאַלעסטינע!".

די דעמאָנסטראַציע איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג, אַ גרויסער פּועלי־ציוניסטישער זיג און איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז ס'איז אויך מיינס אַ פּערזענלעכער נצחון...

הונגער און טעטיקייט...

כ'בין געווען דערהויבן און באַגייסטערט פון מיין געזעלשאַפטלעכער און פּאַרטייאישער טעטיקייט. כ'האָב געזען פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פון מיין אַרבעט. נאָר אין מיין אייגענער לאַגע איז נאָך אַלץ נישט פאָרגעקומען קיין ענדערונג, זי איז זייער אַ נישט פריילעכע. ווידער איז זומער. כ'אַרבעט כמעט נישט. גאַנץ אָפט האָב איך פּשוט געהונגערט. כ'האָב מקנא געווען און דאַנקבאַר געווען דעם חבר, וואָס גאַרנישט ווייסנדיק האָט ער מיך מכבד געווען מיט אַ קאַווע. כ'האָב געטרוימט פון יענער צייט, ווען איך וועל עס קענען טאָן לגבי אַ צווייטן. נאָר קיינער האָט פון מיין מצב נישט גע־ווּסט, דאָס איז געווען מיין אינטימער סוד. געלעבט אין ענגלאַנד, האָב

איך זיך אויסגעלערנט, זיך אויסערלעך צו האַלטן בכבודיק און שטאָלץ... ס׳זענען אָבער געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך יאָ אָריענטירט און פאַר־שטאַנען. אַזאַ איז געווען חבר מאירן־לאזער. ווי שטענדיק ווען כ׳האָב געהאַט אַ סך צייט, בין איך געזעסן אין דער „שלום־עליכם־ביבליאָטעק״ און געלייענט. איינמאָל אין דער פרי, קומט אַריין ח׳ מאירן און רופן מיך אַרויס. מיר שפּאַצירן אַזוי פּאַמעלעך אין דער ריכטונג צו זיין געשעפט. ער האָט געזען, אַז מיך ווונדערט, זאָגט ער: „גייענדיק אין געשעפט אַריין, האָב איך זיך דערמאָנט אין דיר. כ׳פאַרשטיי, אַז דיין לאַגע איז נישט גוט״ און נעמט שטופן אין מיין קעשענע געלט. ווען איך האָב זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו נעמען, האָט ער זיך געפילט אַ ביסל געטראָפן. „איך גיב דיר נישט קיין נדבה — זאָגט ער, — איך ליי עס דיר, ווען דו וועסט האָבן, וועסטו מיר אָפּגעבן. חוץ דעם, טו איך דיר נישט קיין טובה, כ׳טו נאָר מיין חוב. דו גיסט זיך אין גאַנצן אָפּ דער פּאַרטיי־אַרבעט, איך מאַך דערווייל גע־שעפטן. כ׳האָב נישט קיין צייט צו זיין טעטיק, אַרבעטסטו אויך פאַר מיר. קומט עס דיר...״. ער האָט מיך נאָר געבעטן, אַז דאָס זאָל בלייבן צווישן אונדז. דאָס ביסל געלט האָט מיר אַרויסגעהאָלפן אַ געוויסע צייט. אַמאָל האָב איך געגעסן אין אַ יידישן רעסטאָראַן און דער קעלנער האָט נישט געוואָלט נעמען קיין געלט פון מיר. אמת, ער האָט מיך געקענט פון דער צייט, וואָס כ׳האָב אָרגאַניזירט די קעלנער און פון שטרייק־קאָמיטעט. אָבער מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער ווייסט וועגן מיינע פוסטע קעשענעס. כ׳האָב זיך געפילט שלעכט, ווי מען וואָלט אָפּגעדעקט מיינס אַ טיף־באַהאַלטענע וווּנד...

„אונדזער צייט״

אין רעזולטאַט פון דעם, וואָס די פּאַרטיי איז געוואַקסן מיט דער אָר־גאַניזירונג פון נייע אָרגאַניזאַציעס אין דער פּראָווינץ, האָבן מיר דערפילט אַ באַדערפעניש אין אַן אייגענעם פּאַרטיי־אָרגאַן. אָבער ווו נעמט מען געלט? מיר האָבן געוווּסט, אַז ח׳ מאירן — אונדזער מעצענאַט, וועט געבן,

אויך אַנדערע וועלן צוטראָגן זייער חלק. נאָר ס׳איז פאַרט געווען ווייניק צו פאַרזיכערן אַ צייטונג, כאָטש אויף אַ געוויסער צייט. האָבן מיר זיך גענומען גרייטן און זאַמלען געלט. פון צייט צו צייט האָבן מיר אָפּגעדונגען אַ קינאָ, מיט אַ פּאַסיקן פילם. חברים האָבן פאַראויס פאַרקויפט בילעטן צו געהעריקע פּרייזן. אַזאַ אָוונט האָט געגעבן אַ שיינע הכנסה און מיר האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט — אין דעם 15־מינוטיקן איבעררייס — צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם פּועלי־ציוניזם.

נאָך אַ סך הכנות איז אויף אַן אַלגעמיינער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן דעם פּאַרטייאישן וואָכנבלאַט „אונדזער צייט". מיר האָבן אויסגעקליבן אַ רעדאַקציע פון דריי חברים (איך בין געווען איינער פון זיי). דעם פּלאַן פון דער צייטונג און געוויסע פּאַנדן האָבן מיר געהאַט. האָבן מיר זיך געפילט זיכער. דער באַשלוס האָט אונדז אָנגעפילט מיט אַזאַ פרייד, אַז נאָך דער פאַרזאַמלונג, אַרום 12 ביינאַכט, זענען מיר אָוועק אין דער יאַפּאַנישער קאַפע, געטרונקען קאַווע מיט „מאַגעלונעס" (אַזעלכע ראָגאַליקעס), דערנאָך גענומען עטלעכע אָפּענע בריטשקעס און זיך געלאָזט אויף אַ נאַכט שפּאַציר קיין „פּאַלערמאָ". דאָס איז דער שענסטער שפּאַציר־גאָרטן אין דער בוענאָס איירעסער געגנט. יעדער זונטיק שפּילט דאָ אַן אָרקעסטער פון איבער הונדערט מענטשן. דאָס וואָס ס׳איז „הייד־פּאַרק" אין לאָנדאָן, איז „פּאַלערמאָ" אין בוענאָס איירעס. ס׳איז געווען אַ שיינער וואַרעמער אָוונט, דער הימל אויסגעשטערנט, מיר פאָרן טריט ביי טריט, די פערדלעך קלאַפּן צו צום טאַקט פון אונדזערע רייד, וויכוחים און געזאַנג. מיר זענען דאָ נישט די איינציקע, נאָך קאַטשן פאָרן, יונגע מיידלעך אין ווייסע קליידער, יונגע מענער. זיי פאָרן באַזונדער — דאָ איז דיר נישט פּאַריז, אָדער לאָנדאָן, נאָר ווען די קאַטשן גלייכן זיך אויס, באַשיטן זיי די מיידלעך מיט קאָמפּלימענטן. די פריילינס לאַכן, ס׳איז זומער, יוגנט, דאָס בלוט רופט און רייצט... אַזוי האָבן מיר אַרומשפּאַצירט ביז זעקס אין דער פרי און ערשט דעמאָלט געגאַנגען שלאָפן.

זאַנגווילס סעקרעטאַר

אין „וואַרשעווער רעסטאָראַן" האָב איך זיך באַקענט מיט איינעם, אַ לאָנדאָנער ייד, (ליידער פאַרגעסן זיין נאָמען). ווען די טעריטאָריאַליסטן זענען נאָך געווען טעטיק, איז ער געווען זאַנגווילס סעקרעטאַר. אַדורכ־שמועסנדיק זיך מיט אים, ווייזט זיך אַרויס, אַז ער קען מיין משפחה אין לאָנדאָן. דאָס האָט אונדז דערנענטערט, מיר זענען געוואָרן פריינד. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער געפינט זיך דאָ זינט די מלחמה איז אויסגעבראָכן. ער איז אַ טאָקער, אַ קינסטלער אין זיין פאַך און האָט דאָ גוט פאַרדינט, נאָר ער וועט דאָ שוין לאַנג נישט בלייבן, ער פאָרט קיין אַמעריקע, אין שיקאַגאָ האָט ער אַ ברודער, אַ בחור ביי די 60, וויל ער אויף דער עלטער זיין מיט אייגענע... איך האָב אים דערציילט פון מיין מצב. נאָכן אויסהערן מיך, האָט ער פאַרגעלייגט, אַז איך זאָל מיט אים פאָרן קיין אַמעריקע. ער איז געווען גרייט מיר צו העלפן מיט די העלפט הוצאות פון דער נסיעה. דער ענין איז מיר געפעלן. אָבער ווו נעמט מען די אַנדערע העלפט? ווענדן זיך צו חברים, האָב איך נישט געקענט. זיי וועלן בכלל זיין קעגן מיין פאַרלאָזן אַרגענטינע. האָב איך געשיקט אַ טעלעגראַמע צו מיין קוזין אין לאָנדאָן אַז איך בין קראַנק און דאַרף דרינגענדיק האָבן 25 פונט. ס'איז אַוועק אַ צייט און כ'האָב קיין ענטפער און קיין געלט נישט דערהאַלטן, איז מיין פּלאַן פון זיך אַליין בטל געוואָרן...

מען האָט מיר דערציילט, אַז אין פּאָרט געפינט זיך אַ טרינק־הויז פאַר מאַטראָסן, וואָס געהער צו אַ געוויסן סיימאָן, אַן ענגלישער ייד, און אַז דער קען אַריבערשמוגלען מענטשן קיין אַמעריקע, ווי אַרבעטער אויף דער שיף. בין איך צוגעפאָרן צום פּאָרט, כדי אַ שמועס טאָן מיט אים. כ'האָב לאַנג נישט געזוכט, געפונען דאָס טרינק־הויז. דער ה' סיימאָן, אַ בלאָנדער דאַרער ייד אין די מיטל־יאָרן. זעט אויס ווי אַן ענגלענדער, כאָטש ער קומט פון פוילן — ער האָט געלעבט אין ענגלאַנד לאַנגע יאָרן. וואָס אים האָט דערפירט דאָ אַהער איז מיר נישט קלאָר, כ'בין אויך מסופק צי דאָס טרינק־הויז גיט אים פּרנסה, אַדער ער האָט נאָך אַנדערע סודותדיקע עסקים... דאָס הויז שטייט ביים פּאָרט, אַן אַלטער אָפּגעלאָזענער בנין. ווען כ'בין אַריין

האָב איך דאָרט געטראָפן עטלעכע מאַטראָסן ביי אַ גלעזל און סיימאָן איז מיט זיי געווען פאַרטיפט אין אַ שמועס. ווען ער איז מיט זיי פאַרטיק געוואָרן, האָב איך זיך געוואָנדן צו אים אויף ענגליש. ער האָט באַלד געזען, אַז כ׳בין נישט קיין היגער, פרעגט ער: „וואָס איז אייער בקשה?" בין איך גלייך צוגעטרעטן צו מיין ענין: „איך בין אַ לאָנדאָנער, דאָ בין איך אויף גרויסע צרות, אפשר איז מעגלעך איינצוואָרדענען, איך זאָל פאָרן ווי אַן אַרבעטער אויף אַ שיף קיין אַמעריקע?" „ליידער — ענטפערט ער קאַלט — זע איך איצט נישט קיין מעגלעכקייט פאַר אַזאַ נסיעה, אפשר אַן אַנדערש מאָל". כ׳האָב געזען, אַז פון דעם וועט גאָרנישט אַרויסקומען, בין איך צוריק געפאָרן אין שטאָט אַריין. כ׳בין געווען נידערגעשלאָגן און הונגעריק, געגעסן מיטאָג אין „וואַרשעווער רעסטאָראַן", דערנאָך מיט אַ חבר געהערט מוזיק אין „פּאַלערמאָ", נאָר די שטימונג האָט זיך נישט געבעסערט. עפּעס אַ פּוסטער טאָג, גאָרנישט אויפגעטאָן נישט פערזענלעך, נישט פאַר דער פּאַרטיי... אין אָוונט בין איך אַריין אין דער יאַפּאַנישער קאַפע, מיט דער האָפענונג צו טרעפן עטלעכע חברים־לייַדיקגייער. דאָ איז געווען ח׳ פינ־טשעווסקי — אַ יונגער באַגאַבטער פּאָעט, שטענדיק איז ער פול מיט לעבן און טעמפּעראַמענט. די יוגנט האָט אים ליב און ער זיי אויך. ס׳איז מיר שטענדיק אָנגענעם אים צו טרעפן אַ פריילעכן, אַ נאָענטן אַזאַ. האָבן מיר געכאַפּט אַ שמועס און דאָס געמיט האָט זיך אַ ביסל אויסגעלייטערט.

ד״ר עפּשטיין פון אַמעריקע

ס׳איז אָנגעקומען פון אַמעריקע דער ציוניסטישער טוער און פּראָפּאַ־גאַנדיסט ד״ר עפּשטיין. די ציוניסטישע פעדעראַציע האָט געמאַכט גרויסע הכנות צו זיין קומען, האָט אים אויפגענומען מיט אַ גרויסן פּאַראַד. ער איז אַ סך מאָל אַרויסגעטרעטן מיט רעפעראַטן אין בוענאָס איירעס און אויף דער פּראָווינץ. ער איז געווען אַ פיינער רעדנער, כאָטש ער האָט גאָרנישט מחדש געווען און ס׳האָט אים געפעלט דאָס מיטרייסנדיקע וואָרט, דאָס רע־וואָלוציאָנערע פייער, וואָס זאָל פאַרכאַפּן די יוגנט. אַ חוץ דאָס זאַמלען

אַ ביסל געלט, האָט ער קיין סך נישט אויפגעטאָן. נישט ער האָט פאַר־שטאַרקט די אַלטע אָרגאַניזאַציעס, נישט ער האָט געשאַפן נייע אין די קאָלאָניעס, וואָס ער האָט באַזוכט. נאָר נאָך זיין אָפּפאָרן איז געשאַפן גע־וואָרן אַ שפּאַניש־רעדנדיקער פּ. צ. פאַראיין פון דער שטודירנדיקער יוגנט אין בוענאָס איירעס.

מאָנטעווידעאָ (אורוגוויי)

די אַרבעט האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט, אויך מיינע פאַרדינסטן. איצט האָב איך שוין פשוט געהונגערט. כ׳האָב עס ווייטער געהאַלטן בסוד, זיך נישט געקלאָגט. כ׳האָב נאָר געגעבן אָנצוהערן געוויסע חברים, אַז איך טראַכט צו פאָרן קיין מאָנטעווידעאָ. עטלעכע חברים זענען באַשטאַנען אויף דעם, איך זאָל נעמען באַצאָלט פאַר מיין פּאַרטיי־אַרבעט, האָב איך דאָס קאַ־טעגאָריש אָפּגעוואָרפן. אפשר איז דאָס געווען נאַאיוו, איך האָב אָבער געפילט, אַז מיטן נעמען באַצאָלט פאַר מיין אידעאַישער אַרבעט, פאַרליר איך די אינערלעכע פרייהייט פון טראַכטן און טאָן. כ׳האָב באַשלאָסן צו פאָרן, געוויסע פאַרבינדונגען האָב איך געהאַט, אַ משפחה בוימוואָסער איז מיט עטלעכע חדשים צוריק געפאָרן פון דאַנען קיין מאָנטעווידעאָ זיך באַזעצן, דאָרט געפינט זיך אויך דער חבר לייבוש, אַ פּ.צ. מיטגליד, איינער פון די גרינדער פון „פּויליש־יידישן פאַרבאַנד״. אַן אינטערעסאַנטער טיפּ אַט דער לייבוש: שוין לאַנגע יאָרן געקומען פון וואַרשע קיין אַרגענטינע איז ער געבליבן אַן אַלטער בחור. אַ גוטער פאַכמאַן, אַ גאָלדענער פאַרדינער, האָט ער אַ מיטפילנדיק האַרץ און אַן אָפענע האַנט, שטענדיק גרייט צו העלפן. אין דער פּאַרטיי איז ער זעלטן געקומען, נישט געהאַט קיין צייט. ער האָט אַ סך געאַרבעט, אַ סך פאַרדינט און אויסגעגעבן, ליב געהאַט גוט לעבן און פאַרברענגען. לעצטנס איז אים נמאס געוואָרן בוענאָס איירעס איז ער געפאָרן קיין מאָנטעווידעאָ. אויף אים האָב איך אַ ביסל אויסגע־רעכנט בעת מיין באַשליסן צו פאָרן קיין אורוגוויי.

אין אָוונט בין איך אַרויף אויפן שיפל און אַרום 6 אין דער פרי שוין

געווען אין מאָנטעווידעאָ. די שטאָט שטייט אויף אַ באַרג און דער ים רינגלט זי אַרום. פון ווייטנס זעט מען ליכטיקע ווייסע הייזער, די לופט איז פריש, מען פילט שוין די וואַרעמקייט פון דער זון. כ'לאָז זיך צופוס אין שטאָט אויף לייבושס אַדרעס. כ'בין איבערראַשט פון דער שטאָט־שיינקייט און פון די פרויען. כ'קוק אויף זייער ריטמישן גאַנג, אויף די העלע פּנימער און העלדזער און אויף די טיף־שוואַרצע אויגן און האָר זייערע. אַזעלכע שיינע פרויען זע איך דאָס ערשטע מאָל אין דרום־אַמעריקע.. און אָט בין איך שוין אויפן ריכטיקן אָרט. די יידישע משפּחה, ביי וועמען לייבוש וווינט — אגב, איז די פרוי אַ שוועסטער פון ה' סטאָלער — דער בוכהענדלער און שותּף צו „די יידישע צייטונג" אין בוענאָס איירעס — נעמען מיך גאָר פריינטלעך אויף, שטעלן פרישטיק. לייבוש איז שוין ביי דער אַרבעט, אַרום 12 קומט ער אויף מיטאָג, גיי איך דערוויל שפּאַצירןביים ברעג ים. מענטשן, אַ סך יוגנט, ברעגען זיך אויף דער זון, באָדן זיך אין ים. דאָ זענען מענער און פרויען צוזאַמען. איך באַוווּנדער זייער שיינקייט, פריי־לעכקייט און הויכע געלעכטערס איבער דער גאַנצער פּליאַזשע. אין האַרצן בין איך זיי מקנא, בין איך דאָך אויך יונג, נאָר כ'האָב קיינמאָל נישט געוווּסט פון אַזאַ זאָרגלאָזער פריילעכקייט. איך בין אַ יידישער בחור, פון יונגערהייט אָן געטראָגן אויף זיך דעם עול פּרנסה און די צרות פון מיין פאָלק זענען איינגעזאַפּט אין מיין בלוט, אָפּגעריסן פון דער היים, וואַנדער איך איבער דער וועלט... כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט פון מיין פאַרטראַכטקייט, זיך דערמאָנט, אַז כ'בין אין אורוגוויי — די שווייץ פון דרום־אַמעריקע און כ'דאַרף שוין גיין צו מיין פריינד לייבוש. כ'האָב אים שוין געטראָפן אין שטוב, מיר עסן צוזאַמען מיטאָג ווי לייבוש איז געוווינט, 4 — 5 שפּייזן מיט אַ גוטער פלאַש וויין. שוין לאַנגע צייטן אַזאַ מיטאָג נישט געגעסן...

נאָך מיטאָג האָבן מיר גערוט. ווי עס פירט זיך אין דרום־אַמעריקע זענען די געשעפטן און וואַרשטאַטן פאַרמאַכט פון 2 ביז 4 — מען רוט. פאָרן גיין צו דער אַרבעט, האָט לייבוש געבעטן ביי זיינע בעלי־בתּים, זיי זאָלן מיך איינאָרדענען מיט עסן און דירה, ביז ער וועט געפינען אַרבעט פאַר מיר. אין אָוונט נעמט מיך לייבוש אין אַ שיינעם רעסטאָראַן אויף צוונטברויט, שפּעטער אויף אַ שפּאַציר צו ווייזן די שטאָט. מיר גייען

גאַס־איין, גאַס־אויס, ביז מיר קומען אין אַ לאַנגער שמאָלער גאַס, וואָס איז אין גאַנצן פאַרנומען מיט זנות־הייזער. דאָ איז נישט ווי אין בוענאָס איירעס — „הייזלעך" אויף אַלע גאַסן פון שטאָט. דאָ האָט די רעגירונג דערלויבט נאָר איין גאַס פאַר דעם צוועק. מיר שפּאַצירן, די מיידלעך שטייען אויף דער שוועל ביים אַריינגאַנג, כמעט נאַקעט, נאָר אַ שטיקל טיול פאַר־דעקט אַ געוויסן קערפּער־טייל. זיי פאַרטשעפּען, רופן, לאַכן. איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען, לייבוש פּילט זיך היימיש. אפשר דערפאַר ווייל ער קען די שפּראַך און אפשר איז ער אַ גאַסט דאָרט?...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך לייבוש באַפרייט פון דער אַרבעט אויף אַ האַלבן טאָג, געגאַנגען שאַפן פאַר מיר אַרבעט און אַ דירה. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און כ'האָב געהאַט ביידע זאַכן. אַרבעט — ביי זיינעם אַ באַקאַנטן און אַ דירה ביי אַ ציוניסטישער משפחה. די וווינונג־באַדינגונגען זענען דאָ אַ ביסל בעסער ווי אין בוענאָס איירעס, נאָר מיין „דירה" איז געווען אַ בוידעם־שטיבל מיט אַן אַלט אייזערן בעטל, אַ צעבראָכענע שיסל און הינקענדיקע שטול. נאָך וואַסער און מענטשלעכע באַדערפענישן האָט מען געדאַרפט אַראָפּגיין אויפן הויף. דאָ האָב איך געוווינט די גאַנצע דריי חדשים, וואָס כ'בין געווען אין מאָנטעווידעאָ. אמת, ס'איז געווען אַן אָרעם צימערל, נאָר ס'איז געווען כמעט אומזיסט. די עטלעכע פּעזעס האָבן זיי גענומען, נאָר כדי איך זאָל זיך נישט פילן דערנידעריקט...

דעם ערשטן זונטיק בין איך געווען פאַרבעטן אויף מיטאָג צו דער משפחה בוימוואַסער, זינט כ'בין אַוועקגעפאָרן פון לאַנדאַן איז עס געווען דער ערשטער מיטאָג ביי אַ משפחה־טיש. ח' בוימוואַסער דערציילט, אַז אין מאָנטעווידעאָ געפינען זיך עטלעכע הונדערט יידישע משפחות. עטלעכע פון די, וואָס ער קען, זענען נאָענט צו פּ. צ. לייגט ער פאָר, אַז איך זאָל אַרויסטרעטן מיט אַ רעפעראַט איבערן פּועלי־ציוניסטישן געדאַנק אפשר וועט אונדז אפילו געלונגען צו שאַפן אַ פּ.צ. פאַראיין אין שטאָט. כ'האָב אים געענטפערט, אַז כ'וועל זיך מישב זיין און אים ענטפערן נאָכן דורכדרעדן זיך מיט חבר לייבוש, כ'וויל הערן, וואָס ער וועט זאָגן.

ביי דער אַרבעט איז מיר נישט געגאַנגען, דאָ האָט מען געפאָדערט איך זאָל מאַכן אַ גאַנץ מלבוש און דאָס האָב איך נישט געקענט. ווי אַ צוהעל־

פער, האָב איך גאָר ווייניק פאַרדינט. ביי דער אַרבעט איז פיינלעך, אין דער דירה — נישט באַקוועם. כ׳פיל זיך איינזאַם און טרויעריק, האָב שלעכטע שטי־מונגען און שלאָף נישט גאַנצע נעכט. פאַרשידענע מחשבות קריכן אין קאָפּ: מיין יוגנט גייט אַוועק, כ׳זע נישט פאַר זיך קיין תכלית. אמת, כ׳האָב דערפאָלג און בין צופרידן פון מיין פאַרטייאיש־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אָבער כ׳לעב ווי אַ הונט און מוז עס נאָך באַהאַלטן פון מענטשנס אויגן. וואָס וועט זיין ווייטער? ווי לאַנג קען איך אַזוי לעבן? דער איינציקער ליכטיקער פונקט דאָ, איז לייבוש; ער איז עס דער, וואָס מונטערט און טרייסט מיך, באַמיט זיך, איך זאָל פאַרגעסן מיינע זאָרגן. שלעפּט מיך אין טעאַטערס, קאַפעס, רעסטאָראַנען, אַפילו אויף פערד־געיעגן נעמט ער מיך. יאָרן האָב איך געוווינט אין ענגלאַנד — דאָס קלאַסישע לאַנד פון פערד־געיעגן, האָב איך דאָ צום ערשטן מאָל געזען די שפּיל. לייבוש האָט מיר געגעבן עטלעכע פּעזעס צו שטעלן אויף וועלכן פערד איך וויל, האָט דאָס מזל צוגעשפּילט און איך האָב געוווּנען, מיין פערדל איז געקומען דאָס ערשטע. כאָטש די סומע איז געווען אַ קליינע, איז די שמחה, די באַגיי־סטערונג, געווען אין לשער. אַזוי זענען זיי די שפּילער אָבערגלויביש; יעדער סימן פון געווינען צינדט זיי אָן מיט פרייד און האָפענונג. בעת די פערד לויפן, איז דער רעש, אומגעהויער, טויב צו ווערן. יעדער וויל, אַז זיין פערדל, ד. ה. דאָס פערדל, אויף וועלכן ער האָט געשטעלט, זאָל קומען דאָס ערשטע צום ציל. מען רופט די פערד, אָדער די רייטער מיט צערטלעכע נעמען, מען טרייבט זיי אונטער מיט געבעט: שנעלער, גיכער! אָט איז אַ פערד פאַראויס, אָט זענען צוויי גלייך און זייערע „חסידים" יובלען. נאָר אָט גיט זיך איינס פון די הינטערשטע אַ רייס פאַראויס און אָן אַנדער טייל מענטשן נעמען שרייען, פּאַטשן מיט די הענט און רופן, די פריערדיקע טומלערס זענען איצט ביי זיך געפאַלן. אַזוי ציט זיך די שפּיל לאַנגע שעהן — ביז איין פערד זיגט, קומט אָן דאָס ערשטע און די געווינער פּאַטשן, שרייען, שפּרינגען פון פרייד, ביז משוגע צו ווערן...

די גרינדונג פון פ. צ. פאַראיין

דעם 4־טן זונטיק פון מיין זיין אין מאָנטעווידעאָ, האָבן זיך אין דער דירה פון ח׳ בוימוואַסער פאַרזאַמלט אַ 10 מענטשן, חברים און סימפּאַטיקער פון פּ. צ. איך האָב געעפנט די פאַרזאַמלונג און גערעדט וועגן דער ראָל וואָס די פּאַרטיי קען און דאַרף שפּילן אין דער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק אין זיין היסטאָרישן היימלאַנד ארץ־ישראל און גערופן צו אָרגאַניזירן דאָ אַן אָרגאַניזאַציע. נאָכן אַדורכשמועסן זיך מיט די חברים, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די גרינדונג פון אַ פּ. צ. פאַראיין אין מאָנטעווידעאָ. דאָס איז געווען דער ערשטער ציוניסטישער פאַראיין אין אורוגוויי. אין אַ צוויי וואָכן אַרום, בין איך אַרויסגעטרעטן אויף אַ ברייטערן פאָרום, ס׳זענען געקומען בערך אַ 100 מענטשן. נאָך מיין רעפעראַט, האָבן זיך נאָך עטלעכע אָנגעשלאָסן אין דער אָרגאַניזאַציע פון פּועלי־ציון.

דער פאַראיין אין מאָנטעווידעאָ איז געווען ענג פאַרבונדן מיט די צענטראַלע אינסטאַנצן אין בוענאָס איירעס און באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אָפּטיילונג פון דער אַרגענטינער פּ.צ.־פּאַרטיי. די צייטונג „אונדזער צייט", בראַשורן, אינפאָרמאַציעס, אַלץ איז געקומען פון דאָרט. אין משך פון אַ קורצער צייט האָט די אָרגאַניזאַציע געציילט מער פון 20 חברים. נעמענדיק אין אַכט די קליינע צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג און די קורצע צייט פון איר גרינדונג, איז עס געווען אַ באַדייטנדיקער דערפאָלג.

צוריק אין בוענאָס איירעס

נאָך דריי חדשים זיין אין אורוגוויי, בין איך צוריקגעפאָרן קיין אַרגענטינע. אין קעשענע האָב איך געהאַט אַ „קאַפּיטאַל" צו לעבן אַ צוויי וואָכן, נאָר דער בריוו פון ח׳ וואַקסמאַן, אַז אין גיכן וועט זיך שטעלן דער סעזאָן און ס׳וועט זיין פאַר מיר אַרבעט, ביי דער אומצופרידנקייט פון מיין אַרבעט דאָ, האָט צוגעיאָגט מיין אַרויספאָר.

אין בוענאָס איירעס האָבן מיך די חברים אויפגענומען מיט פרייד.

כאַטש כ'בין געהאַט אַרויסגעפאָרן אויף אַ לענגערער צייט, איז מיין אָרט איינעם צ. ק. געווען רעזערווירט. אויף דער ערשטער זיצונג, האָב איך אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן מיין טעטיקייט אין אורוגוויי, די חברים האָבן מיר אויסגעדריקט אָנערקענונג. אויף דער זעלבער זיצונג, איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצובנרייטערן די פּאַרטייאישע השפּעות איבערן לאַנד, באַזונדער אין צענטער פון די יידישע קאָלאָניעס אין דער פּראָווינץ ענטע־רועס. אויף מיר איז אַרויפגעלייגט געוואָרן דער חוב, צו מאַכן אַ פּראָפּאַגאַנדע־טור אין דער געגנט. איך האָב מסכים געווען צו פאָרן נאָר אויף פיר וואָכן, כדי צו זיין צוריק ווען דער סעזאָן וועט זיך אָנהייבן. מען האָט מיר געגעבן אויף באַן־בילעטן, אויסהאַלטן האָבן מיך געדאַרפט די חברים אויף די ערטער, מיט וועלכע מיר האָבן שוין געהאַט קאָנטאַקט.

די נסיעה איבער די קאָלאָניעס

אַרויסגעפאָרן מיט דער באַן באַלד אין דער פרי, בין איך לאַנג געפאָרן איבער אַרגענטינער סטעפּעס, זיי ציען זיך אויף גרויסע שטחים, וואָס האָבן גאָר קיין סוף נישט. ערשט אַרום דריי בייטאַכט, בין איך אָנגעקומען קיין לאַפּעז. עטלעכע יונגע חברים האָבן מיך אָפּגעוואַרט מיט אַ וועגל געשפּאַנט אין צוויי פערד. דאָ איז געווען דער צענטער, דאָס שטעטל — האָבן זיי עס גערופן. דאָ געפינט זיך די באַן־סטאַציע, עטלעכע געוועלבלעך, דאָ וווינען די סוחרים, וואָס קויפן די פּראָדוקטן ביי די קאָלאָניסטן און פאַרקויפן זיי קיין בוענאָס איירעס. צו דער קאָלאָניע גופא איז נאָך אַ ווייטער מהלך. מיר זענען געפאָרן אַ 20 מינוט, ביז מיר זענען אָנגעקומען אַהין. די קאָלאָניע ליגט אויסגעשפּרייט אויף ווייטע שטחים, די הייזלעך זענען צעוואָרפן, ווייט איינס פון צווייטן, תבואה דאַרף האָבן אַ סך באָדן. איינגעשטאַנען בין איך ביי אַ יונגן חבר, וואָס מען האָט גערופן משה. ער האָט געלעבט צוזאַמען מיט זיין מוטער און אַ שוועסטערל פון אַ 13 — 14 יאָר, דער פאָטער האָט שוין נישט געלעבט. ווי מען האָט מיר דערציילט, איז ער מיט עטלעכע יאָר צוריק דערשטאָכן געוואָרן דורך זיין אייגענעם שומר,

אַ גאַיאַטש. (אַזאַ, וואָס שטאַמט פון דער אינדישער ראַסע). דאָס הייזל פון צוויי צימערן איז געווען אַן אַ פּאָדלאָגע, באַלד הינטערן הייזל, עטלעכע קאַזעס, הינער, ווייטער אַ ביסל, אַ שטאַל מיט בהמות, פערד און אַ גרויסער הונט. נאָך דעם, האָבן זיך געצויגן פעלדער מיט קאָרן, ווי ווייט דאָס אויג האָט דערגרייכט.

די משפחה האָט מיך פריינדלעך אויפגענומען, בכלל זענען דאָ די מענטשן זייער גאַסטפריינדלעך, ווער שמועסט נאָך צו אַ גאַסט פון בוענאָס איירעס. ס'איז שוין געווען פאַרטאָג, מען האָט געמאַכט טיי, עפּעס צוגעביסן, האָט מען מיר אָנגעוויזן אַ בעטל ווו איך קען זיך אָפּרוען. די מאַמע מיט דער טאָכטער זענען אַרויס צו די בהמות און עופות, דער זון צו די פעלדער. ער האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער לאָזט מיך אַליין. „אויף די פעלדער מוז מען אַ קוק טאָן", פאַרזיכערט, אַז ער וועט באַלד קומען, אַרויף אויפן פערד און אַוועק רייטנדיק.

כ'האָב נישט געקענט שלאָפן, בין איך אַרויס אין דרויסן, און זיך געזעצט אויף אַ באַנק פון געפלאָכטענע צווייגן. ס'איז שטיל אַרום, מען הערט נאָר פייגל־געזאַנג, הירזשען פון פערד און מרוקען פון בהמות. פּלוצים רייט דורך אַ פערד, אויף אים אַ מאַן מיט דריי קינדערלעך, וואָס האַלטן זיך איינס אין צווייטן, באַלד נאָך אים, צוויי פערד מיט זעקס קינדער. דאָס פאָרן זיי רייטנדיק אין שול אַריין. צוליב דער גרויסער צעשפּרייטונג, איז די שול ערגעץ־ווו צווישן די קאָלאָניעס און אַלע ציען דאָרט אַהין. אין שול לערנט מען שפּאַניש, יידיש און תנ"ך. אַלע קענען דאָ יידיש, אַפילו די, וואָס זענען דאָ געבוירן געוואָרן. די שול דינט אויך פאַר פאַרזאַמלונגען, פאַרוויילונגען, חתונות, בעלער א. א. באַדערפעניש.

אַלע אַרבעטן דאָ זייער שווער, פון 5 פאַרטאָג ביז 6 אין אָוונט, מיט אַ קליינעם איבעררייס אויף מיטאָג. די משפחה אַליין באַאַרבעט די גאַנצע ווירטשאַפט, נאָר אויף די פעלדער אַרבעטן אויך געדונגענע אַרבעטער. דאָס לעבן איז פרימיטיוו און אָרעם. מען אַרבעט כדי אָפּצוצאָלן די חובות צו דער יק"א־אַדמיניסטראַציע, מנוחה האָבן זיי נאָר אין שבת. איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס די יוגנט אַנטלויפט, עמיגרירט קיין אויסטראַליע, קאַנאַדע און אַ טייל קומט אין שטאָט, קיין בוענאָס איירעס...

די לאַנדשאַפט איז דאָ זייער שיין, די לופט פריש. יעדן אָוונט האָט ח׳ משה אַרויפגעלייגט אַ זאַטל אויפן פערד, מיך געלערנט רייטן. ווי כ׳האָב זיך נאָר אַרויפגעזעצט, האָט ער אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד און ס׳האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין גאַלאָפּ. איין מאָל האָט עס מיך אַרונטערגעוואָרפן פון זיך, האָט זיך משה צעלאַכט „אַז מען וויל קענען רייטן — האָט ער געזאָגט — דאַרף מען אויך קענען פאַלן״...

מיינע אַרויסטריטן אין די קאָלאָניעס

שבת אָוונט איז אין שול פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט העכער 100 מענטשן, דער רוב יוגנט. איך האָב גערעדט א.ד.ט. „פּ. צ. און אירע אויפגאַבן אין יידישן פאָלק״. מיין רעפעראַט איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן. אויף צוזאַמענגס, זענען זיך — אין אַ פּריוואַטער דירה ביי אַ חבר — צונויפגעקומען די פריינד און סימפּאַטיקער און ס׳איז אָפּיציעל געשאַפן געוואָרן אַ פּ.צ.־פאַראיין אין לאַפּעז. די חברים האָבן געבעטן נאָך עטלעכע רעפעראַטן, נאָר דאָס איז נישט מעגלעך געווען, ווייל לויט מיין באַשטימטן מאַרשרוט, האָב איך שוין געדאַרפט זיין אין אַן אַנדער קאָלאָניע. אין אָוונט, פאַר מיין אָפּפאָר פון לאַפּעז, האָבן די חברים איינגעאָרדנט אַ באַנקעט לכבוד מיר, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט ביינאַכט. קוים געשלאָפן עטלעכע שעה, באַלד באַגינען, איז געקומען אַ חבר מיט אַ פערד און וועגל און מיך אָפּגעפירט אין אַ צווייטער קאָלאָניע. אַזוי בין איך געפאָרן פון דאָרף צו דאָרף, אומעטום אַרויסגעטרעטן מיט הצלחה און געשאַפן פּ.צ.־פאַראיינען. פאַר־שטייט זיך, אַז אַן אַ באַנקעט האָט מען מיך נישט אַרויסגעלאָזט און ווידער האָב איך געמוזט רעדן. מיר האָבן דורכגעפירט אַ געלט־זאַמלונג פאַרן „פאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד״ האָבן די חברים צוגעטראַכט אַזאַ שפּיל: איינער גיט אַ געוויסע סומע איך זאָל נישט רעדן, גיבן אַנדערע דאָפּלט, אַז איך זאָל יאָ רעדן. אַזוי איז דער סכום פאַרן פאָנד געוואַקסן. ווען די חברים זענען פריילעך געוואָרן, האָבן זיי מיך געבעטן כ׳זאָל עפּעס זינגען,

האָבן איך זיך אויך פון דעם נישט אָפּגעזאָגט. מיין באַליבט ליד איז דעמאָלט געווען שניאורס „מאַרגאַריטקעס״, וואָס איז שטאַרק געפעלן געוואָרן די חברים.

איך בין אין איינער פון די גרעסטע קאָלאָניעס — קלאַרא, (אַ נאָמען נאָך באַראָן הירשס ווייב). דאָס איז שוין אַ גרעסער שטעטל פון עטלעכע טויזנט תושבים. דאָ איז פאַראַן אַ מאַרק מיט געוועלבער, אַ גרויסע שול, אַ שול צום דאַווענען, אַ ביבליאָטעק, אַן אַכסניה, וואָס מען רופט „האָטעל״ א. א. קהלישע חברות. כ׳בין איינגעשטאַנען ביים אַפּטייקער פון שטעטל, גאַסטפריינדלעכע אינטעליגענטע מענטשן מיט וואַרעמע יידישע הערצער. כ׳בין דאָ געווען עטלעכע טעג און זיך צוגעקוקט צום מצב פון דער קאָלאָניע. אויך די זעלבע שווערע האַרעוואַניע, קליינע פאַרדינסטן און פּרימיטיווע באַדינגונגען פון לעבן. אַ סך הייזלעך זענען פאַרנאַכלעסיקט; די שויבן צעבראָכן, די לאָדנס הענגען אויף אַ זייט. אַ טייל זענען פאַרלאָזן, פּוסט. די בעלי־בתים זענען אַוועק. די יוגנט וויל דאָ בכלל נישט בלייבן. די חובות זענען גרויסע. די יק״א־אַדמיניסטראַציע מאָנט און דריקט, אַנט־לויפט מען ווו די אויגן טראָגן.

דערהאַלטן אַ בריוו פון צ. ק. אין בוענאָס איירעס, שרייבט זיך אין אים, אַז זיי האָבן דערהאַלטן בקשות פון די קאָלאָניעס, זיי בעטן כ׳זאָל זיך נאָך אַמאָל אומקערן אין די ערטער, אין וועלכע כ׳בין שוין געווען, אַרויסטרעטן מיט רעפעראַטן, כדי צו באַפעסטיקן די ניי־געשאַפענע אָרגאַניזאַציעס. ס׳איז געווען אין די טעג פון דער „באַלפור־דעקלאַראַציע״ און די באַגייסטערונג איז געווען אומגעהויער, האָט מען געוואָלט האָבן אַ ניי וואָרט אין שייכות מיט דער גרויסער געשעעניש. האָב איך געענטפערט דעם צ. ק., אַז „כ׳האָב זיך אונטערגענומען צו פאָרן נאָר אויף איין חודש, פאַרלענגער איך די נסיעה, וועל איך אָנווערן דעם גאַנצן סעזאָן. ביי מיינע באַדינגונגען, איז עס מיר נישט מעגלעך״. אויף דעם האָב איך באַקומען אַ תשובה: „קוק נישט אויפן סעזאָן, מיר זענען גרייט אַלץ צו פאַרגיטיקן. פאַרלענגער די פּראָפּאַ־גאַנדע־רייזע״. כ׳האָב זיך אונטערגעוואָרפן דעם באַשלוס. די לעצטע קאָ־לאָניע איז געווען באַסאַ־בעלבאַסאַ, דערנאָך האָב איך זיך אומגעקערט אין די קאָלאָניעס, וואָס כ׳האָב שוין געקענט. איצט בין איך אַרויסגעטרעטן מיט אַ רע־

דוד מענטשעס רעדט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון פועלי־ציון אין דאָמינגאָז
(איינע פון באַראָן הירשס קאָלאָניעס אין אַרגענטינע)

פעראַט א. ד. ט.: „פּ.צ. און די באַלפור־דעקלאַראַציע״, כ׳האָב אַרומגע־רעדט די היסטאָרישע באַדייטונג פון דער געשעעניש, נאָר אין דער זעלבער צייט געוואָרנט מען זאָל נישט ווערן פאַרשיכורט און נישט איבערטרייבן איר באַדייטונג. דאָס איז אַ פּאָליטישער דאָקומענט, דעם יידישן פאָלק און זיין אַרבעטער־קלאַס, שטייט נאָך פאַר די קאָלאָסאַלע אַרבעט צו דערציען דאָס פאָלק צום ציוניזם און זיין פאַרווירקלעכונג. די געשיכטע לערנט, אַז אויף דעקלאַראַציעס פון אימפּעריאַליסטישע מלוכות קען מען זיך נישט צופיל פאַר־לאָזן, זיי קענען שטענדיק ענדערן זייער באַטייט, לויט דעם, ווי זייערע אייגענע אינטערעסן דיקטירן. דערפאַר בלייבט ווייטער זיך אָנצושפּאַרן נאָר אויף די אייגענע כוחות כדי פון פּאַלעסטינע זאָל ווערן ארץ ישראל. דאָס זענען נאָר פראַגמענטן פון דעם געזאָגטן, וואָס זענען מיר געבליבן אין זכרון. די יידישע צייטונגען פון יענער צייט האָבן געבערענגט באַריכטן פון מיינע אַרויסטרעטונגען אין די קאָלאָניעס.

נאָך צוויי חדשים בין איך צוריקגעקומען קיין בוענאָס איירעס. אַלע האָבן אָנערקענט און אָפּגעשאַצט מיין אָפּגעטאָענע אַרבעט. דער סטודענטן פאַראיין פון פּ. צ. האָט אָרגאַניזירט אַ באַנקעט, וואָס איז דורך אין אַ פיינער שטימונג.

עטלעכע טעג נאָך מיין צוריקקומען פון די קאָלאָניעס האָט זיך אין דער צייטונג פון די „אַלגעמיינע ציוניסטן״ באַוויזן אַ פּעליעטאָן א. ק. „מענטשעס האָט פיינט באַנקעטן״ דאָס האָבן זיי זיך מיט מיר אָפּגערעכנט פאַר מיינע אַרויסטריטן קעגן דעם ד״ר עפּשטיין, וואָס איז געווען אין די קאָלאָניעס פאַר מיר. דערמאָנענדיק מיינע אַ דערקלערונג „איך וויל נישט קיין כבוד, קיין געלט, קיין באַנקעטן. כ׳וויל נאָר איר זאָלט זיך אָנשליסן און זיין אַקטיוו אין די רייען פון פועלי־ציון״ און פאַרט האָט די יוגנט אומעטום דורכגעפירט אָפּשייד־באַנקעטן. דערפאַר די איראָניע „מענטשעס האָט פיינט באַנקעטן״. כ׳האָב געלייענט און געשמייכלט...

אויף דער ערשטער זיצונג פון צ. ק. האָט מען מיך געפרעגט, וואָסער קאָמפּענסאַציע איך וויל מען זאָל מיר געבן פאַר מיין געלונגענער אַקציע, וואָס צוליב איר האָב איך היזק געהאַט אַ גאַנצן סעזאָן אַרבעט? ביי מיין דעמאָלטדיקן באַגייסטערטן נאַאיוון אידעאַליזם, האָב איך נישט טראַכטנדיק

שטאַלץ געענטפערט: „דער דערפאָלג פון דער אַקציע פאַר מיין אידעאַל — איז מיין בעסטער שכר". די חברים האָבן עס גלייכגילטיק אויפגענומען, זיך נישט געשפּאַרט מיט מיר און איבערגעגאַנגען צום צווייטן פּונקט פון סדר היום... כ'בין געבליבן אַן אַ גראָשן געלט, אויסגעשטעלט צו הונגער און נויט. כ'האָב טייער באַצאָלט פאַר מיין בראַוון אַרויסשטעלן זיך... כאָטש כ'האָב ממשיך געווען מיין טעטיקייט, האָבן זיך אין האַרצן אָנגעקליבן טענות און פאַרדראָס קעגן די חברים, וואָס האָבן געוווּסט מיין מצב און אָנגענומען די ווערטער פון אַ באַגייסטערטן יונגן מענטשן פאַר גוט געלט, כדי זיך אַרויסצודרייען פון זייערע התחייבותן. כ'בין געווען אַנטוישט, פאַר־ביטערט און דערשלאָגן פון זייער האַנדלונג.

אַ שמועס מיט ד"ר עפּשטיין

ער האָט מיך פאַרבעטן אין „סאַוואָי־האָטעל", ווו ער איז איינגע־שטאַנען און מיר געזאָגט: „כאָטש איך בין אַן אַלגעמיינער ציוניסט און איר אַ פּ. צ., פירן אָבער אַלע וועגן צום זעלבן ציל — צו דעראָבערן ארץ־ישראל פאַרן יידישן פאָלק". ער האָט מיך געהערט רעדן אויף עט־לעכע מאַסן־פאַרזאַמלונגען, זענען אים מיינע רעדעס שטאַרק געפעלן געוואָרן. דערפאַר — דאָס איז מסתמא געווען דער צוועק פון זיין רופן מיך — מיינט ער, אַז כאָטש אַרגענטינע איז אַ גוט פעלד פאַר ציוניסטי־שער אַרבעט, איז עס אָבער אַ קליין פעלד. „דיין אַרט — זאָגט ער — איז צו זיין טעטיק אויף אַ ברייטערן באָדן". ער ראָט מיך, כ'זאָל פאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, דאָרט וועל איך ערשט קענען אויף אַן אמת זיין טעטיק. כ'האָב געפילט, אַז זיין עצה איז אַן ערלעכע און אויפ־ריכטיקע. כ'בין נוטה געווען צו טראַכטן וועגן דעם. נאָר גראַד אין יענע טעג זענען אָנגעקומען ידיעות, אַז ענגלאַנד האָט מסכים געווען און דער־לויבט צו פאָרמירן דעם „יידישן לעגיאָן פאַר ארץ־ישראל", זענען אַלע מיינע געדאַנקען און פּלענער שוין געווען פאַרבונדן מיטן לעגיאָן. האָב איך דעריבער אָפּגעוואָרפן דעם פּלאַן וועגן פאָרן קיין צפון־אַמעריקע.

באַראַכאָווס טויט

ביי אַן אַלגעמיינער חברים־פאַרזאַמלונג אונטער מיין פאַרזיץ, פאַלט אריין יאָסל כ״ץ מיט אַ געוויין. אַלע בלייבן שטיל, מיט אַ שטומער פראַגע אין די אויגן: וואָס איז געשען? מיט אַ וויינענדיקער צעבראָ־כענער שטימע, שטאַמלט ער קוים אַרויס: „באַראַכאָוו איז מער נישטאָ, ער איז געשטאָרבן״. ספּאָנטאַן האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט פאַר באַראַכאָווס כבוד. די ידיעה איז אָנגעקומען, מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, דורך דעם אַמעריקאַנער „פאַרווערטס״. מיר האָבן איבערגעריסן דעם סדר־היום און באַטראַכט נאָר איין פראַגע: צו אָרגאַניזירן אַ גרויסן באַראַכאָוו־טרויער־מיטינג. אויף דער טרויער־פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאַרגעקומען אין איינעם פון די גרעסטע טעאַטערס אין שטאָט, זענען געקומען טויזנטער מענטשן, ס׳האָבן גערעדט אַ סך רעדנער. אויך איך האָב מיט טיפן טרויער באַוויינט באַראַכאָוון. די אזכרה האָט געלאָזן אַ טיפן רושם.

די גרינדונג פון יידישן לעגיאָן אין אַרגענטינע

די ערשטע דריי זענען געווען: יוסף כץ, הערמאַן, אַ ענערגישער קאָווקאַזער ייד, אַ לאַנגיאָריקער תושב אין אַרגענטינע, אונדזער חבר גינזבורג און איך. מיר האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיטן ענגלישן מיליטערישן אַטאַשע און אים געבעטן, ער זאָל אויך דאָ אונדז געבן די מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן גרופּעס לעגיאָנערן. דער אַטאַשע האָט געענטפערט: „היות אַרגענטינע איז אַ נייטראַל לאַנד, נישט אַנגאַזשירט אין דער מלחמה, מוז ער זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט לאָנדאָן. מיר מוזן האָבן געדולד און וואַרטן אויף תשובה״. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָבן מיר זיך אָנגעפרעגט וועגן דער לאָנדאָנער שטעלונג. מען האָט אונדז דערקלערט, אַז אַ חוץ די לאָנדאָנער הסכמה, מוז אויך די אַרגענטינער רעגירונג דערלויבן. דאָס דאַרף דויערן אַ ביסל צייט. אָבער דער אַטאַשע וועט זיך באַמיען דעם ענין אונטערצויאָגן....

ס׳האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט און דער מיליטערישער אַטאַשע האָט אונדז געמאָלדן, אַז מיר מעגן צונויפשטעלן גרופּעס לעגיאָנערן און ער וועט זאָרגן, זיי זאָלן אָפּגעשיקט ווערן קיין פּאַלעסטינע. באַלד איז געשאַפן געוואָרן די ערשטע גרופּע פון 30 מענטשן. עס איז געשאַפן



יידישער לעגיאָנערן־קאָמיטעט אין בוענאָס־איירעס
שטייען פון רעכטס: יוסף כ״ץ, דוד מענטשעס.
זיצן: ג. באָיאַנאָווסקי, וו.הערמאַן, ח. גינזבורג

געוואָרן אַ קאָמיטעט, וואָס האָט געדאַרפט אָנפירן מיט דער אַרבעט און ווערבירן נייע רעקרוטן. איך האָב דעמאָלט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „די פּרעסע" א. ב. „דער יידישער לעגיאָן פאַר א״י". כ׳האָב אַרומ־גערעדט די באַדייטונג פון דעם לעגיאָן און גערופן די אָרגאַניזירטע יוגנט,

זי זאָל זיך אַנשליסן אין אירע רייען. אין משך פון אַ וואָך איז די גרופּע דערגאַנגען צו מער פון 50 לעגאַנערן, פון שטאָט און פון די קאָלאָניעס. זיי זענען שוין גרייט געווען אָפּצופאָרן, נאָר זיי האָבן נאָך אַ לענגערע צייט געמוזט וואַרטן אויף אַ שיף.

די יידישע באַפעלקערונג אין אַרגענטינע האָט זיך באַצויגן צו די לעגיאָנערן מיט ליבע און ענטוזיאַזם. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט זיי צו שטיצן מאַטעריעל און מאָראַליש. דער קאָמיטעט האָט געזאָרגט פאַר די, וואָס זענען געקומען פון די קאָלאָניעס אָן מיטלען און געדאַרפט וואַרטן אין שטאָט ביז זייער אָפּפאָרן. מען האָט באַשטעלט פאַר זיי אוני־פאָרמען לויטן קאַנאַדישן סטיל, זיי זאָלן אַרויספאָרן ווי געהעריק אָנגעטאָן. דער קאָמיטעט האָט אויך אַרויסגעגעבן אַן אַלבאָם מיט בילדער און ביאָ־גראַפיעס פון יעדן באַזונדער. דאָרט איז אויך פאַרעפנטלעכט די קאָרעס־פּאָנדענץ מיטן מיליטערישן אַטאַשע וועגן ענין לעגיאָנערן און מיין אַר־טיקל „דער יידישער לעגיאָן פאַר א״י״. דער אַלבאָם איז איצט אַ היסטאָ־רישע זעלטנקייט. מיין עקזעמפּלאַר האָב איך אָפּגעגעבן אין זשאַבאָטינסקי־מוזיי אין „מצודת זאב״.

מיין געזעגענונגס־רייזע קיין ענטי־ריעס

ס'זענען אָנגעקומען בריוו און טעלעגראַמעס פון דער פּראָווינץ ענטי־ריעס, אַז איך זאָל זיך קומען געזעגענען, ד. ה., אַרויסטרעטן מיט רעפע־ראַטן. היות איך בין געווען שטאַרק פאַרנומען אין „קאָמיטעט פאַרן ייד. לעגיאָן״, האָב איך מסכים געווען צו פאָרן אין עטלעכע גרעסערע ערטער: לאַפּעז, קלאַראַ און באסא־באלאבאסא.

ווען כ'בין עטלעכע טעג שפּעטער, אַרום 4 פאַרטאָג אָנגעקומען קיין לאַפּעז, איז כמעט די גאַנצע יוגנט פון דער קאָלאָניע געווען אויף דער באַן־סטאַנציע מיך אָפּוואַרטן. שבת אין אָוונט איז אין שול איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פייערונג לכבוד מיר, ביי געדעקטע טישן האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ 200 מענטשן. ווען כ'בין אין דער באַגלייטונג פון די לערער אָריין אין

זאַל, האָט די מוזיק אויפגעשפּילט „התקווה״. דער פּאַרוואַלטער פון שול האָט געפירט דעם אָוונט. אויף זיין באַגריסונג האָב איך געענטפערט מיט אַ לענגערער רעדע, אין וועלכער כ׳האָב זיך דער עיקר אָפּגעשטעלט אויף דער באַדייטונג פונעם לעגיאָן אויף דער צוקונפט פון פאָלק. ביז פאַרטאָג האָט זיך דער עולם משמח געווען. ביי דער געלעגנהייט האָבן מיר געזאַמלט פאַרן „פּאַלעסטינער אַרבעטער־פאָנד״ אויפן שטייגער פון די קאָלאָניעס. אַ טייל האָבן געגעבן, כ׳זאָל רעדן, אַ צווייטער טייל, אַז כ׳זאָל בעסער זינגען. נאָר ווען איינע אַ פרייליין האָט מנדב געווען איר גאָלדענעם רינג, אַראָפּגענומען פון פינגער, מיט דעם באַדינג, כ׳זאָל זינגען, האָבן שוין אַלע מסכים געווען און איך האָב געזונגען.

זונטיק ג. מ. איז אַ גרופּע יוגנט, רייטנדיק אויף פערד, מיט ציוניס־טישע און לאַנד־פענער, געקומען צו דעם הויז ווו איך בין איינגעשטאַנען. פאַר מיר איז געווען גרייט אַן אָפענע קאַרעטע. דאָס זענען זיי געקומען מיך באַגלייטן צו דער קאָלאָניע — קלאַראַ. אויפן וועג זענען מיר נאָך אַריין אין דער שול, ווו ס׳זענען געווען פאַרזאַמלט די קינדער מיט די לערער. דער פאַרוואַלטער האָט דערציילט וועגן מיר, מיינע אידעען און אויפגאַבעס. איך האָב געדאַנקט און געהאַלטן אַ קורצע רעדע, די קינדער האָבן געזונגען יידיש־העברעאישע נאַציאָנאַלע לידער. אונטער די קלאַנגען פון דער התקווה און דעם געקלאַנג פון רעוואָלווער־סאַלוועס, וואָס די רייטער האָבן אויסגעשאָסן אין דער לופטן, האָבן מיר פאַרלאָזן לאַפּעז.

אויפן האַלבן וועג זענען אונדז אַנטקעגנגעקומען די יוגנט פון קלאַראַ אויף פערד מיט פענער. אין שטעטל האָט דער עולם אויף דער גאַס געפאָכעט מיט די היט און געשריגן: „יחי הגדוד העברי! יחי מענטשעס!״ מיר זענען דורכגעפאָרן די גאַנצע קאָלאָניע און אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטע־רונג און פרייד.ביים האָטעל, ווו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זענען געווען געגרייט טישן מיט כל־טוב. אַ דעלעגאַציע פון דער שטאָט־ביבליאָטעק איז געקומען מיך פאַרבעטן אויף אַ רעפעראַט. אין דרויסן איז געווען שטאַרק פינצטער, האָבן חברים געצונדן שטורקאַצן צו באַלויכטן דעם וועג. דער זאַל איז געווען איבערגעפילט און הונדערטער מענטשן זענען געשטאַנען אין גאַס. ווען כ׳בין אַרויף אויף דער בינע, האָט מוזיק געשפּילט די

פ.צ.־שבועה. חברים האָבן באַגריסט, איך האָב גערעדט וועגן לעגיאָן. נאָכן רעפעראַט האָט אַ גרויסער עולם מיך באַגלייט צום האָטעל. דאָ איז ערשט געפּראַוועט געוואָרן דער אמתער באַנקעט ביז טיף אין דער נאַכט אַריין.

נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט אַ גרויסע גרופּע יוגנט מיך באַ־גלייט צו דער באַן קיין באַסאַ־באַלאבאַסאַ. מען האָט געבראַנגט בלומען, חברים האָבן זיך געזעגנט, מיט אַ טייל האָב איך זיך געקושט. ווען כ׳בין שוין געווען אין דער באַן, האָט דער עולם געשריגן: „רעד, מענטשעס!" די פּאַסאַזשירן האָבן מיר געמאַכט אַן אָרט ביים פענצטער און איך האָב מיט רירנדיקע ווערטער זיך געזעגנט מיט מיינע באַגלייטערס. די התלה־בות איז געווען אַזוי גרויס, אַז טרערן פון גערירטקייט האָבן מיך גענומען שטיקן אין האַלדז.

פאַרטאָג בין איך אָנגעקומען קיין באַסאַ־באַלאבאַסאַ. אויך דאָ האָבן אויף מיר געוואַרט אַ גרעסערע גרופּע יונגע חברים. אין אָוונט האָב איך געהאַט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג און ווי געוויינלעך, נאָך דעם אַ באַנקעט. די באַגייסטערונג איז געווען אומגעוויינלעך. אַלע מיינע אַרויסטרעטונגען זענען טעלעגראַפיש מיטגעטיילט געוואָרן צו דער פּרעסע. אַפילו די פּאָליציי איז אויפמערקזאַם געוואָרן און זיך אינטערעסירט מיט מיין טעטיקייט און געבעטן אינפאָרמאַציעס.

פאַרן אָפּפאָר פון דער ערשטער גרופּע

מיר האָבן דערהאַלטן אַ מעלדונג, אַז די שיף וועט קומען אין 12־10 טעג אַרום און די ערשטע גרופּע לעגיאָנערן דאַרפן זיך מעלדן צום מיליי־טער־דאָקטאָר. דער עקסטאַז ביי די לעגיאָנערן איז געוואַקסן. אין יענע טעג האָט זיך אויך געמערקט אַ פאַרשטאַרקטער אינטערעס ביי די אַרגענ־טינער יידן, אַפילו ביי די רייכע און אַסימילירטע, וואָס זענען ביז איצט געשטאַנען פון דער ווייטנס צו יידישע ענינים. אויך זיי האָבן אָרגאַניזירט אין זייערע רייכע היימען אָוונטן לטובת די לעגיאָנערן.

די ציוניסטישע פעדעראַציע צוזאַמען מיט דער פּ.צ.־פּאַרטיי האָבן

אָרגאַניזירט אַ פייערלעכן געזעגענונגס־אָוונט אין דעם גרעסטן טעאַטער־זאַל אין בוענאָס איירעס, צו וועלכן ס׳זענען געוואָרן פאַרבעטן: דיפּלאָ־מאַטישע פאָרשטייער, פריינדלעכע דעפּוטאַטן פונעם אַרגענטינער קאָנגרעס א. א. חשובע פּערזענלעכקייטן. טויזנטער מענטשן, קאָפּ אויף קאָפּ, האָבן אויסגעפילט דעם זאַל. אויף דער טריבונע זענען געזעסן איבער 50 לעגיאָ־נערן מיט אַ בלוי־ווייסער פאָן אויף וועמענס שפּיץ ס׳האָט געגלאַנצט אַ גאָלדענער מגן דוד, אַ מתנה פון די אַרגענטינער יידן. מיט באַגריסונגען זענען אַרויסגעטרעטן עטלעכע רעדנער פון די פאַרבעטענע, צווישן זיי — דער באַרימטער סאָציאַליסטישער רעדנער, דעפּוטאַט אין קאָנגרעס, פּאַ־לאַסיעס. זיין רעדע האָט אַרויסגערופן גרויס באַגייסטערונג און אַ שטורעם אַפּלאָדיסמענטן. שוין נאָך 12 בייגאַכט האָבן זיך געהערט אויסרופן פון זאַל: „אבלא, מענטשעס! רעד מענטשעס!״ דער עולם האָט געמיינט, אַז צוליב דער שפּעטער צייט וועל איך נישט רעדן. נאָר דער פאָרזיצער האָט זיי באַרואיקט, אַז איך וועל זיין דער לעצטער רעדנער, וואָס וועל אין נאָמען פון די לעגיאָנערן ענטפערן און באַדאַנקען די אַלע פאָררעדנער. כ׳האָב באַקומען דאָס וואָרט שוין גאַנץ שפּעט ביינאַכט, דאָך האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס איז געווען די שטאַרקסטע רעדע, וואָס איך האָב ווען ס׳איז געהאַלטן. ביי די קלאַנגען פון אַרגענטינער הימען און „התקווה״ האָט זיך די גרויסע פאַרזאַמלונג געענדיקט. די גאַנצע פּרעסע — די שפּאַנישע און די יידישע — האָט געגעבן גענויע באַריכטן פון איר.

דער טאָג פון אָפּפאָר

באַלד אין דער פרי האָבן זיך די לעגיאָנערן פאַרזאַמלט אויפן הויף פון דער יידישער שול, זיך אויסגעשטעלט אויפן מיליטערישן אופן. דער ערשטער איז געשטאַנען די ריזיקע פיגור פון חיים גינזבורג מיט אַ בלוי־ווייסער פאָן אין די הענט. די קינדער האָבן געזונגען יידיש־העברעאישע לידער. די דערהויבנקייט פון מאָמענט איז געווען אַזאַ, אַז אַ סך מענטשן האָבן געוויינט פון גערירטקייט און באַגייסטערונג. אַזוי האָבן מיר אַרויס־

מאַרשירט איבער די גאַסן פון שטאָט צו דער באַן. אויפן גאַנצן וועג האָבן יידן און נישט־יידן אונדז באַגריסט און באַוואָרפן מיט בלומען. קאָרעס־פּאָנדענטן פון די גרעסטע צייטונגען האָבן געאַרבעט מיט זייערע פאָטאָ־גראַפישע אַפּאַראַטן און אונדז באַגלייט ביז דער שיף.

אויף דער באַן־סטאַנציע זענען געווען פאַרזאַמלט ביי אַ צען טויזנט מענטשן. גאַר רירנדיק איז געווען דאָס געזעגענען זיך פון די לעגיאָנערן מיט זייערע משפחות און נאָענטע. אמת, דער אידעאַל האָט געמוטיקט, דאָך פאַרט מען אויף מלחמה... אַ סך פון די פאַרזאַמלטע זענען מיטגעפאָרן קיין לאַ־פּלאַטאַ, צו דער שיף. פאַרנדיק אויף דער באַן האָב איך געטראַכט: פאַרוואָס האָט דאָס פאָרן פון אַזאַ קליינער גרופּע לעגיאָנערן אַרויסגערופן אַזאַ באַגייסטערונג ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג? נאָך אַ טיפערן אַריינטראַכטן האָב איך פאַרשטאַנען די סיבה: כאָטש יידן האָבן שוין אין יענער צייט פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין דער ווירטשאַפט, האַנדל און אינדוסטריע, זיי האָבן זיך שוין אַקטיוו באַטייליקט אין געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן, איז נאָך אַלץ דער קוק פון געוויינלעכן אַרגענטינער אויף יידן געווען מיט אַ שמץ פון פאַראַכטונג, ווי צו אַ פאָלק פון הענדלערס און פעדלערס.... און דאָ זעט ער שטאָלצע, מוטיקע יונגע יידן פאָרן קעמפן פאַר זייער לאַנד, גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן. האָט עס אַרויסגערופן כבוד און חשיבות.

מיר זענען אָנגעקומען צו לאַ־פּלאַטאַ, ביים פּאָרט, דאָרט ווו די שיף איז געווען פאַראַנקערט, האָבן ווידער געוואָרט טויזנטער יידן. מיט דער פאָן פאָראויס זענען מיר אַרויף אויפן דעק פון דער שיף. די פאַרזאַמלטע האָבן אונדז געמאַכט שטורמישע אָוואַציעס. מען האָט גערופן דעם ד״ר עפּשטיין, ער זאָל רעדן, אָבער ער האָט מיך געבעטן איך זאָל זיין דער ערשטער. פון דעק האָב איך גערעדט וועגן אונדזערע צילן און פאַר־שטייענדיקע קאַמפן. נאָך מיר האָט גערעדט ד״ר עפּשטיין. דער עולם איז געשטאַנען רואיק, ווי פאַרכישופט. לאַנגזאַם האָט די שיף גענומען רירן פון פּאָרט, באַלד האָט זי גענומען שניידן די וואַסערן גיכער און שנעלער. שוין ווייט אַוועק האָבן מיר נאָך אַלץ געזען אַ וואַלד מיט הענט, מיט טיכלעך, וואָס גריסן און געזעגענען אונדז.

אין סאַנטאַ־בראַזיל האָט זיך די שיף אָפּגעשטעלט אויף אַ טאָג. אַ טייל פון אונדזער גרופּע זענען געפאָרן קיין סאַן־פּאולאָ, איך מיט די איבעריקע זענען אַרויף אויף איינעם פון די בערג אַנטקעגן דעם פּאָרט. איבער אַ שעה האָבן מיר געקלעטערט און דעם שפּיץ נישט דערגרייכט. פון דעם אָרט, ווו מיר זענען געשטאַנען, האָבן מיר געזען די ווונדערלעכע פּאַנאָראַמע פון דער בראַזיליאַנער לאַנדשאַפט.

נאָך דריי טעג פאָרן, האָט זיך די שיף אָפּגעשטעלט אינעם פּאָרט פון ריאָ־דע־זשאַנעיראָ, דאָ זענען מיר געשטאַנען צוויי טעג. בעתן דערנענטערן זיך צום פּאָרט, זענען מיר אַלע אַרויס אויפן דעק. מיר האָבן געקוקט אויף דער שיינער שטאָט מיט אירע ווייסע הייזער, וואָס האָבן געבלענדט אין שיין פון דער זון.

אַ דעלעגאַציע פון דער קהילה איז אַרויף אויף דער שיף אונדז צו באַגריסן. מיר, ווי דעם פאַרשטייער פון די לעגיאָנערן, איז דערלאַנגט געוואָרן אַ פּרעכטיקער בוקעט בלומען. דערביי האָבן זיי אונדז געמאָלדן, אַז במשך די צוויי טעג, וואָס די שיף וועט דאָ שטיין, זענען מיר די ערן־געסט פון דער ריאָער קהילה. אַרום צוויי בייטאָג זענען מיר אַלע אַרונטער פון דער שיף. דאָ זענען שוין געווען פאַרזאַמלט אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג מיט בראַזילאַנער און ציוניסטישע פענער. מוזיק האָט געשפּילט די הימנען. מען האָט אונדז אויפגענומען מיט התלהבות. מיר זענען אַריין אין אָפענע קאַטשן, פאַראויס — די גרויסע ווייס־בלויע פאָן, אַ מתנה פון דער ריאָער קהילה. צוזאַמען מיט אונדז זענען געפאָרן הונדערטער יידן. אַזוי זענען מיר דורכגעפאָרן די הויפּט גאַסן פון שטאָט. אומעטום האָט אונדז די באַפעלקערונג וואַרעם באַגריסט.

די קאַטשן־פּראַצעסיע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער שלום־עליכם ביבליאָטעק. אויך דאָ האָבן שוין געוואַרט אַ רייזקע מאַסע מענטשן. נישט אַלע האָבן געקענט אריין אין לאָקאַל, דער זאַל איז שוין געווען אָנגעפּראָפּט קאָפּ אויף קאָפּ. מען האָט אונדז באַוואָרפן מיט בלומען. ד״ר פּרץ, אַ חבר פון פּאַרלאַמענט, האָט באַגריסט און זיך צעקושט מיט מיר. די יוגנט האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט, געהויבן אין דער לופטן, אַזוי האָב איך געערדט צום עולם. די לופט איז געווען ממש אָנגעגליט מיט באַ־

גייסטערונג. וויפל ליבע און געטריישאַפט דאָס פאָלק האָט דעמאָלט אַרויס־געוויזן צו די, וואָס זענען געפאָרן קעמפן פאַר דער יידישער היים, איז זיך גאָר שווער פאָרצושטעלן... נאָך די רעדעס האָט מען געשטעלט כיבוד פאַר די לעגיאָנערן און געסט. אַרום 12 בייַנאַכט האָט מען אונדז פאַרבעטן אויף אַ שפּאַציר, מיר זענען געפאָרן צום ברעג ים, צום פּאָרט, וואָס איז איינער פון די שענסטע אין דער וועלט. די פערדלעך זענען געלאָפן געטרעטן, געקלאַפּט מיט די פּאַדקאָוועס, ווי אויף אַ פּאַראַד. די נאַכט איז געווען אַ שיינע, אַ קלאָרע, און מיר זענען געווען איבערגעפילט מיט בענקשאַפט און חלומות וועגן אונדזער צוקונפט. אַזאַ געפיל לעבט מען איבער נאָר איין מאָל אין לעבן.

דעם צווייטן טאָג פאַר מיטאָג זענען מיר אַראָפּ פון דער שיף אויף אַ סתם פרייען שפּאַציר. מיר האָבן זיך צעטיילט אין גרופּעס, יעדער איז געגאַנגען אין אַן אַנדער זייט. ווידער האָבן מיר באַוווּנדערט די שטאָט, ווי שיין זי איז. מיר האָבן זיך צוגעקוקט צו דער איינגעבוירענער באַפעל־קערונג: שיינע שוואַרצע מענער און פרויען.

אַדורכגייענדיק אַ זייטיקע גאַס, האָט פון אַ פענצטער גערופן אַ פרוי אין אַ פּוילישן יידיש: „יונגעלייט! איר זענט פון די לעגיאָנערן? קומט אַריין!" מיר זענען אַרייַנגעגאַנגען. דורך אַן אָפענע טיר האָבן מיר געזען צוויי שוואַרצע פרויען ליגן אויף קאַנאַפּעס און רויכערן. אין משך פון עטלעכע מינוט איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס זענען גאַסן־פרויען, און די פרוי, וואָס האָט אונדז גערופן, איז די „מומע" פון דעם הויז. מיר האָבן זיך צעשמועסט מיט איר, און זי האָט אונדז דערציילט איר לעבנס־געשיכ־טע: זי שטאַמט פון אַ קליין שטעטל אין פּוילן, דאָרט איז איר פאָטער געווען דער רב — זי האָט אונדז געוויזן בילדער פון אירע עלטערן, אַ הדרת־פּנימדיקער, שיין־בערדיקער ייד און אַ פרום יידישע רביצין. זי איז געווען יונג, לייכטזיניק. האָט זי זיך פאַרליבט אין אַ פעלדשערס זון און איז מיט אים אַנטלאָפן קיין בראַזיל. נאָכן אָפּלעבן אַ קורצע צייט צוזאַמען, איז ער אַוועק אין דער ווייטער מעקסיקע און פון דאָרט געשיקט אַ גט. זי איז געבליבן אַליין, עלנט אין דעם פרעמדן בראַזיל און אַרייַנגע־פאַלן אין דער נעץ פון פּראָסטיטוציע. איצט איז זי שוין אַ באַלעבאָסטע

פון אַזאַ הייזל. זי האָט עס דערציילט אַזוי פּשוט, גלייכגילטיק, אָן ווייטיק און חרטה.

דעם זעלבן פאַרנאַכט האָט די שיף פאַרלאָזן דעם פּאָרט. מיר זענען אַלע געשטאַנען אויפן דעק און נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון דער פּרעכטיקער ריאָ־דע־זשאַנעיראָ, וואָס איז געווען ראָז־באַלויכטן פון דער אונטערגייענדיקער זון.

קנאַפּע זעקס וואָכן זענען מיר געפאָרן אויפן ים. געווען טעג מיט גרויסע שטורעמס: די כוואַליעס האָבן זיך געהויבן איבער דער שיף, ווי געוואָלט אונדז איינשלונגען. אין אַזעלכע טעג זענען אַלע פון אונדז געלעגן אויף די בעטלעך ים־קראַנק. אין די רואיקע טעג, האָבן מיר געמאַכט מיליטערישע איבונגען. פון בראַזיל אָן זענען מיר געווען צווישן ים און הימל, ס'האָט זיך געבענקט נאָך אַ פּיצל יבשה. די צייט האָט זיך געצויגן לאַנג און מאָנאָטאָן, ביז מיר זענען לסוף אָנגעקומען קיין ענגלאַנד אין דעם פּאָרט ליווערפּאָל.

די לעגיאָנערן אין ענגלאַנד

ביים פּאָרט אין ליווערפּאָל האָבן אויף אונדז געוואַרט עטלעכע מי־ליטער־לייט. די אויפנאַמע איז געווען אַ פריינדלעכע מצד דער מיליטערי־שער מאַכט. נאָכן אַרונטערגיין פון דער שיף האָט מען אונדז דערלאַנגט טיי מיט סענדוויטשעס. איך בין געווען דער פאַרבינדלער צווישן זיי און די לעגיאָנערן, ווייל דער איינציקער, וואָס האָט געקענט רעדן ענגליש. פון פּאָרט האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אין שטאָטראָט, אונדז איינגעשוואָרן ווי רעגולערע זעלנער. פון דאָרט זענען מיר גלייך אַוועק צו דער באַן, כדי צו פאָרן קיין לאָנדאָן.

נאָך אַ 4־שעהדיקער נסיעה, זענען מיר שפּעט אין אָוונט אָנגעקומען קיין לאָנדאָן. אויף דער באַן־סטאַנציע האָט אונדז באַגריסט אַ דעלעגאַציע פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע און מיר זענען גלייך אַריבער אין אַ צווייטער באַן, וואָס האָט אונדז אָפּגעפירט קיין פּלימוט. ערשט דאָ איז

פלימוט זענען מיר אויף אַן אמת אַריין אין אונדזער מיליטערישער ראָל. מען האָט אונדז אויסגעטיילט מילטערישע קליידער, געלערנט דיסציפּלין, איבונגען, שיסן א. א. וו. די אַרגענטינער זענען אַלע געווען קאָנצענטרירט אין איין באַראַק און זיך געפּילט נישט שלעכט.

נאָך עטלעכע וואָכן סאָלדאַטעווען, איז אויף די שלאַכט־פעלדער דער־קלערט געוואָרן וואָפן־שטילשטאַנד. די מלחמה האָט זיך געענדיקט. אין איינעם אַ טאָג, ווען מיר זענען געווען אויסגעשטעלט אויף פּאַראַד, האָט דער אָפיציר אָפּגעגעבן אַ מעלדונג: „היות די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז אַלע די, וואָס ווילן נישט פאָרן קיין פּאַלעסטינע, קענען זיי אין גאַנצן באַפרייט ווערן". נאָר צוויי פון דער אַרגענטינער גרופּע האָבן דערקלערט, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ צו פאָרן און ווילן אַהיים. ווען איך בין שפּעטער אַריין אין אונדזער באַראַק, זענען די צוויי געשטאַנען צוגעדריקט האַרט צו דער וואַנט און די איבעריקע האָבן זיי געשלאָגן, געשפּיגן אין פּנים און גע־שריגן: „בוגדים! פאַררעטער!". די סצענע האָט מיך דערשיטערט.

אַ מעשה מיט קאַסטנס זאַכן

די אַרגענטינער האָבן מיטגעברענגט מיט זיך קאַסטנס מיט פּערזענ־לעכע חפצים, כמעט אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. ביי אונדז איז געווען דער באַשלוס, נישט נאָר צו באַטייליקן זיך אין דער מלחמה פאַר פּאַלע־סטינע, נאָר נאָכן זיג זיך צו באַזעצן אויף שטענדיק אין ארץ־ישראל. די קאַסטנס זענען געגאַנגען צוזאַמען מיט אונדז, אויף דער זעלביקער שיף, וואָס האָט אונדז געפירט פון אַרגענטינע קיין ליווערפּאָל. דערווייל איז שוין אַוועק 4 וואָכן און די קאַסטנס זענען נאָך נישט אָנגעקומען קיין פּלימוט. די חברה זענען געוואָרן אומרואיק וועגן זייערע זאַכן און פאַר־לאַנגט פון מיר — ווי זייער פאַרשטייער און ענגליש־רעדער — כ'זאָל עפּעס טאָן אין דעם ענין. איך האָב זיך עטלעכע מאָל געוואָנדן צום אָפיציר ה' צינקלער (אַ ייד), אויך צום הויפּט־אָפיציר פון דער קאָמפּאַניע, אָבער אָן רעזולטאַטן. דעמאָלט האָב איך צוזאַמענגערופן אַלע אַרגענטינער אין

אונדזער באַראַק און זיי דערציילט וועגן מיינע אַנשטרענגונגען אויפצו־קלערן די זאַך, אָבער אַן דערפּאָלג. כ׳האָב פאַרגעשלאָגן, דירעקט זיך ווענדן צום מלחמה־שטאַב וועגן דעם ענין. ביי מיינע לעצטע פּאָר ווערטער, איז אין באַראַק אַריין דער אָפיציר צינקלער. אַלע זענען שטיל געבליבן. האָט ער מיך אַרויסגערופן און געזאָגט: „ווייסטו, מענטשעס, אַז אַ פאַרזאַמלונג איז קעגן דער דיסציפּלין? ווייסטו, אַז דו קענסט באַשטראָפט ווערן דער־פאַר? וואָס שייך די קאָסטנס, האָב איך געטאָן אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך, מען ווייסט נישט, ווו זיי זענען, אָבער כ׳וועל טאָן אַלץ, וואָס כ׳בין בכוח, זיי אויפצוזוכן״. מיט דעם האָט זיך דערווייל דער ענין פאַרענדיקט, צו דער אומצופרידנקייט פון די אַרגענטינער.

מיט אַ וואָך שפּעטער, נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף די זאַכן, זענען מיר אַרויף אויף אַ שיף צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע. אויף דער שיף זענען אויך געפאָרן גרעסערע גרופּעס לעגיאָנערן פון אַמעריקע און קאַנאַדע. צוזאַמען זענען מיר געווען אַרום טויזנט מענטשן — אַ יונגע לעבעדיקע חברה, צווישן זיי — זשורנאַליסטן, שרייבער, מאָלער, געזעלשאַפטלעכע און פּאַרטיי־טוערס, דער גרויסער רוב פּועלי־ציוניסטן. אויפן וועג האָבן מיר ממשיך געווען צו מאַכן איבונגען, מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ טאָג־ביולעטין, געהאַלטן רעפעראַטן איבער יידישע פּראָבלעמען. אין די אָוונטן זענען מיר אַלע געווען אויפן דעק. צווישן די וואַסערן פון ים און אַן אויסגעשטערנטן הימל, האָבן מיר געזונגען יידישע און העברעאישע לידער. אַלע זענען געווען דערהויבן און באַגייסטערט. מיר זענען געווען דורכ־געדרונגען מיט נאַציאָנאַלע האָפענונגען. מיר האָבן געפילט דעם גרויסן היסטאָרישן מאָמענט, אַז אויף אונדז, די יוגנט, ליגט דער חוב אָנצוהייבן שאַפן די יידישע מדינה.

די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פּאָרט־סאַיד און פון דאָרט זענען מיר אַריין קיין קאַנטאַראַ, ווו ס׳איז געווען אַ גרויסער מיליטערישער קעמפּ. נאָר דאָ זענען מיר געווען עטלעכע טעג, ביז מען האָט אונדז געשיקט קיין ראפא.

דעם ערשטן טאָג אין מיליטערישן לאַגער אין ראפא האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אויף פּאַראַד אין אַ האַלב־רונדן קרייז. אויף אַ ווייסן פערד

איז אַריינגעריטן קאָלאָנעל פּעטערסאָן און געהאַלטן פאַר אונדז אַ קורצע רעדע: „פאַר אייך יידישע לעגיאָנערן איז דאָס זיין אין אַ מיליטערישן לאַגער, נישט נאָר אַ פראַגע פון מיליטערישער דיסציפּלין, נאָר אַן ענין פון דערהייבן דעם כבוד פון אייער פאָלק. כ'האָב בטחון, אַז איר וועט ביידע פּראָבעס אויסהאַלטן און מיר וועלן זיין שטאָלץ מיט אייך".

דעם זעלבן טאָג האָט מען אונדז איינגעטיילט אין באַטאַליאָנען און קאָמפּאַניעס. די וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר ארץ־ישראלדיקע, זענען געשיקט געוואָרן אין 40־סטן, די אַמעריקאַנער — אין 39־סטן, די אַרגענ־טינער אוז ענגלענדער אין 38־סטן באַטאַליאָן.

דער מיליטערישער לאַגער אין ראפא

אויף אַ גרויסן זאַמדיקן מדבר־שטח, ווו ס'זענען שוין פון פריער געווען אַ ביסל געצעלטן, האָבן מיר אויפגעשטעלט נאָך אַ גרעסערע צאָל נייע, פון לייוונט. אין יעדן פון זיי האָבן זיך באַזעצט 6 — 8 מענטשן. אַרום איז געווען רויער־גרויער מדבר. קיין בוים, קיין גרעזל. וואַסער האָט מען יעדן טאָג געבראַנגט אין פעסער פון וואַדי־אַלריש. אַלץ, וואָס מיר האָבן געגעסן, האָט געקנאַקט אונטער די ציין. דאָס זאַמד, וואָס די מדבר־ווינטן האָבן אָנגעטראָגן, איז אַריינגעדרונגען אין יעדער ווינקל און שפּאַלט. בייטאָג האָט די זון מוראדיק געברענט און ביינאַכט, שלאָפנדיק אויפן איינציקן קאָץ, אָוועקגעלייגט אויפן זאַמד, האָט מען געציטערט פון קעלט. די נעכט זענען געווען קילע און שטילע, פון צייט צו צייט האָט מען געהערט דאָס וואָיען פון שאַקאַלן.

די ערשטע טעג האָט מען אונדז אַ סך מאָל געשטעלט אויף פּאַראַד. מען האָט אונדז געלערנט: דיסציפּלין, פליכטן און אויך שיסן. פאַר דעם האָט זיך שטאַרק איינגעשטעלט זשאַבאָטינסקי. ער איז געווען דער איינ־ציקער אָפיציר, וואָס האָט געהאַט אַן אינטערעס, אַז די יידישע לעגיאָנערן זאָלן קענען האַלטן אַ ביקס אין האַנט — נישט נאָר אויף פּאַראַדן, זיי זאָלן טאַקע קענען שיסן. איך בין געווען איינער פון דער גרופּע, וואָס האָט זיך

געלערנט שיסן, אונטער דער דירעקטער השגחה פון זשאַבאָטינסקין אַליין.

אונדזער עיקר־אַרבעט אין לאַגער איז געווען — היטן די טערקישע געפאַנגענע און די פאַרכאַפּטע אַמוניציע־סקלאַדעס. דאָס טוישן די וואַך איז פאָרגעקומען אַלע 4 שעה. שווער איז געווען ביינאַכט: נישט אויסגע־שלאָפן, האָט די קעלט נאָך מער געפייניקט. ווען מען האָט געוועקט אין מיטן נאַכט אויף פּאַטראָל, האָט מען געציטערט פון קעלט. חוץ דעם האָט געשראָקן די אַליינקייט אין מיטן מדבר.

גאַנץ אָפט איז געקומען אַן אָפיציר קאָנטראָלירן די וואַך. אין דער טיפער נאַכט־פינצטערניש האָב איך באַמערקט דעם שאָטן פון אַ מענטש, וואָס דערנענטערט זיך. כ׳האָב אויסגעשטרעקט די ביקס און אַ געשריי געטאָן, שטיי! דער אָבער פאָלגט נישט, צום צווייטן מאָל האָב איך אַ געשריי געטאָן און שוין געוואָלט אַ צי טאָן ביים צינגל. הער איך אויף יידיש: „הער נאַר, הער נאַר, ווי ער האָט עס זיך אַ ביסל צעשריגן״. ס׳איז געווען אונדזערס אַ זעלנער, וואָס שטייענדיק אַליין אויף דער וואַך, אַ הונדערט מעטער פון מיר איז אים אומעטיק געוואָרן, איז ער געקומען אַ ביסל שמועסן. כ׳האָב אים שטרענג באַפוילן זיך אומצוקערן אויף זיין אָרט.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז טאַקע געקומען אַן אינספּעקטאָר קאָנ־טראָלירן די וואַך. כ׳האָב באַמערקט אַ מענטשלעכן סילועט, נאָר יענער האָט מסתמא באַשלאָסן מיך צו כאַפּן אַ שלאָפנדיקן, אָדער נישט אויפן אָרט — איז ער געגאַנגען האַסטיק, גיך. ווען איך האָב אַ געשריי געטאָן: „שטיי! גיב זיך צו דערקענען!״ איז שוין מיין באַגנעט געווען ביי זיין האַרץ. די לעצטע רגע איז אויסגעמיטן געוואָרן דאָס אומגליק. ער האָט געזאָגט דעם סימן און איך האָב סאַלוטירט.

אויסער די געפאַנגענע און די אַמוניציע־סקלאַדעס, האָבן מיר אויך געהיטן דאָס עסן און דאָס צוגעברענגטע וואַסער. ביינאַכט האָבן מיר גע־היטן די קיכן. די חברה, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, האָבן זיך געלאָזט ווילגיין. די קוכערס האָבן שטענדיק באַהאַלטן פאַר זיך אַ זאַפּאַס פון גוטע זאַכן, האָבן די וואַכלייט דאָס אויפגעזוכט און אָנגעפילט זייערע — און זייערע חברימס — מאָגנס און מאַנאַשקעס. צו מאָרגנס, ווען די

קוכערס זענען געקומען און געזען דעם חורבן, זענען זיי געווען גוט אין כעס, אָבער זיי האָבן געמוזט פאַרבייסן די ליפּן און שווייגן.

ס׳האָט אָנגעהויבן נמאס ווערן דאָס פּוסטע זעלנערישע לעבן. טאָג־טעגלעך האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע. באַזונדערס האָט געשפּילט אויף די נערוון דאָס אָפּטע טראָמפּייטלען צום פּאַראַד, ביי וועלכן מיר האָבן געמוזט שטיין אויסגעשטעלט אַ לאַנגע צייט אויף דער גרויסער היץ, ביז דער אָפיציר האָט אויסגעקליבן אַ 20 — 30 מענטשן און זיי געגעבן אַ בכלל נישט נויטיקע אַרבעט. די אַ צערעמאָניעס זענען פאָרגעקומען עטלעכע מאָל אין טאָג. דערפאַר, ווען מ׳האָט נאָר דערהערט דאָס טראָמפּייט, האָבן אַ סך פּלוצים באַקומען בויך־ווייטיקן, געלאָפן אין די קלאָזעטן, כדי אויסצומיידן דאָס שטיין אויף דער זון. אויף איינער פון די פּאַראַדעס — די זון האָט דעמאָלט געשאָטן מיט פייער — האָב איך, שטייענדיק אין דער ריי, זיך אַ וואָרף געטאָן און געזאָגט עטלעכע ווערטער פון פּראָטעסט קעגן די צו אָפטע, אומנויטיקע פּאַראַדעס. דער סערזשאַנט האָט תיכף אַרויס־גערופן אַ פּאַטראָל פון צוויי זעלנער מיט אויפגעהויבענע ביקסן, זיי דערקלערט, אַז איך בין אַרעסטירט, און באַפוילן מיך צופירן צו אַ געצעלט און מיך דאָרט שטרענג היטן. באַלד צו מאָרגנס האָט מען מיך געפירט צום געריכט. אין אַ לאַנגן באַראַק ביי אַ טיש, זענען געזעסן עטלעכע אָפי־צירן פון העכערן און נידעריקן ראַנג. זיי האָבן מיך באַטראַכט, דערנאָך האָט איינער געפרעגט: „איז עס אמת, אַז בעת אַ פּאַראַד, האָסטו זיך אַ וואָרף געטאָן און געזאָגט, אַז די פּאַראַדעס זענען שוין נמאס געוואָרן?״. „יאָ, — האָב איך געענטפערט — כ׳האָב אַזוי געזאָגט, ווייל די זון האָט שרעקלעך געברענט און איך האָב זיך נישט גוט געפילט״. „צי מיינסטו צו זאָגן, — פרעגט ער ווייטער — אַז דו ביסט געווען קראַנק?״. „אַזוי איז דאָס״, — האָב איך געענטפערט. נאָך אַ קורצער באַראַטונג האָט דאָס געריכט באַשלאָסן, מיך צו שיקן אין שפּיטאָל אויף אַן אונטערזוכונג. אַ וואָך פון צוויי זעלנער, האָבן מיך געפירט צום שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען עטלעכע הונדערט מעטער פון אונדזער קעמפּ. די זון האָט שרעקלעך געברענט, און איך, גייענדיק, האָב זיך באַמיט נאָך מער צו דערהיצן. ווען מיר זענען אָנגעקומען אין שפּיטאָל — אַ גרויסער לייוונט־

נער געצעלט, מיט עטלעכע קליינע אָרום — האָט מיך דער דאָקטאָר באַטראַכט און פעסטגעשטעלט, אַז איך האָב היץ. די וואָך האָט ער געהייסן אַהיימגיין און מיך פאַרהאַלטן אויף צוויי טעג. דאָ האָב איך זיך אויסגערו־געטרונקען פרישע מילך, געגעסן גוטע, לייכטע עסנס. כ׳האָב זיך ווידער געפילט געשטאַרקט, ס׳איז פאַר מיר געווען אַן אמתע רפואה. דאָס פאַר־האַלטן מיך אין שפּיטאָל האָט מיך באַפרייט פון אַ גרויסער צרה און שטראָף. פאַרשטייט זיך, איך בין שוין געווען פאַרזיכטיק מיט רייד.

בערך אַ האַלבע שעה גאַנג פון אונדזער לאַגער האָט זיך געפינען די מחנה פון די מיוחסים — די אויסטראַליער. זיי האָבן געהאַט אַ סך פּריווי־לעגיעס, אַ סך איינריכטונגען און באַקוועמלעכקייטן, וואָס מיר האָבן נישט געהאַט. דער עיקר האָבן מיר זיי מקנא געווען מיט דער באָד, צו קענען זיך מאַכן אַ וואַסער־טוש. פון צייט צו צייט זענען מיר, קליינע גרופּעס, געגאַנגען צו די אויסטראַליער אויף אַ באַזוך. צוליב דער היץ און די טיפע זאַמדן האָט עס געדויערט אַ סך לענגער, ווי געוויינלעך אַזאַ מהלך. די אויסטראַליער — אַלע ווי איינער הויך־געוואַקסענע פריילעכע, גוט און פריינדלעך, האָבן מיר אַלע ליב געהאַט. ס׳איז געווען אַנגענעם צו פאַר־ברענגען מיט זיי. טאַקע לעבן זייער מחנה האָב איך צום ערשטן מאָל גע־טראָפן בעדואינער, צוויי זענען זיי געווען און האָבן פאַרקויפט אַרבוזן און צברהס. דאָס דאַזיקע מאכל האָב איך געזען צום ערשטן מאָל. כ׳האָב געקויפט ביי זיי 12 שטיק פאַר 1 פּיאַסטער.

אורלויב אין ירושלים

צוליב ראש־השנה האָבן אַ סך לעגיאָנערן באַקומען אורלויב און אַ דערלויבעניש צו פאָרן ווו זיי ווילן. איך מיט אַ קליינער גרופּע פון אונדזער באַטאַליאָן זענען געפאָרן קיין ירושלים. צוויי טעג פאַר יום־טוב האָט אונדז די באַן — וואָס האָט זיך געדרייט ווי אַ שלאַנג איבער די בערג — געבראַכט אין דער הייליקער שטאָט. ווען כ׳האָב געטראָטן איר

ערד, האָב איך עפּעס אינסטינקטיוו זיך אַ בויג געטאָן און מיט אַ געפּיל פון קדושה אַ קוש געטאָן איר ערד.

מיר זענען אַריין אין אַ „האָטעל", וואָס האָט געהייסן „מלון מזרחי". אין אַן אַלט אָפּגעלאָזן הויז זענען געווען צימערלעך צום פּאַרדונגען. דער בעל־האָטעל האָט זיך זייער געפרייט מיט אַזעלכע חשובע געסט — לעגיאָנערן — אויף ראש־השנה, דערפאַר האָט ער גערעכנט פאַר יעדן „נאַר" 1 פונט אַ טאָג. פאַר יענער צייט איז דאָס געווען זייער אַ סך געלט, ער האָט שטאַרק באַריסן. מיר האָבן פאַרשטאַנען די עוולה, נאָר נישט געהאַט קיין ברירה און באַצאָלט.

זיך אַ ביסל אַרומגעוואַשן, איבערגעטאָן, זענען מיר אַרויס אין שטאָט. פּלוצים האָב איך דערזען דעם חבר פירשט פון גלאַזגאָו (סקאָטלאַנד). מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט, זיך געפאַלן אין די אָרעמס און זיך געקושט. ער איז דאָ אין דער מיליטעריש־סאַניטאַרער אָפּטיילונג, אַן אינ־ספּעקטאָר איבער דער ריינקייט פון דער שטאָט. ער האָט אונדז שוין נישט אָפּגעלאָזט. ער איז דאָ אויסגעקאַכט, קען אַלעמען, און אַלע קענען אים. אַפילו די קראַנקן־שוועסטער פון ראָטשילד־שפּיטאָל זענען זיינע באַקאַנטע. ער האָט אונדז טאַקע באַקענט מיט עטלעכע פון זיי — שוין אַ לאַנגע צייט האָבן מיר נישט געזען קיין פרוי פאַר די אויגן — און מיר האָבן צוזאַמען גע־מאַכט אַ שפּאַציר אויף אָפענע קאַרעטעס, קיין מוצא. געפאָרן זענען מיר זייער פאַמעלעך, אויף געוויסע ערטער איז דער וועג געווען זייער שמאָל, מיט טיפע טאָלן. אַרום זענען געווען אַראַבישע דערפער. דאָס אויג איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אַרומיקער באַרגיקער לאַנדשאַפט.

אין מוצא גופא האָבן מיר געטראָפן ווייניק תושבים, די מלחמה האָט זיי ערגעץ ווו פאַריאָגט. אַ סך הייזלעך זענען געווען אָפּגעלאָזן, חרוב, אָפּ־געריסענע לאָדנס, פאַרקלאַפּטע צעבראָכענע טיר און פענצטער. די מענטשן, וואָס מיר האָבן יאָ געטראָפן, האָבן אונדז אויפגענומען מיט פרייד און כבוד, ווי חשובע און ליבע געסט. זיי האָבן געברענגט גאַנצע קויבערס מיט די בעסטע ווייַנטרויבן. מיר האָבן זיך צוגעכאַפּט און געגעסן ביז האַלבער שיכרות. דאָ האָט מען אונדז אָנגעוויזן אויף אַ בוים, וואָס ד"ר הערצל האָט פאַרפלאַנצט, ס'איז געווען זייער שטאָלץ. מיר האָבן זיך געפילט גוט אין

זייער סביבה. ווען ס'איז געוואָרן פאַרנאַכט, האָבן מיר באַדאַנקט די מענטשן פון מוצא, זיי געווונטשן, אַז אויפן נייעם יאָר זאָל שוין זיין אַ יידיש ארץ־ישראל. מיר זענען אַריין אין די קאַרעטעס — אָנגעפילטע מיט שמחה, פאַרשיכורטע, נישט נאָר פון די וויינטרויבן, נאָר נאָכמער פון דער אַרומיקער שיינקייט און פון די שיינע פרויען, וואָס זענען געווען מיט אונדז.

דעם צווייטן טאָג, באַלד אין דער פרי, זענען מיר אַ גרעסערע גרופּע אַוועק אין אַלט־ירושלים. קריכנדיק איבער שמאָלע געסלעך, וואָס נאָר איין אייזל קען דורכגיין, האָבן מיר געזען די אַראַבישע „געשעפטן": פון ביידע זייטן געסל זענען אויסגעהאַקט לעכער אין די ווענט, דאָ ליגט די סחורה און דאָ וווינען זיי. אַרום האָט זיך געפילט אַ מאָדנער שלעכטער ריח, מאָסקיטן און פליגן זענען דאָ געווען מיליאָנען. זיי האָבן זיך געקלעפּט צום עסנוואַרג, וואָס איז געלעגן אָפן אין די לעכער, אָדער זיך געשטעלט אויף די פּנימער פון די מענטשן, וואָס זענען פויל־פלעגמאַטיש געזעסן און געטרונקען קאַווע, אָדער זיך סתם געוואַרעמט אויף דער זון. עס קריכן פליגן, זיי שטייען אויפן פּנים? ווער מען אַרט דאָס? זאָלן זיי זיך שטיין.

מיר גייען אַרונטער אַ סך שטיינערנע טרעפּן, און מיר געפינען זיך ביים „כותל המערבי". האַרט ביי דער וואַנט שטייען יידן און זענען מתפּלל. יידן פון פאַרשידענע עדות: אָריענטאַלישע יידן אין זייערע ספּעציפישע מלבושים, חסידישע יידן פון פּוילן־גאַליציע, און עטלעכע מאָדערנע יידן. אַלע דאַווענען, אַ טייל הייס, הויך אויפן קול, אַנדערע באַוועגן קוים מיט די ליפּן. אַלע בעטן צו גאָט. וואָס צו בעטן, פעלט נישט, ס'איז דאָך היינט ערב ראש־השנה. כ'בין זיך מודה, אַז מיר — די גרופּע פריידענקער־סאָציאַליסטן — האָבן דאָ, קוקנדיק אויף דער היסטאָרישער וואַנט, די ירושה פון אַמאָליקן בית המקדש, דערפילט אַ געפיל פון קדושה. נאָר די גרויסע צאָל בעטלערס האָבן געשטערט די הייליקייט און די טיפע איבערלעבונג.

אַוועקגייענדיק פון דער „כותל", האָט זיך צו אונדז צוגעטשעפּעט אַ יונגער קריסטלעכער אַראַבער. אין אַ צעבראָכענעם ענגליש האָט ער אונדז גענומען אויפקלערן, ווייזן אַלע היסטאָרישע פאַרהייליקטע ערטער. גייענדיק אין איינעם פון די שמאָלע געסלעך, דערהערן מיר דאָס לערנען

פון יידישע קינדער, ווי אַמאָל אין חדר פון דער אַלטער היים. ס׳האָט מיך עפּעס אַ צי געטאָן. מיר זענען אַרויפגעקראָכן אויף אַלטע צעבראָכענע קרו־מע טרעפּ אויף אַ גאָניקל, און פון דאָרט אין חדר: ביי אַ לאַנגן טיש, אויף צוויי לאַנגע בענק, זענען געזעסן צוזאַמענגעדריקט עטלעכע צענדליק יידישע קינדערלעך מיט בלאַסע אויסגעדאַרטע פּנימלעך. אַן עלטערער מענטש, דער רבי, האָט געלערנט מיט תמנישע קינדער, אויפן זעלבן אופן, ווי מ׳האָט אַמאָל געלערנט מיט אונדז. דער רבי שאָקלט זיך און ס׳שאָקלען זיך מיט אַ זעקס צענדליק געקרייזלטע — ווי פּראָפּן־ציערס — פּאהלעך פון די קינדער. דאָס אַלץ מיט אַ לאַנגן אויסגעצויגענעם מאָנאָטאָנעם ניגון. מיר זענען אַ ביסל געשטאַנען, צוזאַמענרעדן זיך האָבן מיר נישט געקענט, זענען מיר אַוועק מיט עפּעס אַ בענקשאַפט אין האַרצן.

ווידער גייען מיר דורך אַ שמאָל געסל באַרג־אַרויף, און מענגעס יידן לאָזן זיך צום כותל־מערבי באַרג אַראָפּ. ס׳גייען אַפריקאַנישע יידן אין ווייסע יאַקעס מיט געשטריקטע גאַרטלען אין זילבער באַפּוצט; תימנער, אין רויטע פּעסקעס מיט לאַנגע געקרייזלטע פּאות; פּויליש־גאַליצישע מיט ברייטע טלית־קטנס און שטריימלעך; אונגאַרישע מיט ברייטראַנדיקע היט, ווי טעלערס; ספרדישע, אַראַבישע יידן אין זייערע ספּעציפישע מלבושים. ס׳האָט אויסגעזען, ווי אַלע שבטים פון יידישן פאָלק האָבן זיך דאָ צונויפגעטראָפן, כדי זיך אויסצובעטן אַ גוט יאָר ביי דער כותל־המערבי.

מיר זענען אַריין אין אַ נייער „גאַס", אַ שמאָלע און איבערגעפּאַקטע. דאָ שטופּן זיך צוזאַמען מענטשן, אייזל און קעמל אין איין ענגשאַפט. אין די ווענט־לעכער זיצן גאַסן־הענדלערס: געלט־טוישערס, כישוף־מאַכערס, פליישׂ־בראָטערס, בשמים־הענדלערס און קאַווע־קאָכערס. אַלע זענען איינ־געוויגט אין מאָנאָטאָנע נגונים, וואָס רייסן זיך פון די גראַמאַפאָנען. אַ וועלט פון מיטלעלטער, אפשר פון נאָך פריער.

מיר זענען אַריין אין „אָמאַר"־מעטשעט, ער ווירקט אימפּאָזאַנט. ס׳איז אינטערעסאַנט די לעגענדע וועגן דעם שטיין, אויף וועלכן אברהם האָט מקריב געווען יצחקן. איצט ליגט ער דאָ אַרומגעצוימט, פאַרהייליקט. נאָר אונדז איז עס עפּעס פרעמד. מיר פאַרגעסן נישט, אַז ער שטייט אויפן אָרט פון בית המקדש. אונדזער פירער נעמט אונדז צו נאָך אַנדערע הייליקע

ערטער, אַפּילו צו אַזעלכע, ווו פּשוטע מענטשן ווערן נישט צוגעלאָזט, נאָר מיר זענען דאָך לעגיאָנערן־זעלנער, ווייזט מען אונדז אַרויס העפלעכקייט. די איידלקייט קאָסט אַפּילו אַ ביסל פּיאַסטערס, ביי יעדער אַריינגאַנג טרעפן מיר אָן אויסגעשטרעקטע האַנט, ס׳איז אָבער ווערט. דער שפּאַציר האָט מיך אַרויפגעפירט אויף מחשבות וועגן אונדזער טויזנטיעריקער געשיכטע, וואָס איז פאַרבונדן מיטן אויפקום און אונטערגאַנג פון דער יידישער מלוכה.

איצט זענען מיר אַריין אין אַ יידישער גאַס, אויך דאָ איז דער מזרח־טומל גרויס. קרעמלעך איינס לעבן צווייטן, דאָ איז סאַלאָניקי, וואַרשע, בוקאַרעשט, קאַווקאַז, תימן און ווילנע צונויפגעפרעסט צוזאַמען. מ׳רעדט, מ׳שרייט, מ׳רופט קונים. די פּרייזן זענען שפּאָט־ביליק. דאָ הערט מען אַלע שפּראַכן, נאָר יידיש, אין אַלע זיינע דיאַלעקטן, פאַרנעמט דאָס אויבנאָן. אויך דאָ פילט מען ריחות, אָבער באַקאַנטע, היימישע: הערינג, געווייערטע אוגערקעס, שווייצער־קעז, בשמים. ווידער דערהערן מיר פון אַ חדר אַ גמרא־ניגון, מיר קוקן אַריין — אַ רבי מיט אַ שוואַרצער געדיכטער באָרד, לאַנגע פּאות און אַן אויסגעקראָכן שטריימל אויפן קאָפּ, חזרט מיט קינדער „אמר רבי טרפון" און פאַרטייטשט אויף אַ געשמאַקן יידיש... מיר דער־נענטערן זיך צום שער יפו, דערלאַנגען דעם „פּירער" עטלעכע פּיאַסטערס, ער דינגט זיך, וואַרפן מיר צו נאָך עטלעכע און — אַרויס פון דער אַלט־שטאָט. מיר נעמען מיט זיך איבערלעבונגען און געפילן, אַ פּלאָנטער פון אַלט און ניי. ווען און ווי וועלן מיר זיי אויפקניפּן?...

מיר זענען צוריק אין ניי־ירושלים, אָטעמען מיט פרישער לופט. אויך דאָ איז דאָס לעבן קאָנסערוואַטיוו, צוריקגעשטאַנען, אָבער אין פאַרגלייך מיט דאָרט, איז דאָ פּראָגרעס, היינטצייטיקייט. דאָ טרעפט מען אַ סך וועלט־לעכע מענטשן, מענטשן פון אַלע פעלקער. מען טרעפט דאָ אָן אַ שיעור מיסיאָנערן. וואָסער פאָלק אָדער רעליגיע האָט דאָ נישט אָוועקגעשטעלט אַ טעמפּל, אַ קירכע, אַ שפּיטאָל? אָבי זיין דאָ מיט אַ פוס.

גוט איז דאָ אין די אָוונטן. קאַלטע פרישע לופט, אַ ריינער בלויער הימל מיט גרויסע שטערנס. מיר האָבן געבלאָנדזשעט איבער ירושלים און זיך נישט געקענט אָפּוווּנדערן פון אירע שיינע, קלאָרע נעכט. אונדז דוכט זיך, אַז נאָר דאָ זענען מעגלעך אַזעלכע. ס׳איז דאָך ירושלים!

אין באר יעקב

נאָך קנאַפּע זעקס חדשים זיין אין ראפּא, איז אונדזער גאַנצער באַ־טאַליאָן, צוזאַמען מיט אַלע אָרגענטינער, איבערגעפירט געוואָרן קיין באר יעקב. דאָס איז פאַר אונדז געווען אַ גרויסע פרייד. מיט איין מאָל פּטור געוואָרן פון מדבר און אַריין אין ציוויליזאַציע, דערצו נאָך אַ ייִדישן יישוב. דעם וועג פון ראפּא קיין באר יעקב האָבן מיר דורכגעמאַכט אַ ביסל מיט דער באַן, דאָס איבעריקע צופוס אין אַ מאַרש מיט פולער אַמוניציע. די היץ איז געווען גליענדיק, אין מאַרש זענען עטלעכע אָפּגעשטאַנען, נישט געקאָנט דערגיין. מיר זענען דורכגעגאַנגען האַרט לעבן עזה, געזען יוי שיינע, שלאַנקע בעדואינישע פרויען שפּאַנען מיט ריטמישע טריט ווען אויף זייערע אַקסלען וויגן זיך צוויי קרוגן וואַסער, ווי אין די אַלטע תנ"כישע צייטן. אַזוי זענען מיר אויסגעשעפּטע און מידע אָנגעקומען קיין באר יעקב.

אונדזער לאַגער האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ הונדערט מעטער פונעם יישוב. אין יענע צייטן איז דאָרט געווען ווייניק תושבים, צוליב דער מלחמה האָבן אַ סך פאַרלאָזן די קאָלאָניע. דאָס ביסל איבערגעבליבענע האָבן אונדז גאָר פריינדלעך אויפגענומען און מיר פלעגן זיי אָפט באַזוכן. ביי זיי האָבן מיר געטרונקען אַ היימיש גלעזל טיי, אָדער אַ גוט גלעזל וויין. ס'איז געווען זייער ביליק. שטאַרק האָט אונדז אינטערעסירט איין קאַווקאַזער משפחה — נישט אַזוי איבער דער קאַווקאַזער עקזאָטיק, ווי צוליב זייער 17־יאָריקער טאָכטער. אַ ווונדערלעכע שיינקייט איז דאָס געווען: אַ העל ווייס פּנים מיט שוואַרצע גליענדיקע אויגן; שוואַרצע זיידענע, לאַנגע צעפּ האָבן זיך געוואָרפן אויף אירע רונדע אַקסלען; איר שמייכל האָט באַצוי־בערט. ווי אַ מאַגנעט האָט זי אונדז געצויגן. נישט קיין טיי, נישט קיין וויין האָבן מיר דאָרט געטרונקען, נאָר לויטערע שיינקייט...

אין איינעם פון די ערשטע טעג אין באר יעקב, האָבן מיר, אַ גרופּע לעגיאָנערן, באַשלאָסן צו פאָרן קיין תל־אביב. אין יענער צייט איז עס נאָך געווען אַ קליין שטעטל, מיט אַן ערך דריי טויזנט איינוווינער. נאָר די שיינע, ריינע געסלעך, די ליכטיק־ווייסע איינשטאָקיקע הייזלעך, מיט בלו־

מסדר על שם זאב ז'בוטינסקי

תל־אביב, תי"ד 21174

לכב' מר מנשה ד.

אדוני,

זכית להיות בין הראשונים מאז בר־כוכבא, אשר הרימו את נס הגבורה העברית;

התנדבת לגדוד העברי במלחמת העולם הראשונה ושימשת מופת ודוגמא לכל לוחמי האומה, אשר קמו לשחרר את המולדת ולכונן את המדינה העברית.

ביובל החמישים ליצירת הגדודים העבריים מביעים לך תלמידי זאב ז'בוטינסקי את הוקרתם על חלקך במעש הגדול, עליו אמר לכם יוצר הגדודים זאב ז'בוטינסקי בשעת הפרידה מכם:

„אתה תחזור אל בני משפחתך, רחוק אל מעבר לים; ושם, כאשר תעיין פעם בעתון, תקרא בו בשורות טובות על תיי־חרות של יהודים בארץ יהודית חופשית, על בתי־מלאכה וקתדראות, על שדות חריש ותיאטראות ואולי גם על צירים ווזירים. שקוע תשקע בהרהורים והעתון יישמט מן היד ותזכור את עמק הירדן ואת המדבר מאחורי רפיח ואת הרי אפרים מעל לאבואין. התעורר אז וקום, גש אל המראה והסתכל בגאון בפניך, הזדקף והתמתח והצדע: זוהי מלאכתך שלך".

מסדר על שם זאב ז'בוטינסקי

ראובן

הנגיד

אָרדן א. נ. פון זאב זשאַבאָטינסקי,

תל־אביב, ת. ד. 21174

לכ׳ מר. מ נ ש ס ד.

אדוני,

האָסט זוכה געווען צו זיין צווישן די ערשטע פון נאָך בר־כוכבאַס צייטן, וואָס האָבן אויפגעהויבן די פאָן פון יידישער גבורה; האָסט זיך פרייוויליק צוגעשטעלט אין גדוד העברי בעת דער ערשטער וועלט־קריג, און ביסט גע־געווען אַ מוסטער און אַ ביישפיל פאַר אַלע קעמפער פון פאָלק, וועלכע זענען אויפגעשטאַנען צו באַפרייען דאָס פאָ־טערלאַנד און צו באַזירן די יידישע מדינה.

צום פופציק־יאָריקן יובל פון שאַפן די גדודים עבריים (יידישע באַטאַל־יאָנען), דריקן דיר אויס די תלמידים פון זאב זשאַבטינסקי זייער פאַרערונג פאַר דיין אָנטייל אין דער גרויסער טאַט, וועגן וועלכער ס׳האָט אויך גע־זאָגט זאב זשאַבאָטינסקי, דער שעפער פון די גדודים, בעתן נעמען אָפשייד פון אייך:

„ווען וועסט זיך צוריקקערן צו דיין משפחה, ווייט פון יענער זייט ים; און דאָרט, ווען וועסט אַמאָל אַריינקוקן אין אַ צייטונג, וועסט לייענען אין איר גוטע בשורות וועגן אַ פריי יידיש לעבן אין אַ פריי יידיש לאַנד, וועגן וואַר־שטאַטן און קאַטעדרעס, וועגן צעאַ־קערטע פעלדער און טעאַטערס, און אפשר אויך וועגן אַמבאַסאַדאָרן און ויזירן. וועסט פאַרזינקען אין מחשבות, און די צייטונג וועט זיך דיר אַרויס־גליטשן פון האַנט, און וועסט זיך דער־מאָנען דעם עמק הירדן, דעם מדבר פון אונטער רפיח און די בערג פון אפרים וואָס איבערן לאַבואין.

וואַך אויף, שטיי אויף און דער־נענטער זיך צום שפיגל און קוק מיט שטאָלץ, גלייך זיך אויס און סאַלוטיר: דאָס איז דיין אַרבעט״.

אָרדן א. נ. פון זאב זשאַבאָטינסקי,

(—) ראובן ילין

אַרכיוואַר

מען־געדענדלעך אַרום זיי, האָבן איבערראַשט און גוט געווירקט. דער שטאָלץ פון דער שטאָט איז דעמאָלט געווען די „הרצל גימנאַזיע". מיר זענען אַריין אין אַ רעסטאָראַנדל, גוט אָפּגעגעסן, כאָטש ס'איז געווען אָרעמקייט און אַ מאַנגל אין שפּייז, האָט מען פאַר געלט אַלץ געקענט באַקומען. קיין סך וואָס צו זען איז דאָ נישט געווען. מיר האָבן באַזוכט די גימנאַזיע, זיך אַרומגעדרייט איבער די עטלעכע געסלעך: ליליענבלום, אחד־העם, הרצל, שדרות רוטשילד, און זענען אַוועק קיין יפו. דאָרט האָבן מיר ווידער אַ מאָל איבערגעלעבט דאָס זעלבע, וואָס אין אַלט־ירושלים: לאַנגע שמאָלע געסלעך; באַרוועסע אַראַבישע פרויען מיט פאַרדעקטע פּנימער, דער רעש, דער טומל, דער מסחר, אַפילו די ריחות — פונקט ווי דאָרט. ס'זענען אויך פאַראַן יידישע געשעפטן, עטלעכע טויזנט יידן — מזרח־אייראָפּעאישע און ספרדישע — וווינען דאָ. צווישן זיי אַפילו מאָ־דערנע מענטשן, וואָס די געשעפטן האָבן זיי דאָ, אָבער זיי וווינען אין דער נייער תל־אביב. נאָר די לופט, די אַטמאָספער, דער סטיל, זענען פאָרט אַראַביש.

מיר האָבן דאָ לאַנג נישט געקאָנט זיין, זענען מיר שוין צוריק אין תל־אביב און מיר האָבן באַשלאָסן זיך גיין באָדן אין ים. אָבער ווי קומט מען צו אים? חוטשע — נטע גאָלדבערגס אַ שוועסטער, היינט נטע ארפּז, אַ חבר כנסת — איז אונדז געגאַנגען ווייזן דעם וועג. נאָך אַ שעה שלעפּן זיך איבער זאַמד־בערגער זענען מיר אָנגעקומען צום ברעג ים. אַרום און אַרום, ווי ווייט דאָס אויג קען דערגרייכן, זעט מען נאָר זאַמד און ים. קיין באָד־קאָסטיומען האָבן מיר נישט געהאַט, קיין אָרט וו זיך איבערטאָן איז נישט געווען, האָבן מיר געבעטן חוטשען זי זאָל קוקן אויף יפו און מיר זענען אַריין אין ים.

דאָס וואַסער איז געווען דערקווינדיק פריש, אויף אונדזערע דער־היצטע, פאַרשוויצטע קערפּערס פון לאַנגן וועג איז עס געווען ווי באַלזאַם. דאָרט זענען מיר געווען ביז פאַרנאַכט.

ווידער זענען מיר געקראָכן איבער די בערג זאַמד קיין תל־אביב. געגעגנטיקט ביי חוטשען, און אויף צו מאָרגנס אין דער פרי, זיך געלאָזט גיין קיין פתח־תקוה. קיין שאָסייען זענען נאָך נישט געווען, נאָר אַן

אויסגעטרעטענער וועג פאַר מענטשן, קעמלען און אייזלען. דער וועג איז געווען ליידיק און פוסט. בלויז דאָ און דאָרט עטלעכע אַראַביש־בעדואינישע געצעלטן פון בלעך אָדער לייוונט. מיר האָבן זיך דערנענטערט און געזען: אין געצעלט האָבן — צוזאַמען מיט די מענטשן — זיך געפונען די אייזלען, קאָזעס א. א. בעלי־חיים. אין דרויסן ביים אַריינגאַנג איז מיט שטריק געווען צוגעבונדן דער קעמל. באַרוועסע, שמוציקע קינדער מיט טראַכאָמע־אויגן זענען אַרומגעלאָפן, ווי קליינע חיהלעך — אַ טיפּיש אַזיאַטישע לאַנדשאַפט.

דעם גאַנצן וועג האָט אונדז באַגלייט דער וואונדערלעכער ריח פון מאַראַנצן־בליעכץ. מיר האָבן טיף איינגעאָטעמט דעם אַראָמאַט, ביז מיר זענען אַריין אין שטעטל. דעם ערשטן ייד, וואָס מיר האָבן געטראָפן שטיין ביי זיין קרעמל, האָבן מיר געפרעגט: אפשר ווייסט ער, ווו מיר קענען איינשטיין און נעכטיקן? „יאָ, — זאָגט דער ייד — כ'ווייס, איר קענט עס טאָן ביי מיר, כ'וועל אייך נישט טייער רעכענען". דאָס איז שוין געווען אַן אָנצוהערעניש, מיר זאָלן נישט מיינען, אַז ס'איז אומזיסט. ס'איז געווען פרייטיק, מיר ווילן דאָ בלייבן איבער שבת, וואָס וועלן מיר זוכן? זענען מיר געבליבן ביי דעם ייד. ער איז געווען צופרידן און אויך מיר האָבן זיך נישט אָפּגענאַרט.

פרייטיק צו נאַכט זענען מיר אַוועק שפּאַצירן צווישן די פּרדסים. אַ ליכטיקע נאַכט, דער הימל איז ריין, אויסגעשטערנט, די ריחות פאַרשיכורן. הונדערטער יינגלעך און מיידלעך שפּאַצירן דאָ, מ'שמועסט, מ'דיסקוטירט, מען פירט ראָמאַנען. גיך האָבן מיר זיך באַקענט מיט אַ גרופּע שיינע מיידלעך. דעמאָלט איז עס נישט שווער געווען, מיר זענען נאָך אַליין געווען יונג, דערצו נאָך, זענען מיר געווען יחסנים — עפּעס אַ קלייניקייט? יידישע לעגיאָנערן פון אַמעריקע, ענגלאַנד... אין דער סביבה פון אָט די שיינע מיידלעך מיט ווייסע בלוזקעס און שוואַרצע צעפּ, וואָס חלומען און בענקען צו נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, צו אַ נייער וועלט פון נאַטור, אַרבעט און פרייד, זענען מיר געווען פאַרכישופט און זיך געפילט אין זיבעטן הימל.

שבת נאָך מיטאָג האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן מיט דער זעלבער

דוד מענטשעס אין דער יידישער בריגאַדע.

גרופּע יוגנט. כמעט דאָס גאַנצע שטעטל פּתח־תקווה איז דאָ געגאַנגען שפּאַצירן. כ׳האָב זיך דערמאָנט אין די פּוילישע שטעטלעך, ווו שבת נאָך מיטאָג איז די גאַנצע יוגנט פון אַלע פּאַרטייאישע ריכטונגען, אַרויס שפּאַצירן הינטערן שטעטל, צווישן וועלדער און לאָנקעס. דאָרט האָבן מיר געריידט און געטרוימט וועגן די גרויסע אידעאַלן פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און דאָ זענען מיר שוין נאָענט צו דער רעאַליזירונג פון די חלומות, אָבער די שטימונג, די אַטמאָספער, איז די זעלביקע: יידישע אידעאַליסטישע יוגנט; אַ האַרציקע, ערלעכע און געטרייע, וואָס בענקט און חלומט, איז זיך גרייט מקריב צו זיין. ווי קען מען זיי נישט ליב האָבן?

זונטיק אין דער פרי זענען מיר אַרויף אויפן דיליזשאַנס צו פאָרן קיין תל־אביב, צוזאַמען מיט אונדז זענען געפאָרן נאָך ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס זענען שבת געווען אין פּתח־תקווה. דער דיליזשאַנס איז טריט ביי טריט געקראָכן איבער די פאָר הונדערט מעטער זאַמד, ביז ער איז אַרויס אויפן אויסגעטראָטענעם וועג. די יוגנט האָט האַרציק פאַרצויגן אַ ניגון. צום ערשטן מאָל האָבן איך דעמאָלט געהערט זינגען טשערניכאָווסקיס „שחקו, שחקו על החלומות״. דאָס ליד איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן און לאַנג האָב איך עס געברומט פאַר זיך. יענע נסיעה, יענע שטימונג, געדענק איך ביז היינט.

קאָנפערענצן

אונדזער אורלויב האָט זיך געענדיקט, מען מוז צוריקפאָרן אין דער מיליטערישער מחנה קיין באר יעקב. די לעגיאָנערן, וואָס זענען אין זייער רוב געווען פּועלי־ציוניסטן, דיסקוטירן איצט וועגן די צוויי קאָנפערענצן, וואָס דאַרפן פאַרקומען אין גיכן. א) אַ פּ.־צ.־קאָנפערענץ וועגן פאַראייניקן זיך מיט דער „הפּועל הצעיר״, און שפּעטער אַ ביסל, ב) אַ קאָנפערענץ אין פּתח־תקווה, פוןביידע פּאַרטייען צוזאַמען, כדי אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן פון טעטיקייט אויף דער צוקונפט. איך בין אויסדערוויילט געוואָרן ווי אַ דעלעגאַט אויף ביידע קאָנפערענצן.

די פועלי־ציון־קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין „ספעקטאָרס האָטעל" אין יפו, ס׳זענען געקומען איבער הונדערט דעלעגאַטן, די מערהייט פון „גדוד העברי". דאָ האָב איך זיך באַקענט מיט: בן־צבי, בן־גוריון, שערטאָק און אַנד. כאָטש זיי זענען אויך געווען פונעם גדוד, האָבן זיי זיך באַטראַכט ווי פּאַלעסטינער. צו פירן די קאָנפערענץ, ווי איר יושב־ראש, איז אויסגעקליבן געוואָרן בן־גוריון.

באַלד ביים אָנהייב זענען אויפגעקומען שוועריקייטן וועגן דער שפּראַך, אויף וועלכער מען דאַרף פירן די קאָנפערענץ. בלויז עטלעכע דעלעגאַטן האָבן געקענט העברעאיש, אָבער אַלע האָבן פאַרשטאַנען יידיש און גערעדט, אַז די קאָנפערענץ זאָל געפירט ווערן אין דער שפּראַך. איך האָב גענומען אַ וואָרט און אויפגעקלערט, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט אין דעם אידעאָלאָגישן וויכוח וועגן יידיש־העברעאיש, וואָס פירט זיך אין דער יידישער וועלט, נאָר אין וועלכער שפּראַך איז פּראַקטישער צו פירן די קאָנפערענץ, וועלכע דאַרף באַשטימען אַזעלכע פּרינציפּיעל־וויכטיקע פּראָגעס, ווי די פאַראייניקונג מיט הפועל הצעיר און אַלע דאַרפן פאַרשטיין וועגן וואָס ס׳האַנדלט זיך. וואָלטן אַלע דעלעגאַטן פאַרשטאַנען רוסיש — האָב איך צוגעגעבן — וואָלט זי געדאַרפט געפירט ווערן אין רוסיש. דאָ אָבער פאַרשטייען כמעט אַלע יידיש, פאָדערט די לאָגיק, זי זאָל געפירט ווערן אין יידיש. בן־גוריון האָט זיך אויפגעשטעלט און דערקלערט, אַז ווען ס׳האַנדלט זיך אין העברעאיש, וויל ער נישט וויסן פון קיין שום לאָגיק און די קאָנפערענץ מוז געפירט ווערן אויף עברית. עס איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער טומל, נאָר ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. ער האָט זיך אויפגערעגט, אַזש געקריצט מיט די ציין. דעמאָלט האָב איך דערקענט בן־גוריונען דעם עקשן. צום סוף איז געמאַכט געוואָרן אַ פשרה, אַז מען קען רעדן אויף ביידע שפּראַכן. נאָר בן־גוריון אַליין האָט גערעדט און געענטפערט נאָר עברית.

די קאָנפערענץ האָט געדויערט צוויי טעג. כמעט אַלע דעלעגאַטן האָבן גערעדט. בלויז אַ קליינע צאָל פון זיי זענען פּרינציפּיעל געווען קעגן דער פאַראייניקונג. זייערע מאָטיוון זענען געווען: די „הפועל הצעיר" זענען נישט קיין סאָציאַליסטן, זיי באַקעמפן דעם מאַרקסיזם, זענען קעגן קלאַסן־

קאַמף א. אַ. וו. די מערהייט אָבער, וואָס איז נישט געווען שטרענג מאַרק־סיסטיש־באַראָכאָוויסטיש, נאָר מער געהאַלטן פון דער סירקינישער אויפ־פאַסונג פונעם פועלי־ציוניזם, זענען געווען פאַר דער פאַראייניקונג.

פלוצים האָט זיך די קאָנפערענץ איבערגעריסן, וואָס איז געשען? ווייזט זיך אַרויס, אַז אין דרויסן, פאַר ספעקטאָרס האָטעל, האָט זיך אָפּ־געשטעלט אַ דעמאָנסטראַציע פון עטלעכע הונדערט תמנישע יידן, אַרבעטס־לאָזע, מיט גרויסע פּלאַקאַטן: „אנו דורשים עבודה! אנו דורשים לחם!" (מיר פאָדערן אַרבעט און ברויט). פון דער קאָנפערענץ איז אַרויס צו זיי אַ גרופּע חברים מיט בן־צבי בראש. ער האָט גערעדט צו זיי, געטרייסט, צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ, וואָס מעגלעך, זיי זאָלן האָבן אַרבעט, און די דע־מאָנסטראַציע איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען. די קאָנפערענץ האָט זיך טאַקע מיט דעם ענין פאַרנומען.

אַלע דעלעגאַטן האָבן געגעסן מיטאָג אין בית הפועלים, נישט ווייט פון האָטעל. אין אַן אַלט הויז, אויפן ערשטן שטאָק, זענען געשטאַנען לאַנגע טישן און בענק, אַלץ אַזוי פשוט און פּראָסט, אָבער ריין, ביליק מיט אמת חברישער באַציאונג. איך בין געזעסן נישט ווייט פון בן־צבי און בן־גוריון. ווען כ׳האָב געבעטן דערלאַנגען לחם, מלח, האָבן זיי זיך געוויצלט: „אַ, און מיר האָבן געמיינט, אַז דו קענסט נישט קיין עברית". ווי ס׳איז געווען פאָראויסצוזען, האָט די קאָנפערענץ מיט אַ גרויסער מערהייט באַשלאָסן זיך צו פאַראייניקן מיט „הפועל הצעיר".

אויף דער פאַראייניקטער קאָנפערענץ אין פתח־תקווה האָב איך באַ־געגנט און זיך באַקענט מיט: בערל קאַצענעלסאָן, שפּרינצאַק, טאַבענקין, יבניאלי א. א. צו ערשט זענען געקומען באַגריסונגען פון פאַרשידענע פאַרטייען און געזעלשאַפטן צו דער פאַראייניקונג, דערנאָך באַריכטן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט. איך האָב דערציילט וועגן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דרום־אַמעריקע און זיך באַ־זונדערס אָפּגעשטעלט אויף די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס פון באַ־ראָן הירש, וואָס זענען צעשפּרייט איבער די סטעפּעס פון אַרגענטינע. מיין אַרויסטריט איז געווען אין יידיש און אויפן פאַרלאַנג פון אַ תימנער

דעלעגאַט איז זי איבערגעזעצט געוואָרן אין עברית. מער איז די שפּראַכן־פראַגע נישט אויפגעשוואומען.

אויף יענער קאָנפערענץ איז זשאַבאָטינסקי פאַרבעטן געוואָרן, ווי אַ גאַסט, און ער איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ רעפעראַט א. ד. ט. „דער ווער־סאַלער שלום־טראַקטאַט, יידישער לעגיאָן, און וואָס ווייטער?" צו יענער צייט איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז די שלום־קאָנפערענץ אין ווערסאַל איז אָוועק פון יענע שיינע באַגייסטערנדיקע לאָזונגען: פרייהייט, דעמאָקראַטיע, באַפרייאונג פון די קליינע פעלקער א. א., מיט וועלכע זי איז פּראָקלאַמירט געוואָרן. פאַרקערט, עס זענען אַלץ בולטער געוואָרן רעאַקציאָנערע טענ־דענצן אויף דער קאָנפערענץ, און מיר, ווי אַ קליין אונטערדריקט פאָלק קענען גאָר ווייניק דערוואַרטן פון איר. ביי די לעגיאָנערן האָט זיך גענומען מערקן אַנטוישונג, ס'איז זיי נמאס געוואָרן דאָס סאָלדאַטן־לעבן אָן אַ ציל... וועגן דעם אַלעמען האָט זשאַבאָטינסקי גערעדט. ער האָט זיך באַמיט אויפצוהייבן די מאָראַל און דעם מוט, ער האָט געהאַלטן, אַז מיר מוזן בלייבן ווי אַן אָרגאַניזירטער כוח, זיך נישט לאָזן דעמאָביליזירן. שוין ביים סאַמע אָנהייב מערקט זיך ביי דער בריטישער אַדמיניסטראַציע אַ טענדענץ קעגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע און אַ ווילן דורכצוקומען מיט די אַראַבי־שע נאַציאָנאַליסטן. אויב מיר וועלן ליקווידירן דער לעגיאָן, וועט אַוועק־גענומען ווערן דער כוח, מיט וועלכן די אַראַבער רעכענען זיך, קען אויפ־קומען אַ סכנה פון אַראַבישע פּאָגראָמען. זיין פּלאַן איז געווען, מען זאָל באַקומען ביי דער רעגירונג ערד, צו קאָלאָניזירן די לעגיאָנערן, זיי זאָלן ווערן תושבים אין ארץ־ישראל. ווייטער איז ער אַרויסגעטרעטן מיט אַ הייסן רוף צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זי זאָל תיכף־ומיד אָרגאַניזירן אַ גרויסע מאַסן־עליה קיין ארץ־ישראל, אפילו ווען מ'זאָל דאַרפן גרויסע טיילן פון איר אויסהאַלטן אַ לענגערע צייט פון געזעלשאַפטלעכע פאָנדן. זיין רוף האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, נאָר ווי תמיד, האָט ער אויך געהאַט אַ סך קעגנער און אָפּאָנענטן. מען האָט דיסקוטירט מיט אים, גע־שטעלט פראַגעס. אָבער — לויט מיין מיינונג — האָט די צוקונפט באַוויזן, אַז די קעגנער האָבן זיך נישט דערהויבן צו זשאַבאָטינסקיס גרויסער פּאָ־ליטישער וויזיע.

נאָך דעם ווי זשאַבאָטינסקי איז אוועק, איז די קאָנפערענץ איבערגע־גאַנגען צו פראַגן פון פּראָגראַם, אויפגאַבעס און טאַקטיק. ווידער איז אוועק אַ סדרה פון רעדעס, וויכוחים. ביז ענדלעך — נאָך דעם ווי אַ קליינע צאָל פון הפּועל הצעיר איז אוועק פון דער קאָנפערענץ — איז געשאַפן געוואָרן די פּאַראייניקטע פּאַרטיי „אחדות עבודה".

אויף דער זעלבער קאָנפערענץ, שוין אונטער דער פאָן פון דער פּאַרטיי אחדות עבודה, איז באַטראַכט געוואָרן די צוקונפט פון די לעגיאָ־נערן, וואָס האָט — אין איר גרויסער מערהייט — געהאַט בדעה צו בלייבן אין לאַנד. דער איינציקער אויסוועג איז טאַקע געווען — ווי זשאַבאָטינסקי האָט עס פאָרגעשלאָגן, זיי צו קאָלאָניזירן אין לאַנד אויף מלוכהשן באָדן. נאָר דאָ האָבן מיר זיך דערוווּסט פון „ועד הצירים" מיט ד"ר אידער בראש, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין לאַנד, אַז דער פּראָיעקט טרעפט אָן אויף גרויסע שוועריקייטן מצד דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע. זי האָט גאָר אַנדערע פּלענער, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון אונדז. קודם וויל זי ווי זעלנער אונדז איבערשיקן קיין ענגלאַנד, דאָרט וועט זי אונדז דעמאָ־ביליזירן און צוריקשיקן אין די לענדער, פון וואַנען מיר זענען געקומען. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך געוווּנען פילן דער שלעכטער ריח פון אַנטיסעמיטיזם ביי דער ענגלישער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע. סאי'ז געווען איר סוד, אַז די אַראַבער וואַרטן נאָר אויף דעם מאָמענט, ווען די יידישע באַטאַליאָנען וועלן פונאַנדערגעלאָזט ווערן, כדי זיך אָפּצורע־כענען מיטן ישוב.

די קאָנפערענץ האָט אויסגעקליבן אַ דעלעגאַציע, וואָס זאָל זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן „ועד הצירים" וועגן אַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צו די לעגיאָנערן. אין דער דעלעגאַציע זענען אַריין: בן־צבי, בן־גוריון, אָסטראָווסקי, איך און נאָך צוויי, וועמענס נעמען זענען מיר אַרויס פון זכרון.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר זיך אין תל־אביב געטראָפן מיטן „ועד הצירים". מיר האָבן זיי דערציילט וועגן די שטימונגען ביי די לעגיאָ־נערן, וועגן דעם פּראָיעקט זיי צו קאָלאָניזירן. ד"ר אידער האָט ווידער איבערגעחזרט, אַז דאָס טרעפט אָן אויף מכשולים, אַז די אַדמיניסטראַציע

האָט גאָר אַנדערע פּלענער, נאָר היות די לעגיאָנערן זענען אַ יונגער כוח און זענען נייטיק פאַרן לאַנד, טאָר מען זיך אַזוי לייכט נישט אונטערגעבן. מיר דאַרפן האָבן נאָך עטלעכע חדשים געדולד. דערווייל וועט דער ועד טאָן אַלץ, וואָס ס'איז אין זיין יכולת, כדי אין לאַנדאָן דורכברעכן די קעגנער־שאַפט צו אונדזער קאָלאָניזאַציע. מיט דעם האָבן מיר פאַרלאָזן דעם „ועד הצירים" און נאָך דעם זעלבן אָוונט אין מקווה ישראל זיך געטראָפן מיטן נייעם צ. ק. פון „אחדות עבודה" און אָפּגעבן אַ באַריכט פון די אונ־טערהאַנדלונגען.

כ'האָב באַקומען 8 טעג אורלויב פון דער מיליטערישער מחנה, נאָר צוליב פאַרשידענע סיבות האָב איך זיך געזוימט דריי וואָכן. כ'האָב גע־ווּסט, אַז צוריקקומענדיק אין לאַגער דערוואַרט מיך אַ מיליטערישער משפּט. האָב איך זיך געזען מיט זשאַבאָטינסקין, אים דערציילט מיין עגמת־נפש. באַלד האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צום קאָלאָנעל פּעטערסאָן, אים פאַרחתמעט און געהייסן איבערגעבן. איך האָב אַזוי געטאָן און אַלץ איז דורך בשלום.

אומגעריכט האָט מען אונדז, אַרגענטינער, אָנגעזאָגט די בשורה, אַז די פאַרלוירענע קאָסטנס מיט אונדזער באַגאַזש זענען אָנגעקומען. יעדער האָט אָפּגעזוכט זיין קאָסטן און כמעט ביי אַלעמען האָט געפעלט זאַכן. אויך ביי מיר האָט געפעלט מער ווי די העלפט זאַכן. כ'האָב זיך נישט שטאַרק איבערגענומען, קליידער און וועש קען מען צוריקקויפן, האָב איך גע־טראַכט. כ'בין אָבער געווען נישט צופרידן, וואָס כ'האָב נישט געפונען אַלע מיינע פּערזענלעכע דאָקומענטן: פאָטאָגראַפיעס, צייטונגען, אין וועלכע ס'זענען געווען געדרוקט מיינע אַרטיקלען און באַריכטן וועגן מיינע אַרויסטריטן אין שייכות מיטן לעגיאָן, ביכער־מתנות פון פריינד און פון דער יידישער קהילה אין בוענאָס איירעס. באַזונדערס טייער איז מיר דעמאָלט געווען די מתנה פון דער קהילה „500 יאָר יידישער פּאָעזיע". דאָס אַלץ האָט געפעלט, און דאָס האָט מיר פאַרשאַפט עגמת־נפש.

מיר פאַרלאָזן באר יעקב

אין מיליטער קומט אַלץ אומגעריכט. פּלוצים האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל, אַז דער לאַגער אין באר יעקב ווערט ליקווידירט און אַלע גייען אַריבער קיין סאַראַפאַנד. אין משך פון עטלעכע טעג זענען מיר אַלע שוין דאָרט געווען. דאָ האָבן מיר געטראָפן אַ פון פריער גוט איינגעאָרדנטן, מיט אַ סך באַקוועמלעכקייטן לאַגער. נישט ווייט זענען געווען גרויסע געווער־סקלאַדעס, און מאַגאַזינען, וואָס מ׳האָט געדאַרפט היטן יעדער דריטן מעת־לעת איז געשיקט געוואָרן אַ גרופּע אויף 24 שעה. פאַרן אָפּמאַרשירן צו דער שמירה, איז די גרופּע אויסגעשטעלט געוואָרן אויף אַן אינספּעקציע־פּאַראַד. אַן אָפיציר האָט באַטראַכט יעדן איינעם. זיין ביקס, דעם באַגנעט, די מלבושים און צי ער איז גוט ראַזירט. אַלץ האָט געמוזט זיין ריין, פּינקטלעך און אַקוראַטנע. דעם פּינקטלעכסטן און ציכטיקסטן איז צוגעטיילט געוואָרן אַ פּרעמיע, וואָס איז באַשטאַנען אין באַפרייען פון דער שמירה און די 24 שעה באַקומען אורלויב. איך האָב אַ סך מאָל באַקומען די פּרעמיע און אויסגענוצט די פרייע צייט צו באַזוכן תל־אביב, רחובות, ראשון לציון, פּתח־תקווה א. א. ערטער. אומעטום בין איך געגאַנגען צו־פוס, אַמאָל מיט נאָך עטלעכע חברים און גאַנץ אָפט אַליין. אַ שפּאַציר קיין פּתח־תקווה האָט געדויערט קנאַפּע צוויי שעה. ווי שוין באַשריבן, איז דער גאַנצער וועג געווען זאַמדן מיט אַ ביסל אַראַביש־בעדואינישע געצעלטן. די אַראַבער, וואָס מיר האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג, האָבן זיך געבוקט צו דער ערד און באַגריסט. יאָ, די אַראַבער האָבן אונדז אָפּגעגעבן כבוד און מורא געהאַט פאַר אונדז. דעמאָלט פלעג איך זיך דערמאָנען זשאַבאָטינסקיס פאַרלאַנג אין אַנהויב מלחמה: מיר זאָלן האָבן אַ 50 טויזנט לעגיאָנערן. אויב 6 טויזנט (אַזוי פיל האָט דער לעגיאָן דעמאָלט געציילט) קען אַרויס־רופן כבוד און מורא ביי די אַראַבער, וואָלטן 50 טויזנט אַרויסגערופן די געהעריקע באַציאונג אויך ביי דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע, אַ באַציאונג פון כבוד, ווי צו אַ רעאַלן כוח, מיט וועלכן זיי מוזן זיך רעכענען. גאַנץ מעגלעך, אַז די גאַנצע געשיכטע פון דערגרייכן די יידישע מדינה וואָלט געווען אַ לייכטערע און נאָרמאַלערע און מיר וואָלטן אויסגעמיטן די אַלע

נאַכווייעגישן, מיט וועלכע מיר מאַטערן זיך זינט דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל.

מקווה ישראל

יעדע צוויי חדשים זענען 200 גדודניקעס געשיקט געוואָרן אויף אַן אַגראָנאָמישן קורס קיין מקווה ישראל. אויך איך בין געווען אויף אַזאַ קורס. דעם אמת געזאָגט, האָט דער מערהייט פון די לעגיאָנערן נישט איבערעסירט דאָס לערנען אַגראָנאָמיע. נאָר זיי האָבן געוואָלט אויף אַ געוויסער צייט פּטור ווערן פון לעבן אין די מיליטערישע לאַגערן. אַלעמען איז שוין דערעסן געוואָרן דאָס אַרומדרייען זיך אינעם לאַגער און די לאַנגווייליקע שמירה. אַן אַרמיי — דערצו נאָך אַן אידעאַליסטישע אַרמיי, ווי דער גדוד איז געווען — דאַרף האָבן פאַר זיך אַן אויפגאַבע, אַ ציל, אַ תכלית, און דאָס איז מער נישט געווען. מיר וואַרטן, און וועלן נאָך מסתמא לאַנג וואַרטן, ביז מען וועט אונדז דאָ דעמאָביליזירן אויפן אָרט, אָדער קאַלאַניזירן. דערווייל איז פּוסט און נודנע. איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס אַלע האָבן זיך געריסן צו זיין צווישן די 200, וואָס פאָרן אויפן קורס קיין מקווה ישראל. דאָ האָבן מיר זיך געפילט פריי, כמעט ווי ציווילע מענטשן. אַ חוץ, וואָס מיר האָבן געוווינט אין געצעלטן און 10 אָוונט האָבן מיר שוין געמוזט זיין אויף די געלעגערס.

מקווה ישראל האָט אויף אונדז גוט געווירקט. די נאַטור אַרום איז געווען שיין, די פּאַלמעס און בלומען גוט אַנטוויקלט. מיט די תלמידים און לערער האָבן מיר געלעבט חבריש, פאַרברענגט צוזאַמען, געשמועסט, דיסקוטירט, געזונגען לידער. אַ סך מאָל זענען מיר מיט זיי געגאַנגען אויפן פעלד, איבערן שאָסיי, זיך צוגעקוקט, ווי זיי אַרבעטן, זיי האָבן אונדז געלערנט ווי מ׳דאַרף עס מאַכן. אין שול גופא האָבן מיר געהאַט קורסן עטלעכע שעה אין וואָך, רעפעראַטן און לעקציעס וועגן אַגריקולטור. מיר, אַ גרופּע לעגיאָנערן, וואָס האָבן ליב געהאַט יידיש, האָבן אַ געוויסע צייט אַרויסגעגעבן אַ יידיש־ביולעטין. אָבער דאָס איז נישט

געווען פון די לייכטע זאַכן, דאָס לשון איז דאָ געווען טריף־פּסול, מען האָט צו דעם אַרויסגעוויזן פּאַראַכטונג. עטלעכע תלמידים, וואָס האָבן געקענט יידיש, האָבן בשום־אופן נישט געוואָלט רעדן אין דער שפּראַך. איינער האָט אונדז אַפילו דערציילט, אַז די לערער האָבן אַנגעזאָגט נישט צו רעדן קיין יידיש. מיר האָבן געמוזט אָפּשטעלן דעם ביולעטין.

כמעט יעדן טאָג זענען מיר געגאַנגען קיין תל־אביב, אַמאָל אויך אין אַנדערע ערטער. איין מאָל זענען מיר, אַ גרעסערע גרופּע, אַוועק קיין בן־שמן. דאָרט האָט מען אונדז זייער פריינדלעך־וואַרעם אויפגענומען. אין אַ גרויסן הילצערנעם קאַמער — זייער חדר־אוכל — איז פאַר אונדז גע־מאַכט געוואָרן אַן אויפנאַמע, מען האָט געשטעלט ברויט מיט זויערע אוגערקעס. מיר האָבן צו דעם זיך צוגעכאַפּט, ווי הונגעריקע וועלף. דאָס ברויט האָט געהאַט טויזנט טעם, און די אוגערקעס — אַ מאכל מלכים. ס'איז אונדז געווען גוט און פריילעך, האָבן מיר זיך רעשיק צעזונגען און צעטאַנצט. דער קיבוץ האָט געלעבט אַ שווער אָרעם לעבן, פּוטער האָט מען דאָ בכלל נישט געזען, פלייש נאָר איין מאָל אין וואָך — צו דער שבתדיקער סעודה. די מלחמה האָט געהאַט איר השפעה אויפן עקאָנאָמישן לעבן אין גאַנצן לאַנד, נאָר צום שטאַרקסטן האָבן עס געפילט די קיבוצים. דערפאַר האָבן זיי פאַרמאָגט אַ סך שיינע נאַאיווקייט, אידעאַליזם און ברייטע הערצער, וואָס זענען געווען אָפן — ווי די טירן אין זייערע הייזער.

אַ בריוו פון וו. זשאַבאָטינסקי צו ד. מענטשעס

געערטער הער מענטשעס,

26.3.1919

איך ווייס אויך ניט פאַרוואָס מען האָט זיך פלוצלינג געווענדעט דוקא צו די אַרגענטינער. — אפשר ווייל אַרגענטינאַ איז נייטראַל? אָבער דאָס איז ניט וויכטיג. וויכטיג איז דאָס: עס איז ניט קיין פּאַסענדע צייט פאַר אַן אמת'ען אידישן לעגיאָנער צו פאַרלאָזן דעם גדוד. כל זמן די פריעדענס־קאָנפערענץ האָט זיך ניט געענדיגט, מוזען אידישע סאָלדאַטען שטעהען אויף דער הוט. אויב איינער וועט אַוועקגעהען פריוויליג, וועלען אַנדערע אויך אַנטלויפען.

בכבוד,

(—) וו. זשאַבאָטינסקי



26·3·1918

זשאַבאָטינסקיס בריוו אין אָריגינאַל

דעמאָביליזאַציע

אין סאַראַפאַנד האָבן געגומען קורסירן קלאַנגען, אַז די רעגירונג האָט באַשלאָסן צו דעמאָביליזירן און פונאַנדערלאָזן די באַטאַליאָנען, און די ערשטע וועלן זיין די אַרגענטינער — ווייל זיי שטאַמען פון אַ בייטראַל לאַנד. איך האָב זיך געוואַנדן צו זשאַבאָטינסקין, אָנגעפרעגט, צי די קלאַנגען האָבן אַ יסוד, און וואָס מיינט ער דאַרף מען טאָן? זשאַבאָטינסקי האָט תיכף געענטפערט אַ בריוו בזה הלשון: „יאָ, ס׳איז אמת, אַז מ׳וויל דעמאָביליזירן, און די ערשטע וועלן טאַקע זיין די אַרגענטינער, אָבער איך מיין, אַז כל־זמן די שלום־קאָנפערענץ קומט נאָך פאָר, דאַרפן די יידישע לעגיאָנערן זיך קעגנשטעלן דער דעמאָביליזאַציע״ (דאָס בריוול געפינט זיך אין מוסד זשאַבאָטינסקי).

מ׳יט עטלעכע טעג שפּעטער, איז שוין דער קלאַנג געוואָרן אַ פאַקט: מ׳האָט גערופן די אַרגענטינער, שפּעטער אויך פון אַנדערע לענדער, אונטערצושרייבן אַ פאָרמולאַר, אַז זיי ווערן דעמאָביליזירט. אַ חוץ די ארץ־ישראלדיקע, האָט מען אַלע אָפּגעשיקט קיין ענגלאַנד מיט דער פולער מיליטערישער אויסריכטונג, קליידונג און געווער. די פון אונדז, וואָס האָבן געהאַט פריוואַטן באַגאַזש — ווייל זיי האָבן געטראַכט צו פאַרבלייבן אין ארץ־ישראל — האָבן עס מיט זיך נישט געקאָנט מיטנעמען.

אונדזער מאַרש צו דער באַן איז געווען דער לעצטער שפּאַציר אין לאַנד. אומעטום וווּ מיר זענען דורכגעגאַנגען, אין די שטעטלעך, ישובים און קיבוצים, האָבן אונדז באַגלייט טרויעריקע בליקן. „דער גדוד פאַרלאָזט דאָס לאַנד״ — האָט מען זיך געסודעט. ביי אַ סך זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן. אויך מיר זענען געגאַנגען טרויעריקע און געשלונגען די טרערן. ס׳איז זייער שווער געווען צו פאַרלאָזן ארץ־ישראל. ביי אַלע איז געווען דער פעסטער ווילן, זיך דאָ אַהער אומצוקערן און אויף אַלע באַ־

גריסונגען און געזעגענישן, האָבן מיר געענטפערט מיט אַ פעסטן „להת־ראות!".

מיר זענען אָנגעקומען קיין ווינטשעסטער, דאָס אָרט ווו מען האָט אונדז געדאַרפט פונאַנדערלאָזן. דערווייל האָט מען אונדז איינגעאָרדנט אין אַ מיליטערישן קעמפּ, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַרג — הויך, פריי און לופטיק — אין גוט איינגעאָרדנטע האַלצערנע באַראַקן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. די דיסציפּלין איז געווען אַ שוואַכע, און ווען ס'איז נישט געווען קיין אַרבעט אין קעמפּ, זענען מיר גרופּנווייז געגאַנגען שפּאַצירן אין שטעטל, אַ 10 מינוט גאַנג פון לאַגער.

דאָס איז געווען אַ שטיל פּראָווינץ־שטעטל מיט גוטהאַרציקע מענטשן, סימפּאַטישע מיידלעך, גאַר באַזונדער סימפּאַטיש צו זעלנער. וועלכער זעל־נער האָט נישט געזוכט באַקאַנטקייט און פריינדשאַפט ביי די מיידלעך? מ'איז געווען יונג און זאָרגלאָז, אַן אַן עול, איז מען געקומען צו אַלעם גרייטן. דערצו נאָך האָבן מיר באַקומען אַ נישקשהדיקן טאַשן־געלט. איז מען געווען להוט צו פאַרברענגען. קיין לאָנדאָן איז נישט מער ווי צוויי שעה פאָרן מיט דער באַן, כאַפּט מען זיך אָפּט אַריין אין דער גרויסער שטאָט און מען הוליעט.

אומעטום טרעפט מען יידישע לעגיאָנערן, מיט אַ רויטן „מגן־דוד" אויפן לינקן אַרבל. נישט נאָר אין לאָנדאָן, אויך אין קאַירא, אַלעסאַנדריע, פּאַריז, ניו־יאָרק, וואַרשע, זעט מען זיי — דערציילן מענטשן. דעמאָלט האָט עס ד"ר ווייצמאַן געזאָגט: „די יידישע לעגיאָנערן האָבן זיך אַזוי צעשפּרייט איבער דער וועלט, אַז ס'מאַכט דעם איינדרוק, ווי נישט זעקס טויזנט זענען זיי, נאָר זעקס מיליאָן".

ביים דורכפירן די דעמאָביליזאַציע האָט מען יעדן איינעם געפרעגט, צי ער וויל צוריקפאָרן אין דעם לאַנד, ווו ער האָט זיך מאָביליזירט, אָדער אין אַן אַנדער לאַנד? (אויסער רוסלאַנד). מען האָט באַקומען אַן אומזיסטן בילעט, ציווילע קליידער און אַ געוויסע סומע געלט. היות איך האָב גע־בענקט צו באַזוכן מיינע עלטערן אין פּוילן, האָב איך באַקומען אַלץ, וואָס ס'איז נויטיק געווען צו אַ נסיעה קיין פּוילן.

אין פּאַריז

אויפן וועג קיין פּוילן, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריז. פון דאָנען איז שטענדיק געווען אַ דירעקטע באַן קיין וואַרשע. איצט האָט מען מיך אינפאָרמירט, אַז די באַן איז נישטאָ און כ׳דאַרף פאָרן דורך דער שווייץ, עסטרייך, גאַליציע. דאָס דאַרף דויערן אַ סך לענגער. דערצו נאָך איז קיין ערטער נישט געווען, אַפילו נישט פאַר קיין איינציקן מענטש. מוז איך, הייסט עס, וואַרטן. בין איך אַוועק זוכן אַ האָטעל איבערצונעכטיקן, נאָר אויך דאָס האָב איך נישט געפונען. אַלע האָטעלן זענען איבערגעפּולט, נישטאָ קיין אָרט.

ס׳איז שוין אַרום 8 אָוונט, וואָס טוט מען? כ׳לאָז זיך גיין אין דער יידישער געגנט, אויפן „פּלעצל״, אפשר וועל איך דאָרט האָבן מזל. אַדורכ־גייענדיק אַ ביכער־געשעפט, באַמערק איך דאָרט אַ לעגיאָנער פון מיין באַטאַליאָן. כ׳בין אַריין אין געשעפט, האָט ער מיך אַרומגעכאַפּט און זיך דערפרייט ווי מיט אַ ברודער. כ׳פרעג אים, וואָס ער טוט דאָ, דערציילט ער מיר, אַז ער איז דאָ אַן אָנגעשטעלטער, אַ פאַרקויפער פון ביכער און ס׳איז אים נישט שלעכט. ערשט איצט דערצייל איך אים אין וואָסער מצב איך געפין זיך. זאָגט ער: „יאָ, ס׳איז אמת, אַלץ איז דאָ איצט איבער־געפילט, נאָר אויב מ׳קען באַצאָלן לויטן שוואַרצן מאַרק, קען מען נאָך באַקומען אַ צימער אין אַ האָטעל״. מיין פינאַנסיעלע לאַגע איז אָבער נישט געווען אַזאַ, איך זאָל זיך קענען דערלויבן צו צאָלן שוואַרצע פרייזן, בעט איך ביי אים, ער זאָל מיך נעמען צו זיך. ער האָט נישט קיין חשק, דער־ציילט מיר, אַז ער וווינט ביי באַקאַנטע, אין ענגשאַפט, אויף אַ צעבראָכן בעטל. איך בין אָבער צוגעשטאַנען, אים שטאַרק געבעטן, האָט ער זיך מיט מיר אָפּגערעדט, אַז איך זאָל אַרום 10 אָוונט וואַרטן אויף אים דאָ, ביים געשעפט, וועט ער קומען מיך נעמען. מיט דעם האָבן מיר זיך צעשיידט.

נאָך פאַר 10 בין איך שוין געווען פאַר דעם ביכער־געשעפט. כ׳וואַרט, ס׳איז שוין 11, און מ׳זעט אים נישט. דער זייגער ווייזט שוין באַלד 12, און דער בחור איז נישטאָ. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ער וועט שוין נישט

קומען. ס׳ווערט מיר גאַנץ קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן, ווו וועל איך נעכ־טיקן? כאַטש נעם, לייג זיך אין גאַס. ס׳ווערט קאַלט, איך שפּאַציר, כדי זיך צו דערוואַרעמען, ביז כ׳קום אַרויס אויפן בולוואַר רי־דע־ריוואָלי. דאָ איז ליכטיק, רווישיק, אַ סך מענטשן. ווערט מיר אַ ביסל לייכטער אויפן געמיט. אָט זע איך דורכגיין אַ ייד, וואָס מיר דוכט, אַז כ׳האָב אים אַמאָל געזען אין בוענאָס איירעס. כ׳שטעל אים אָפּ, אַנטשולדיק זיך און פרעג: „איר זענט פון בוענאָס איירעס?". „יאָ, — ענטפערט דער ייד — איר האָט געטראָפן". אָן שהיות דערצייל איך אים מיין „פּראָבלעם". „קומט מיט מיר" — זאָגט ער, און פירט מיך אין אַ האָטעל. אויף וויפל כ׳האָב פאַרשטאַנען פראַנצויזיש, האָט מען אים אויך געענטפערט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אָרט, ער איז אָבער נישט אָפּגעטרעטן, גערעדט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט געעפנט דעם טייסטער, באַצאָלט, און איך האָב באַקומען אַ צימער. כ׳פרעג דעם דאָזיקן אומבאַקאַנטן ייד, וויפל אים קומט? ענטפערט ער „יונגערמאַן, איר זענט פון לעגיאָן, אין אַזאַ לאַגע האָב איך נאָר געטאָן מיין פליכט, ס׳קומט מיר אַפילו קיין דאַנק נישט. בוענאָס נאָטשעס!"

איבערגעשלאָפן די נאַכט, בין איך אין דער פרי אַוועק אויפן וואָקזאַל, כדי זיך צו דערוויסן ווען ס׳גייט אָפּ די באַן קיין פּוילן. טרעף איך דאָרט ווידער אַ לעגיאָנער פון מיין באַטאַליאָן. דערציילט ער מיר, אַז שוין 5 טעג וואַרט ער אויף אַ באַן קיין פּוילן, דערווייל איז ער ביי אַ לאַנדסמאַן, אַ לאַנג־סטיקער תושב אין פּאַריז, און ער רופט מיך מיט זיך. כ׳האָב נישט וווּ אהינצוטאָן זיך, גיי איך גערן. דער לאַנדסמאַן, אַ וואַרשעווער ייד, רעדט אַ היימישן יידיש, לייענט אַ יידישע צייטונג, פון פאַך אַ פעלצנמאַכער, דערפרייט זיך מיט מיר, שטעלט מיך פאָר פאַר זיין פרוי און טאָכטער, אַ פיינע משפחה, זיי וווינען אין צוויי צימערן. באַלד ברענגט די טאָכטער אַ גרויסע פלאַש רויטן וויין מיט אַ לאַנגן ברויט ווי אַ שטעקן, הערינג, קעז. מען בעט מיך נישט שעמען זיך און גיין צום טיש. כ׳האָב זיך דערפילט היימיש, געגעסן, געטרונקען און געשמועסט. דער ייד פרעגט אַלץ וועגן ארץ־ישראל, צי דאָרט וועט טאַקע זיין אַ יידישע מלוכה? איך פאַרזיכער אים, אַז יאָ, ס׳וועט זיין. דער ייד ווערט פריילעכער און דערגיסט אין די גלעזער, איך טרינק, אָבער כ׳היט זיך נישט צו ווערן שיכור. אין מוח פּיקט

אַלץ דער געדאַנק: ווו וועל איך נעכטיקן? ביים דריטן גלעזל נעם איך זיך אָן מיט מוט און פרעג: „אפשר קענט איר מאַכן פאַר מיר אַן אָרט איבער־צונעכטיקן עטלעכע נעכט?". „האַ, — זאָגט ער, — וואָס הייסט? וואָס פרעגט איר? ס'איז טאָקע ענג, אָבער מ'וועט זיך אַן עצה געבן. פאַר אַ ייד וואָס איז געגאַנגען קעמפן פאַר אונדזער לאַנד וועט נישט זיין קיין אָרט צו נעכטיקן?" פון גרויס שמחה, האָב איך שוין אַליין געבעטן, מ'זאָל מיר דערגיסן אין כוס: לחיים! לחיים!

ערשט אויפן פינפטן טאָג האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז אין דריי טעג אַרום, וועלן מיר קענען פאָרן אין אַ משא־וואָגאָן. מיר זענען נישט געווען צופרידן, נאָר ס'איז קיין ברירה נישט געווען. דער באַאַמטער, וואָס האָט באַטראַכט אונדזערע דאָקומענטן, האָט געזען, אַז מיר זענען דעמאָביליזירטע זעלנער. נאָר פאַר אים זענען מיר געווען גאָר קנאַפּע מיוחסים, ער זאָל אונדז געבן בעסערע ערטער.

נאָך אַכט טעג וואַלגערן זיך אין פּאַריז, זענען מיר אַריין אין דעם משא־וואָגאָן. די פּאַסאַזשיר־וואַגאָנעס זענען געווען פאַרנומען מיט פראַנצויזישע העכערע מיליטער־לייט, וואָס זענען געפאָרן קיין פּוילן. פראַנקרייך איז דעמאָלט געווען פּוילנס אַ פאַרבינדעטער אין קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס.

די באַן האָט גערירט. מיר האָבן זיך צוגעזעצט אויף אונדזערע וואַליז־קעס און געעפנט דאָס שפּייז־פּעקל. פּלוצים קומט אַריין אַ פראַנצויזישער אָפיציר, אַן עלעגאַנט־פריינדלעכער, רעדט ענגליש, איז אונדז מכבד מיט סיגאַרעטן און פאַרבעט אונדז צו זיך אין וואַגאָן אַריין. דאָרט שמועסן מיר וועגן פאַרשידענע ענינים. דעם אָפיציר אינטערעסירט ווער מיר זענען, פון וואַנען מיר קומען און וווהין מיר פאָרן. אַ וואָרט צו אַ וואָרט, ביז מיר זענען אַרויס אויף אַ פּאָליטישער דיסקוסיע. מיר, די סאָציאַליסטן־ציוניסטן האָבן זיך צעקאָכט, געפייערט קעגן דעם רעאַקציאָנערן פראַנקרייך, אַרויס־געוויזן סימפּאַטיע צו דער רוסישער רעוואָלוציע, ד. ה. צו די באָלשעוויקעס. דער אָפיציר בלאָזט זיך אָן, ווערט קעלטער, כאָטש ער איז נאָך העפלעך, איז ווייטער מכבד מיט סיגאַרעטן. נאָך אַ שעה צייט דעקלאַרירן אונדזערע פּרינציפּן, האָבן מיר זיך דערפילט איבעריק און זיך אומגעקערט אין אונדזער וואַגאָן מיט אַ שלעכטער שטימונג. ווידער עפענען מיר אונדזערע שפּייז־

פעקלעך, נאָר דער זויערער ווײַן איז ביטער, רײַסט אין האַלדז, ס׳ווילט זיך אַ פּשוט גלעזל הייסע טיי. צום שפּייז־וואַגאָן איז זיך נישט מעגלעך דורכ־צושטופּן, דער וועג איז פֿאַרשטאָפּט. האָבן מיר אויסגעשפּרייט צווײ קאַצן אויף דעם דיל פֿון וואַגאָן. די וואַליזקעס צו קאָפּנס, די איבעריקע זאַכן בײַ די זײַטן, און זיך געלייגט שלאָפֿן. פֿאַרטאָג, מײַן חבר כאַפּט זיך אויף און מאַכט אַ געוואַלד, אַן אומגליק איז אים געשען: זײַן בעסטע וואַליזע איז נעלם געוואָרן, ס׳איז נישטאָ צו וועמען צו רעדן, כאָטש שרײַ „חי וקיים״. ער האָט זיך שטאַרק איבערגענומען: דאָרט זענען געווען אַלע מתּנות, זײַנע אייגענע, און אויך פֿרעמדע, וואָס מ׳האָט אים מיטגעגעבן פֿאַר פֿרײַנד אין אַלעקסאַנדער.

די באַן שלעפּט זיך ווי אַן אַלט פֿערד. די גרויסע פֿרעסט און שנייען מאַכן נאָך שווערער די וועגן. מיר פֿאָרן דורך די שווייץ, אָט איז באַזעל. אין האַרצן קלינגט אָפּ — דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס, דער „באַ־זעלער פּראָגראַם״. מיר שנײַדן דורך עסטרײַך, גאַליציע. אויפֿן דריטן טאָג פֿאָרן מיר אַרײַן אויף דער פּוילישער טעריטאָריע. אין אַלעקסאַנדער שטעלט זיך די באַן אויף עטלעכע מינוט. מײַן פֿרײַנד כאַפּט זײַנע זאַכן און שפּרינגט אַרויס. איך באַווײַז נאָר צו מאַכן דעם טרויעריקן וויץ, אַז איצט, אָן דער וואַליזע, וועט אים זײַן לײַכטער צו גיין אין שטאָט אַרײַן.

אין וואַרשע

אַראָפּגייענדיק פֿון דער באַן, האָבן אויף מיר געוואַרט צווײ פּאָליציאַנטן. זיי האָבן מיך אַרײַנגעפֿירט אין אַ צימער אויפֿן וואָקזאַל, און מיליטערלײַט האָבן רעווידירט מײַנע דאָקומענטן, זיך נאָכגעפֿרעגט אויף מײַן חבר. הייסט עס — האָב איך אַ טראַכט געטאָן — אַז מ׳האָט זיי צו וויסן געטאָן וועגן אונדזער קומען. כ׳האָב זיי געזאָגט, אַז דער חבר איז אַרונטער אין אַלעק־סאַנדער. נאָך עטלעכע מינוט טראַכטן האָט דער עלטסטער מיך געהייסן אָפּפֿירן אין דער דעפּענסיווע.

מען פֿירט מיך אין אַן אָפֿענער דראָזשקע, פֿון בײדע זײַטן פּאָליציאַנטן

מיט געלאַדענע ביקסן. ביי די פיס ליגט מיין באַגאַזש, וואַליזעס און אַ זאַק מיט ביכער און בראַשורן. אַזוי זענען מיר דורכגעפאַרן עטלעכע גאַסן, אַלע דורכגייער, אויך יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס, קוקן ווי מען פירט אַ באַל־שעוויק...

אין דער דעפענסיווע האָבן מיר געטראָפן נאָר איין פאַרשוין, פּונקט איז עס אויסגעפאַלן אין ניי־יאָר און אַלע זענען אַוועק, האָט ער מיך געהייסן פירן צו דער פּאָליציי. דערווייל פּרוווט ער מיך פרעגן עטלעכע פראַגעס אויף פּויליש. איך פאַרשטיי נישט — און וויל נישט פאַרשטיין, איך רעד נאָר ענגליש. ווערט ער אין כעס און גיט אַ געשריי: „דאָס איז אַ „זשיד״, פירט אים אין פּאָליציי־צירקל״. דאָס ערשטע גיט דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר אַ פרעג „וואָס האָסטו אין זאַק?״, איך ענטפער, „ביכער, בראַשורן, צייטונ־גען״. ער ציט אַרויס איין בראָשור און לייענט הויך: „סאָציאַליזם־ציוניזם״, וואַרפט ער זי צוריק אין זאַק אַריין און זעצט זיך צום שרייב־טיש.

אויפן וואָקזאַל, און דאָ נאָך מער, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיט־שלעפּן מיט זיך אַ זאַק ביכער, ווי אויך דאָס פּלאַפּלען מיטן אָפיציר אויף דער באַן, איז געווען אַ גרויס נאַרישקייט פון מיר און כ׳וועל נאָך האָבן אַ סך צרות פון דעם. ס׳פאַלט מיר איין, אַז דאָס האָט ער, דער העפלעכער פראַנצויזישער אָפיציר, צו וויסן געטאָן ווו מען דאַרף וועגן אונדזער אָנקו־מען. איך בין בייז אויף זיך, נאָר צו שפּעט.

נו, מען דאַרף דאָך עמעצן צו וויסן טאָן וועגן מיין לאַגע — טראַכט איך, און דערמאָן זיך אין ד״ר י. קרוק, מיט וועמען איך האָב זיך אין מלחמה־צייט באַקענט אין לאָנדאָן. איך בעט ביים אינספּעקטאָר אַ דערלוי־בעניש צו טעלעפאָנירן צו אים. „פון וואַנען קענסטו דעם ד״ר קרוק?״ — פרעגט ער, דערצייל איך אים. נאָר ער האָט סיי ווי נישט דערלויבט. צי איז ד״ר קרוק דעמאָלט געווען דער כשרער מענטש צו העלפן?

ווען דער זייגער האָט געשלאָגן 10 אָוונט, האָט דער אינספּעקטאָר גע־עפנט אַ טיר אין אַ גרויסן זאַל אַריין, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט מיט שרייבטישן און שרייב־מאַשינקעס. בייטאָג, זעט אויס, אַרבעטן דאָ אַ סך מענטשן. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ באַנק, וואָס איז געשטאַנען ביי

דער וואַנט, דערלאַנגט אַ קאַץ און אַ בורטשע געטאָן: „דאָ לייג זיך שלאָפֿן" — און ער איז אַוועק.

ביי מיין גאַנצער מידקייט האָב איך נישט געקאָנט אַנטשלאָפֿן ווערן. כ'האָב זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דעם איינציקן קאַץ; ווי לייגט מען אים? צוקאָפּנס, אָדער צודעקן זיך מיט אים? ס'האָט אויך געשטערט די פּעסטע טריט פֿון פּאָליציאַנט, וואָס האָט זיך געדרייט אויף און אָפּ, היטנדיק די צייטווייליקע אַרעסטירטע אין פּאָליציי־צירקל. אָבער די מידקייט האָט סוף כל סוף גובר געווען און כ'האָב געכאַפּט אַ דרעמל אויף דער האַרטער באַנק. 6 באַגינען, האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט אַ צעבראָכענער, כ'האָב געציטערט פֿון קעלט, אין האַלדז איז געווען טרוקן. אַזוי בין איך נאָך געזעסן אַ צוויי שעה, ביז דער אינספּעקטאָר איז געקומען און מיך אַריינגענומען צו זיך אין צימערל, ווייל באַלד האָבן די מענטשן געדאַרפֿט קומען צו דער אַרבעט.

כ'זיץ אַ מידער, אַ נישט־געוואַשענער, אַ הונגעריקער מיט אַנגעשפּאַנטע נערוון. אין גרויסן צימער קלאַפּן שוין די באַאַמטע אויף די שרייב־מאַשינקעס, בין איך אַרויס מיט אַ טענה און זיך אַפֿילו דערלויבט אַ קלאַפּ טאָן אין טיש: „וואָס האַלט איר מיך דאָ? האָט איר באַוויזן קעגן מיר — טאָ אַרעסטירט מיך, אויב נישט — לאָזט מיך פֿריי". דער אינספּעקטאָר באַרואיקט מיך העפֿלעך: „אָט באַלד וועסטו ווערן פֿריי".

ס'זענען אַריין צוויי פּאָליציאַנטן און מיך געפֿרעגט, צי כ'האָב געלט? איך ענטפֿער, אַז ניין. זיי האָבן געוואָלט, אַז איך זאָל באַצאָלן פֿאַר דער דראָזשקע, וואָס וועט מיך איצט פֿירן צו אַן אויספֿאָרשונג. איך בין געוואָרן אין כעס און געשריגן: „כ'האָב נישט קיין געלט!". דעמאָלט האָבן זיי אויפֿן אינספּעקטאָרס אַ ווונק אַליין געבערענגט אַ דראָזשקע און מיך געפֿירט אין דער געהיים־פּאָליציי. דאָ האָט מען נאָך איבערגעקוקט מיינע דאָקומענטן און מיך אויפֿסניי געשיקט אין דער מיליטערישע געהיימער אָפּטיילונג. אויך דאָרט האָט מען געפֿאָרשט מיינע דאָקומענטן, און איך, זיצנדיק אין צווייטן צימער האָב געהערט, ווי עמיצער פּסקנט דאָרט: „ווּשיסטקאָ וו'פּאָזשאָנדקו", ד. ה. אַלץ איז אין אָרדענונג. באַלד איז טאַקע אַרויס אַן עלטסטער און געהייסן די פּאָליציאַנטן מיך באַפֿרייען. כ'בין פֿריי. נאָר דער זייגער איז

שוין פרייטיק 4 נ. מ. פאָרן קיין קוטנע איז שוין צו שפּעט. בין איך פאַר־פאָרן צו מיינע קרובים אויף איבער שבת.

זונטיק באַלד אין דער פרי בין איך אָפּגעפאָרן קיין קוטנע. אויף דער באַן, האָב איך זיך צוגעקוקט צו די מענטשן אַרום, אַלע זענען מיר געוועזן ווייט און פרעמד. כ׳בין שוין געווען אָפּגעוווינט פון די יידן אין די לאַנגע קאַפּאָטעס מיט די יידישע היטעלעך, פון די ווייבער מיט שייטלעך און טיכלעך אויף די קעפּ. די פּאָליאַקן האָב איך אין דער ערשטער רגע פּיינט געקראָגן. די כאַראַקטעריסטישע פּוילישע גאווה און זייער שנאה צו יידן, האָב איך באַלד באַמערקט. כ׳האָב שוין נישט געקאָנט אָטעמען די לופט...

די זיך־פלעצער אין וואַגאָן האָבן פאַרנומען די מיליטער־לייט, איצט זענען זיי געווען דאָס „איבערשטע פון שטייסל״. כ׳בין געשטאַנען ביים פענצטער, געקוקט אויף דער לאַנדשאַפט און געטראַכט וועגן מיין טרעפן זיך מיט די עלטערן, וועגן וועלכע מען האָט מיר דערציילט, אַז זיי זענען געוואָרן מיליאָנערן. כ׳האָב זיך דערמאָנט אין דער שפּערלינג־משפחה אין ריפּין, וואָס האָט מיך אין 1912 באַגלייט איבער דער גרענעץ, געטראַכט וועגן זייער טאָכטער נחמה, ווו זענען זיי איצטער?... פּלוצים דערהער איך אַ טומל און דאָס וואָרט „זשידוווקאַ״, איך קען זיך אום און זע, ווי אַ זעלנער פון דער שלעזישער געגנט, אַן א. ג. „האַלערטשיק״, צווינגט אַן עלטערע יידישע פרוי, זי זאָל זיך אויפהייבן פון איר זיץ־פּלאַץ און אים אָפּגעבן דאָס אָרט. די פרוי, אין שרעק, טוט עס, און קיינער פון די אַנוועזנדיקע פּראָ־טעסטירן נישט קעגן דעם. איך בין געוואָרן אויפגעקאָכט. איינער פון די זעלנער קוקט כסדר אויף מיין קלאַפּע, צו וועלכער ס׳איז צוגעפעסטיקט אַן ענגליש פענדל — אַן אָפּצייכענונג פון אַן אויסגעדינטן זעלנער. אין אַ צע־בראָכענעם ענגליש, זאָגט ער מיר, אַז ער איז אויך אַ געוויסע צייט געווען אין ענגלאַנד. פרעג איך אים מיט כעס, צי ער האָט אַמאָל געזען אין ענג־לאַנד, אַז אַ זעלנער זאָל הייסן אויפשטיין אַן עלטערע פרוי, כדי ער זאָל פאַרנעמען איר אָרט? צוליב דעם האָט מען געקעמפט פאַר אַ פריי פּוילן? שעמען מעגט איר זיך! די מיליטער־לייט פרעגן ביים זעלנער, פאַרוואָס איך בייזער זיך און די יידן אין וואַגאָן ציען מיך ביים אַרבל, כ׳זאָל נישט איינטענהן מיט זיי. זיי האָבן מורא פאַר אַ גרעסערן סקאַנדאַל, וואָס קען זיך

שלעכט ענדיקן. פֿאַר איך שוין ווייטער אַ שווייגנדיקער, אָבער מיט אַ טיפֿן ווייטיק אין האַרצן.

אין קוטנע

אויפֿן וואָקזאַל איז אַ געדראַנג, אַ שטופּעניש. מיט קויבערס און פּעק שטופּט מען זיך אין דער באַן, ווען די פּאַסאַזשירן ווילן אַרויסגיין. די פּלאַטפֿאָרם איז פֿול מיט מענטשן, ס׳רוב יידן. אַ טייל דאַרפֿן טאַקע דאָ זיין, אַנדערע זענען סתם געקומען. צייט איז פֿאַראַן גענוג, גייט מען צו דער באַן, אפֿשר וועט זיך עפּעס מאַכן צו פֿאַרדינען.

מיין באַגאַזש ליגט שוין אויף אַ דראָזשקע און מיר פֿאָרן אין שטעטל. אַלע מאָל גיט עס מיך אַ הייב אין דער לופֿטן, מיר פֿאָרן אויף אַ שטיינער־געפּלאַסטערטן שאָסיי. ביי די זייטן גייען די, וואָס קערן זיך אום פֿון דער באַן, פּאַמעלעך גייען זיי, שמועסן, רויכערן און וואַרפֿן בליקן אויף דעם „גאַסט״, וואָס פֿאָרט זיך אַליין אויף אַ דראָזשקע אין שטעטל אַריין, אַ זעלטענע דערשיינונג. מיר פֿאָרן דורך ביידע מערק, ס׳איז זונטיק, די געוועלבער זענען געשלאָסן און די קרעמער שטייען פֿאַר די טירן און שמועסן. אָט האָט זיך די דראָזשקע אָפּגעשטעלט ביי אונדזער געוועלב. די שכנים האָבן מיך באַלד דערקענט און אַריינגעשריגן „גרשון, גרשון, אייער זון איז געקומען!״ זיי האָבן אַראָפּגענומען דאָס געפּעק און מיר אַריינגערוקט אַ „שלום־עליכם״. מיר האָט אויסגעזען מאָדנע און רירנדיק אָט די האַרציקע היימישקייט. באַלד איז אַרויס מיין משפּחה. כ׳האָב זיך געקושט מיט די עלטערן, מיט די ברידער און שוועסטער, און מיר זענען אַריין אין שטוב. די זעלביקע דירה, ריין, ציכטיק, די פּאָדלאָגע אויסגעשײַט מיט געלד־זאַמד, ס׳איז אייגן און וואַרעם. נאָך אַזוי פֿיל וואַנדערן בין איך ווידער אין דער היים.

מיר האָבן זיך געזעצט ביים טיש, דער טאַטע האָט געשטעלט בראָנפֿן, די מאַמע האָט דערלאַנגט היימישע קיכלעך, מיר טרינקען „לחיים״ און מיר צעשמועסן זיך. מיט אַ געלעכטער פֿרעג איך דעם טאַטן: „ס׳איז אמת,

וואָס די קוטנער, וועלכע זענען זענען געקומען קיין פּאַריז דערציילן, אַז במשך דער מלחמה ביסטו רייך געוואָרן, ממש אַ מיליאָנער?" „איי, נאַרישקייטן — זאָגט דער טאַטע, — אָבער ס׳פעלט ב״ה גאָרנישט, זעסט דאָך, בראָנפן, קיכלעך, אַ נייע שאַנק, אַ נייע סאָפע. אַ ביסל געלט, וואָס האָלט אין איין ביליקער ווערן צוליב דער אינפלאַציע — איז אויך פאַראַן, דאַנקען גאָט דערפאַר". איך האָב באַקוקט דאָס ביסל סחורה, געהערט וועגן דעם סכום געלט, און פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַן אָרעמאַן. כ׳האָב עס אים געזאָגט, איז ער געוואָרן ברוגז „וואָס רעדסטו, וואָס! טאַקע נישט קיין מיליאָנערן, אָבער ווייט נישט קיין אָרעמעלייט".

ס׳זענען אָנגעקומען געסט: משפחה, פריינד, די שטוב איז פול געוואָרן. אַלע פרייען זיך מיטן גאַסט. עטלעכע גיבן אָנצוהערן, אַז זיי דאַרפן הילף, כאָטש עטלעכע פונט. ס׳איז אַ רחמנות, נאָר וואָס קען איך זיי העלפן ביי מיין מאַטעריעלן מצב?

דעם אַנדערן טאָג בין איך אַרויס אין שטעטל. מענטשן וואָס איך דערקען קוים, באַגריסן מיך, גיבן שלום, פרעגן זיך אויס, וואָס ס׳הערט זיך אויף דער גרויסער וועלט? אַ סך פון זיי ווילן געגוי וויסן, וויפל געלט כ׳האָב געברענגט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום באַקום איך אַ בריוול פון דער משפּחה שפּערלינג אין ריפּין. זיי האָבן געהערט וועגן מיין קומען און זיי פאַרבעטן מיך, כ׳זאָל קומען צו זיי. כ׳האָב זיך זייער געפרייט מיט דער געלעגנהייט; טיף אין האַרצן איז ביי מיר געווען באַהאַלטן אַ בענקשאַפט, זיך ווידער צו באַגעגענען מיט זייער טאָכטער נחמה.

די שפּערלינגס, באַזונדער נחמה, האָבן מיך זייער האַרציק אויפגענומען. דאָ האָט זיך אַ סך געענדערט. די רייכקייט, דאָס ברייטע פירן זיך, ווי כ׳האָב עס געזען אין 1912, איז פאַרשוווּנדן, אַלץ איז איצט באַשיידענער, נאָר פרנסה איז נאָך פאַראַן. נחמה איז געבליבן די זעלביקע: די אייגענע שוואַרץ־פאַרחלומטע אויגן, די אייגענע שוואַרץ־זיידענע האָר און די חן־גריבעלעך אין די באַקן... נאָר איצט איז עס שוין נישט דאָס 14־יעריקע מיידעלע, זי איז אויסגעוואַקסן, העכער און פולער געוואָרן. פאַר מיר שטייט איצט אַ רייפע פרוי.

באַלד דעם ערשטן אָוונט — דער פּראָסט ברענט, דער הימל איז קלאָר אויסגעשטערנט — זענען מיר אַרויס שפּאַצירן. נאָך אַ געוויסער צייט סתם שמועסן, נעם איך רעדן וועגן תכלית. איך מאַך אַ פֿאָרשלאָג — וועגן וועלכן כ׳האָב שוין געטראַכט פֿון לאַנג — אַז מיר זאָלן חתונה האָבן. לאַנג האָט זי נישט געענטפֿערט. דערנאָך, ווען זי האָט גענומען רעדן, האָב איך פֿון אירע נישט־קלאָרע ווערטער אַרויסגעפֿילט, אַז עפּעס דריקט אויף איר, עפּעס אַ סוד איז דאָ, וועגן וועלכן ס׳איז איר שווער צו רעדן. אָט זאָגט זי: „איך וואָלט זיך געפֿילט גליקלעך ווען איך זאָל קענען אָננעמען דיין פֿאָרשלאָג, נאָר ליידער, איז דאָס נישט מעגלעך. אַפֿילו מיין מוטער ווייסט נישט, וואָס מיט מיר איז פֿאָרגעקומען״. נאָך אַ לאַנגן שמועס, אין וועלכן כ׳האָב זיך באַמיט צו פֿאַרשטיין די סיבה פֿון איר אָפּזאָג, איז מיר קלאָר געוואָרן: אין מלחמה־צייט האָט זי זיך באַקענט מיט אַ בחור און געוואָרן מיט אים אינטים־נאָענט. און כאָטש די ליבע צו אים איז שוין כמעט אויסגעלאָשן, פֿילט זי זיך געבונדן. זי מיינט, אַז זי דאַרף ווערן יענעמס ווייב. חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן הייסט ביי איר פֿאַלשקייט און פֿאַרראַט...

געקומען אַהיים פֿון שפּאַציר אין אַ שווערער שטימונג, האָט שוין געוואַרט אַ דעלעגאַציע פֿון ריפּינער פּועלי־ציון. זיי האָבן מיך פֿאַרבעטן צו האַלטן אַ רעפֿעראַט ביי זיי אין לאָקאַל. איך האָב מסכים געווען און צו מאָרגנס איז געווען אויסגעקלעפּט פּלאַקאַטן אין גאַס, אַז „מוצאי שבת וועט פֿאָרקומען אַ רעפֿעראַט פֿון ד. מענטשעס א. ד. ט. „דער יידישער לעגיאָן פֿאַר ארץ־ישראל״.

שבת נאָך מיטאָג, ווען נחמה איז נישט געווען אין שטוב, האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט אירע עלטערן. כ׳האָב זיי דערציילט וועגן מיין אויפֿריכטיקן ווילן חתונה צו האָבן מיט זייער טאָכטער און וועגן איר אָפּזאָג. „מיר וואָלטן געווען גליקלעך פֿון אַ חתונה צווישן דיר און נחמהן״, האָבן זיי געענטפֿערט און מיך געבעטן, כ׳זאָל טאָן אַלץ צו ווירקן אויף נחמהן, זי זאָל אָננעמען מיין פֿאָרשלאָג. כ׳האָב פֿאַרשטאַנען, אַז זיי ווייסן עפּעס וועגן נחמהס פֿאַרפֿלאָנטערן זיך מיט אַ בחור, נאָר ווי ווייט עס האַלט ביי זיי — ווייסן זיי נישט. זיי מיינען, אַז מען קען נאָך פֿאַרריכטן.

שבת צו נאַכטס האָב איך ביי אַ פּול־געפּאַקטן זאַל געהאַלטן דעם רעפעראַט, וואָס האָט זייער אויסגענומען. כ׳האָב עס געפילט אין די לאַנג־דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן און פון דעם דאַנקען פון פאָרזיצער פונעם אָוונט. עס איז אויך געווען אַ וואַרעמע נאָטיץ אין דער וואַרשעווער „אָר־בעטער־צייטונג״. נאָך דעם רעפעראַט איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט, אויף וועלכן כ׳האָב זיך פאַרזוימט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

ווען כ׳בין אַהיימגעקומען פון באַנקעט, איז שוין די גאַנצע משפּחה געשלאָפן. נאָר נחמה איז געזעסן ביים גרויסן וואַרעמען אויוון און געוואַרט אויף מיר. כ׳האָב זיך געזעצט לעבן איר און ווידער גערעדט וועגן מיין פאָרשלאָג. זי האָט נישט מסכים געווען. איצט האָט זי אַרויסגערוקט אַנדערע מאָטיוון. „מעגלעך — האָט זי געזאָגט, — אַז כ׳וועל עס שפּעטער באַ־דויערן, נאָר דו פאַרדינסט אַ בעסערע פרוי ווי איך בין. כ׳וויל דו זאָלסט זיין גליקלעך, און איך צווייפל, צי מיט מיר וועסטו עס זיין״. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, מיר געגעבן אַ וואַרעמען קוש און אַרויס פון צימער.

צו מאָרגנס האָב איך דערציילט דער פרוי שפּערלינג וועגן מיין שמועס מיט נחמהן. צום באַדויערן קען איך נישט ווירקן אויף איר טאָכטער, זי זאָל אָננעמען מיין פאָרשלאָג, און אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועל איך פאַרלאָזן ריפּין. די מוטער האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, אָוועק אין אַ ווינקל און מיט אַ טיכל אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן. די פרוי שפּערלינג האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַזוי פיל סימפּאַטיע און מיטגעפיל, אַז די גאָלדענע מגן־דוד־שפּילקע פון „בצלאל״ אין ירושלים, וואָס כ׳האָב גע־ברענגט פאַר נחמהן, האָב איך איר געשאָנקען אַ מתנה.

אַהיימגעקומען קיין קוטנע, האָט אויף מיר געוואַרט אַ בריוו פון צ. ק. פּועלי־ציון פון וואַרשע, אַז כ׳זאָל קומען, זיי האָבן אַן ענין פאַר מיר. דעם זעלביקן טאָג איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון קוטנער פּ.־צ., מיך בעטן כ׳זאָל זיך באַטייליקן אין דער לוויה פון אַ יונגער חברטע, וואָס איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט, און רעדן עטלעכע ווערטער אויף איר קבר. אין לוויה־צוג האָט זיך, אַחוץ דער משפּחה, באַטייליקט כמעט די גאַנצע קוטנער יוגנט. אויפן בית־הקברות איז אין טיפן טרויער געווען נאָך אַ גרעסערער עולם. איך האָב גערעדט — ווי דער שטייגער אין יענער

צייט — וועגן דעם „פרישן יונגן קרבן, וואָס האָט פון קינדווייז אָן געאַר־בעט לאַנגע שעהן ביי דער ניי־מאַשין אָן לופט, אין שטוב איז געווען נויט און הונגער, ביז זי איז קראַנק געוואָרן אויף דער פראָלעטאַרישער קרענק. דער טויט האָט איר אויסגעלייזט פון אירע ליידן. זי איז נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער קרבן פון קאַפּיטאַליסטישער עקס־פּלואַטאַציע, נאָר דער פּראָלעטאַרישער קאַמף קעגן אויסנוצונג, פאַר סאָ־ציאַלער באַפרייאונג, קען פאַרמיידן אַזעלכע יונגע קרבנות א. א. וו.. ״

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך געפאָרן קיין וואַרשע. אין צ.ק. אויף קאַרמעליצקע 15, האָב איך באַגעגנט די חברים זרובבל, בוקסבוים, יוריס, זאגאַן און דעם סעקרעטאַר שאול אַמסטערדאַם (שפּעטער אַריבער צו די קאָמוניסטן). זיי האָבן מיר פאָרגעשלאָגן און געבעטן, איך זאָל מאַכן אַ פּראָפּאַגאַנדע־רייזע איבער דער פּוילישער פּראָווינץ, אַגיטירן פאַרן פּועלי־ציוניזם. איך האָב מסכים געווען, און מיין ערשטער אַרויסטריט איז געווען אין וולאָצלאַוועק, דערנאָך אין ליפּנע און דאָבזשין.

כ׳האָב זיך געגרייט צו פאָרן קיין גאָלוב — אַ שטעטל ביי דער דייַ־טשער גרענעץ, אָבער דעם זעלבן אָוונט, אין דאָבזשין, שפּעט ביינאַכט, ווען כ׳האָב זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון רעפעראַט און געכאַפּט דעם ערשטן דרימל, האָב איך פּלוצים דערהערט אַ האַסטיקן קלאַפּן אין לאָדן פון פענצטער. איך דערקען דאָס קול פון מיין פאָטערס ברודער, וואָס רופט: „עפן אויף דוד, עפן אויף!״ כ׳האָב זיך זייער דערשראָקן, ווי קומט ער דאָ אַהער, אַזוי שפּעט ביינאַכט און אַזוי ווייט פון קוטנע? איך עפן אים די טיר און ער פאַלט אַריין אָן אָטעם: „דוד, איך בין געקומען דיך ראַטעווען, טו זיך שנעל אָן און קום!״ זיך אַ ביסל באַרויִקט, דערציילט ער, אַז פּאָליציי איז שוין צוויי מאָל געווען מיך זוכן, זיי ווילן מיך אַרעס־טירן. די עלטערן זענען זייער איבערגעשראָקן, דער עיקר די מוטער. נאָכן ערשטן באַזוך פון דער פּאָליציי האָט זי פאַרברענט אַלע דיינע דאָקומענטן, צייטונגען און בראָשורן. ס׳האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרץ; צווישן זיי איז אויך געווען מיין בוך „בלעטער פון לעבן״. איך שטיי עטלעכע מינוט און קלער וואָס צו טאָן. דערנאָך זאָג איך: „ישראל־משה, אויף מאָרגן איז געמאָלדן מיינס אַ רעפעראַט אין גאָלוב״. ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן,

ווי כ׳וואָלט משוגע געוואָרן, דערנאָך זיך צעבייזערט: „איך האָב ז
געשלעפּט אַ קנאַפּן מעת־לעת אין קעלטן און שנייען, כדי דיך צו ראַטעווען,
טראַכסטו גאָר וועגן רעפּעראַטן ? !״

איך בין שוין קיין גלוב נישט געפאָרן. קיין קוטנע צו פאָרן איז געווען אַ סכנה, בין איך אַריינגעפאָרן קיין שערפּץ, די געבוירן־שטאָט פון מיין מוטער. כ׳בין געווען עטלעכע טעג ביי אַ פעטער און דערנאָך געקומען קיין וולאָצלאַוועק. אין יידישן האָטעל „טאָמסקי״ האָב איך שוין געטראָפן וואַרטן דעם פעטער. ער האָט דערציילט, אַז פּאָליציי האַלט מיך אין איין זוכן. מיטאָגצייט זענען געקומען די עלטערן זיך געזעגענען מיט מיר. זיי האָבן שטאַרק געוויינט. כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם צער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון זייערע אויגן.

זיי זענען אַוועק און איך בין געבליבן אַליין אין האָטעל. כ׳האָב זיך נישט געקענט באַרואיקן פון די סצענעס ביים געזעגענען זיך, ביז... כ׳האָב זיך אַליין צעוויינט מיט ביטערע טרערן. דאָס האָט אַ ביסל געלינדערט מיין ווייטיק, דער רחמנות אויף די עלטערן האָט זיך אויסגעמישט מיטן רחמנות אויף זיך אַליין...

שפּעטער איז געקומען דער פעטער, וואָס האָט באַגלייט די עלטערן, און דערציילט, אַז איינעם פון די פּאָליציאַנטן, וואָס זענען געווען מיך זוכן, האָט ער געזען זיך אַרומדרייען אויפן וואָקזאַל. ס׳איז מיר געוואָרן שווער אויפן געמיט. דערצו נאָך האָט דער פעטער געהאַלטן פאַר זיין חוב צו זאָגן מיר אַ ביסל מוסר: „נאָך אַזוי פיל יאָרן זיין אין אויסלאַנד, אַז מען קומט שוין אַהיים זען די עלטערן, פאַרדרייט מען זיך אַ קאָפּ מיט פּאָליטיק, מיט פּאַרטייען, מיט האַלטן רעדעס ? דערצו נאָך אין פּוילן, ווו יעדער מענטש וואָס עפנט נאָר דאָס מויל איז ביי זיי אַ באָלשעוויק, אַ פאַרברעכער ? איז דאָס שכלדיק, מענטשלעך ?״.

אין אָוונט האָט ער מיך געפירט צו דער באַן. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, נאָר אַלץ איז אַריבער בשלום. כ׳בין אַריין אין דער באַן און אין דער פרי׳ בין איך שוין געווען אין דאַנציק. דאָ האָב איך זיך אַרומגעדרייט עטלעכע שעה, באַזוכט די פּליאַזשע „צאָפּאָט״, און נאָך מיטאָג ממשיך געווען מיין ווייטערדיקע נסיעה ביז ענגלאַנד.

ווידער אין לאָנדאָן

איך האָב געטראָפן אַן אַנדער לאָנדאָן, אַ נאָך־מלחמהדיקע, אַ צע־טרייסלטע. אויף אַ סך געביטן פון לעבן האָט מען באַמערקט די ענדע־רונגען. די מענטשן זענען ווייניקער קאָנסערוואַטיוו, מען פאַרברענגט און מען ווילט זיך מיט נייעם חשק צום לעבן. נייע האָטעלן, נייע גרויסע קאַפע־הייזער מיט מוזיק, סאַלאָנען, פרוּיען רויכערן; אַ רעוואָלוציע ביי דער יוגנט; הפקרדיקע לעבנסלוסט. מען פילט דעם גייסט פון אַ נייער צייט. און צוזאַמען דערמיט — אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט. טויזנטער און טויזנטער זעלנערס קערן זיך אום פון דער מלחמה, זוכן אַרבעט און געפינען נישט. זייערע אַמאָליקע אַרבעטס־פּלעצער זענען פאַרנומען געוואָרן דורך ייִנגערע. אַ סך מלחמה־אינוואַלידן זעט מען אויף די גאַסן, מער ווי אומע־טום — אויף דער רייכער װעסט־ענד. זיי שטייען אויפן ברעג טראָטואַר, די אויסגעדינטע סאָלדאַטן־קאַליקעס, שפּילן אויף אַן אינסטרומענט, אָדער זינגען, און וואַרטן, מ׳זאָל זיי אַריינוואַרפן אַ מטבע.

מיין לאַגע איז נישט קיין סך בעסער. פון די 60 פונט, מיט וועלכע איך בין געקומען קיין פּוילן, איז געבליבן 3. איך ווייס נישט, וואָס מען הייבט אָן צו טאָן, צו וואָס מען נעמט זיך, כדי עפּעס צו פאַרדינען. כ׳האָב געדונגען אַ מעבלירט צימער אויף העקנע. אין זעלבן הויז וווינען אויך די חברים פּירשט, בליי און דער מאָלער עפּלבוים. אויך זיי געפינען זיך אין דעם זעלבן מאַטעריעלן מצב, וואָס איך. מילא עפּלבוים דער מאָלער — אַ קינסטלער, האָט ער שטענדיק געהונגערט, וועט ער ווייטער טאָן דאָס זעלבע. מיר אָבער, פּשוטע בשר־ודמס, דאַרפן דאָך עסן! דערווייל לעבן מיר אויף בייגל מיט טיי און ס׳אַרט אונדז נישט; אונדזער גאַנצע צייט, אַלע חושים, גיבן מיר אָפּ דער פּאַרטיי. מיר זענען איצט באַהערשט פון נייע געדאַנקען און שטימונגען. מיר לעבן אין אַ נייער צייט. מיר זענען דער דור פון רעוואָלוציע. ביי פּ.־צ., פּונקט ווי ביי אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען אין דער וועלט, גייט איצט אַן אַ קאַמף צווישן לינקס און רעכטס; צווישן די, וואָס ווילן ווייטער גיין אויפן אַלטן אויסגעטראָטענעם וועג פון דע־מאָקראַטישן סאָציאַליזם, און צווישן די יונגע, וואָס זוכן נייע וועגן;

שאַצן איבער די ווערטן, זענען לינק, מיט סימפּאַטיע פאַר דער רעוואָלוציע
אין רוסלאַנד. איך, פירשט און בליי זענען מיט דער יוגנט, מיט די
„לינקע".

מיר גרייטן זיך צו דער פינפטער קאָנפערענץ פון פּ. צ.

די דאָזיקע קאָנפערענץ וואָס דאַרף פאַרקומען אין ווין, וועט זיין
אַ היסטאָריש־וויכטיקע. אויף איר וועט קלאָר ווערן, צי מיר בלייבן ווייטער
אַ פאַראייניקטע פּאַרטיי, אָדער ס׳וועט פאַרקומען אַ שפּאַלטונג אויף
רעכטע און לינקע. די לינקע האָבן מיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַ דעלעגאַט
צו דער קאָנפערענץ, און כדי צו האָבן די נייטיקע צאָל שטימען, וואָס עס
פאָדערט זיך פאַר אַ דעלעגאַט, האָב איך גערדאַרפט פאָרן קיין מאַנטשעסטער
און גלאַזגאָו, כדי צו אַגיטירן די דאָרטיקע חברים צו שטיצן מיין קאַנדידאַטור.

אין מאַנטשעסטער האָב איך געטראָפן דעם חבר פון וועלט־פאַרבאַנד
לעאָן כאַזאַנאָוויטש. ער איז געקומען מטעם די רעכטע. פאַרשטייט זיך, אַז
דאָס האָט שווער געמאַכט מיין אויפגאַבע. דער רוב חברים דאָ זענען
געווען קאָנסערוואַטיוו און רעליגיעז. דער נאָמען „באָלשעוויק" האָט אויף
זיי אַנגעוואָרפן אַ פחד. אַ טייל פון זיי האָט פשוט מורא געהאַט צו גיין
מיט מיר אין גאַס, מ׳זאָל זיי נישט חושד זיין אין לינקיזם. דאָך, איז מיר
געלונגען צו באַקומען אַ טייל שטימען.

לייכטער איז מיר געווען אין גלאַזגאָו, חבר פירשט, אַליין אַ דאָרטיקער,
איז ספּעציעל געקומען מיר העלפן. זיין השפּעה איז דאָ געווען
אַ שטאַרקע. מיט די שטימען פון די דריי שטעט לאָנדאָן, מאַנטשעסטער
און גלאַזגאָו, איז מיין אויסוואַל שוין געווען פאַרזיכערט.

איצט איז געבליבן די לעצטע שוועריקייט — ווו נעמט מען אויף
הוצאות הדרך קיין ווין? אַלע זענען מיר געווען קבצנים. נאָר אין דער
לעצטער רגע האָט ח׳ פירשט געראַטעוועט די לאַגע, ער האָט פאַרקויפט

עטלעכע זיינע פריוואַטע זאַכן און מיר געברענגט 25 פונט. דאָס האָט געדאַרפט סטייען אויף רייזע־הוצאות, האָטעל און עסן...

פינף דעלעגאַטן זענען געפאָרן פון ענגלאַנד: יעקב פּאַמעראַנץ, מאָריס מייער (רעדאַקטאָר פון „די צייט"), יצחק זאַר, אייגער, וואָס זיין נאָמען איז מיר אַרויס פון זכרון, און איך — דער לינקער.

אָנגעקומען קיין ווין, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין „בייערישן האָף־האָטעל", נאָענט צו דער יידישער געגנט. ס'איז געווען שפּעט ביינאַכט, מיר זענען געווען הונגעריק, נאָר אין האָטעל איז קיין עסן נישט געווען, זענען מיר אַרויס אין שטאָט זוכן אַ רעסטאָראַן. רעסטאָראַנען זענען טאַקע געווען אַ סך, נאָר עסן זייער ווייניק. סוף כל סוף, האָט מען פאַר אונדז צוזאַמענגעשטעלט עפּעס עסן, נאָר אָן ברויט. דאָס האָט דער האָטעל געדאַרפט באַזאָרגן. צו מאָרגנס האָבן מיר טאַקע באַקומען די ברויטקאַרטעס, נאָר ס'איז געווען אַ גאָר קליינע צוטיילונג. די מלחמה האָט חרוב געמאַכט די שיינע שטאָט. ווין האָט געהונגערט.

אין דער „אַרבעטער־היים" זאַמלען זיך די דעלעגאַטן. ס'איז נישט ווייט פון אונדזער האָטעל, קומען מיר דאָרט אָפּ. ס'זענען שוין דאָ די דעלעגאַטן פון ארץ ישראל, אַמעריקע, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע א. א. ס'פעלן נאָך אַ טייל פּוילישע און די גאַנצע דעלעגאַציע פון סאָוויעט־רוס־לאַנד. דערווייל קומען פאַר באַראַטונגען פון די רעכטע און לינקע באַ־זונדער. ס'קאָכט און ס'זידט. לפי דעם צוזאַמענשטעל פון די דעלעגאַטן און דעם גייסט, וואָס ס'הערשט דאָ, האָבן די לינקע אַ מערהייט און זענען די טאָן־געבער.

לויטן באַשטימטן טערמין, דאַרף זיך די קאָנפערענץ עפענען אין צוויי טעג אַרום, נאָר מען זעט נישט די דעלעגאַטן. ס'קומט אָן אַ טעלעגראַמע, אַז די רוסישע דעלעגאַטן וועלן זיך פאַרשפּעטיקן, בלייבט — קעגן דעם ווילן פון די רעכטע — מען זאָל צוואַרטן עטלעכע טעג מיט דער דערעפע־נונג. דאָס דאַרף זיין די גרעסטע דעלעגאַציע, וואָס רעפּרעזענטירט 40 טויזנט חברים, מוז מען זיך רעכענען מיט זיי.

דערווייל איז אָנגעקומען די פּוילישע דעלעגאַציע: זרובבל, ד"ר שיפּער, בוקסבוים, ד"ר יוריס. ס'איז שוין אַ טאָג נאָכן טערמין, די רעכטע ווערן

אומגעדולדיק, פאַדערן צו עפענען די קאָנפערענץ. דעמאָלט איז ווי־דער אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז זיי זענען שוין אַרויסגעפאָרן, וואַרט מען ווידער. לסוף, פאַרשפעטיקט אויף אַ וואָך, זענען אָנגעקומען די לאַנג־דער־וואַרטע 18 חברים פון רוסלאַנד. צווישן זיין: קיווין, לעמאַן, כאַשין, קענ־דזשערסקי א. א.

די קאָנפערענץ

אין דער ערשטער העלפט פון חודש יולי 1920 האָט זיך די וועלט־קאָנפערענץ פון פועלי־ציון געעפנט אין האָטעל „פאַסט". די מערהייט דעלעגאַטן זענען לינקע. מיט רעפעראַטן טרעטן אַרויס פאַרשטייער פון ביידע פראַקציעס. די רעכטע שטייען אויף דער סירקינישער אידעען־איינשטעלונג, די לינקע — אויף שטרענג באָראָכאָוויסטישע פּאָזיציעס, מיט באָלשעוויסטישע סימפּאַטיעס. דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָבן געמאַכט די רעפעראַטן פון אַלעקסאַנדער סערפּאָוו און לעמאַן. דאָס זענען געווען פלאַם־פייערדיקע רעדעס, וואָס האָבן מיטגעריסן די דעלעגאַטן. זיי זענען געווען אין גייסט פון דער צייט, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט רעוואָלוציע. די רעדעס פון די רעכטע: קאַפּלאַנסקי, בן־גוריון א. א., האָבן נישט גע־ווירקט אויפן עולם. די דעלעגאַטן זענען געווען בונטאַריש און שטורמיש. אינטערעסאַנט, אַז אין דער קאָנפערענץ האָט זיך באַטייליקט אַ פאַרשטייער פון די „מופסן" אין א"י, אַ געוויסער מאַריסאָן, וואָס נישט ער, נישט זיין גרופּע, האָבן געהאַט אַ שייכות צום ציוניזם. די קאָנפערענץ האָט אים כסדר קריטיקירט, אויך איך בין אַרויסגעטרעטן קעגן אים. לסוף האָט מען אים אויסגעשלאָסן פון דער קאָנפערענץ. מער האָב איך פון אים נישט געהערט.

די רעפעראַטן און וויכוחים האָבן זיך געצויגן כמעט אַ גאַנצע וואָך, גאַנצענע טעג, ביז שפּעט אין אָוונט, מיט אַ קליינעם איבעררייס צוצוגיין אין רעסטאָראַן „קאָנטינענטאַל" אָפּצועסן מיטאָג. דאָ האָבן פיר קעלנער באַדינט יעדעס טישל און יעדער פון זיי האָט געוואַרט אויף טרינקגעלט.

דאָס איז אויך געווען דאָס איינציקע מאָלצייט, וואָס די דעלעגאַטן האָבן זיך דערלויבט. פרישטיק איז מען יוצא געווען מיט אַ שטיקל ברויט און ערזאַץ־קאַפע; אָוונט־ברויט — אַ וווּרשטל מיט אַ ביסל קאַרטאָפל אין אַ יידישן רעסטאָראַנדל אויף אַ הינטערגאַס. אמת, פּאָר גוט געלט האָט מען אַלץ באַקומען, נאָר די דעלעגאַטן האָבן קיין געלט נישט געהאַט. ס׳האָט זיי אויסגעפּעלט דאָס סאַמע נייטיקסטע, זיי זענען אַהער געקומען אויף 8—10 טעג און דאָ ציט זיך שוין די קאָנפערענץ קנאַפּע דריי וואָכן. דער עולם איז שוין מיד פון די רעדעס און לאַנגע וויכוחים אויף אַזוי פיל, אַז אַ געוויסן זונטיק האָט מען געמאַכט אַן איבעררייס און געגעבן די דעלעגאַטן אַ מעגלעכקייט אָפּצואָטעמען. מיר זענען אַוועק אויף אַ ,שפּיל־פּלאַץ, וואָס האָט געהייסן „אימפּעראַטאָר״. דאָרט האָבן מיר זיך געוויילט, געשפּילט זיך, געדרייט זיך אויף אַ קאַרוסעלע. נאָך מיטאָג זענען מיר אַרויסגעפאָרן אין אַ וואַלד הינטער דער שטאָט. דאָ האָבן מיר געאָטעמט מיט פרישער לופט און ריחות פון סאָסנע־ביימער, געזונגען לידער, דערציילט וויצן. דאָ האָט מען נישט געפילט דעם חילוק צווישן לינקע און רעכטע. מיר זענען אַלע געווען חבריש צוזאַמען, גוט געשטימט און אָפּגעפרישט.

צו מאָרגנס, מאָנטיק, האָט מען ווידער ממשיך געווען די קאָנפערענץ. ווידער די טיפע ערנסטקייט און שאַרפע פאַרביטערונג. ס׳איז געקומען דאָס אומפאַרמיידלעכע: די רעכטע, די מינדערהייט, האָט פאַרלאָזן די קאָנפערענץ. די וועלט־באַוועגונג „פּועלי־ציון״ איז געשפּאָלטן געוואָרן אין צוויי מחנות — ווי ס׳איז געשען אין אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען אין יענער שטורעמדיק־רעוואָלוציאָנערער צייט.

די לינקע האָבן ווייטער געפירט די קאָנפערענץ אין האָטעל „פּאָסט״, און די רעכטע — ערגעץ אַנדערש. איצט האָט עס שוין לאַנג נישט געדויערט, ביידע קאָנפערענצן האָבן זיך געשלאָסן און די דעלעגאַטן נעמען זיך גרייטן אָפּצופאָרן אין זייערע היימלענדער. אינטערעסאַנט, אַז די שפּאַלטונג האָט נישט געווירקט אויף די פערזענלעכע באַציאונגען: די דעלעגאַטן פון ביידע ריכטונגען האָבן זיך ווייטער באַגעגנט און פריינדלעך געשמועסט צווישן זיך אין דער „אַרבעטער־היים״ און אַנדערע פּלעצער, ווו זיי האָבן זיך באַגעגנט אין יענער צייט.

ביי אַ סך דעלעגאַטן איז געווען אַ שווער פּראָבלעם מיט די צוריק־הוצאות; אַלע האָבן זיך אויסגעלײַדיקט אין די צוויי וואָכן זיצן אין ווין. אָבער מען האָט זיך אַן עצה געגעבן. די ערשטע זענען אַפּגעפאָרן די פּוילישע דעלעגאַציע. די ידיעות, אַז די רויטע אַרמיי דערנענטערט זיך צו וואַרשע, האָט געפאָדערט, אַז די אָנפירערשאַפט פון דער פּאַרטיי זאָל זיך געפינען אויפן אָרט. נאָך זיי האָבן אויך אַנדערע זיך געלאָזן אין וועג אַריין. איך בין געפאָרן קיין לאָנדאָן, אין זעלביקן וואַגאָן איז געפאָרן בן־גוריון. דעם גאַנצן וועג האָבן מיר געשמועסט וועגן אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט וועגן דער שפּאַלטונג. דאָס האָבן מיר נישט דערמאָנט. אויפן וועג האָט מיר אויסגעפעלט געלט, כ׳האָב פּשוט נישט געהאַט פאַר וואָס צו קויפן עפּעס עסן, האָב איך געבעטן בן־גוריונען, ער זאָל מיר באָרגן אַ פונט. ער האָט עס גערן און תיכף געטאָן, אָבער ער האָט אויך צו מיר געהאַט אַ בקשה: כ׳זאָל אים באָרגן אַ פּאַסיק צו די הויזן, ווײַל זײַנע שעלקעס האָבן זיך צעריסן. כ׳האָב אים דאָס געגעבן און אין לאָנדאָן האָבן מיר דערלײדיקט די חובות.

די לינקע אין לאָנדאָן

אין רעזולטאַט פון דער שפּאַלטונג, האָבן די לינקע אין לאָנדאָן געפירט אַ באַזונדערע טעטיקייט. קענדזשערסקי איז דאָ געווען אַ לענגערע צייט און מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ צייטונג און עטלעכע בראָשורן. צוליב מאַטעריעלע שוועריקייטן האָבן מיר די צייטונג געמוזט אָפּשטעלן. דאָך זענען אונדזערע מעגלעכקייטן איצט געווען בעסערע, ווי אַמאָל, מיר האָבן געהאַט מער שאַנסן צו ווערבירן אָנהענגער, ווײַל די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, די אַמאָליקע בונדיסטן, וואָס זענען געווען דער שטאַרקסטער כוח אויף דער אַרבעטער־גאַס, זענען איצט אָפּגעשוואַכט, מען פילט זיי כמעט נישט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַ טייל זענען אַרויסגעפאָרן פון לאַנד, אָדער מען האָט זיין אַרויסגעשיקט, פאַר אָפּזאָגן זיך צו גיין אין דער מלחמה — די א. ג. „קאָנווענשאַניסטן". אַן אַנדער טייל, בראָש מיט דעם רעדאַקטאָר

פון „די צייט" מאַריס מייער, זענען איבערגעגאַנגען אויף אונדזערע פּ.־צ.־פּאָזיציעס. דער זעלבער מצב איז אויך ביי די אַנאַרכיסטן: זייער צייטונג „דער אַרבעטער־פריינד", וואָס איז 30 יאָר דערשינען אָן איבעררייס, גייט איצט זעלטן אַרויס. אַ ביסל שפּעטער האָט ער זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט. זייער קלוב, וואָס איז אַמאָל געווען גוט באַזוכט און אין וועלכן ס'פּלעגן, אגב, פאַרקומען די באַרימטע „יום־כיפּור־בעלער", איז איצט אַן אָרטאָ־דאָקסישע שול צום דאַווענען.

איך ווער אַ בירגער

אין 1921 האָב איך אָנגעגעבן אַ בקשה אויף בריטישער בירגערשאַפט. לויטן געזעץ האָט יעדער, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער מלחמה, אויטאָמאַטיש באַקומען בירגערשאַפט, נאָר צי איז עס חל אויך אויף מיר? מען האָט מיך אַרויסגערופן אין דער „אינטעליגענץ־אָפּטייל" פון סקאָטלאַנד־יאַרד און געפרעגט עטלעכע פראַגעס. איינע פון זיי איז געווען: צי איך בין אַ ציוניסט? כ'האָב געענטפערט פּאָזיטיוו. ציוניזם איז איצט — 4 יאָר נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע — געווען פּאָפּולער און כשר. אין אַ צוויי וואָכן אַרום האָב איך באַקומען אַ מעלדונג, אַז מיין בירגערשאַפט איז באַשטעטיקט.

בין איך, הייסט עס, שוין אַן ענגלישער בירגער אויך, נאָר קיין פּרנסה האָב איך נאָך אַלץ נישט. כ'נעם זיך האַנדלען מיט וואָלענע דאַמען־קליידער: כ'קויף סחורה און גיב צו נייען אין קליינע היים־וואַרשטאַטלעך, וואָס אַזעלכע זענען פאַראַן טויזנטער אין לאָנדאָן. דאָ אַרבעטן — דער מאַן, די פרוי און קינדער, אַ מאָל אויך עטלעכע געדונגענע מענטשן — אומבאַ־גרענעצטע שעהן. דאָס איז נאָך אַן איבערבלייבעניש פון די „שוויץ־שעפּער", וואָס האָבן עקזיסטירט אין ווייטשעפּל. אַ געוויסער טייל פון יענע בעלי־בתים זענען רייך געוואָרן און געעפנט גרויסע פאַבריקן מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען און באַדינונגען פון אַרבעט. די איבעריקע אַרבעטן ווייטער אויף דעם אַלטן אופן אין די היימען.

די קליידלעך האָב איך פאַרקויפט אין געשעפטן. קיין לייכטע פּרנסה איז עס נישט געווען. איך בין נישט געווען דער איינציקער, אַ סך האָבן זיך געכאַפּט צו דעם מסחר, און די קאָנקורענץ איז געווען אין לשער, אָבער פּרנסה בדוחק האָב איך אַרויסגעצויגן. דעם אמת דאַרף איך זאָגן, אַז קיין סך ענערגיע האָב איך אין דער אַרבעט נישט אַריינגעלייגט. דער קאָפּ און די צייט זענען געווען פאַרנומען מיט דער פּאַרטיי און אירע טעטיקייטן.

די „קאָנוועגשאַניסטן" קומען צוריק

די וואָס האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד, ווייל זיי האָבן זיך נישט געוואָלט באַטייליקן אין דער מלחמה, זענען אין זייער רוב געפאָרן אין די אַלטע היימען — קיין רוסלאַנד. די פרויען און קינדער האָבן זיי געלאָזן דאָ. ווי כ'האָב שוין פריער דערציילט, האָבן זיי אויפן וועג צו דער באַן און אויף דער באַן־סטאַנציע גופא, געוואָרפן לאָזונגען קעגן ענגלאַנד. איצט האָבן זיי באַוואָרפן מיט בקשות די ענגלישע רעגירונג און די קהלה, מען זאָל זיי דערלויבן צוריקקומען.

די רעגירונג האָט אַרויסגעוויזן גרויסמוטיקן ליבעראַליזם, כאָטש אין די שווערע צייטן, ווען טויזנטער ענגלענדער זענען געפאַלן אויף די מלחמה־פעלדער, האָבן זיי געאַרבעט, גוט פאַרדינט און נאָך פאַרלאָזט און באַשמוצט דאָס לאַנד. זי האָט די דערלויבעניש צוריקצוקומען געגעבן, רעכענענדיק זיך מיט די ליידן פון די איבערגעבליבענע פרויען און קינדער. איצט טרעפן מיר זיי ווידער אין די פאַראיינען, אין אַרבעטער־רינג און אין דער פּאַרטיי. אַ טייל זענען נאָך אַלץ פייערדיקע אַנהענגער פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, אַנדערע זענען טיף אַנטוישט, אָבער אַלע ווילן זיין אין ענגלאַנד, כאָטש דאָ בלאָזן היינט אַנדערע ווינטן, וואָס זענען ווייט פון ליבעראַליזם אין שייכות צו אויסלענדער.

איך דערמאָן זיך: מיין חבר פירשט איז דעמאָלט געווען אויף גרויסע צרות. ער האָט פּשוט נישט געהאַט מיט וואָס דעם טאָג איבערצולעבן. ער

קומט אָפּ מיט בייגל און וואַסער. זיינע עלטערן אין גלאַזגאָוו בעטן אים ער זאָל אַהיימקומען, וויל ער נישט. ער דאַרף צוהעלפן מאַכן די רעוואָ־לוציע, מוז ער זיין אין צענטער, אין לאָנדאָן. אַמאָל האָב איך אים פאַר־בעטן אויף אַ מיטאָג, האָט ער געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט, נאָר נאָכן עסן אַלץ אָפּגעגעבן צוריק. ער האָט שוין נישט געקענט פאַרדייען קיין נאָרמאַל עסן. ער האָט זיך געפילט שלעכט, האָב איך אים גענומען צו זיך אין צימער. אויפן וועג קומט אונדז אַנטקעגן מיין באַלעבאָסטע און מיט אַ טרויע־ריק פּנים דערציילט זי אונדז אַזאַ געשיכטע: פּאָליציי איז געקומען זוכן צפורה בליי, די טיר האָט געעפנט דער מאָלער עפּלבוים און האָט זיי דער־קלערט, אַז זי איז אין הויז נישטאָ, האָבן זיי ביי אים געבעטן זיין אידענ־טיטעט־קאַרטע. אויף דער קאַרטע איז נישט געווען זיין איצטיקער אַדרעס. דערפאַר וואָס ער האָט פאַרנאַכלעסיקט דאָס איבערשרייבן זיך ביי דער פּאָ־ליציי און האָט אַזוי אַרום עובר געווען אויפן „געזעץ פאַר אויסלענדער״, האָט מען אים תיכף אַרויסגעשיקט פון לאַנד, קיין פּוילן.

עפּלבוים — אַ סימפּאַטישער, אומפּאַרטייאישער מענטש, וואָס איז שטענ־דיק געווען פאַרטאָן מיט זיין קינסטלערישער אַרבעט — איז געקומען קיין ענגלאַנד נאָך אַלס קינד, זיך דאָ געלערנט און דערצויגן, און אָט פאַר אַזאַ קליינעם חטא האָט מען אים דעפּאָרטירט קיין פּוילן, אַ לאַנד, וואָס איז אים געווען פרעמד. ער האָט אַפילו די שפּראַך נישט געקענט. אָט דער פאַקט האָט געמאַכט אַ שווערן רושם אין אונדזערע קרייזן. ס'האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד, באַזונדערס אויף די לינקע עלעמענטן.

נאָכן דורכפאַל פון „ספּאַרטאַקוס־בונד״ אין דייטשלאַנד און די דורכגע־פאַלענע רעוואָלוציעס אין אַנדערע אייראָפּעישע לענדער, האָט זיך די רעאַקציע געשטאַרקט. מען האָט עס באַלד דערפילט אין ענגלאַנד. די טעטי־קייט פון די לינקע פּאַרטייען איז געוואָרן שוואַכער און דער אינטערעס האָט זיך איבערגעטראָגן אויף ליטעראַטור, טעאַטער און קונסט־ענינים.

אין יענער צייט האָט דער רעוואָלוציאָנערער פּאָעט פּרץ מאַרקיש באַזוכט לאָנדאָן. די יידישע געזעלשאַפט האָט צו אים אַרויסגעוויזן אַ גע־וואַלדיקע פאַראינטערעסירונג. זיינע אַרויסטריטן האָבן געצויגן אַ גרויסן עולם און זענען פאַרגעקומען ביי פול־געפּאַקטע זאַלן. אויך אַלעקסאַנדער

כאָשין איז דעמאָלט געווען אין לאָנדאָן און זיינע רעפּעראַטן זענען דורך מיט גרויס דערפאָלג. איך געדענק זיינס אַ רעפּעראַט וועגן ביאַליקן: ער האָט אויפגעוויזן, אַז ביאַליק האָט אַלע שאַנסן צו ווערן דער נאַציאָנאַלער יידישער דיכטער, אָבער קיין אוניווערסאַלער פּאָעט איז ער נישט, ווייל ער איז צו טיף פאַרוואָרצלט אין יידישן לעבן און אין זיין פּראָבלעמאַטיק.

אַלע קונסט־גאַלעריעס און אויסשטעלונגען זענען גוט באַזוכט געוואָרן.ביידע יידישע טעאַטערס — אויף מיילענד און וויטשעפּל — זענען אַלע אָוונט געווען איבערגעפּולט מיט טויזנטער מענטשן, וואָס מ׳האָט זיי פריער דאָ נישט געטראָפן. איין מאָל, אויף אַ פאַרשטעלונג פון יעקב גאָרדינס „דער פאָטער", בעת דער הפסקה, דערפיל איך אַ פריינדלעכן קלאַפּ אין אַקסל „האַ מענטשעס, דו ביסט אויך דאָ?". כ׳דריי אויס דעם קאָפּ און זע משה שערטאָקן (שרת), דער שפּעטערדיקער פּרעמיער און אויסערן־מיניסטער פון ישראל. מיר האָבן אַ ביסל געשמועסט און כ׳האָב זיך זייער געפרייט מיט אים און מיט זיין פריינדשאַפט.

זינט מ׳האָט אַרויסגעשיקט דעם מאָלער עפּלבוים, איז מיר געוואָרן אומהיימלעך אין דעם הויז. כ׳האָב געוואָלט זיין מיט אייגענע מענטשן, האָב איך זיך אַריינגעצויגן צו דער משפחה נאַראַדיצקי. מיין איבערגיין אין אַ נייער דירה איז געווען נישט שווער, ווייל כ׳האָב כמעט גאָרנישט געהאַט מיט זיך, אויסער אַ קליינע וואַליזע.

וואָלף יוניס

אין הויז פון מיינע פריינד האָב איך זיך באַקענט מיט אַ יונגן בחור, אַ נאָר וואָס געקומענער פון מלאַווע — פּוילן. ער איז געקומען לערנען דאָ אין דער אוניווערסיטעט. ער איז מיר געפעלן געוואָרן מיט זיין איב־טעליגענץ און פשטות. אין אַלע פראַגן, וואָס מ׳האָט באַרירט, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך וויסן און געזונטע לאָגיק. מיר האָבן אָפט געשמועסט און געוואָרן נאָענטע פריינד. צוליב דער טייערקייט פון לערנען דאָ, איז ער אָפּגעפאָרן אין דער שווייץ, שפּעטער געלערנט אין בראַטיסלאַווע. מיר

האָבן זיך דורכגעשריבן וועגן פּערזענלעכע און יידיש־ציוניסטישע ענינים. ער האָט מיר געשיקט זיינע אַרטיקלען, געדרוקטע אין צייטונגען פון „השומר הצעיר", און איך אים — מיינע, פון דער פּ.־צ.־פּרעסע. מיר האָבן געהאַט אַ גייסטיקע פאַרבינדונג. די לעצטע יאָרן איז ד"ר זאב יוניס געווען דער הויפּט־דאָקטאָר פון דער קינדער אָפּטיילונג אין ביילינסאָן־שפּיטאָל. אונדזער פריינדשאַפט האָט זיך געצויגן ביז זיין פריצייטיקן טויט. ביז היינט פיל איך נאָך די גרויסע אבידה.

אַ ראָמאַן

איך בין איצט געווען ווייניקער פאַרנומען געזעלשאַפטלעך און געהאַט מער צייט פאַר פּערזענלעכע ענינים. צופעליק בין איך אַריין אין אַ גרויס געשעפט קויפן אַ פּעקל סיגאַרעטן. אַ יונג שיין ענגליש מיידל האָט מיך באַדינט. ביים געבן רעשט, האָט זי אַ סימפּאַטישן שמייכל געטאָן און געדאַנקט. איר שמייכל האָט מיך געצויגן און יעדן טאָג בין איך דאָרט געקומען כלומרשט נאָך סיגאַרעטן. מיר האָבן געכאַפּט דעם ערשטן שמועס, זי האָט מיר געזאָגט איר נאָמען און אָנגענומען מיין פאַרבעטונג צו גיין אין קינאָ. אַזוי זענען מיר אַלץ נענטער און נענטער געוואָרן. זי איז מיר שטאַרק געפעלן און זי האָט זיך אויף אַן אמת פאַרליבט אין מיר. אַלץ וואָס כ'האָב געטאָן איז געווען גוט און ריכטיק, אַלע מיינע רייד — קלוגע און שיינע, ס'איז איר געפעלן מיין פּאָלק, מיין שפּראַך, מיינע לידער. די „מאַרגאַריטקעס", וואָס איך האָב ליב געהאַט צו זינגען, האָט זי זיך אויסגעלערנט און ביי יעדער געלעגנהייט דאָס אויסגעשפּילט אויף דער פּיאַנע.

אַזוי האָבן מיר פאַרברענגט צוזאַמען צוויי יאָר. איבער דער צייט האָט זי אַ סך מאָל דערמאָנט, מיר זאָלן חתונה האָבן. איך האָב איר אויפגעקלערט, אַז כאָטש זי געפעלט מיר און כ'האָב זי ליב, האָב איך מורא, אַז מיר וועלן נישט זיין גליקלעך; זי איז אַ קריסטין, און איך — אַ ייד, אונדזערע פריינד, כאָטש פּראָגרעסיווע מענטשן, וועלן עס נישט אויפנעמען,

אפשר אונדז אויסמיידן. זי האָט זיך צעוויינט און געזאָגט, אַז זי איז גרייט צו ווערן אַ יידישע. איך האָב זיך אָבער געשראָקן צו מאַכן אַזאַ ריזיקאַלישן שריט אין לעבן. כ׳האָב זיך אָבער געפילט מאָראַליש פאַראַנטוואָרטלעך, צוליב מיר האָט זי איבערגעריסן מיט אַ שיינעם, בלאָנדן בחור, אַ טעניס־שפילער. האָב איך זיך באַמיט נישט ווי טאָן איר. כ׳האָב זי וויניקער געטראָפן, אַ שטיקל צייט אַפילו בכלל זי נישט געזען. נאָר זי איז גע־קומען צו מיר און דערקלערט, אַז זי קען אָן מיר נישט לעבן. ווען כ׳האָב איר דערציילט „בסוד", אַז איך לייד פון אַ כראָנישער קרענק, האָבן זיך טרערן געקייקלט פון אירע אויגן. נאָר זי איז נאָך אַלץ גרייט געווען צו גיין מיט מיר.

מיט דער צייט, נאָך לאַנגע שמועסן, איז מיר דאָך געלונגען צו ווירקן אויף איר, מיר זאָלן זיך שיידן. ווען מיר האָבן זיך איצט געטראָפן אין הויז פון אַ פריינד, האָט זי טרויעריק אויסגעשפּילט אויף דער פּיאַנע: „האָסט מיך געלערנט ליב צו האָבן, לערן מיך ווי צו פאַרגעסן..." אין אַ צייט אַרום האָט זי זיך באַקענט מיט אַ יונגערמאַן און מיט אים חתונה געהאַט.

מיין באַגעגעניש מיט ח. נ. ביאַליק

אַ געוויסן פרימאָרגן, פאַרן פאַרלאָזן דאָס הויז, זאָגט מיר נאָראַדיצקי, ביי וועמען איך האָב געוווינט, אַז היינט אין אָוונט וועט ביי אים זיין אַ גאַסט — זיין פריינד און לאַנדסמאַן ח. נ. ביאַליק. בעט ער מיך צו זיין איינער פון דער קליינער צאָל געסט, וואָס ער פאַרבעט צו פאַרברענגען מיט דעם חשובן גאַסט.

פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב די פאַרבעטונג אָנגענומען מיט גרויס פרייד. כ׳האָב עס געהאַלטן פאַר אַ כבוד זיך צו באַקענען מיט דעם גרויסן נאַ־ציאָנאַלן דיכטער, וועמענס לידער כ׳האָב אויסגעלערנט אויסנווייניק און זיי רעציטירט אויף ציוניסטישע אָוונטן.

דעם גאַנצן טאָג האָב איך זיך געפילט דערהויבן — יום־טובדיק.

געקומען פריער אין שטוב, זיך ארומגעוואָשן, אָנגעטאָן די בעסטע מלבושים און געוואַרט. ביאַליק איז אַריין אַ גוט־אויפגעלייגטער, אַ פריילעכער, זיך צעקושט מיט נאַראַדיצקין און אַלעמען וואַרעם געדריקט די הענט. מיך האָט ער אַ פרעג געטאָן: „פון וואַנען שטאַמט אַ ייד? ווי לאַנג זענט איר אין ענגלאַנד?״ ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין געווען אין ארץ־ישראל מיטן „גדוד״, האָט ער מיך שאַרף אויפמערקזאַם באַטראַכט. „יאָ — האָט ער געזאָגט — דעמאָלט זענען געווען גרויסע האָפענונגען, אָבער״ — ביי די ווערטער האָט נאַראַדיצקי איבערגעריסן און געבעטן אַלעמען צו טרינקען „לחיים״. מען האָט געטרונקען, צוגעביסן, ביאַליק איז געווען מונטער, באַגייסטערט. די שטימונג האָט זיך געהויבן, מען האָט געשמועסט, געזונגען חסידישע ניגונים. באַלד האָט מען אַרויסגעשטעלט דעם טיש און אַלע אין אַ ראָד האָבן געטאַנצט אין הייסער התלהבות אַרום ביאַליקן. נאַראַדיצקיס פנים האָט געשיינט פון גליק, זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט פרייד. אין מיטן טאַנצן האָט ער אַ געשריי געטאָן צו מיר: „זעסט, מענטשעס, אָט דאָס הייסט געלעבט!״ אין סוף פון דער נאַכט האָט זיך פאַרענדיקט די גרויסע איבערלעבונג, וואָס וועט אייביק בלייבן אין מיין זכרון, ווי זי וואָלט ערשטע איצט געשען.

פון דאַנען איז ער אָפּגעפאָרן קיין ווין צו זיין גורלדיקער אָפעראַציע, וואָס האָט פאַרענדיקט זיין לעבן.

בריוו פון דער היים

מיינע עלטערן האָבן מיך געגומען באַשיטן מיט בריוו, וואָס זייער תוכן איז געווען איינער: ביסט אַ בחור פון 28 יאָר, ווי לאַנג איז דער שיעור אַזוי צו לעבן? פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה? פאַרוואָס טראַכסטו נישט וועגן קיין תכלית?

דעם אמת געזאָגט, האָבן זיי איצט אַריינגעטראָפן אין מיין געמיט־צושטאַנד. איך אַליין האָב איך יענער צייט געטראַכט דאָס זעלבע. ס׳איז מיר נמאס געוואָרן די עלנטקייט און איך האָב געטראַכט צו ענדערן מיין

לעבנס־אופן. אָבער נעמען סתם אַ מיידל און חתונה האָבן, האָב איך נישט געקענט. כאָטש כ׳בין שוין אַלט געווען 28 יאָר, בין איך געווען נאַאיוו־ראָמאַנטיש. מיינע — האָב איך געטראַכט — דאַרף זיין עפּעס אַן אויס־דערוויילטע: יונג, שיין, מאָדערן, יידיש־נאַציאָנאַל און בכלל האָבן אַלע מעלות. אַזאַ איז נישט לייכט צו טרעפן דאָ אין ענגלאַנד. האָב איך אָנגע־נומען מיינע עלטערנס עצה, צו נעמען אַ מיידל פון פּוילן. דאָס טאַקע האָב איך זיי געשריבן.

אין גיכן האָב איך באַקומען צוויי בריוו, איינער פון מיינע עלטערן, זיי האָבן מיר פאָרגעשלאָגן אַ שידוך פון פּלאָצק, אַ קוזינס אַ טאָכטער. דער צווייטער בריוו איז געווען פון מיין שוועסטער. זי האָט מיר דער־ציילט וועגן אַ טאָכטער פון דער משפחה שפּערלינג, אַ ייִנגערע שוועסטער פון מיין אַמאָליקער סימפּאַטיע נחמה. זי האָט געהייסן פּעליע. היות כ׳האָב געהאַט אַ סענטימענט צו דער משפחה, האָב איך אָנגעשריבן צום ה׳ שפּער־לינג קיין וואַרשע, אים געגעבן אָנצוהערן וועגן מיינע פּלענער און געבעטן זייער און פּעליעס מיינונג וועגן דעם. ווען כ׳האָב אַ לענגערע צייט נישט באַקומען קיין ענטפער, האָב איך געמיינט, אַז מיין פאָרשלאָג איז נישט געפעלן געוואָרן. דעמאָלט האָב איך אָנגעשריבן צו מיין קוזין ה. ל. קיין פּלאָצק. באַלד האָב איך באַקומען אַ תשובה, אַז איך זאָל זיך דירעקט דורכשרייבן מיט זיין טאָכטער — גינאַ. אַ ביסל צייט האָבן מיר זיך דורכגעשריבן און כ׳האָב באַשלאָסן פאָרן קיין פּוילן. ס׳האָט מיך געצויגן אַ קוק טאָן אויף מיין באַשערטער.

אין יוני 1925 בין איך אָנגעקומען קיין קוטנע. די באַגעגעניש מיט דער משפּחה איז געווען גאָר האַרציק און וואַרעם, נאָך אַזאַ לאַנגע צייט נישט זען זיך. כ׳וויים נישט פון וואַנען מענטשן האָבן זיך דערוווּסט דעם ציל פון מיין קומען, נאָר שדכנים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט די בעסטע פאָרשלאָגן: שיינע טעכטער, יחוסדיקע משפחות, געלט, דאָלאַרן. נאָר איך האָב מיט קיינעם נישט געוואָלט רעדן, מיינע מחשבות זענען שוין געווען אין פּלאָצק, ביי גינאַ. ביי דער באַן האָט מיך אָפּגעוואַרט דער פאָטער און נאָך עטלעכע פון דער משפחה. ס׳איז געווען אין אָוונט, האָב איך

איבערגענעכטיקט אין אַ פּוילישן האָטעל — כאָטש אַ קרוב, האָט אַנדערש גישט געפּאַסט פאַר דער וועלט.

צומאַרגנס אין דער פרי בין איך פאַרבעטן געוואָרן צו זיי אין הויז און כ'האָב זיך באַקענט מיט גינאַ. כ'האָב אַ קוק געטאָן אין אירע גרויסע שיינע, בלויע אויגן, און זי איז מיר באַלד געפעלן געוואָרן. נאָך פרישטיק זענען מיר געגאַנגען שפּאַצירן אין שטאָט־גאָרטן, מיר האָבן געשמועסט, צום סוף האָב איך איר דערקלערט מיין ווילן און ווונטש — חתונה צו האָבן מיט איר. זי האָט מסכים געווען און מיר זענען אַוועק צו איר היים אָנצוזאָגן די עלטערן די בשורה. ס'איז געוואָרן אַ גרויסע שמחה, מען האָט זיך געקושט, געווונטשן „מזל־טוב". די חתונה האָבן מיר באַשטימט אין דריי וואָכן אַרום, אויף דעם 7־טן אויגוסט.

די חתונה

פרייטיק, דעם 7־טן אויגוסט, איז אין פלאַצק, אינעם הויז פון גינאַס עלטערן, פאָרגעקומען אונדזער חתונה. ס'זענען געקומען די משפחות פון ביידע צדדים און אַ סך געסט. אַ רב האָט מסדר־קידושין געווען, כ'האָב צעבראָכן אַ גלעזל. דאָ, אונטער דער חופה, האָב איך דערפילט, אַז ס'איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין מיין לעבן, כ'הייב אָן אַ ניי קאַפּיטל. דער עולם האָט געווונטשן מזל־טוב, מען האָט זיך געקושט, געטאַנצט, ס'איז געוואָרן פריילעך, ווי אויף אַ יידישער חתונה.

שבת אין דער פרי, בין איך געגאַנגען מיטן שווער אין שול אַריין. מ'האָט מיך מכבד געווען מיט „מפטיר". דעם זעלבן שבת־צו־נאַכטס איז געווען אַ באַנקעט פאַר דער יוגנט, גינאַס גימנאַזיע־חברים. ס'איז געווען אַ פיינע יוגנט, זיי האָבן זיך פריילעך געמאַכט, נאָר איך בין געווען אַ זייטיקער. זייער וועלט, זייערע אינטערעסן, דער עיקר זייער שפּראַך, פּויליש, איז מיר געווען פרעמד און דערווידער.

דינסטיק, דעם 5־טן טאָג נאָך דער חתונה, האָבן מיר זיך שוין געלאָזט אין וועג אַריין. ביים ברעג ווייסל האָט אונדז אָפּגעוואַרט די גאַנצע משפּחה.

מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט. נאָר גינאַס פאָטער האָט אונדז באַגלייט ביז וואַרשע. מיר זענען אַרויף אויפן סטאַטעק, וואָס האָט זיך פּאַמעלעך אָפּגעריסן פון ברעג. נאָך לאַנג האָבן הענט און טיכלעך געפאָכעט פון דער ווייט, ביז זיי זענען פאַרשוווּנדן.

ווידער אין לאָנדאָן

אַ שבת־אָוונט זענען מיר אָנגעקומען אויף דער וויקטאָריע־סטאַנציע אין לאָנדאָן. מיר זענען פאַרפאָרן אין אַ פּענסיאָן. ס׳איז געווען פרומע מענטשן און מיר האָבן זיך דאָרט נישט גוט געפילט. נאָך עטלעכע וואָכן, האָבן מיר גענומען עטלעכע צימערן אין הויז פון מיין פריינד מ. דאָרט האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט, נאָר אויך דאָרט איז אונדז נישט געפעלן. ס׳האָט זיך אָריינגעמישט קנאה. מיין פריינדס פרוי, אַ פּשוטע און עלטערע, וואָס איר לעבן איז אַוועק אויף קאָכן און רוימען די צימערן, האָט מקנא געווען, וואָס מיר גייען אָפּט אַרויס פאַרברענגען, האָט זי אָנגערעדט אויף אונדז. האָט זיך געשאָפן פרעמדקייט צווישן מיר און מ., האָבן מיר ווידער געטוישט די דירה. גינאַ האָט גיך באַהערשט די ענגלישע שפּראַך, גערעדט און געלייענט, דאָך האָט זי שטאַרק געבענקט אַהיים, צום שטעטל, צו די עלטערן, צו פריינד. אָפט האָט זי געהאַט שלעכטע און טרויעריקע שטי־מונגען. כדי צו ענדערן די לאַגע, האָב איך איר צוגערעדט, זי זאָל אַ ביסל פאָרן אַהיים. זי האָט גערן מסכים געווען, האָב איך זי באַגלייט ביז בעלגיע, דאָרט זענען מיר געווען עטלעכע טעג. דערנאָך איז זי געפאָרן קיין פּוילן, און איך — צוריק קיין לאָנדאָן. נאָך עטלעכע חדשים איז גינאַ צוריקגעקומען.

פּועלי־ציון באַנייט איר אַרבעט

אין יענער צייט איז געקומען קיין לאָנדאָן נח בארו (יורין), אַ חבר פון עקזעקוטיוו פון פּ.־צ. וועלט־פאַרבאַנד. מיר האָבן זיך באַגעגנט און

דוד מענטשעס אויף אַ מערב־אייראָפּעאישער קאָנפערענץ פון פועלי־ציון
אין בריסל (בעלגיע) אין 1928.

ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. אַ פריילעך־גוטמוטיקער מענטש מיט אַ רוסישן אויסזען און כאַראַקטער, אָפנהאַרציק און איידל אין דער באַנעמונג. ביי אונדזער ערשטער טרעפונג האָט ער מיך געפרעגט וועגן דעם מצב פון לינקע פּ.־צ. אין לאָנדאָן. כ'האָב אים דערציילט, אַז שוין כמעט צוויי יאָר ווי די פּאַרטיי איז נישט טעטיק. כאָטש ער איז געקומען פון סאָוו.־רוסלאַנד צו זיין דאָ אַ דירעקטאָר פון אַן ענגליש־סאָוויעטישער באַנק, לייגט ער מיר פאָר, אַז צוזאַמען מיט אים, זאָלן מיר צוריק אויפלעבן די טעטיקייט פון לינקע פּ.־צ. איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן אין דער פּאַרטייאישער אַרבעט מיט אַלע פיבערן פון מיין נשמה. פּ.־צ. האָט ווידער אויפגעלעבט. צוזאַמען מיט אונדז, האָבן אין יענער צייט געאַרבעט די ניי־געקומענע חברים: ידידיה לעווין, נתניה פון א״י. ביידע זענען געקומען דאָ לערנען אין אוניווערסיטעט. די נייע חברים האָבן אַ סך צוגעטראָגן צו אונדזער טעטיקייט.

חבר באָרו האָט מיך איבערצייגט, אַז אויסער רעדן, זאָל איך אויך נעמען שרייבן. מיינע אַרטיקלען זענען אָפט דערשינען אין דער „אַרבע־טער־צייטונג״ אין פּוילן, „פּראָלעטאַרישער געדאַנק״ אין אַמעריקע און אין פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין בעלגיע, פּאַריז און לאָנדאָן. די אַלזייטיקע געזעלשאַפטלעכע און שרייבערישע טעטיקייט, האָט מיר געגעבן צופרידנ־קייט און אינהאַלט אין מיין קאָמפּליצירט־שווערן לעבן.

אויף אַ קאָנפערענץ פון לינקע פּ.־צ. אין בריסעל, האָב איך זיך באַ־קענט מיט די חברים: י. יצחקי — אַ פירער פון דער פּאַרטיי אין א״י, י. קארעט פון פּאַריז — היינט אַן אדוואָקאַט אין תל־אביב, און מיט אַנדערע מערב־אייראָפּעאישע חברים. די ח״ח יצחקי און באָרו האָבן געהאַלטן רעפעראַטן א. ד. ט.: „ווי צו באַווירקן די מערב־אייראָפּעאישע יוגנט פאַר דער באַוועגונג״. די דעלעגאַטן האָבן אָפּגעגעבן באַריכטן פון זייערע לענדער, מען האָט אויסגעקליבן אַ מערב־אייראָפּעאישן סעקרעטאַריאַט, אין וועלכן אויך איך בין אַריין. ווי דער שטייגער, האָט עס זיך געענדיקט מיט אַ באַנקעט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

מיין טעכטערל

דעם 3־טן אַפּריל 1927 האָט מיין פרוי געבוירן אַ טעכטערל. מיר האָבן זי גערופן רות.

איך האָב געקויפט אַן אייגן הייזל פון 6 צימערן מיט אַ גאָרטן, אין אַ פיינער געגנט. דאָס לעבן איז אַוועק ווי געהעריק, כ׳האָב זיך געפילט גליקלעך. דאָ האָבן מיר אויפגענומען געסט פון לאַנד און אויסלאַנד. אָפטע געסט ביי אונדז אין הויז זענען געווען: ד״ר באָרו, נתניה, לעווין, ד״ר קרוק, האַרצפעלד, קאַפּלאַנסקי, מאַניע שוחט, זרובבל — ווען זיי זענען געווען אין לאָנדאָן. אַלע האָבן זיך געפילט ביי אונדז, ווי ביי זיך אין דער היים. ס׳איז געווען פריילעך, אַנגענעם. גינאַ האָט אַלע אויפגענומען פריינד־לעך, האַרציק; אָבער פּלוצים איז זי קראַנק געוואָרן, האָט געמוזט גיין אין שפּיטאָל אויף אַן אָפּעראַציע. נאָך דער אָפּעראַציע האָט זי זיך געפילט זייער שוואַך, האָט געמוזט אָרויספאָרן אויף אַ לענגערע צייט זיך פאַרריכטן, מאַטעריעל בין איך עס דעמאָלט נישט געווען בכוח צו טאָן, האָבן מיר באַשלאָסן: היות זי בענקט אָפט אַהיים, זאָל זי מיט דעם קינד פאָרן אויף אַ געוויסער צייט קיין פּוילן.

זיי זענען אַוועקגעפאָרן, און איך בין געבליבן אַליין. ס׳איז מיר שווער און אומעטיק, נאָר איך מאַך שלום מיטן גורל. אין יענער צייט לייען איך און שרייב אַ סך. ווען כ׳ווער מיד, שפּאַציר איך אין היידפּאַרק. דאָס לעבן האָט זיך געענדערט, נאָר דאָ איז אַלץ ווי געווען. כ׳קוק זיך צו צו די פאַרשידנאַרטיקע פאַרשוינען, וואָס קומען דאָ אַהער. כ׳הער אויס רעדעס און מוזיק. פון אַלע ווינקלען דרשנט מען דאָ; איינער — רעליגיע, אַן אַנדערער — פריידענקעריי, מ׳רעדט וועגן סאָציאַליזם, קאָמוניזם און ספּיריטואַליזם. ס׳רעדן ווייסע, שוואַרצע, יונגע און אַלטע. אַלע פילן זיך דאָ גוט און פריי. איך באַמי זיך שטענדיק צו זיין פאַרנומען, פיל איך ווייניקער די איינזאַמקייט.

ס׳איז 1929, אין פּאַלעסטינע איז אומרואיק, ס׳קומען אַן שלעכטע גרוסן. מיר זענען בייז און פול מיט צאָרן אויף דער מאַנדאַטן־מאַכט. ז׳שאַ־באָטינסקי איז אַרויסגעטרעטן אויף אַ גרויסער פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג



דוד מענטשעס רעדט אין אויגוסט 1929 אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג פון יידישע אויסגעדינטע סאָלדאַטן אין לאָנדאָן, קעגן דער אַנטיסעמיטישער שטעלונג פון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל.

קעגן דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל. זיין קריטיק האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם אויף די אַנוועזנדיקע.

דער פֿאַרבאַנד פֿון די אויסגעדינטע סאָלדאַטן האָט אָרגאַניזירט אַ פּראָטעסט־מיטינג. נאָך פֿאַר דעם האָבן זיי געשיקט אַ טעלעגראַמע צום קעניג, אין וועלכער זיי האָבן אויסגעדריקט אומצופֿרידנקייט און פֿאַרדראָס מיט דער האַלטונג פֿון דער אַדמיניסטראַציע אין פּאַלעסטינע. דער קעניג האָט „געענטפֿערט״ מיט אויסדריקן דאַנקבאַרקייט פֿאַר — לאָיאַליטעט... צום מיטינג זענען געקומען אַ סך פֿאַרטרעטער פֿון דער ענגלישער געזעלשאַפֿט. דער זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט און הונדערטער זענען אַוועק צוליב דער ענגשאַפֿט. ס׳זענען אַרויסגעטרעטן: דער פֿאַרלאַמענט־דעפּוטאַט, וואָס האָט רעפּרעזענטירט ווייטשעפּל, זשאַבאָטינסקי און איך. די שטימונג אויף דעם מיטינג איז געווען אַ שטורמיש־אויפֿגעברויזטע, די רעזאָלוציעס — דרייסטע און שאַרפֿע. די ענגלישע פּרעסע האָט געגעבן געניַיע באַריכטן פֿון דעם מיטינג. אגב, אין מיין אַרכיוו געפֿינט זיך אַ בילד פֿון יענעם מיטינג — אויסגעשניטן פֿון אַן ענגלישער צייטונג.

גינאַ קומט צוריק

נאָך זעקס חדשים זענען גינאַ מיטן קינד צוריקגעקומען פֿון פּוילן. איך האָב זיי אָפּגעוואַרט אין בעלגיע. גינאַ איז געווען אין בעסטן געזונט־מצב. דאָס קינד איז אונטערגעוואַקסן. איבער דער צייט האָט עס זיך אויסגעלערנט און גערעדט נאָר פּויליש, וואָס איך האָב שוין כמעט נישט פֿאַרשטאַנען. מיין שמחה איז געווען אין לשער. עטלעכע טעג זענען מיר געווען אין בריסעל ביי דער משפּחה, דערנאָך זיך אומגעקערט קיין לאָנדאָן. דאָס לעבן אין שטוב האָט זיך נאָרמאַליזירט. ס׳איז ווידער געוואָרן אַ היים. אין משך פֿון אַ קורצער צייט, האָט דאָס קינד פֿאַרגעסן פּויליש און גערעדט נאָר ענגליש, האָבן מיר זיך ווידער פֿאַרשטאַנען.

די געשעענישן אין א״י און דער וווּקס פֿון היטלעריסטן נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד, האָט אַרויסגערופֿן זאָרג און שווערע מחשבות.

מען האָט זיך געגרייט צו דערקלערן אַ באָיקאָט אויף דייטשע סחורות און אַנדערע אַקציעס. ביי די ציוניסטישע עלעמענטן, האָט זיך געמערקט פאַרשאַרפטע קאַמפּס־גרייטקייט פאַר זייער ציל: „מיר מוזן דורכברעכן די וואַנט, א״י מוז ווערן דאָס יידישע לאַנד, איצט איז עס נאָך בייטיקער ווי שטענדיק, נישטאָ קיין אַנדער וועג״ — האָט זיך אויסגעדריקט איינ פון די אַקטיוויסטע. אַן אַנדער טייל, וואָס האָט געזוכט טרייסט אין די שווע־רע צייטן, האָט זיך אַ קער געטאָן צו רעליגיע...

וועגן איינעם אַזאַ פאַל וויל איך דאָ דערציילן: מיינער אַ חבר, אַן אַמאָליקער בונדיסט, אַ ראַדיקאַל, כמעט אַ פריידענקער, אַ מענטש מיט אַ סך קולטור, וואָס האָט אַ סך געלייענט און געלערנט, נישט נאָר מאָדערנע ליטעראַטור, נאָר אויך אַלט־יידישע ספרים, איז דאָ אין לאָנדאָן געווען אומפּאַרטייאיש און ביי אים אין הויז פלעגט מען זיך טרעפן אין די פריי־טיק־צו־נאַכטסן. ס׳זענען געקומען מענטשן פון אַלע ריכטונגען, מען האָט גערעדט וועגן פּאָליטיק, ליטעראַטור, פילאָסאָפיע.

אַ ביסל שפּעטער האָט מען מיר דערציילט, אַז ער האָט „תשובה״ געטאָן. ער איז פרום געוואָרן, זיך געלאָזט וואַקסן אַ באָרד, וואָס האָט אים געמאַכט מיט אַ 15 יאָר עלטער. זיין פרוי — אַ יונג פריילעך בלאָנד ווייבל, האָט אָנגעטאָן אַ שייטל, איינגעפירט אַ כשרע קיך. די ראַדיקאַלן האָבן זיך מער אין זיין הויז נישט געטראָפן. איצט זענען צו אים געקומען נאָר חסידים און רבנים. צום סוף איז ער געוואָרן אַ חבר אין דער „אגודת ישראל״.

ווען כ׳האָב אים אַמאָל געטראָפן אַליין, האָב איך אים געפרעגט: „וואָס איז געשען, וואָס האָט דיך אַזוי פּלוצים געשטויסן צו אַזאַ קאָנ־סעקווענטער פרומקייט?״ האָט ער שטיל און קורץ געענטפערט: „דאָס יידישע פאָלק האָט נישט קיין עקזיסטענץ־מעגלעכקייט אָן איר רעליגיע, נאָר איר דת, די תורה קאָן אויפהאַלטן דעם קיום פון פאָלק״. מער האָב איך נישט געפרעגט. מיר האָבן זיך פריינדלעך געזעגנט. מער האָבן מיר זיך נישט געטראָפן.

פליטים פון דייטשלאַנד

נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אין יאָר 1933, זענען קיין ענגלאַנד אָנגעקומען אַ גרויסע צאָל יידן פון דייטשלאַנד. צווישן די ערשטע איז געקומען דער באַקאַנטער רוסיש־יידישער רעוואָלוציאָנער און דענקער ד״ר יצחק נחמן שטיינבערג. באַלד איז ער געוואָרן שטאַרק באַליבט אין לאָנדאָן און אַרום זיך געקליבן די ראַדיקאַל־יידישע אינטעליגענץ. אויף שטיינבערגס איניציאַטיוו איז געשאַפן געוואָרן די „יידישע אַרבעטער־ליגע״, וואָס האָט אַרומגענומען די גאַנצע יידישע פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג. איך האָב דאָרט פאַרטרעטן די לינקע פּ.־צ. די „ליגע״ האָט געפירט אַ ברייטע קולטור־ און אויפקלערונגס־אַרבעט, וועגן דער גרויסער געפאַר, וואָס עס טראָגט מיט זיך דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם פאַר דער וועלט, בפרט פאַרן יידישן פאָלק, און זי האָט אָנגעוויזן די וועגן און מיטלען ווי צו קעמפן מיט אים. שטיינבערג האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל פאַר פּאָליטיק און קולטור „דאָס פרייע וואָרט״. איך האָב אין דעם זשורנאַל פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט „צו דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד״. דער זשורנאַל האָט זיך כסדר געראַנגלט פאַר זיין קיום. שטיינבערג און זיינע אַלע משפחה־מיטגלידער האָבן זיך מיט מסירת־נפש איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט פון דערהאַלטן דעם זשורנאַל און ער איז דערשינען ביז פאַר דער מלחמה.

מיין באַזוך אין ארץ־ישראל

איך האָב זיך דורכגערעדט מיט מיין פרוי און איר דערציילט, אַז איך טראָג זיך אַרום מיט דער מחשבה צו מאַכן אַ נסיעה קיין ארץ־ישראל. כ׳וויל זיך דאָרט אַרומקוקן, דערקענען דאָס לאַנד, כדי מיט דער צייט זיך דאָרט צו באַזעצן. גינאַ איז געווען צופרידן און מסכים געווען מיט דעם געדאַנק. גראָד דעמאָלט האָבן מיר דערהאַלטן אַ מיטטיילונג פון אונדזער קרוב יוסף בראַון פון קאַליש, איז אין גיכן וועלן זיי זיך באַזעצן אין א״י.

אויך פון גינאַס עלטערן האָבן מיר באַקומען אַ בריוו, אַז זיי קלערן צו עמיגרירן און זיך באַזעצן אין א״י. אגב, זענען שוין דאָרט געווען צוויי זין זייערע, גינאַס ברידער, וואָס זענען געפאָרן ווי חלוצים, איז גינאַ געווען באַגייסטערט פאַר מיין פּלאַן צו באַזעצן זיך אין א״י. דאָרט — האָט זי געזאָגט — וועט זי זיך ווידער פילן אין דער היים.

דעצעמבער 1934 בין איך אַרויף אויף דער שיף „ספינקס״ אין מאַר־סעל. דאָ האָב געטראָפן אַ סך דייטשע יידן, וואָס זענען געפאָרן זיך באַזעצן, אָדער זיך אַרומקוקן אין ארץ־ישראל. זיי האָבן דערציילט וועגן דער שווידערלעכער לאַגע פון די יידן אין דייטשלאַנד, וועגן רדיפות, באַליידיקונגען און דערנידעריקונגען. עס זענען אויך געפאָרן אַ ביסל פוילישע יידן. פון זיי האָט מען געהערט וועגן שווערן עקאָנאָמישן מצב און וועגן קוליגאַנישן אַנטיסעמיטיזם פון דער רעגירונג און פון פאָלק. דאָס האָרץ איז פול געווען מיט זאָרג און ביטערניש. דער איינציקער ליכ־טיקער פונקט איז געווען ארץ־ישראל. אמת, אויך דאָרט קומען פאָר אומרוען, אַפילו רציחות; די אַראַבער, מיט דער הילף פון די ענגלישע מאַכט־האָבער, זענען קעגן דער יידישער אַריינוואַנדערונג, נאָך מער — קעגן שאַפן די יידיש־נאַציאָנאַלע היים. אָבער יידן פילן שוין דאָס לאַנד ווי זייער אייגנס און קעמפן ווי שטאָלצע מענטשן מיט געווער אין די הענט פאַר זייער רעכט און פאַר זייער צוקונפט.

אין אַלעקסאַנדריע האָט זיך די שיף אָפּגעשטעלט אויף 24 שעה. ווער ס'האָט פאַרלאַנגט, האָט באַקומען אַ דערלויבעניש צו גיין אין שטאָט אויף אַ געוויסער צייט. איך בין אַוועק צו דער משפחה פאַלבי — זיי זענען דאָ אַהער פאַרטריבן געוואָרן דורך די טערקן, בעת דער 1־טער וועלט־מלחמה. זייערס אַ זון האָב איך באַקענט אין לאָנדאָן, ווו ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידיש־ענגליש מיידל. איצט איז ער דאָ דער פאַרוואַלטער פון דער „פאָרד״־געזעלשאַפט און פאַרנעמט אַ חשובן אָרט אין דער שטאָט. די משפחה האָט מיך אויפגענומען מיט געוואַלטיקער וואַרעמקייט. זעלטן ווען האָבן זיי דאָ יידישע געסט, איז זייער פרייד געווען אומגעהויער. מיר האָבן זיך צעשמועסט ביז שפּעט אין דער נאַכט און זיי האָבן מיך פשוט געצוווּנ־גען צו בלייבן נעכטיקן ביי זיי. אין דער פרי האָבן זיי מיך באַגלייט צו

דער שיף. די שיף־באַאַמטע האָבן מיר נישט געוואָלט אָפּגעבן מיין פּאַס, וואָס איך האָב ביי זיי געלאָזן גייענדיק אין שטאָט. די סיבה: כ׳האָב נישט געהאַט קיין רעכט צו בלייבן נעכטיקן אין אַ מצרישער וויזע. בלית ברירה בין איך אַוועק צו דער פּאָליציי. זיי זענען געוועזן העפלעך, געלייגט אַ וויזע און מיר אומגעקערט דעם דאָקומענט.

ס׳איז נאָך ווייט צו טאָג, אָבער אַלע זענען שוין אויפן דעק. מען שטרענגט אָן דעם בליק עפּעס צו זען. ביסלעכווייז ווערט ליכטיקער, מען זעט שוין דאָס לאַנד. די שמחה איז אין לשער — מיר זענען אין ארץ־ישראל. די שיף שטייט ווייט פון ברעג, נאָר מיר הערן שוין דעם יפוער טומל. קליינע אַראַבישע שיפלעך שווימען צו און נעמען די פּאַסאַזשירן צום ברעג. אויף מיר האָט געוואַרט מיין פעטער דניאל שפּירא, מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַן אַראַבישער „קאַרעטע״ צו פאָרן אין זיין היים אויף שכונת באָראָכאָוו. אויפן וועג זע איך אַ מאָדנע בילד: אויף עפּעס אַ פּלאַץ טומלען זיך יידן. מענער, פרויען און קינדער שרייען, קלאַפּן מיט האַמערס, שלעפּן ברעטער. מען אַרבעט גיך מיט אימפּעט, ווי מ׳וואָלט געוואָלט אַריינכאַפּן וואָס מער. „וואָס איז דאָס?״ — פרעג איך. זאָגט דער פעטער: „דאָס איז „שכונת כאַפּ״ — און ער דערקלערט מיר: פאַראַן אַן אַלט טערקיש געזעץ, וואָס זאָגט: אויב אַן אייגנטימער פון אַ פּלאַץ (מגרש) אינטערעסירט זיך נישט מיט אים 7 יאָר, איז דער פּלאַץ הפקר וכל הקודם זכה. זענען יידן פון תל־אביב געוואָר געוואָרן, אַז דער שטח, וואָס געהער אייגנטלעך צו מצרישע יידן, איז הפקר. זענען זיי אין מיטן דער נאַכט געקומען מיט ווייב און קינד, אָנגעלאָפן דאָ אַהער ווי הייזשע־ריקן. יעדער וויל אַריינקלאַפּן וואָס מער פּלאַקנס, אויפשטעלן אַ פּאָר סוכות, וואָס גיט רעכט אויפן באָדן, כדי שפּעטער צו בויען אמתע הייזער און זיך דאָ באַזעצן.

איך בין אָנגעקומען צום פעטער אין הויז און זיך באַקענט מיט דער מומע און קינדער, וואָס האָבן זיך זייער געפרייט מיטן לאַנדאַנער גאַסט. מיין פעטער האָט געהאַט אַ גאַנץ שיינע דירה פון דריי צימערן, כאָטש אַלץ געמאַכט פון ברעטער. דאָס הייזל איז געשטאַנען אויף אַ בערגל און

געהאַט אַ סך לופט. דער פעטער — וואָס איז געווען סעקרעטאַר פון דער־שכונה — האָט מיך גענומען אויף אַ שפּאַציר. דער אָוונט איז געווען אַ ליכטיקער, די לבנה — אַ פולע מיט אַ סך שטערן, אַן אמתער ארץ־ישראל־הימל. קיין לאָמפּן אויף די גאַסן האָבן נישט געברענט, אויך אין די הייזער איז נישט געווען קיין ליכט. אַזוי פירט מען זיך דאָ — דער־קלערט מיר דער פעטער — אין אַזעלכע ליכטיקע נעכט שפּאָרט מען עלעק־טרישע ליכט, וואָס איז דאָ טייער.

צו מאָרגנס אין דער פרי האָב איך זיך געלאָזן אויף אַ שפּאַציר. מאָדנע, איך דערקען נישט די שטאָט. דאָס תל־אביב, וואָס כ׳האָב געלאָזן אין 1918, איז נישטאָ. כ׳מוז שוין גוט זוכן און פרעגן, כדי צו געפינען אַ גאַס. אַ טומל, אַ געדרודער, אַלע לויפן, קיינער האָט נישט קיין צייט. מען זעט שוין מאָדערנע הייזער און געשעפטן, עלעגאַנטע סוחרים און אָנגעשטעלטע. דער קאַפּיטאַליזם רייסט זיך אַריין מיט אַ שטאַרקן אימפּעט. מען פילט שטאַרק די השפּעה פון דער דייטשער עליה. איך זע נישט מער דאָס שטילע פאַרחלומטע תל־אביב מיט אירע ווייסע איינשטאָקיקע הייזלעך און די גערטנדלעך אַרום זיי. נישטאָ מער יענץ רואיק־געמיטלעך לעבן מיט אָפענע טירן אין די נעכט. איצט הענגען פעסטע שלעסער, אויך די הערצער זענען פאַר־שלאָסן.

כאָטש טעאָרעטיש האָבן מיר געוווּסט, אַז אַ ברייטע עליה וועט ברענגען מיט זיך אַזעלכע דערשיינונגען, בין איך עפּעס ווי אַנטוישט. ס׳איז מיר אַ שאָד, ווי מען וואָלט צוגערויבט אַ טייל פון מיין חלום. עטלעכע טעג האָב איך נישט געקענט שרייבן צו מיין פרוי. די שטימונג איז געווען אַ געשפּאָלטענע, כ׳האָב נישט געפונען דעם עכטן טאָן. ערשט נאָך דעם, ווי כ׳בין געווען אין עמק יזרעאל, אין ערטער פון יידישער קאָלאָניזאַציע, אין דערפער און קיבוצים, ווו מען אַקערט און מען זייעט, ווו מען שניידט די פרוכט פון שווערער אייגענער פּראַצע, ווו די טירן זענען אָפן און מען דערקענט נאָך אַ מענטש — האָט זיך ביי מיר די שטימונג געענדערט. איך האָב ווידער געפונען ארץ־ישראל און כ׳האָב גענומען די פעדער אין האַנט צו שרייבן באַגייסטערטע בריוו.

אין תל־אביב בין איך געווען אַן אָפּטער אַריינגייער אינעם הויז פון

ח׳ נחום ראַפּאַלקעס (ניר), אויף אחד העם 34. די משפּחה האָט מיך שטענדיק וואַרעם אויפגענומען. דאָ האָב איך זיך באַגעגנט מיט די אָנפירנ־דיקע חברים פון לינקע פּ.־צ.: אַבראַמאָוויטש, ערעם, פּעטערזייל, דניאל־לייבל א. א. כאָטש תל־אביב ענדערט זיך אין אַן איבערראַשנדיקן טעמפּאָ, האָט זיך ביי דער אַרבעטערשאַפט, אַפילו ביי דער אַרבעטער־אינטעליגענץ דערהאַלטן דער אַלטער שטייגער פון לעבן: דאָ פילט מען נאָך אידעאַליזם, פּשטות. דער לבוש איז נאָך אַ בלוזע מיט כאַקי־הויזן; אויף ווייסע קעל־נער מיט שניפּסן קוקט מען קרום: „זיך אָנגעטאָן אַ הערינג אויפן האַלדז" — הייסט עס ביי זיי.

דורך ראשון לציון, וואָס האָט זיך אגב, כמעט נישט געענדערט, בין איך געפאָרן צו מיינע צוויי שוואָגערס אין קיבוץ. זיי האָבן זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט. כ׳האָב זיי דערציילט פון זייער שוועסטער און פון קינד. זיי זענען געווען צופרידן, נאָר מיינע אויגן האָבן געזען אָרעמ־קייט, שווערע אַרבעט און ווייניק עסן. מען שלאָפט נאָך אַלץ אין לייוונ־טענע געצעלטן, אַ שווער לעבן. איך האָב באַוואונדערט די יוגנט, זייער אידעאַליזם, זייער גלויבן אין אַ בעסערער צוקונפט. מיינע שוואָגערס האָבן פאַרלאָזט אַ באַקוועם לעבן אין פּלאָצק, קיין פּרנסה האָט נישט געפעלט. דאָך זענען זיי געפאָרן אויף הכשרה קיין ביאַליסטאָק און געקומען קיין א״י מיט אַ נייעם גלויבן, לבנות ולהבנות! — האָט עס דעמאָלט געהייסן. מיט אַ צייט שפּעטער האָט זיך דער קיבוץ איבערגעטראָגן אין עמק יזרעאל, היינט הייסט ער שדה נחום. אויך די באַדינגונגען האָבן זיך געענדערט צום בעסערן מיט דעם אַלגעמיינעם אויפשוווּנג אין לאַנד.

איך בין אָוועק קיין פּתח־תקווה, דאָס מאָל שוין נישט צופוס, אויך נישט אויף קיין דיליזשאַנס אין די טיפע זאַמדן, ווי בימי הגדוד, נאָר אויף אַ מאָדערנעם אויטאָבוס. אמת, נישט אַזאַ באַקוועמען און שיינעם ווי אין לאַנדאָן, אָבער מען פאָרט ווי מענטשן. דעם וועג האָב איך נישט דערקענט, פאַרשווּנדן זענען אַלע בעדואינישע לייוונטענע און בלעכערנע געצעלטן מיט די קעמלען און אייזלען, וואָס זענען געווען צעשפּרייט איבערן גאַנצן וועג. איצט זענען דאָ אויפגעבויט יידישע הייזער און פאַבריקלעך. עס

אַנטוויקלט זיך דאָ אַ יישוב מיט קליין־אינדוסטריע. דאָס שטעטל גופא האָב איך אויך נישט דערקענט, אַלץ האָט זיך געענדערט, געוואָרן שענער און גרעסער. פון דאָרף איז געוואָרן אַ שטעטל.

אין תל־אביב האָב איך צוגעקוקט ווי יידן מיט בערד, מיידלעך אין הויזן אַרבעטן ביי בנין. אויף שענקין־גאַס זע איך אַזאַ זאַך: אין אַ געשעפט פון מענער־קליידער זענען אויסגעהאַקט די שויבן, די סחורה איז באַגאָסן מיט טינט, אַן אמתער חורבן. כ׳פרעג זיך נאָך, און ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָ איז געווען אַ שטרייק און די שטרייקנדיקע האָבן אָפּגעטאָן אָט די „פיינע" מלאכה. יאָ, האָב איך געטראַכט, די „סטיכישע עמיגראַציע" ברענגט מיט זיך פאַרשידענע עלעמענטן און דערשיינונגען; דער קלאַסן־קאַמף נעמט אַמאָל אָן גאָר נישט קיין סימפּאַטישע פאָרמען. נאָר דאָס איז אומפאַרמיידלעך. אין אָוונט בין איך געגאַנגען שפּאַצירן מיט ח׳ ניר אויפן ברעג ים, האָב איך אים דערציילט די געשיכטע. ניר האָט, ווי זיין שטייגער, אַ קלוגן שמייכל געטאָן: „יאָ, פּאַסקודסטווע איז נישט קיין מאָנאָפּאָל פון דער בורזשואַזיע, אויך אַרבעטער קענען עס זיין גאַנץ אָפט".

ווי קען מען זיין אין א״י און נישט זיין אין ירושלים? די שטאָט האָט זיך ווייניק געענדערט זינט איך בין דאָ געווען דאָס לעצטע מאָל. עס זענען נאָר צוגעקומען עטלעכע נייע שיינע הייזער: דער „מלך דוד"־האָטעל, דאָס „קרן קימת"־הויז א. א. דאָ האָב איך זיך געזען מיט שער־טאָקן, וואָס האָט זיך געפרייט מיט מיר און מיט אַנדערע גוטע־פריינד. שפּעטער בין איך געגאַנגען צו דער אַלטשטאָט. דאָ האָט זיך אויף קיין האָר נישט געביטן קיין זאַך. די זעלביקע שמאָלע געסלעך מיט לעכער אין די ווענט, וואָס רופן זיך געוועלבער, דער זעלביקער טומל און געפּילדער פון אַראַבישן מאַרק, אַפילו די אייגענע ריחות. נאָר איצט דאַרף מען שוין זיין פאַרזיכטיק, די באַציאונגען צווישן די פעלקער זענען געוואָרן אָנגעשטרענגטע... כ׳האָב נאָך אַ קוק געטאָן צו דער כותל המערבי א. א. הייליקע ערטער און גיך אַרויס צו ניי־ירושלים, וואָס אַפילו אין 1934 האָט זי שוין געהאַט קאָנטורן פון אַ מאָדערנער שטאָט.

אין איינעם פון די שבתים, וואָס כ׳בין געווען ביים פּעטער אין שכונת

באַראַכאָוו, האָט ער מיך מיטגענומען אויף אַ הסתדרות־פאַרזאַמלונג אין דער שכונה. איך זע, אַז דער עולם קאָכט זיך עפּעס, מען מאַכט היציק מיט די הענט, מען קלאַפּט אין טיש — איך פאַרשטיי קיין וואָרט נישט. בעת אַן איבעררייס האָט מיר דער פּעטער אויפגעקלערט, וואָס דאָ קומט פאָר: אין דער הסתדרות געפינען זיך חברים, וואָס זענען נישט בארעכטיקט דאָרט צו זיין, זיי זענען נישט קיין אַרבעטער; פאַרקערט, זיי עקספּלואַטירן אַנדערע, אָבער זיי לוינט זיך צו זיין הסתדרות־מיטגלידער. אויך די רעכטע עלעמענטן אין דער אָרגאַניזאַציע ווילן זיי האָבן, ווייל מיט זייערע שטימען האָבן זיי אַ געזיכערטע מערהייט ביי אַלע וואַלן. אַרום דעם קומט עס פאָר דער הייסער וויכוח. די אַרבעטער פּראָטעסטירן. מיר איז עס דעמאָלט געווען זייער אינטערעסאַנט. מיר דוכט, אַז דאָס פּראָבלעם איז נאָך ביז היינט נישט געלייזט.

עס דערנענטערט זיך די צייט פון מיין אָפּפאָרן. די לעצטע טעג כאָפּ איך נאָך אַ קורצן באַזוך אין די אַלטע יידישע קאָלאָניעס, שמועס מיט די מענטשן דאָרט, הער זייערע מיינונגען וועגן פאַרשידענע ענינים. דאָס איז מיר געווען אינטערעסאַנט און שפּעטער גוט צונוץ געקומען אין לעבן.

דער פּעטער האָט מיך באַגלייט קיין יפו צום פּאָרט. דאָ איז, ווי שטענדיק, טומלדיק און שמוציק. אַן אַראַביש שיפל האָט מיך צוגעפירט צו דער פראַנצויזישער שיף „ספינקס", וואָס איז געשטאַנען ווייט אין ים. שוין אַריינגייענדיק אין דער שיף, האָב איך דערפילט אַ בענקעניש צום לאַנד. ס'איז מיר אַ שאָד אָפּצופאָרן. פון דער ווייטנס שריי איך פון טיפן האַרצן צום פּעטער: להתראות! להתראות!...

די שיף האָט זיך געשטעלט אין מאַרסעל און איך בין מיט דער באַן צוגעפאָרן קיין פּאַריז. כ'בין דאָרט געבליבן אויף עטלעכע טעג, אין דער „אַרבעטער־היים", האָבן די חברים איינגעאָרדנט אַ צוזאַמענטרעף מיט מיר, כדי אָפּצונעמען אַ לעבעדיקן גרוס פון ארץ־ישראל. דער זאַל איז געווען פול מיט חברים און סימפּאַטיקער. אין מיין באַריכט האָב איך דערציילט וועגן די ליכטיקע דערשיינונגען און וועגן די שאָטנזייטן פונעם לעבן אין א"י. כ'האָב קיין זאַך נישט באַהאַלטן און דווקא דאָס האָט אויסגענומען ביי די חברים. זיי האָבן געוואָלט אַלץ גענוי וויסן וועגן דעם

לאַנד פון זייערע חלומות. זיי האָבן געשטעלט פראַגעס און איך האָב געענטפערט — לויט מיינע כוחות און ווי איך האָב פאַרשטאַנען — ביז שפּעט אין דער נאַכט.

צוריק אין לאָנדאָן

שפּעט אין אָוונט בין איך אָנגעקומען. אַריין אין שטוב, איז מיר אַנט־קעגנגעלאָפן מיין קליין טעכטערל מיטן אויסגעשריי: „דעדי, דעדי!" (פּאָטער), מיך אַרומגעכאַפּט מיט אירע קליינע הענטלעך, געהאַלדזט און געקושט. אין שטוב זענען — אויסער דער פרוי — געווען עטלעכע פריינד, זענען זיי געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אויסהערנדיק מיינע איינדרוקן פון א״י. אין דער פרי בין איך געגאַנגען אין געשעפט אַריין און אויסגע־הערט אַ טרויעריקן באַריכט פון מיין שותף. דאָס געשעפט איז נישט גע־גאַנגען און קיין פרנסה איז נישט געווען. ווידער האָט מען געדאַרפט טראַכטן וועגן זיך איינאָרדענען ביי עפּעס אַנדערש.

שבת נאָך מיטאָג, צו דער טיי, האָבן זיך ביי מיר אין שטוב פאַרזאַמלט די אַקטיווע חברים פון פ.־צ. אויך ח׳ באָרו איז געקומען. איך האָב זיי דערציילט וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע אין לאַנד, ווי כ׳האָב זי געזען. די חברים זענען געווען אַזוי צופרידן פון מיין באַריכט, אַז זיי האָבן געפּאָדערט, כ׳זאָל אים איבערחזרן אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג. אַזוי איז געשען. איך האָב גערעדט פאַר אַ גרויסן עולם אין „אַרבעטער־רינג" און די טעמע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס. די זעלבע וואָך איז אין זשורנאַל פון ד״ר י. נ. שטיינבערג „דאָס פרייע וואָרט" געווען פאַר־עפנטלעכט אַן אינטערוויו מיט מיר וועגן מיינע איינדרוקן אין א״י, א. נ. „געזען און געהערט אין ארץ־ישראל".

מיר פאָרן זיך באַזעצן אין א״י

די צייט לויפט. דאָ בין איך איצט נישט שלעכט איינגעאָרדנט, נאָר מיך ציט קיין א״י. פון דאָרט קומען אָן שלעכטע גרוסן: די אַראַבישע אומרוען פאַרשטאַרקן זיך. זיי זענען קעגן דעם יישוב און קעגן דער אימיגראַציע. די ענגלישע רעגירונג איז מיט זיי. יעדן טאָג, כסדר, נייע געזעצן און באַגרענעצונגען. יידן פון פוילן און דייטשלאַנד רייסן זיך צו פאָרן אין לאַנד אַריין, נאָר מען לאָזט זיי נישט. דאָ אין ענגלאַנד איז די לאַגע איצט אַ גוטע, טראַכט קיינער נישט פון פאָרן, בפרט איצטער אין אַזעלכע אומרואיקע צייטן. צוויי משפחות, וואָס האָבן שוין געהאַט פעסט באַשלאָסן יאָ צו עולה זיין, האָבן חרטה געהאַט. „מיר שרעקן זיך צו פאָרן אין פייער אַריין״ — האָבן זיי מיר דערקלערט. אפשר זענען זיי טאַקע גערעכט? נאָר איך, וואָס אידעען און סענטימענטן זענען ביי מיר וואָגיקער ווי פּראַקטישע אויסרעכענונגען, האָב באַשלאָסן מיט מיין משפּחה נישט אָפּצולייגן מער אונדזער נסיעה קיין ארץ־ישראל.

מיין פרוי מיט מיין טעכטערל — וואָס איז איצט אַלט געווען 9 יאָר, זענען אין סעפּטעמבער 1936 אָפּגעפאָרן. איך האָב נאָך געדאַרפט דער־ליידיקן געוויסע ענינים און וועל פאָרן שפּעטער אַ ביסל. זיי האָבן גע־דאַרפט איינאָרדענען אונדזער אייגן־געבויטע היים, אויף באַראַכאָוו־גאַס אין תל־אביב. דער ערשטער בריוו פון מיין פרוי איז געווען נישט קיין צופרידענער: זי איז אָנגעקומען קיין חיפה פונקט ערב ראש השנה. ס'איז געווען אַ שטאַרקער חמסין. אויף דער באַן קיין תל־אביב איז געווען שמוציק, ענג, דערשטיקט צו ווערן. זי, אַ שוואַכע, האָט זיך קוים דער־שלעפּט צו אונדזער הויז. דער צווייטער בריוו איז שוין געווען אַ בעסע־רער. זי שרייבט, אַז אירע עלטערן זענען געקומען קיין א״י. זי פרייט זיך זייער, וואָס אירע אייגענע זענען מיט איר, איז זי נישט אַזוי איינזאַם. דאָך באַמערקט זי, אַז אין איר לעבן האָט זי נישט געזען מענטשן זאָלן אַזוי שווער אַרבעטן און אַזוי ווייניק פאַרדינען.

אין דעצעמבער דאָס זעלבע יאָר בין איך אָנגעקומען אין לאַנד, מיט דעם פעסטן באַשלוס, זיך דאָ צו באַזעצן אויף שטענדיק. ס'איז געווען

פאַרנאַכט און אויפֿן וועג צום הויז זענען מיר אַנטקעגנגעקומען די פּרוי, רות און דער פּעטער יוסף בראַון. מיר האָבן זיך שטאַרק און האַרציק געפֿרייט. יענעם אָוונט האָבן מיר לאַנג נישט געשמועסט, כ׳בין געווען מיד און דערשעפּט פֿון וועג. דאָך, מסתמא מחמת אינערלעכער איבערלעבונג, בין איך לאַנג נישט איינגעשלאָפֿן, געטראַכט וועגן מיין צוקונפֿט אין לאַנד.

צו מאָרגנס, באַלד אין דער פֿרי, האָב איך זיך צום ערשטן מאָל אָנגעטראָפֿן מיט דער נגע וואָס פֿרעסט דעם קערפּער פֿון לאַנד ביזן היינ־טיקן טאָג. איך ליג נאָך אין בעט, מען קלאַפּט אין טיר. עס קומט אַריין אַ בחור מיט אַ טעקע, דערלאַנגט אַ צעטל און הייסט באַצאָלן פֿאַר וואַסער. איך דערקלער אים, אַז כ׳בין ערשט נעכטן אָוונט געקומען פֿון אויסלאַנד און אַז במשך פֿון עטלעכע טעג וועל איך דאָס דערליידיקן. ענטפֿערט ער מיט כעס: „אויב איר וועט ביז מאָרגן נישט באַצאָלן, וועט מען אייך דאָס וואַסער אָפּשטעלן". דאָס האָט אויף מיר געווירקט ווי מ׳וואָלט מיר אַ פּאַטש געטאָן. צענדליקער יאָרן האָב איך געלעבט אין ענגלאַנד און קיינמאָל נישט געהערט פֿון אַ באַאַמטן אַזעלכע רייד, מיט אַזאַ חוצפּה. דאָס זענען טאָקע מיינע יידן — האָב איך געטראַכט — אָבער כ׳וועל דאָס נישט פֿאַרשווייגן. נאָך דעם זעלבן טאָג בין איך אַוועק אין דער מחלקת המים פֿון דער עיריה, באַצאָלט דעם חוב, און געבעטן דעם מנהל. כ׳האָב אים דערציילט וועגן דער חוצפּהדיקער אויפֿפֿירונג פֿון דער פּקיד. ענטפֿערט ער מיר: „נעמט זיך נישט איבער, וואָס ווייסט אַ פּקיד, אַ פֿרענק"? כ׳האָב זיך צוגעקוקט צו דעם מנהל, געהערט ווי ער רעדט צו אַ מענטש און פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט בעסער פֿון דעם „פּקיד, דעם פֿרענק".

ס׳איז פֿרייטיק. לויט דעם קאַלענדאַר איז איצט האַרבסט, נאָר דאָ שיינט די זון און וואַרעמט מער ווי דער שענסטער זומער־טאָג אין לאָנדאָן. איך שפּאַציר איבער די גאַסן און אָטעם אין זיך אַריין די ארץ־ישראל־לופֿט, וואָס איז אַזוי לויטער־דורכזיכטיק. כ׳בין נאָך מיד פֿון דער נסיעה און וויל אַ ביסל אָפּרוען. פֿאַרנאַכט ווערט די גאַנצע באַוועגונג אָפּגעשטעלט, ס׳ווערט שטיל, רואיק. פֿון די פֿענצטער לייכטן אַרויס אָנגעצונדענע שבת־ליכט. מען וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ די וואָכעדיקייט, די פֿאַר־

האַרעוועטקייט, מען פּילט דעם שבת־קודש. צו אונדז קומען געסט, משפּחה, פרײַנד. ס'איז היימיש, אינטים און פריילעך. אמת, אין לאָנדאָן איז געווען געדעקט אַ רייכערער טיש, אָבער וואָסער ווערט האָט דאָס אין פאַרגלייך מיט דער משפּחהדיקייט און אינטימקייט דאָ?

היימישקייט איז גוט און שטוב, צווישן אייגענע. אין גאַס אָבער — בין איך דערצויגן געוואָרן — איז עס איבעריק. אויף דער גאַנצער גאַס פון מיין הויז איז אויסגעשטעלט אויטאָס און וועגענער ענג צוזאַמענגע־פּרעסט. ווען כ'וויל אַריבערגיין די גאַס, מוז איך גיין ביזן סוף פון דער גאַס. פאַר מיין הויז שטייט אַ גרויסער וואָגן, פרעג איך דעם אייגנטימער: „ווי דערלויבט איר זיך אָוועקצושטעלן אַ וואָגן פאַר מיין הויז? איר האָט דאָך אַפילו נישט געלאָזט קיין אָרט דורכצוגיין. אין ענגלאַנד וואָלט אַזאַ זאַך נישט מעגלעך געווען". צעלאַכט זיך דער פאַרשוין און ענטפערט: „דאָ איז נישט ענגלאַנד, דאָ איז ארץ־ישראל". און ביי דעם איז עס געבליבן.

שבת איז געווען אַ שיינער טאָג, די זון האָט געשיינט, נאָר איך האָב געמוזט האַלטן צוגעמאַכט מיינע פענצטער. מיין שכן, דער מילך־הענדלער, האָט דווקא הײַנט געוואָלט וואַשן זיין פערד, זענען אָנגעקומען אַ פולע שטוב פליגן. כ'האָב וועגן דעם געמאָלדן דער סאַניטאַר־אָפּטיילונג פון שטאָט־ראַט, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז ער טאָר בכלל דאָרט קיין פערד נישט האַלטן. זיי האָבן אים שוין עטלעכע מאָל באַשטראָפט. באַצאָלט ער די 20 פּיאַסטער קנס — און דאָס פערד בלייבט ווייטער אויף זיין אָרט.

איך וואָלט נאָך געקענט דערציילן וועגן צרות און עוולות, ווי, למשל, די מעשה מיטן פּלויט, וואָס כ'האָב געדאַרפט מאַכן בשותפות מיט אַ שכן, און ער האָט מיך אָפּגענאַרט און באַרויבט. אָבער איך וויל זיך נישט צעשרייבן וועגן דעם. איך האָב זיך איבערצייגט, אַז פיזישער כוח און חוצפה איז דאָס איינציקע געזעץ, וואָס הערשט אין דער נייער שטאָט.

אין עטלעכע טעג אַרום גיי איך אויף אַלענבי, באַגעגן באַקאַנטע, באַקען זיך מיט נייע מענטשן. דאָס ערשטע, וואָס אַלע האָבן געוואָלט וויסן איז, וויפל געלט איך האָב געבראַכט, צי איך וויל מאַכן געשעפטן, און וועלכע. אַנדערע „חכמים" האָב גאָר חוזק געמאַכט: „אין אַזאַ צייט פון

מאורעות און פּאָגראָמען קומט מען פון ענגלאַנד ? ווען מיר וואָלטן געהאַט ענגלישע פּעסער, וואָלטן מיר קיין טאָג דאָ נישט געווען". מיר האָבן די ווערטער פון יידן אין א"י שטאַרק ווי געטאָן, אָבער מיין אינערלעכע זיכערקייט האָט זיך אַ טרייסל געטאָן.

אַ דעלעגאַציע
פון דער „אומאָפּהענגיקער לייבאָר־פּאַרטיי"

חבר טייכמאַן פון דער פּ.־צ. ברענגט מיר אַ בריוול פון זרובבלן, איך זאָל ביי דער ערשטער מעגלעכקייט קומען צו ח' נירן אין הויז. דאָ האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז אַ דעלעגאַציע פון דער ענגלישער אומאָפּהענגיקער לייבאָר־פּאַרטיי דאַרף אָנקומען, כדי זיך צו באַקענען מיטן מצב אין לאַנד און מיט די סיבות פון די אַראַביישע אומרוען. דאַרף איך אויף זיך נעמען צו פאַרבונדן די דעלעגאַציע מיט די פירער פון פּועלי־ציון. אין אָוונט פון זייער קומען בין איך געזעסן אין האָטעל „אַט־לאַנטיק" אויף בן־יהודה־גאַס און געוואַרט אויף זייער קומען. ערשט אַרום 12 זענען זיי אָנגעקומען אין האָטעל. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, גערעדט מיט זיי אין נאָמען פון צ.ק. און געבעטן אַ צוזאַמענטרעף מיט זיי. אויף דעם האָבן זיי געענטפערט, אַז די הסתדרות האָט שוין פאַרנומען זייער גאַנצע צייט, דאָך ווילן זיי זיך טרעפן מאָרגן 12 ביינאַכט. אַזוי האָבן מיר אָפּגערעדט.

צו מאָרגנס האָב איך געוואַרט אין האָטעל, און די צ. ק. חברים — ביי חבר ניר אין שטוב. דער זייגער ווייזט שוין 12.30 און מען זעט קיינעם נישט. איך קלינג צו די חברים, אַז עס האָט שוין נישט קיין זין צו וואַרטן און צו דער דעלעגאַציע לאָז איך אַ שאַרף בריוול אין האָטעל: אַז ס'איז נישט דזשענטלמעניש אַזוי צו האַנדלען, און אויב זיי ווילן זיך טרעפן, זאָלן זיי קלינגען צו ח' נירן אין הויז. אין דער פרי דערציילט מיר פּעטער־זייל, אַז נאָך איינס ביינאַכט האָבן זיי טעלעפאָנירט, זיך אַנטשולדיקט פאַרוואָס זיי האָבן פאַרשפּעטיקט און געבעטן אַ צוזאַמענטרעף אויף היינט

11 אין דער פרי. מיר זענען באַלד אַוועק אין האָטעל און איך בין דאָרט געווען דער איבערזעצער אין דעם שמועס צווישן דער דעלעגאַציע און דעם צ. ק. פּועלי־ציון. די חברים האָבן אויפגעקלערט זייער טעאָרעטיש־פּרינציפּיעלע שטעלונג צו אַלע אַקטועלע פּראָבלעמען, באַזונדערס די סי־בות און רעזולטאַטן פון די יידיש־אַראַבישע צוזאַמענשטויסן. מיר האָבן געענטפערט אויף אַלע זייערע פראַגעס און געפירט אַ לעבעדיקן שמועס. פון דער באַגעגעניש אָן, האָבן מיר זיך שוין אָפט געטראָפן. פּ.־צ. האָט אַפילו איינגעאָרדנט עטלעכע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען פאַר געוויסע דעלעגאַטן, אויף וועלכע ידידיה לעווין איז געווען דער איבערזעצער.

מיינע געשעפטן

שוין צוויי חדשים בין איך אין לאַנד. איך דריי זיך אַרום און זוך פּרנסה. מען האָט מיר פאַרגעלייגט פאַרשידענע זאַכן, אָבער אַלץ „מנחם־מענדל״־געשעפטן, געבויט אויף זאַמד. מיין פעטער בראַון האָט מיך באַ־קענט מיט אַ רומענישן ייד, יצחקי. ביז איצט האָט ער געהאַט אַ שפּייז־געוועלב, נאָר איצט וויל ער מאַכן עפּעס נייס, אויף אַ גרעסערן פאַרנעם: איינקויפן אַלערליי סחורות און עטלעכע מאָל אין דער וואָך מאַכן אויס־פאַרקויפן צו ביליקע פרייזן. די זאַך איז מיר געפעלן און כ׳בין אַריין מיט אים אין שותפות.

מיר האָבן גענומען אַ גרויס געשעפט אויף הרצל־גאַס — פאַר דעם האָט דאָרט געהאַט אַ מעבל־געשעפט דער הייַנטיקער שטאָט־פּרעזידענט פון רמת־גן — קריניצי — און צוויי וואָכן פאַר פּורים האָבן מיר געעפנט דאָס געשעפט מיט אַ גרויסן אויסוואַל פון סחורות: גאַלאַנטעריע, מעבל, ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, ראַווערן, קונסט־אַרטיקלען, בקיצור, אַלץ וואָס מ׳קען פאַרקויפן... ס׳האָט זיך געדוכט, אַז דאָס געשעפט וועט אַוועק גוט, מיר האָבן ביליק פאַרקויפט און שווער געהאָרעוועט. מיין שותף פלעגט זיך די גאַל אַרויסרעדן, נאָך יעדער אויספאַרקויף איז ער געווען הייזעריק.

יוען: דער מסחר האָט זיך געענדיקט, אַרום 12 ביינאַכט, האָט דאָס געשעפט אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם.

אין דער היים איז מיין פרוי שוין געשלאָפן, דאָס ביסל נאַכט־עסן איז געשטאַנען קאַלט אויפן טיש. איך בין געווען צו מיד, אָן אַפּעטיט, בין איך אַוועק שלאָפן. אין דער פרי זאָגט זי צו מיר: „דוד, ווען דו וואָלסט געוואָלט אַזוי שווער אַרבעטן אין לאָנדאָן, וואָלסטו היינט געווען אַן עושר״. וואָס האָב איך געקענט ענטפערן מער, ווי: „נו, דערפאַר זענען מיר אָבער אין ארץ־ישראל...״ ווידער האָט זיך געשטעלט אַ טאָג מיט צוזאַמענקלייבן די סחורה, וואָס איז געווען אַנגעוואָרפן פון נעכטן, קערן דאָס געוועלב. רייניקן און אויסקערן האָט מען געדאַרפט אַ גאַנצן טאָג. כסדר זענען מענטשן געקומען פרעגן. זעלטן ווער ס׳האָט עפּעס געקויפט.

אַ געוויסן טאָג קומט מיין שותף אַ טרויעריקער אויף דער אַרבעט. איך פרעג אים, וואָס ס׳איז געשען, דערציילט ער מיר, אַז מ׳האָט געלייגט אַ סעקוועסטער אויף זיין מעבל. ער איז שולדיק געווען 15 פונט, האָט מען אים געמאַכט אַ משפט און געלייגט אַ סעקוועסטער. דערביי זאָגט ער מיר: אויב אַ מענטש, וואָס האָט אַן אייגן הויז, גאַראַנטירט פאַר דעם סכום, נעמט מען אַרונטער דעם אַרעסט. בין איך אַוועק אין געריכט און גאַראַנטירט. דאָ האָב איך געזען אַ זאַך, וואָס איז מיר געווען גאָר אויס־טערליש; די געריכטן זענען פול מיט מענטשן, מען האַלט זיך אין איין משפטן, פאַר דער מינדסטער קלייניקייט קלאָגט מען אָן אין געריכט. מענטשן קענען זיך נישט צוזאַמענרעדן.

מיט גרויס מי האָבן מיר געמסחרט ביז פּסח, נאָך דעם האָט דאָס געשעפט כמעט גאָרנישט פאַרדינט, קיין פרנסה איז נישט געווען, יצחקי האָט שוין — אונטער מיין וויסן — געזוכט אַ שפּייז־געוועלב. 4 וואָכן נאָך פּסח האָט מען ליקווידירט און איך האָב ווידער גענומען זוכן...

אין יענער צייט האָב איך זיך אָפט געטראָפן מיט ד״ר יוניס און כ׳האָב פאַר אים זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן. מיט אים האָב איך זיך געפילט פריי, אַ סך געמיינזאַמע געדאַנקען האָבן אונדז געבונדן. בעת אונדזערע שפּאַצירן האָט ער מיך אָפט געפירט דורך באַלפור־מזא״ה, דאָרט ווו עס געפינט זיך דער „הדסה״־שפּיטאָל. ס׳האָט אים כסדר

געצויגן אַהין. שטענדיק האָט ער געדענקט אין אַ קראַנק קינד, וואָס מ׳דאַרף אַ קוק טאָן, וואָס עס מאַכט. כ׳האָב באַוואונדערט און געשעצט די איבערגעגעבנקייט צו זיין אַרבעט. ער איז דעמאָלט נאָך געווען אַ בחור און אויף מיין פרעגן „פאַרוואָס?״ האָט ער געענטפערט: „מיט 12 פונט אַ חודש קען מען קיין משפחה־לעבן נישט פירן״. ער האָט אָבער געהאַט בטחון, אַז די לאַגע וועט זיך ענדערן צום בעסערן.

אויף שבועות, דעם חג הבכורים, זענען מיר אַרויסגעפאָרן צו מיין שוואָגער מ. ליכט אין מושב עין־ורד — נעבן תל־מונד. ווי געסט האָבן מיר זיך דאָ געפילט זייער גוט. מיר האָבן שפּאַצירט, געגעסן טרוסקאַווקעס מיט סמעטענע, וויפל מיר האָבן נאָר געקענט אַנרייסן. אָבער צוקוקנדיק זיך צו דער שווערער אַרבעט פון מיין שוואָגער און שוועגערין, האָבן מיר קיין נחת נישט געהאַט. מרדכי איז אויפגעשטאַנען 4 פאַרטאָג, 2 שעה געאַרבעט אין דער ווירטשאַפט, 6 אין דער פרי מוז ער שוין זיין אויף זיין אַרבעט אין תל־מונד, פאַרנאַכט, ווען ער קומט אַהיים אַ מידער, הייבט זיך ווידער אָן שווערע אַרבעט: די קו, דאָס שטיקל פעלד א. א. אמת, זיין פרוי העלפט אים, אָבער זי האָט דאָך אַ שטוב מיט עטלעכע קינדערלעך, טרעפט, אַז ער מוז נאָך איר העלפן זיי געבן עסן און לייגן שלאָפן. שפּעט אין דער נאַכט פאַלן ביידע אויף די געלעגערס, ווי געהרג־געטע. אויך שבת און יום־טוב זענען זיי פאַרנומען: מ׳דאַרף פאַרריכטן די אַרבעטס־כלים, איבונגען אין דער „הגנה״ א. א. ענינים, וואָס זיי האָבן נישט באַוויזן אָפּצוטאָן איבער דער וואָך. איז דאָס אַ לעבן? קען מען אַזוי לאַנג אָנהאַלטן? האָבן מיר געהאַט גרויס צער.

צוליב די געסט האָט מרדכי אָפּגעריסן אַ האַלבן טאָג און מיר זענען געפאָרן רייטנדיק קיין תל־מונד אויף דער פייערונג פון חג הבכורים. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ טיפע איבערלעבונג. אויף אַ פריי פעלד זענען פאַר־זאַמלט מער פון טויזנט געסט פון דער סביבה, די טריבונע איז אַרומגע־נומען מיט גרינס און בלוי־ווייסע פענער. מוזיק שפּילט. פרישע קילע ווינט־לעך קומען פון פעלד, מען פילט זיך פריש און דערהויבן. איך דערמאָן זיך, וואָס כ׳האָב געלייענט וועגן דעם יום־טוב אין די אַמאָליקע תנ״כישע צייטן. די אויסשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן: אויסגעפּוצטע מיט קרענץ אויף די

קעפּ יינגלעך און מיידלעך ברענגען אין קיישלעך פּריש־געריסענע פּירות און גרינסן; אַ זייער באַחנט מיידעלע טראָגט אויף די הענט אַ יונג שעפּ־סעלע. אַזוי גייען זיי אַלע, שטאָלצע, און פרייען זיך מיט דער שפע פון לאַנד. דערנאָך קומט געזאַנג און פייערדיקע טענץ. אַ וווּנדערלעך אידיליש בילד.

נישט שטענדיק איז יום־טוב. ווידער אין שטוב, די היצן ווירקן אויף מיר זייער שווער, כ'פיל זיך קראַנק. ד״ר יוניס גיט מיר איינשפּריצונגען. איך באַד זיך יעדן טאָג אין ים, ס'ווערט מיר אָבער נישט לייכטער. קיין פּרנסה איז נישטאָ. נעם איך זיך איבער, ווערט מיר ערגער. איך געפין זיך אין אַ שווערן פּסיכישן מצב. פּונקט דעמאָלט קומט צו אונדז, אונדזער פריינד עמיל פון שטראַסבורג און לייגט מיר פאָר, אַז מיר זאָלן ביידע מאַכן אַ שפּאַציר איבערן לאַנד. כ'האָב זיך אין דעם פאָרשלאָג אָנגעכאַפּט.

מיט אַ פּונט אין קעשענע זענען מיר אַרויסגעפאָרן קיין חיפה. פון דאָרט מיט אַן אויטאָבוס זענען מיר מיטאָג־צייט אָנגעקומען קיין בית־אלפא. אין גרויסן עס־צימער האָבן מיר אָוועקגעלייגט אונדזערע פּעקלעך און געגאַנגען זיך אַרומוואַשן. באַלד האָט דער גלאָק געקלונגען אויף מיטאָג, גלייך מיט אַלעמען האָבן מיר זיך געזעצט צום טיש. קיינער האָט נישט געפרעגט, קיינעם האָט עס נישט אינטערעסירט: ווער מיר זענען, פון וואַנען מיר קומען, וואָס מיר טוען דאָ. נאָכן עסן האָבן מיר זיך געלייגט אויפן גראָז שלאָפן. אין אַ שעה אַרום האָבן מיר גענומען אונדזערע פּעק־לעך און זיך געלאָזן גיין צו תל־עמל, אַ נייער קיבוץ, ווו אַלע — אויסער די קינדער — שלאָפן נאָך אין ליוונטענע געצעלטן. אויך דאָ האָבן מיר זיך געפילט ווי אין אַן אייגענער היים; געגעסן, געטרונקען, געבליבן נעכ־טיקן. אין דער פרי האָבן מיר זיך געבאָדן (נאַקעט, פאַרשטייט זיך, קיין באַד־קאָסטיומען האָבן מיר נישט געהאַט — ווי ס'האָבן זיי אויך נישט געהאַט די קיבוץ־חברים) אין טייכל פון תל־עמל. דערנאָך האָבן מיר זיך מיטגעכאַפּט אויף אַ וואָגן אין דעם נאָענטן קיבוץ. צו געוויסע קיבוצים זענען מיר געגאַנגען צופוס, ווו מיר זענען אָנגעקומען אין אָוונט, זענען מיר געבליבן נעכטיקן.

דאָס לאַנד איז געלעגן פריי פאַר אונדז, אומעטום האָבן מיר געטראָפן

גאַסטפרייַנדלעכקייט און ליבשאַפט. מיר זענען דעמאָלט געווען אין יגור, אפיקים, דגניה א׳ און דגניה ב׳. דער כנרת האָט געמאַכט אַ ווונדערלעכן רושם. די נאַטור־שיינקייט אַרום האָט באַצויבערט. אין אָוונט זענען מיר לאַנג געלעגן און געקוקט, ווי די לבנה שפּיגלט זיך אין ים־כּנרת. עס האָט זיך נישט געוואָלט שלאָפן.

פּרייטיק פאַרנאַכט בין איך געקומען אין שטוב אַ געזונטער, אַ פרייער, מיט נייעם מוט. אַ וואָך בין איך געווען אין קיבוצים, צווישן פעלדער און גערטנער. פאַרגעסן אין מיין שכן מיטן פערד, אין פלויט, אין די יידעלעך, וואָס דרייען אַ קאָפּ מיט לופט־געשעפטן. אַ וואָך מיט דער נאַטור, אָן דאגות, מיט נייע יידן, נייע מענטשן. יענער שפּאַציר וועט מיר שטענדיק בלייבן אין זכרון. ווען איך דערמאָן זיך אין אים, ווערט דאָס האַרץ אָנגעפילט מיט בענקשאַפט נאָך יענע צייטן.

דאגות פרנסה

פון אַלע זייטן לייגט מען מיר פאַר עסקים, נאָר דער רוב פון זיי זענען נישט קיין ערנסטע. לופט־פּרנסות. פאַר די, וואָס האָבן אַ באַזיס — האָב איך צו ווייניק געלט. האָב איך באַשלאָסן צו זוכן אַרבעט. עפּעס אַ פּאָסטן, וואָס זאָל געבן צום לעבן. ווען כ׳האָב דאָס דערציילט זרובבלען, האָט ער מיר צוגעגעבן מוט עס צו טאָן. „וואָס הייסט — זאָגט ער, — דו מיט דיין קאָנטשאַפט, און אָן אַלטער ציוניסטישער עסקן, ווועסטו זיכער באַקומען, וועט מען מיר נישט געבן, איך בין דאָך אַ לינקער פּ.־צ. און מיר, זעסטו, איז דער ענין אַ סך קאָמפּליצירטער. אַזאַ פּאָסטן, ווי איך דאַרף באַקומען, וועט מען מיר נישט געבן, איך בין דאָך אַ לינקער פּ.־צ. און סתם אַ פּאָסטן — איז נישט לפי כבודי״. נאָר צו באַקומען אַ פּאָסטן דאַרף מען האָבן פּראָטעקציע, אָן דעם גייט עס נישט. אַ ביסל פון דעם מין האָב איך געהאַט, האָב איך באַקומען אַ בריוו צו ה׳ האפּיען, דער הויפּט־דירעקטאָר פון „אַנגלאָ־פּאַלעסטינאַ־באַנק״ און דירעקטאָר פון תל־אביבער פּאָרט. איך בין אַוועק צו אים, איבערגעגעבן דעם בריוו, האָט ער מיך אמת

פריינדלעך אויפגענומען, אָבער צוגעפירט צו אַ רשימה, אויף וועלכער עס זענען געווען פאַרצייכנט איבער 100 מענטשן, וואָס זענען שוין 10 — 15 יאָר אין לאַנד און וואַרטן אויף אַרבעט ביי אים. בין איך אַוועק מיט גאָרנישט און מער נישט געפרווווט.

איינער אַ ייד האָט מיר פאַרגעלייגט אַריינגיין אין שותפות מיט אים אין אַ פאַבריקל, וואָס אַרבעט אויס שאַטקע (רשת) פון דראָט. כ׳האָב געדאַרפט אַריינלייגן אין דעם עסק 300 פונט. איך האָב נישט געוווסט צי דער אַרטיקל האָט דאָ אַן אָפזאַץ, האָט מיר אַ בעל עצה געראָטן, כ׳זאָל זיך ווענדן צום דירעקטאָר פון „סולל בונה״ דוד הכהן, און ביי אים וועל איך זיך אַלץ דערוויסן.

אין הויז פון „סולל בונה״ האָט מיך ד. הכהן אויפגענומען. כ׳האָב אים פאָרגעשטעלט מיין ענין און ער האָט מיר גלייך געזאָגט, אַז פאַר זיי איז עס נישט קיין אַרטיקל. מען נוצט עס זייער ווייניק, און דאָס ביסל וואָס מען דאַרף, ברענגט מען פון בעלגיע צו זייער ביליקע פרייזן. כ׳האָב נאָך געפרעגט אין געשעפטן אין יפו און אין ירושלים און אומעטום האָט מען מיר געזאָגט כמעט דאָס זעלבע. איך האָב געזען, אַז ס׳איז נישט קיין ענין, האָב איך זיך צוריקגעצויגן.

איך האָב זיך איבערצייגט, אַז פון אַלע פּלענער לאָזט זיך אויס אַ טייך. נישטאָ קיין שום אויסזיכטן איך זאָל דאָ געפינען פרנסה. האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין לאָנדאָן און אויסזוכן ביי פירמעס אַ פאָרטרעטערשאַפט פון זייערע אַרטיקלען אין ארץ־ישראל.

פאַר דעם בין איך נאָך געפאָרן קיין ירושלים צוליב צוויי פאַר מיר נאָענטע ענינים: מיין פרויס עלטערן, וואָס זענען מיט אַ קורצער צייט צוריק געקומען פון פוילן, האָבן דאָרט געלאָזט אַ טאָכטער פון 17 יאָר. די מאַנדאַטאָרן־מאַכט האָט דערלויבט מיטצונעמען קינדער ביז 16 יאָר, עלטערע האָבן שוין געדאַרפט האָבן אַ באַזונדער סערטיפיקאַט. צו באַקומען אַזאַ איז געווען שווער ווי קריעת ים־סוף. אויף יעדן סערטיפיקאַט האָבן געוואַרט הונדערטער יידישע משפחות. אמת, דאָרט האָט מיין שווער געקענט זי מאַכן מיט אַ יאָר ייִנגער, איז ער אָבער פון די, וואָס האָבן ליב צו גיין מיטן גלייכן וועג, אָן פאַלשקייט און שווינדל. האָבן זיי מיך שטאַרק געבעטן, כ׳זאָל זיך

זען מיט בן צבי און אויספועלן אַ סערטיפיקאַט פאַר זייער טאָכטער. ב)
מיין פעטער שאַפּיראָ האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון מיין שוועסטער חנה־
גיטל אין קוטנע, אַז זיי ווילן קומען זיך באַזעצן אין א״י. האָט ער געבראַנגט
דעם בריוו צו מיר, האָט מען געדאַרפט עפּעס טאָן פאַר איר נאָך איידער
איך פאָר קיין לאָנדאָן.

אין בנין פון קרן־קימת, ווו ס׳האָט זיך דעמאָלט געפונען די „סוכנות״,
האָט מיך בן־צבי זייער פריינדלעך אויפגענומען, זיך דערפרייט מיט מיר.
כ׳האָב אים דערציילט וועגן מיינע ענינים, האָט ער גלייך אָנגעקלונגען אין
דער עליה־אָפּטיילונג, גערעדט מיט שרגאין, דערנאָך בין איך אַליין אַריין
צו אים און ער האָט מיר צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ, כדי צו באַקומען אַ סער־
טיפיקאַט פאַר מיין שוועגערין. דעם צווייטן טאָג בין איך ווידער געווען
אין דער סוכנות, ביי ה׳ משה שערטאָק, מיכוח אַ סערטיפיקאַט פאַר מיין
שוועסטער. שערטאָק האָט מיך האַרציק באַגעגנט, מיך אויסגעפרעגט וועגן
ענגלאַנד, וועגן פאַרשידענע געמיינזאַמע פריינד, וואָס לעבן דאָרט. כ׳האָב אים
דערציילט וועגן דעם ענין, צוליב וועלכן כ׳בין צו אים געקומען, האָט ער פאַר־
שריבן די פּרטים און מיך געבעטן, אַז אין מערץ, ווען זיי באַקומען אַ פרישע
פאַרטיע סערטיפיקאַטן זאָל איך אים דערמאָנען. כ׳האָב געהאַלטן די זאַכן
פאַר דערליידיקט און בין געפאָרן אַהיים.

ס׳איז נאָענט צו ראש־השנה, איך גרייט זיך באַלד נאָך יום־טוב אָפּ־
צופאָרן קיין ענגלאַנד. נאָר זעענדיק די בענקשאַפט און דעם עגמת נפש
פון מיין פרויס עלטערן צוליב זייער טאָכטער, בין איך נאָך אַמאָל צוגע־
פאָרן קיין ירושלים. שרגאי איז נישט געווען אין שטאָט און די פּקידים
האָבן מיר נישט געגעבן קיין צופרידנשטעלנדיקן ענטפער.

דעם יום־טוב ראש השנה פילט מען דאָ אומעטום, אין די הייזער און
אין גאַס. מענטשן ווינטשן זיך, מען שיקט בלומען. ס׳איז אַן אינטימער
און פריילעכער יום־טוב. נאָר ביי מיר איז דאָס האַרץ שווער. ווידער זיך
לאָזן אין וועג, איבערלאָזן דאָ די היים, די משפחה. פאָרן מיט זיי וואָלט
עס געהייסן ווערן „יורדים״, דאָס קען איך נישט טאָן. מוז איך פאָרן אַליין.
זען צו שאַפן עפּעס אַ פאַרטרעטונג און צוריקקומען.

מוצאי יום כיפור זענען מיר מיט אַ גרופּע פריינד געגאַנגען שפּאַצירן

ביים ברעג ים און דערנאָך אַריין אין קאַפע „גינתי”. דאָס האָבן די חברים געמאַכט אַזאַ מין געזעגענונג פאַר מיר. די חברים האָבן געטאַנצט, זיך פריילעך געמאַכט, נאָר איך בין געזעסן אַן אומעטיקער מיט אַ שווער געמיט און געטראַכט וועגן מיין גורל.

צומאָרגנס גאַנץ פרי זענען פריינד און קרובים געקומען צום אויטאָבוס. ביים געזעגענען זיך האָב איך אין זיך געשטיקט די טרערן, נאָר אויפן אויטאָ קיין חיפה האָבן זיך די טרערן אַרויסגעריסן און זענען געראָנען איבערן פּנים. כ׳האָב נישט געוואָלט אַרויסרופן קיין אויפמערקזאַמקייט ביי די מיטפאָרער, נאָר דאָס האַרץ איז געווען פול איבער די ברעגן.

אויף דער שיף זענען געפאָרן אַ סך מענטשן קיין פּאַריז, לאָנדאָן און בעלגיע. יעדער האָט זיך זיינע ענינים און זיין פּעקל צרות. ווער קען אַריינקוקן אין דער מענטשלעכער נשמה? די שיף האָט זיך פּאַמעלעך אַרויסגערוקט פון פּאָרט, נאָר איך בין נאָך לאַנג געשטאַנען אויפן דעק און געקוקט אויף דער שיינער חיפה. כ׳האָב זיך געווונטשן וואָס גיכער דאָ ווידער צו זיין.

אין פּאַריז האָב איך פאַרברענגט עטלעכע וואָכן. דעמאָלט איז דאָרט פאָרגעקומען די וועלט-אויסשטעלונג, האָב איך — צוזאַמען מיטן אינזשי־ניער פרידמאַן, אַן איבערגעגעבענער טוער ביי לינקע פּ.־צ. — אין די אָוונטן זי באַזוכט. די אויסשטעלונג האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק. כמעט אַלע אַנטוויקלטע לענדער האָבן דאָ געהאַט זייערע פּאַוויליאָנען. באַ־זונדער אינטערעסאַנט און אימפּאָזאַנט זענען געווען די פּאַוויליאָנען פון נאַצי־דייטשלאַנד און סאָוויעט־רוסלאַנד. ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן צווישן זיך קאָנקורירט מיט דער רייכקייט פון זייערע לענדער. אַ פאַנטאַסטישן רושם האָבן געמאַכט די פאָנטאַנען, וואָס האָבן געשפּריצט קאָלירטע וואַסערן. פעלדער מיט בלומען האָבן פאַרשמעקט די לופט, מוזיק האָט געשפּילט, און די צענדליקער טויזנטער באַזוכער זענען געווען פאַר־כישופט. בעת איינעם פון די באַזוכן, האָט מיר דער לינקער פרידמאַן גע־געבן אַ מתנה די „סאָוויעטישן קאָנסטיטוציע”, אין וועלכער ער האָט געגלויבט.

אין איינעם פון די אָוונטן, האָט מיך פרידמאַן באַקענט מיט דעם גרויסן

יידישן דיכטער ה. לייוויק, וואָס איז דעמאָלט געווען אין פּאַריז אויף זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל. לייוויק איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט צו הערן מיינע איינדרוקן און מיין דערציילן וועגן א״י. יענעם אָוונט זענען מיר אין דרייען אַפּגעזעסן ביז נאָך האַלבער נאַכט. די פּערזענלעכקייט לייוויק האָט אויף מיר געלאָזן אַ טיפן רושם.

אין יענע טעג איז דאָ פאַרגעקומען דער „אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס״. האָב איך דאָ געטראָפן — נאָך 19 יאָר — מיין פריינד, דעם טעאָרעטיקער פון פ.־צ. און רעדאַקטאָר פון „די פּרעסע״ — פּיניע כץ פון אַרגענטינע. מיר האָבן זיך געקושט און געווען זייער צופרידן פון דער באַגעגעניש. אין אַרגענטינע האָבן מיר זיך אָפּט געטראָפן און צוזאַמען געאַרבעט פאַרן פּועלי־ציוניזם. איצט איז ער שוין געווען אין קאָמוניסטישן לאַגער. ווער קען פאַרשטיין די מענטשלעכע וועגן?

פּועלי־ציון האָט איינגעאָרדנט אַן אויפנאַמע פאַר צוויי חברים פון דער פּאַרטיי, אינוואַלידן, וואָס זענען איצט צוריקגעקומען פון דער שפּאַ־נישער מלחמה. זייער באַריכט איז געווען אינטערעסאַנט און טרויעריק. זיי האָבן דערציילט וועגן דער העלדישקייט פון די אַנטי־פאַשיסטן, וועגן דער קנאַפּער הילף, וואָס זיי באַקומען פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַר־יאַט — אין פאַרגלייך מיט דער ריזיקער שטיצע, וואָס די פראַנקאָ־פאַשיסטן באַקומען פון נאַצי־דייטשלאַנד און מוסאָליני־איטאַליע.

ווידער אין לאָנדאָן

געקומען קיין לאָנדאָן אין נאָוועמבער און געטראָפן דאָס ריכטיקע וועטער. דער הימל איז בליי־גרוי און מען קען זיך ריכטן אויף קעלטן און רעגנס. מיך אינטערעסירט עס איצט נישט. איך האָב איין ציל — אויסזוכן אַ פאַרטרעטונג פון אַן אַרטיקל פאַר א״י. איך טרעף עטלעכע טעקסטיל־פאַבריקאַנטן, וואָס זענען, אין פּרינציפּ, מיר גרייט צו געבן אַן אַגענטור פון זייערע סחורות, אָבער איך דאַרף וואַרטן ביז די אומרועו אין לאַנד וועלן זיך איינשטילן.

די אומרועז דויערן אָבער צו לאַנג, דאַרף מען דערוווייל האָבן אַ ביסל פּרנסה פאַר זיך און פאַר דער משפּחה. דאָס איז נישט לייכט. די צייט איז אַ שלעכטע, און איך בין כמעט אָן געלט. מיינע עטלעכע פונט, וואָס כ׳האָב געהאַט, ווערן אַלץ ווייניקער, כאָטש איך לעב זייער שפּאָרעוו־דיק: דירה־געלט קאָסט מיך נישט, איך בין ביי דער משפּחה־פריינט ערנסט. שבת און זונטיק עס איך אפילו מיטאָג מיט זיי. אַ גאַנצע וואָך עס איך אין אַ ביליקן איטאַליענישן רעסטאָראַנדל. מיט די אַמאָליקע באַקאַנטע און די פריינד טרעף איך זיך נישט, דריי איך זיך אַרום ווי אַן עלנטער הונט. ס׳איז מיר נישט גוט און כ׳וויל צוריקפאָרן צו דער משפּחה, נאָר מיין פרוי שרייבט, אַז „אין לאַנד איז אַ ביטערע לאַגע, ס׳איז נישטאָ ביי וואָס צו פאַרדינען". מוז איך דאָ בלייבן און זוכן.

צופעליק האָב איך געטראָפן אַ באַקאַנטן, דערציילט ער מיר, אַז ער האַנדלט מיט סטאַנדאַרט פרויען־קליידער אויפן „קעטל־מאַרק". לייגט ער פאָר, מיר זאָלן האַנדלען בשותפות. דער „קעטל־מאַרק" קומט פאָר צוויי מאָל אין וואָך, דינסטיק און שבת. טויזנטער מענטשן קומען דאָ זוכן מציאות. אַלץ באַקומט מען דאָ, פון אַן אַקס ביז זעלטענע אַנטיקן פון אַלט זילבער.

איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אין דער געלעגנהייט, אַבי עפּעס צו פאַרדינען. אַריינגעלייגט מיינע לעצטע 25 פונט, עטלעכע פונט נאָך צוגעבאָרגט און געקויפט קליידער. עטלעכע וואָכן בין איך געווען אין דעם „געשעפט" און קיין פּרנסה איז נישט געווען. כדי אָפּצונעמען מיין געלט, האָט מען גע־דאַרפט פאַרקויפן די גאַנצע סחורה. האָט זיך מיין שותף, — און מער נאָך זיין פרוי, צעוויינט, אַז זיי בלייבן אָן ברויט. זיי האָבן מיך געבעטן איך זאָל לאָזן די קליידער און דעם חוב וועלן זיי מיר אָפּצאָלן וועכנטלעך. געזען, אַז כ׳האָב צו טאָן מיט אַ גרויסן אָרעמאַן, האָט מיך זייער בעטן גערירט און כ׳האָב זיי געלאָזן די קליידער. אַזוי בין איך געבליבן אָן געלט, אָן סחורה, דערצו נאָך אַ בעל־חוב.

זיך באַגעגנט מיט פריינד קאַפּהאַן — אַ גרויסער פאַבריקאַנט פון עלעקטרישע לעמפּלעך. האָט ער זיך אינטערעסירט מיט מיין מצב און מיר פאָרגעלייגט כ׳זאָל זיך נעמען פאַרקויפן זיינע לעמפּלעך אין גרויסע

פאַבריקן און ביוראָס. ער האָט מיר געגעבן קרעדיט און אַנדערע הנחות. נאָר דאָס פאַרקויפן איז געווען שווער. יעדע פירמע האָט שוין געהאַט זייַנע צושטעלערס, אַנדערע האָבן נישט געוואָלט די פירמע א. א. וו. כ׳בין געקומען מיט רעקאָמענדאַציעס, בין איך נישט מיד געוואָרן: אויב מ׳האָט נישט גדאַרפט היינט, בין איך געקומען מאָרגן, איבערמאָרגן. אויף איין אָרט האָט מען מיך גראָב געענטפערט, באַליידיקט, האָב איך הינטער דער טיר געלאָזן אַ טרער און ווידער געקומען. איך האָב געמאַכט אַ פיקטיווע אייגענע פירמע א. ג. „גענעליכט״, (אפשר וועט מיין פרויס נאָמען זיין מזלדיק). דאָס האָט טיילווייז געהאָלפן. איך האָב גענומען פאַרדינען אַ 8 — 10 פונט אַ וואָך. דאָס איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. אמת, ס׳איז נאָך נישט גענוג אויף צו פירן צוויי היימען, אָבער איך הונגער שוין נישט און שיק נאָך יעדע וואָך עטלעכע פונט דער משפחה אין א״י.

די צייטונגען דערציילן וועגן גאָר שטאַרקע אומרוען אין א״י. איין מאָל זיץ איך ביי סילווערשטיינען אין רעסטאָראַן, קומט אַריין אַ באַקאַנ־טער מיט אַן אוונטצייטונג אין דער האַנט. איך בעט ביי אים די צייטונג אַ קוק צו טאָן, און אָט וואָס איך לייען: „פון עין־ורד, לעבן תל מונד זענען דריי יידן געגאַנגען צו דער אַרבעט. אויפן וועג האָבן זיי אָפגעוואַרט אַראַבער און פון אַ באַהעלטעניש דערשאָסן. איינער פון זיי איז מרדכי ליכט, 29 יאָר אַלט, געלאָזן אַ פרוי מיט צוויי קינדער״. ס׳איז מיר פינצ־טער געוואָרן אין די אויגן, טרערן האָבן מיך געשטיקט. דאָס איז געווען מיין שוואָגער, מיין פרויס ברודער. דער באַקאַנטער האָט געזען, וואָס מיט מיר קומט פאָר און געפרעגט די סיבה. נאָכן אויסוויינען זיך, האָב איך אים דערציילט וואָס דאָ איז געשען. איצט איז מיר געוואָרן נאָך שווע־רער, טאָג און נאַכט האָב איך נאָר געטראַכט וועגן לאַנד און וועגן מיין משפחה.

אַ נסיעה קיין דייטשלאַנד אין נאָוועמבער 1938

אין געיעג נאָך פאַרדינסט האָב איך זיך געלאָזן אויף ריזיקאַלישע

וועגן. אַ יונגער סוחר פון דאַמען־זאָקן לייגט מיר פאָר, אַז איך זאָל פאָרן אויף עטלעכע טעג קיין דייטשלאַנד. אין קעמניץ וועל איך זיך טרעפן מיט אַן אַגענט פון דער זאָקן־פאַבריק און וועל אויסגלייכן אַ סיכסוך: אַן ענין מיט סחורה, וואָס ער האָט דערהאַלטן און זי איז געווען מיט פעלערן. האַלט ער, אַז זי דאַרף זיין ביליקער ווי גוטע סחורה. ער האָט מיר גענוי אויפגעקלערט דעם פּלאַנטער און וואָס איך וועל דאַרפן טאָן. דערפאַר האָט ער צוגעזאָגט 15 פונט פאַר מיין טרחה. לויט מיין חשבון האָב איך איך געקענט האָבן אַ 10 פונט ריינעם ריווח, האָב איך מסכים געווען באַלד צו פאָרן.

אויפן צווייטן טאָג נאָך מיטאָג בין איך אָנגעקומען קיין לייפּציק. דאָ האָב איך געדאַרפט וואַרטן אויף אַ באַן קיין קעמניץ. איך האָב געזוכט סימנים פון דער נאַצי־הערשאַפט און כמעט גאָרנישט געזען. נאָר עטלעכע מענער מיט שוואַרצע אָרעם־בענדער, אויף וועלכע ס'איז געווען אָנגע־מאָלט אַ האַקנקרייץ, האָבן פאַרקויפט דעם „שטורמער".

דערווייל איז די באַן אָנגעקומען און איך בין אָפּגעפאָרן קיין קעמניץ. ווען כ'בין אָנגעקומען אַהין, איז געווען אָוונט. כ'האָב געהאַט בדעה — לויט דער אָנווייזונג פון מיין באַקאַנטן — זיך אָפּצושטעלן אין „קעמני־צער האָף־האָטעל" נאָענט פון דער באַן. צוקומענדיק נאָענט האָב איך געזען אַן אויפשריפט: „יידן פאַרבאָטן". איך האָב געפילט, אַז כ'קען דאָרט נישט אַריינגיין, הגם איך האָב זיך געקענט באַנוצן מיט מיין ענגלישן פּאַס, אויף וועלכן ס'איז נישט באַצייכנט די נאַציאָנאַליטעט. ווען ס'איז געוואָרן טונקל, האָב איך אָפּגעשטעלט אַ דראָשקע, דראָשקע־ייענדיקן דייטש און אים געפרעגט צי ער ווייסט נישט פון אַ צווייטן האָטעל. אויף זיין וווּנדערן זיך הלמאי איך וויל נישט גיין אין דעם האָטעל, האָב איך אים דערציילט, אַז כ'בין אַן ענגלישער ייד. ער האָט מיך צוגעפירט צו אַ האָטעל, אויף דער אַריינגאַנג־טיר איז געהאַנגען אַ צעטל „אַריער". איך האָב אַ רגע געצווייפלט, נאָר דער דייטש האָט מיר אויפגעקלערט, אַז אויף אַלע דייטשע געשעפטן טרעפט מען דעם אויפשריפט און דאָס באַדייט נאָר, אַז דער אייגנטימער איז נישט קיין ייד.

איך בין אַריין, אָפּגעגעבן דעם פּאַס, געגעסן אָוונטברויט, געקלונגען

צום אַגענט און זיך באַשטימט מיט אים צו טרעפן, און נאָך דעם אַ מידער געגאַנגען שלאָפן.

צו מאָרגנס 8 פרי איז דער אַגענט געקומען. כ׳האָב אים אויפגעקלערט אין וועמענס נאָמען כ׳בין געקומען, וועגן וואָס ס׳האַנדלט זיך. ער איז מיט מיר געפאָרן אין דער פאַבריק, וואָס האָט זיך געפונען אויסער דער שטאָט. מיר האָבן זיך געזען מיט דעם אייגנטימער, לאַנג געטענהט מיט אים, אָבער צו קיין אויסגלייך זענען מיר נישט געקומען.

איך בין צוריקגעפאָרן אין שטאָט. איך שפּאַציר איבער די גאַסן און זוך אַ ייד. אָט דערזע איך דעם דייטש, וואָס האָט מיר נעכטן אָנגעוויזן דעם האָטעל, איך שטעל אים אָפּ און פרעג: צי ער קען מיר נישט זאָגן ווו כ׳קען טרעפן אַ ייד? ער רופט מיך אָפּ אין אַ זייט און זאָגט: „איך האָב אַ סך יידישע פריינד, זעסט די טרעפלעך דאָרט? דאָס איז אַ יידיש געשעפט”. איך בין אַהין אַריין און די אייגנטימער, מאַן און ווייב, איבערגעשראָקענע מענטשן, וואָס דער פּחד איז זיי געלעגן אויפן פּנים — האָבן געקוקט אויף מיר מיט פאַרדאַכט. איך האָב זיי דערציילט ווער איך בין און געבעטן נישט מורא האָבן. איך וויל נאָר וויסן, ווי ס׳לעבט זיך יידן אין די שרעקלעכע צייטן.

ס׳איז געווען פּריוויטיק פאַרנאַכט, קיין קונים זענען נישט געווען. איך האָב ביסלעכווייז געוווּנען זייער צוטרוי. זיי האָבן מיר דערציילט וועגן אַ לעבן פון פּיין, הפקרות און פּחד. „ערשט נעכטן — דערציילט די פרוי — האָט מען צוויי יידישע משפּחות פון אונדזער הויז אַרויסגעשלעפּט אין מיטן דער נאַכט און זיי אַריבערגעוואָרפן אויף דער פּוילישער זייט. קיינער קען נישט וויסן, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען”. כ׳האָב נאָך אַ ביסל געשמועסט און זיך געזעגנט. פאַרן אַוועקגיין זאָגט די פרוי: „אַמאָל האָט מען אַ גאַסט פאַרבעטן אַהיים אויף שבת, היינט זענען אַנדערע צייטן” — און טרערן שטייען אין אירע אויגן. זיי האָבן מיר נאָך געגעבן אַן אַדרעס פון אַ יידישער רעסטאָראַציע און כ׳בין אַוועק פון זיי מיט אַ טיפן ווייטיק אין האַרצן.

אין אַ פּריוואַטן האַלב-געהיימען רעסטאָראַן, אויפן 1־טן שטאָק, זענען ביי טישלעך געזעסן יונגע מענער און פרויען, געטרונקען שוואַרצע קאַווע

און געדרויכערט. דאָס צימער איז פול געווען מיט רויך. אויך די פּנימער און אַפילו אין דער לופט, האָט מען געפילט אַ נערוועזע געשפּאַנטקייט. די מענטשן האָבן גערעדט צווישן זיך שטיל, ערנסט און סודותדיק. מען האָט קיינער גאָרנישט געפרעגט. נאָך אַ געוויסער צייט וואַרטן האָט מען מיך אַריינגעפירט אין עס־צימער. דאָס איז געווען אַ ווייס־געדעקטער טיש מיט ברענענדיקע ליכט אין זילבערנע לייכטער. אַ מאָדנער קאָנטראַסט; אין ערשטן צימער איז טונקל, גרוי, דאָ איז העל ליכטיק — שבת. איך בין געווען דער איינציקער גאַסט. מען האָט מיר דערלאַנגט עסן אין דער פולסטער שטילקייט, קיינער האָט נישט גערעדט. כ׳האָב זיך דערפילט אומבאַקוועם, האָב איך באַצאָלט און פאַרלאָזן דאָס הויז.

צו מאָרגנס אין דער פרי בין איך געפאָרן קיין בערלין. איך האָב נישט געהאַט קיין ענינים דאָרט, אָבער כ׳האָב געוואָלט זען דייטשלאַנדס הויפּט־שטאָט איצט און דרך אגב אָפּגעבן גרוסן צו אַ משפחה פון מיינע גוטע־פריינד.

אָנגעקומען אַרום 12, האָב איך גענומען אַ טעקסי און זיך געהייסן פירן אויף דער גאַס, ווו די מענטשן האָבן געוווינט. עטלעכע הייזער פריער בין איך אַרונטער און געגאַנגען צופוס ביזן הויז. אין טויער האָט אויף מיר געוואַרט דער מאַן, וועמען כ׳האָב פריער צו וויסן געטאָן וועגן מיין קומען. ער האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער איז נישט געקומען מיך אָפּוואַרטן ביי דער באַן, ער איז רעליגיעז און פאָרט נישט אום שבת.

אין שטוב איז געווען די פרוי און עס האָבן זיך געוואַלגערט קאָסטנס און פּעק. די פרוי זאָגט: „מיר שטאַמען טאַקע פון פּוילן, אָבער נאָך ווי קינדער זענען מיר געקומען קיין דייטשלאַנד, דאָ אָפּגעלעבט דאָס גאַנצע לעבן. איצט — ווייזט זי אויף די קאָסטנס אין צימער — מוזן מיר פאַר־לאָזן דאָס לאַנד. אין עטלעכע טעג אַרום פאָרן מיר אָפּ קיין אַרגענטינע״. מיט די גרוסן פון זייערע קרובים אין לאָנדאָן האָבן זיי זיך זייער געפרייט. מען האָט מיך פאַרבעטן אויף מיטאָג און די פרוי האָט זיך כסדר פאַרענטפערט, פאַרוואָס ס׳איז נישט אַזוי, ווי ס׳איז געווען אין נאָרמאַלע צייטן.

אין אָוונט האָט מיך דער מאַן גענומען אין שול. דאָרט זענען געווען עטלעכע צענדליק מענטשן. אין די פאָדערשטע רייען זענען געזעסן טרויע־

ריק־פאַריתומטע קינדער, וואָס זייערע עלטערן זענען אַריבערגעוואָרפן געוואָרן איבער דער פוילישער גרענעץ. נאָכן דאַוונען האָט דער ראַבינער געהאַלטן אַ דרשה. ער האָט געטרייסט די קינדער און געמוטיקט די על־טערע. מענטשן האָבן מיך אַרומגערינגלט, אויסגעפרעגט, וואָס מ׳זאָגט אין ענגלאַנד, פאַרוואָס מען שווייגט. זיי האָבן מיך מקנא געווען סיי מיט מיין ענגלישן פּאַס און נאָך מער מיט דעם, וואָס נאָך היינט פאָר איך אָפּ.

אין אָוונט זענען מיר געגאַנגען שפּאַצירן אונטער דען לינדען און אַנדערע הויפּט־גאַסן פון בערלין. אויף אָוונט־ברויט זענען מיר אַריין אין אַן ערשטקלאַסיקן לוקסוס־רעסטאָראַן. דאָרט זענען געווען אַ סך מיליטער־לייט. מוזיק האָט געשפּילט און די באַציאונג איז געווען אַ ביז גאָר העפ־לעכע. מיך האָט געוווּנדערט פאַרוואָס זיי האָבן מיך געפירט אין אַזאַ פּלאַץ, זייער און אויך מיין אויסזען איז דאָך געווען עכט יידיש. נאָר אַזוי זענען זיי געווען, די דייטשע יידן.

פון רעסטאָראַן גלייך האָבן מיך מיינע נייע פריינד באַגלייט צו דער באַן. מיר האָבן זיך וואַרעם געזעגנט. זיי האָבן געוואָרט ביז כ׳בין אַריין אין וואַגאָן. איך האָב פרייער אָפּגעאָטעמט אויפן וועג קיין ענגלאַנד...

אין לאָנדאָנער „אַרבעטער־רינג" האָב איך דערציילט אַלץ, וואָס כ׳האָב געזען און געהערט אין דייטשלאַנד. פון דער פרעסע און פון פּרי־וואַטע ידיעות דערוויסן מיר זיך שוידערלעכע זאַכן פון דאָרט: פאַרשי־קונגען און קאָנצענטראַציע־לאַגערן; קאָנפיסקאַציעס פון געשעפטן און פאַבריקן; דערנידעריקונגען און באַליידיקונגען; מען פירט יידן אין מיסט־וועגענער איבער דער שטאָט; מען צווינגט זיי צו רייניקן די גאַסן; מען איזאָלירט זיי פון דער „ריינער" דייטשער ראַסע און אַנדערע צרות און פּיין. דאָס האַרץ פּלאַצט פון ווייטיק — און די וועלט שווייגט.

אויך פון פוילן קומען אָן טרויעריקע ידיעות: דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אויף אַ שרעקלעכן אופן פאַרשטאַרקט; יידן שטייען אויס פאַרשידענע רדיפות; עקאָנאָמישער באָיקאָט; אָנפאַלן, וואָס דערגייען צו פּאָגראָמען. יידן רייסן זיך צו פאָרן קיין א״י, אָבער די ענגלישע אַדמיניסטראַציע — אָדער רעגירונג — פאַרשטעלט זיי דעם וועג. די אַראַבישע אומרוען מערן זיך, יעדן טאָג — קרבנות.

אַט די אַלע ידיעות רופן אַרויס ביטערע שטימונגען ביי די ענגלישע יידן. מיר קענען נישט שווייגן: מיר שיקן פּראָטעסטן און דעפּוטאַציעס צו דער רעגירונג. מיר אָרגאַניזירן אַ באָיקאָט אויף דייטשע סחורות. מיר שאַפן אַ הילף־קאָמיטעט אַרויסצוראַטעווען יידן, באַזונדערס יידישע קינדער פון דייטשלאַנד. אָבער דאָס אַלץ איז, ווי אַ טראָפּן אין ים, אין פאַרגלייך מיט די באַדערפעניש פון דער צייט.

אין יענער צייט איז פּראָפ׳ אַלבערט איינשטיין אָנגעקומען קיין לאָנדאָן. די גאַנצע ענגלישע און יידישע פּרעסע שרייבט וועגן איינשטיינען. גאַנצע זייטן זענען געווידמעט זיין פּערזענלעכקייט, זיינע טעאָריעס און וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען. די וויסנשאַפטלעך־אינטעלעקטועלע געזעלשאַפט האָט אין „אַלבערט־האָל" אָרגאַניזירט אַ רעפעראַט פון איינשטיינען א. ד. ט.: „ציוויליזאַציע און די מענטשהייט". טויזנטער מענטשן האָבן אויסגעפילט דעם זאַל און נאָך מער זענען אַוועק אָדער געשטאַנען אין דרויסן, צוליב מאַנגל אין פּלאַץ. איך האָב געהאַט דאָס מזל צו זיין אין זאַל. פּאָליטיקער און גרויסע וויסנשאַפטלער האָבן פאַרנומען די טריבונע. ווען איינשטיין האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע האָבן זיך אַלע ספּאָנטאַן אויפגעשטעלט און אים געמאַכט אַ שטורמישע לאַנג־דויערנדיקע אָוואַציע. דאָס איז געווען אַ בפירושע דעמאָנסטראַציע, אַ פּראָטעסט קעגן די מיטלעלטערלעכע געזעצן און מעטאָדן פון דייטשן פאַשיזם. איך בין געווען אינערלעך שטאַרק גערירט, קוקנדיק אויפן ליכט פון אונדזער דור, אויף דער וווּנדערלעכער געשטאַלט — איינשטיין.

דעם רעפעראַט האָט ער געלייענט פון אַ פּאַפּיר, אויף וויפל איך האָב פאַרשטאַנען — כ׳מוז מודה זיין, אַז זייער ווייניק — האָט ער גערעדט וועגן דער דערנידעריקונג פון מענטש אין דייטשלאַנד, וועגן פאַרטרייבן דאָס בעסטע פון דער מענטשהייט, וועגן דער ירידה פון דער דייטשער קולטור. ווען ער האָט געענדיקט, האָט זיך ווידער דער גאַנצער עולם אויפגעשטעלט און אים באַדאַנקט מיט לאַנגע שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. צו מאָרגנס האָט די גאַנצע פּרעסע געברענגט אויספירלעכע באַריכטן פון דעם רעפעראַט און דער דעמאָנסטראַציע. דאָס ענגלישע יידנטום האָט זיך געפילט דערהויבן און געשטאַרקט אין זיין מוט.

פון פּאַריז איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז יידישער יונגערמאַן, הערשל גרינשפּאַן, האָט דערשאָסן דעם דייטשן געזאַנדטן אין פראַנקרייך — אַ נקמה־אַקט פאַר די רדיפות און אכזריות קעגן יידן און זיין משפּחה. ווי אַן ענט־פער אויף דעם, זענען פאָרגעקומען פּאָגראָמען אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך. דער יידישער הילף־קאָמיטעט האָט דערהאַלטן טעלעגראַמעס מיט איין וואָרט — ר אַ ט ע ו ו ע ט! דער קאָמיטעט נעמט דעמאָלט איבער אַ גאַנצן האָטעל „בלומבאַריהויז", שטעלט אַן אַ שטאַב מענטשן, וואָס אַרבעטן פיבערהאַפטיק צו ראַטעווען יידן פון דייטשן גיהנום. ביי אַלע שווערע און באַגרענעצטע מעגלעכקייטן איז פון דעסטוועגן געלונגען אַריינצוברענגען קיין ענגלאַנד, ביז דער מלחמה, אַן ערך 50 טויזנט יידישע פּליטים פון דייטשלאַנד.

ווידער אַ סכנותדיקע נסיעה — קיין ווין

אין הויז פון פריינד האָב איך זיך באַקענט מיט אַ סימפּאַטיש פּאָר־פאָלק פון ווין, וואָס זענען דאָ אין לאַנד אַ גאָר קורצע צייט. דער מאַן איז געווען שטאַרק באַזאָרגט צוליב זיין אַלטן פאָטער, וועלכער געפינט זיך נאָך אין ווין. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט באַקומען אַ דאָקומענט, מיט וועלכן זיין פאָטער וועט קענען פאַרלאָזן עסטרייך. די שוועריקייט באַשטייט אין דעם, וואָס דעם דאָקומענט מוז מען פערזענלעך איבערגעבן. ער אַליין קען דאָס נישט טאָן, האָט ער מיך געפרעגט צי איך, ווי אַן ענגלי־שער בירגער, וויל זיך אונטערנעמען דאָס דורכצופירן. איך האָב מסכים געווען.

אַרום 9 אַווענט בין איך אָנגעקומען קיין ווין. ביי דער באַן האָב איך גענומען אַ טעקסי און — ווי פריער אין לייפּציק — אָנגעגעבן אַ צוגע־טראַכטן נומער אויף דער גאַס, ווו כ'האָב געדאַרפט. כ'בין אַריין אין טויער, צוגעוואַרט ביז די טעקסי איז אַפּגעפאָרן און ערשט דעמאָלט צוגעגאַנגען די עטלעכע הייזער צו מיין אַדרעסאַט.

אויף אַן ערשטן שטאָק האָב איך אָנגעדריקט אויפן גלעקל און גע־

הערט פאַמעלעכע טריט דערנענטערן זיך. די טיר האָט זיך עטוואָס גע־עפנט און אַן אַרויסגערוקטער קאָפּ האָט געפרעגט: „וואָס ווילט איר?״
„איך וויל זען דעם הער ה.״ — ענטפער איך. ביי די ווערטער איז צוגעקומען אַן אַנדערער מענטש — אין ווען איך האָב גלייך — לויטן דאָקומענט — דערקענט דעם, צו וועמען איך האָב געדאַרפט. ער האָט געזאָגט: „יאָ, לאָז דעם ה׳ אַריין, אויף אים האָב איך געוואַרט״. אַזוי גרויס איז געווען די שרעק: איין ברודער האָט נישט געוווּסט, אַז דער צווייטער וואַרט אויף אַ מענטש פון לאָנדאָן.

ביי זיי האָב איך נישט געקענט בלייבן נעכטיקן. צוויי משפחות האָבן זיך איצט צונויפגעדריקט אין צוויי קליינע צימערן. האָט זיך ה. אַנט־שולדיקט און מיך צוגעפירט אין האָטעל „דע־פראַנס״. אַ גרויסער עלע־גאַנטער האָטעל, פול געפּאַקט מיט יידן און באַגאַזשן גרייט אָפּצופאָרן. מיט ה. האָב איך אָפּגערעדט, אַז מאָרגן, שבת אין דער פרי, קומט ער צו מיר אין האָטעל. ער איז אַוועק, איך בין געווען מיד און הונגעריק, גע־געסן אַ וואונט־ברויט און געכאַפּט אַ שמועס מיט עטלעכע יידן. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אַלע דאָ וואַרטן אויף די לעצטע דאָקומענטן און פאָר־מאַליטעטן אָפּצופאָרן קיין אַמעריקע, אויסטראַליע, בראַזיל, אַרגענטינע, סאַן־דאָמינגאָ און וווּ מ׳וועט אַריינלאָזן.

שבת אין דער פרי איז ה. געקומען צו מיר. מיר האָבן געשמועסט וועגן פאַרשידענע ענינים. ער האָט דערציילט: אַמאָל האָט ער געהאַט אַ גרויסן הורט־מאַגאַזין פון קליידער, איצט זיצן דאָרט קאָמיסאַרן פון דער רעגירונג. ער אַליין איז נאָך דאָרט אַ פאַרוואַלטער און באַקומט אַ חודש־לעכן געהאַלט. היינט איז דאָס געשעפט אָפן נאָר אַ האַלבן טאָג, מוז ער איצט דאָרטן צוגיין, אויב איך וויל און בין גרייט, בעט ער מיך מיטגיין מיט אים, וועל איך דאָרט אַלץ זען. אָן איבעריקן חשק בין איך מיט אים געגאַנגען.

דער מאַגאַזין איז געווען אויף אַ שיינער גאַס, מיט אַ סך סחורה. פאַר די קאָמיסאַרן האָט ער מיך פאַרגעשטעלט, ווי זיינער אַ קוזין פון ענגלאַנד. דאָ האָבן מיר זיך געפונען די עטלעכע שעה ביזן צומאַכן.

ה. האָט מיך פאַרבעטן צו זיך אויף מיטאָג און דאָ, אונטער פיר אויגן,

האָב איך אים געוויזן דעם דאָקומענט; אַ האָלענדישער פּאַס, אויף וועלכן ער קען אַריינפאָרן אין די סקאַנדינאַווישע לענדער. ה. האָט באַטראַכט דעם פּאַס, קוקנדיק אויף זיין בילד, האָט ער דאָס ערשטע מאָל אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „יאָ, זייער גוט. אָבער איך וויל איצט נישט פאַרלאָזן ווין, דער פּאַס איז מיר נישט בוצלעך". איך האָב זיך אַזש אַ הייב געטאָן פון אַרט פון איבערראַשונג און אויפגעשריגן: „אָבער גאָט מיינער, אייער זון האָט מיך אַזוי געבעטן, איך האָב געמאַכט אַזאַ אָנשטרענגונג און געקומען צו אייך. וואָס זאָל איך זאָגן אייער זון אין לאָנדאָן?" אָבער ה. ענטפערט רואיק: „זאָגט מיין זון, אַז אין גיכן וועט מיך דער מאַגאַזין שיקן קיין אַמעריקע מיט מאָדעלן פאַרקויפן סחורה — די מלוכה נייטיקט זיך אין דאָלאַרן. ביי דער געלעגנהייט, וועל איך אַרויספאָרן כשר, מיט סחורה. וואָס איך וועל פאַרקויפן, וועל איך פאַרהאַלטן פאַר זיך, און קיין ווין זיך נישט אומקערן".

איך האָב נאָך געפּרוּווט ווירקן אויף אים, אים געוואָלט איבערצייגן, אַז די רייזע קיין אַמעריקע איז נישט זיכער, די צייט איז פול מיט סכנות, עס קאָן ווערן ערגער. „פאָלגט מיך, — האָב איך מיט אים אייגנטענהט — נעמט דעם פּאַס און פאָרט באַלד". אָבער ה. האָט זיך נישט געלאָזט איבער־צייגן. איך האָב רעזיגנירט און דער דאָקומענט, וואָס האָט געקענט ראַ־טעווען אַ יידישע משפּחה, איז געבליבן ביי מיר אין בוזעם־קעשענע.

מיר האָבן געגעסן אַ שבתדיקן מאָלצייט, געבענטשט (ה. איז געווען רעליגיעז). פאַרנאַכט האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וויל צוגיין אָפּגעבן אַ גרוס אַ געוויסע משפּחה, האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל צוּוואַרטן ביז נאָך מנחה־מעריב און נאָכן בענטשן חנוכה־ליכט — וועט ער מיט מיר גיין. איך האָב צוגעוואָרט און מיר זענען אַוועק צוזאַמען.

איך האָב געדאַרפט טרעפן די אייגנטימער פון קאַפע־הויז „עקסעל־סיאָר", נאָר דאָרט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די אייגנטימער זענען שוין פאַרטריבן, עס זיצן קאָמיסאַרן. מ'האָט מיר געזאָגט ווו כ'קען זיי טרעפן, זענען מיר דאָרט צוגעגאַנגען.

אין אַ הויז, אויף אַ הויכן שטאָק, האָבן מיר זיי געטראָפן מיט נאָך קרובים. טיר און פענצטער פאַרמאַכט. קיינער האָט גאָרנישט גערעדט.

ס׳איז געווען אַן אַטמאָספער ווי פאַר אַדער נאָך אַן אומגליק. איך האָב זיי איבערגעגעבן די גרוסן פון זייערע קרובים און עפּעס אַן עצה ווי זיך אַרויסצורייסן פון עסטרייך. מ׳האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט, אָבער גאָרנישט געענטפערט. מיר האָבן גיך פאַרלאָזן דאָס הויז.

מיר זענען אַריין אין אַ קאַפע־הויז וווּ עס זענען געווען פאַרזאַמלט אַ היפּשע צאָל יידן. זיי האָבן געשפּילט אין שאַך, דאָמינע, געררייכערט, געטרונקען קאַווע. כדי מען זאָל זיי גוט באַדינען האָבן זיי געוואָרפן מיט אַ סך טרינק־געלט פאַר די קעלנער. איך האָב נישט געקאָנט צוקוקן די שפּלות זייערע און בין אַרויס.

ה. האָט מיך באַגלייט צו מיין האָטעל און געבעטן, אַז מיר זאָלן צוזאַמען עסן אָוונט־ברויט. איך בין געווען דערשטוינט, ווען דער פרומער ייד, וואָס דאַוונט מנחה־מעריב, צינדט חנוכה־ליכט, האָט באַשטעלט... שינקע מיט אייער. אמת, אַ מאָדנע פרומקייט.

זונטיק אין דער פרי האָט מיך ה. באַגלייט צו דער באַן. דאָרט האָט ער מיך באַקענט מיט אַ ווינער פאַרפאָלק, וואָס פאָרט קיין ענגלאַנד. אין וואַגאָן האָבן זיי זיך געזעצט לעבן מיר און נאָך עטלעכע מינוט האָט מיך די פרוי געבעטן, כ׳זאָל נעמען איר צירונג און עס איר אומקערן אין ענגלאַנד. איך האָב אָפּגעזאָגט, זיך נישט געוואָלט פאַרפּלאָנטערן אין צרות. ווען קיינער האָט נישט געזען, האָב איך צעריסן דעם דאָקומענט פון ה. און זיך געפילט לייכטער און פרייער.

אין אַאַכען, אויף דער דייטש־בעלגישער גרענעץ, האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט. אויף דער פּלאַטפאָרמע דרייען זיך אַ סך דייטשע פּאָליצ־מענער, די שטימונג איז געשפּאַנט. פּלוצים זענען אַריין צוויי ס.ס.־לייט און געפאָדערט דאָקומענטן. כ׳האָב זיי געוויזן מיין פּאַס. זיי האָבן אַ קוק געטאָן און אָפּגעגעבן. די ווינער משפּחה האָבן זיי געהייסן נעמען די זאַכן און מיטגיין. אַ ביסל שפּעטער זענען געקומען אַנדערע, מיך העפלעך געבעטן זיך אויפשטעלן און דורכגעפירט אַ שטרענגע זוכונג מיט עלעק־טרישע מכשירים אַרום די זיצפּלעצער, אין די ווענט, אונטער די בענק. מיט מיר זענען זיי געווען קאָרעקט. איך האָב געוואַרט אויף די ווינער, נאָר זיי זענען מער נישט צוריקגעקומען. ווען די באַן איז אַריבער די

בעלגישע גרענעץ, האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט. איך בין ווידער אין דער גרויסער פרייער וועלט.

די צווייטע וועלט־מלחמה

איידער איך האָב זיך מאַטעריעל פּאַרפעסטיקט, איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. דאָס פאַשיסטישע דייטשלאַנד איז אָנגעפאַלן אויף פּוילן און ענגלאַנד האָט איר דערקלערט קריג. דער ערשטער באַפעל צו דער באַפעלקערונג: פאַרטונקעלונג און גאַז־מאַסקעס. ס׳ווערט אַ בהלה, מ׳קויפט שוואַרץ פּאַפּיר צו פאַרהענגען טיר און פענצטער און יעדער באַזאָרגט זיך מיט אַ גאַז־מאַסקע. עס דאַרף זיין פינצטער, און חושך איז אייך אויפן האַרצן; ס׳איז אַ קריזיס, אַרבעטסלאָזיקייט. מיין מסחר מיט עלעקטרישע לעמפּלעך איז אָפּגעשטעלט. ווער דאַרף איצט לעמפּלעך, אַז ס׳איז פינצטער. יידישע פאַבריקלעך פון דאַמען־טאַשן האָבן זיך געכאַפּט צו מאַכן טעשלעך צו די גאַז־מאַסקעס, וואָס יעדער מוז טראָגן מיט זיך. האָב איך זיך גענומען פאַרקויפן זיי. דער מסחר האָט אָנגעהאַלטן אַ דריי חדשים, און ווידער איז נישט געווען וואָס צו טאָן. איך פאַרשרייב זיך אין דער „אַרבעטס־ביוראָ״, נאָר קיין אַרבעט איז דערווייל נישט געווען. מען האָט געוואַרט אויף גרויסע עקאָנאָמישע ענדערונגען, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרקומען.

באַלד האָט טאַקע די רעגירונג איבערגעפירט אַ סך פאַבריקן אויף מיליטערישע באַשטעלונגען און ס׳איז געוואָרן אַ סך אַרבעט ביי געווער. ווער ס׳האָט נאָר געוואָלט, איז אַריין אַרבעטן אין די געווער־פאַבריקן. אויך פרויען האָבן דאָרט באַקומען אַרבעט. מען האָט גוט פאַרדינט און אַלץ האָט זיך אַ ריר געטאָן פון טויטן פונקט. דער עולם האָט געקויפט און אויך אין מסחר איז געוואָרן לעבעדיק.

אין ערשטן יאָר האָט מען די מלחמה כמעט נישט געפילט, אַחוץ די פאַרטונקעלונג אין די נעכט. מענטשן האָבן שוין מיט אַ שמייכל געפרעגט: ווו איז זי, די מלחמה? נאָר באַלד האָט זי זיך באַוויזן אין איר גאַנצער

גרויזאַמקייט: טאָג און נאַכט זענען דייטשע עראָפּלאַנען געפלויגן איבער די ענגלישע הימלען. אין לאָנדאָן זענען געפאַלן די ערשטע באָמבעס און ס׳זענען געווען אַ סך געהרגעטע און פאַרוואונדעטע.

די רעגירונג איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק, און דאָס ערשטע מאָס־מיטל, וואָס זי האָט אָנגענומען איז געווען: אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט אין ווייטע מקומות טויזנטער דייטשע און עסטרייכישע בירגער. דאָ איז ווידער אויף אַן אכזריותדיקן אופן בולט געוואָרן די יידישע טראַגעדיע: דער גרויסער רוב פון די אַרעסטירטע און אַרויסגעשיקטע זענען געווען יידן, אַנטלאָפענע פון דייטשן פּאַשיזם; דאָרט האָט מען זיי גערודפט ווי יידן, דאָ — ווי דייטשן... נאָר מ׳מוז מודה זיין, אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן ענערגישער פּראָטעסט קעגן די ברוטאַלע מעשים. דער פּראָטעסט האָט אַרומגענומען ברייטע ענגלישע שיכטן און פאַרשידענע חשובע פּערזענ־לעכקייטן. אַ ביסל שפּעטער זענען די יידישע אַרעסטירטע באַפרייט גע־וואָרן און די אַרויסגעשיקטע האָבן זיך אומגעקערט אויף זייערע ערטער.

אַ נייער מסחר

איך האָב זיך געטראָפן מיט ה׳ שמאַלצמאַן, אַן אַלטער פּועלי־ציוניסט, אַ פיינער מענטש און גוטער ייד. שוין לאַנגע יאָרן, נאָך צוזאַמען מיט זיינע עלטערן, איז זייער באַשעפטיקונג געווען: אָפּקויפן אין די גרויסע שניידער־פאַבריקן די שטיקלעך סחורה, וואָס פאַלן אָוועק בעת דער אַרבעט. דאָס פאַרקויפט מען קיין מאַנטשעסטער און ס׳ווערט דערפון ווי־דער מאַנופאַקטור. שמאַלצמאַן האָט מיר צוגערעדט, איך זאָל זיך נעמען צו דעם מסחר.

די צייט איז נישט געווען גינסטיק. די ציווילע באַקליידונג האָט איצט ווייניק געאַרבעט, און יעדע פאַבריק האָט שוין געהאַט זיין אָפּנעמער פון לאַנגע יאָרן. זיי האָבן שוין געהאַט אַ חזקה אויף דעם. אָבער כ׳מוז דאָך עפּעס טאָן, מ׳דאַרף דאָך לעבן און האָבן פּרנסה. ביז איך אַ לענגערע צייט געלאָפן איבער די פאַבריקן, ביז כ׳האָב געמאַכט אַן אָנהייב. ביי

איינעם אַ פאַבריקאַנט, אַן אַדעסער ייִד אַ ציוניסט, האָב איך געפונען צוטרוי און ער האָט מיר פאַרקויפט דעם אַפּפּאַל.

אין אַ זונטיק־באַגינען האָב איך גענומען אַנפילן די גרויסע טיפע זעק מיט שטיקלעך. כ׳האָב זיי אַנגעפילט האַרטע ווי שטיינער. ס׳איז געווען ווינטער, נאָר פון מיר האָט געגאָסן דער שווייס, ווי אין די גרעסטע היצן. אָפּגעאַרבעט אַזוי אַ האַלבן טאָג, האָב איך שוין געהאַט מיין ערשטן גוטן רווח. פון איצט אָן בין איך שוין אַלץ מער און מער אַריינגעדרונגען אין די פאַבריקן און אין משך פון עטלעכע חדשים האָב איך אָפּגעשפּאָ־ט אַ שיינע סומע געלט.

אין יענער צייט האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון מיין פרוי, אַז זי האָט געשיקט אונדזער טאָכטער לערנען אין בן שמן. דערנאָך האָב איך אַ לאַנגע צייט נישט דערהאַלטן קיין שום בריוו. די מלחמה האָט איבער־געריסן אַלע פאַרבינדונגען.

די מלחמה האָט זיך ערשט איצט אָנגעהויבן מיט איר גאַנצער גרויליי־קייט. טאָג און נאַכט איז לאָנדאָן באַוואָרפן געוואָרן מיט באָמבעס. יעדן טאָג זענען צענדליקער מענטשן געהרגעט געוואָרן און גאַנצע גאַסן זענען חרוב געוואָרן. די ערשטע צייטן האָט מען געפילט אַ נישט־אָרגאַניזירטקייט אין דער אינדוסטריע און האַנדל. דער ענגלישער קעגנלופט־שוץ איז נישט געווען צוגעגרייט צו אַזאַ בליצקריג, צו אַזאַ גרויסע צאָל באָמבאַרדירונגען. יעדע רגע האָט מען געהערט דעם אַליאַרם, מען איז געלאָפן זיך באַהאַלטן אין די שוץ־קעלערן, אין ווינקלען, אין לעכער ווו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזן. אין איין רגע האָט זיך אַלץ אָפּגעשטעלט, אַ טויטע שטילקייט, מען הע־ט נאָר דעם גערויש פון די פיינטלעכע עראָפּלאַנען.

ענגלאַנד האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אַ שווערן מצב. אָבער ס׳איז געווען צום באַוואונדערן, ווי אין אַ קורצער צייט, אין מיטן פון דער בליץ־מלחמה איז אַלץ איבעראָרגאַניזירט געוואָרן. דער עיקר, דאָס פאָלק האָט זיך נישט פאַרלוירן, נישט אַריינגעפאַלן אין פּאַניק, האָט אַלץ אויפ־גענומען באַהערשט און רואיק. דאָס לעבן איז אַנגעגאַנגען, אַלץ האָט פונקציאָנירט. נישט געצוווּנגענערהייט האָט יעדער געטאָן זיין פליכט. די ענגלענדער האָבן אַרויסגעוויזן כאַראַקטער־פעסטקייט און דיסציפּלין.

צוליב דער שווערער לאַגע איז איינגעפירט געוואָרן ראַציאָנירונג פון שפייז־אַרטיקלען. יעדער האָט באַקומען אַ באַשפייזונג־קאַרטע, אויף וועל־כער ער האָט באַקומען דאָס גייטיקסטע. אין די רעסטאָראַנען האָט מען באַקומען עסן אָן קאַרטן וויפל מען האָט געוואָלט. אויך ברויט, פיש א. א. אַרטיקלען האָט מען באַקומען פריי אָן באַגרענעצונגען. הונגערן האָט מען נישט געדאַרפט. שווערער איז געווען מיט לוקסוס־מאכלים. צום לויב פון דער רעגירונג מוז מען זאָגן, אַז אין משך פון דער גאַנצער מלחמה איז נישט געווען קיין פאַל, אַז דער בירגער זאָל נישט באַקומען דאָס, וואָס ס׳איז אים צוגעטיילט געוואָרן אויף זיין קאַרטע.

עס איז איינגעפירט געוואָרן נאַכט־שמירה פאַר די מענער, וואָס זענען נישט געווען מסוגל צו דינען אין דער אַרמיי, אָדער אַרבעטן ביי שווערע מלחמה־אַרטיקלען. איך בין געווען אויף שמירה צוויי מאָל אין וואָך. מען האָט געדאַרפט היטן פאַר שריפות, העלפן לעשן, ווען זיי האָבן אויסגע־בראָכן, העלפן די פאַרוווּנדעטע בעת די באָמבאַרדירונגען א. א. וו. די אַ דינסט איז געווען גוט אָרגאַניזירט איבערן גאַנצן לאַנד.

לאָנדאָן איז אַטאַקירט געוואָרן מער פון אַלע שטעט אין לאַנד, דאָס איז שטענדיק פאַרגעקומען ביינאַכט. די נאַכט האָט געשראָקן, און די ענגלישע נעכט זענען לאַנגע... סטאַק־נוינגטאָן — אַ געגנט וואָס איז באַוווינט פון אַ סך יידן, איז אין איינער אַ נאַכט באָמבאַרדירט געוואָרן. די באָמבעס האָבן געטראָפן אין אַ הויז, ווו ס׳איז געווען אַ שוץ־קעלער. דאָס הויז איז איינגעפאַלן, די וואַסער־רערן האָבן געפּלאַצט, קיין שום אַרויסגאַנג איז נישט געווען, און אַלע — מען האָט גערעדט וועגן הונדער־טער מענטשן — זענען דערטרונקען געוואָרן. אין בעטנאַ־גרין זענען בעת אַן אַליאַרם די מענטשן זיך געלאָפן באַהאַלטן אין דער אונטערערד־באַן, פלוצים איז געוואָרן אַ פּאַניק, אַ געדראַנג, מענטשן זענען געפאַלן איינער איבערן צווייטן. אין סך־הכל זענען עטלעכע צענדליק מענטשן צעטרעטן געוואָרן.

אין איינער אַ נאַכט האָט דער דייטשער פלאָט באָמבאַרדירט די סיטי, דעם צענטער פון לאָנדאָנער הורט־מסחר. דאָרט האָב איך אויך געהאַט מיינע סוחרים. ווען כ׳בין מאָנטיק געקומען האַנדלען, האָב איך נישט

דערקענט דאָס אָרט. אַלע גאַסן פון דער געגנט זענען חרוב און אָפּגעווישט געוואָרן ביזן גרונט. נאָר שטיקער אייזן און צעמענט האָבן זיך געוואַל־גערט. אַ זכר לחורבן.

די דייטשן האָבן זיך אויך באַנוצט מיט צייט־באָמבעס: זיי האָבן זיך איינגעגראָבן אין דער ערד, און אויב מ׳האָט זיי פריער נישט אומשעדלעך געמאַכט, האָבן זיי אַ ביסל שפּעטער אויפגעריסן און גורם געווען גרויסע שאָדנס.

די לאַגע איז געוואָרן וואָס ווייטער שווערער און מסוכנער, אַ סך רייכע משפּחות זענען אַרויסגעפאָרן פון לאַנד, אָדער זיי האָבן אַרויסגעשיקט די קינדער. די רעגירונג אַליין האָט אַרויסגעשיקט אַ געוויסע צאָל פרויען און קינדער קיין וועלס און סקאָטלאַנד. אַנדערע זענען נאָר אַרויסגעפאָרן פון לאָנדאָן, אָדער בייטאָג געווען אין שטאָט, געהאַנדלט, געאַרבעט, און ביינאַכט אַוועק וואָס ווייטער פון דער געפאַר.

איך בין די גאַנצע צייט געווען אין שטאָט. איך האָב זיך פאַרנומען מיט מיינע עסקים און כמעט יעדע האַלבע שעה געלאָפן זוכן שוץ פון די באָמבעס. דאָס לעבן אין אַזאַ צייט אַליין, עלנט, אָן דער משפּחה, האָט געדריקט אויף מיר. גאַנץ אָפט האָב איך געמוזט טוישן די דירות. אויב מיין הויז איז נישט געטראָפן געוואָרן, איז עס געשען מיטן שכנס און אויך ביי אונדז זענען אַרויסגעזעצט געוואָרן טיר און פענצטער, און מער וווינען דאָרט האָט מען נישט געקענט. איך משך פון דער מלחמה האָב איך 23 מאָל געטוישט די דירות. ווי נאָר די נאַכט האָט זיך געשטעלט, איז געוואָרן אַ גיהנום: דאָס רוישן פון די עראָפּלאַנען, דער געקנאַל פון פאַלנדיקע באָמבעס, די הימל־רויטקייט פון ברענענדיקע הייזער, האָט משוגע געמאַכט. איך געפין זיך קיין אָרט נישט, בלאָנדזשע איבער די גאַסן, האָב נישט ווו אַריינצוגיין. אויך די פריינד האָבן אַנטוישט...

איך דערמאָן זיך: אין איינער אַ נאַכט, אַרום 2 אַזייגער, קלאַפּט אַ פּאָליציאַנט אין טיר און באַפעלט, אַלע זאָלן שוין פאַרלאָזן דאָס הויז. דאָ נאָענט איז געפונען געוואָרן אַ צייט־באָמבע און זי קען יעדע מינוט אויפרייסן. איך דריי זיך אַרום איבער די פינצטערע גאַסן, שטיי אין אונ־טערערד־באַן, אַ מידער, נישט־אויסגעשלאָפענער און ציטער פון קעלט.

איך גיי ממש אויס נאָך עפּעס וואַרעמס. עס נעמט טאָגן. עס באַווייזט זיך דער ערשטער טראַמוויי, פאָר איך אויף ווייטשעפּל. דאָרט גיי איך אַראָפּ און זוך אַ וואַרעמען טרונק. נאָר אַלע טיי־הייזער זענען נאָך געשלאָסן, דאָס איינציקע, וואָס איז שוין אָפן, האָט נישט קיין גאַז, קיין עלעקטריע, קיין וואַסער... איך האָב זיך דערמאָנט, אַז ה׳ שמאַלצמאַן וווינט דאָ נישט ווייט. כ׳האָב אָנגעקלאַפּט צו אים און דאָרט געטרונקען אַ וואַרעם גלאָז טיי. ביז היינט געדענק איך אים דעם דאָזיקן חסד...

פון יענער צייט האָב איך געפונען אין מיין בלאָקנאָט אָט די אָנגעוואָרפענע שורות:

פינצטערע מאָנאָטאָנע טעג,
לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט.
דרייט זיך אין דרייען
אַן איינזאַמער קנעכט.

עס שווימען אויף דערמאָנונגען
פון דער יוגנט ביז היינט,
ווען כ׳האָב געטרוימט פון אַן
אידעאַלן לעבן און פריינד...

ווי אַ זעלטענער זון־שטראַל
איז אפשר ערגעץ ווו
אַ פריינד געבליבן, און די פאַלשע
האָב איך פון האַרצן פאַרטריבן.

איך באַוועג זיך ווי אַ שאָטן
אַרום טונקעלע ווענט,
אָפּגעריסן פון נאָענטע,
פון אַלעמען פאַרפרעמדט.

דער בעכער פון פיין און טרערן
איז שוין פול, דיליידן דריקן,
אָט באַלד ועלן זיי דערשטיקן.

ס'ווילט זיך אַמאָל
דאָס לעבן מיט גאַל באַשפייען,
נאָר ליבע און פליכט
לאָזן נישט פון לעבן
זיך באַפרייען...

דער אומעט און לאַנגווייל פייניקן. טעאַטערס און קינאָס זענען טאַקע אָפן, אָבער ווער וויל זיך איינשטעלן קריכן, אין דער פינצטער און זיין אויסגעשטעלט געטראָפן צו ווערן פון אַ באָמבע אָדער שראַפנעל. איין מאָל, גייענדיק פון קינאָ, איז אַ שטיק שראַפנעל געפאַלן לעבן מיינע פיס, נאָר על פּי נס בין איך לעבן געבליבן.

כאָטש דער ענגלישער לופט־פלאָט און לופט־שוץ איז שטאַרקער געוואָרן, באָמבאַרדירן נאָך די דייטשן בייטאָג און ביינאַכט, מאַכן חרוב גאַנצע גאַסן און געגנטן. דער גאַנצער איסט־ענד (מזרח לאָנדאָן) האָט שטאַרק געליטן, באַזונדערס ווייטשעפּל. אַלץ האָט זיך דאָרט געענדע־ט נישט צום דערקענען.

נאָר סוף־כל־סוף איז די ענגלישע אַוויאַציע געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז די דייטשן האָבן שוין נישט געוואַגט אַנצופאַלן בייטאָג. ביינאַכט איז נאָך אַלץ געווען שווער, אָבער אַ ביסל לייכטער איז געוואָרן. בייטאָג איז מען געלעך געוואָרן אָפּצורוימען און צוגלייכן דאָס, וואָס די נאַכט האָט צעשטערט. די פאַבריקן האָבן מער געאַרבעט, מער מענטשן האָבן זיך באַווי־זן אויף די גאַסן. דאָס לעבן איז געוואָרן עטוואָס נאָרמאַלער.

אויך מיין לאַגע איז געוואָרן אַ בעסערע. איך האָב זיך גענומען האַנד־לען מיט מאַנופאַקטור. איך האָב פאַרקויפט גאַנצע באַלנס סחורה. טאַקע די פירמעס, וואָס האָבן מיר פאַרקויפט דעם אָפּפאַל, האָבן ביי מיר געקויפט. צוויי יידישע פאַבריקאַנטן, לאַנדוי און ברודער גאַרדאַן, האָבן מיך גע־

שטיצט און מיר פאַרקויפט סחורה. כ׳האָב אויך נישט אָפּגעלאָזט דאָס קויפן דעם אָפּפאַל. דאָס איז געווען אַ שווערע אַרבעט, אָבער מיט גוטע פאַרדינסטן. דער געדאַנק, אַז מיט געלט וועל איך קענען צוריקפאָרן קיין א״י, האָט מיר געגעבן כוח און מוט.

אין מלחמה־צייט האָב איך געצוווּנגענערהייט אָפּט געטוישט מיינע דירות. וועגן עטלעכע פון זיי וויל איך דערציילן:

איך האָב זיך אַריינגעצויגן צו אַ דייטש־יידישער משפּחה פון פראַנקפורט־אַם־מיין. דאָרט האָבן זיי געהאַט אַ פלייש־געשעפט. קומענדיק דאָ אַהער קורץ פאַר דער מלחמה, האָבן זיי געעפנט אַ פּאַנסיאָן. דאָס זענען געווען בכבודיקע רעליגיעזע מענטשן אויפן אַלטן שטייגער: אַן אויטאָמאַט האָט שבת אויסגעלאָשן די עלעקטריע, צום טעלעפאָן האָט מען זיך שבת נישט צוגערירט, שבתדיקע טישן מיט ליכט, קידוש, זמירות און בענטשן מיט מזומן — אַלץ לויטן פראַנקפורטער־רעליגיעזן נוסח. די סביבה, די איידעלע גוטע באַהאַנדלונג האָט אויף מיר גוט געווירקט, נאָך אַזאַ לאַנגע צייט פון פאַרפרעמדונג. אמת, ס׳האָט מיר געפעלט מיין אייגענע משפּחה, נאָר דאָס לעבן אין דעם פּאַנסיאָן האָט געשטאַרקט מיין גוף און נשמה.

דאָס הויז איז חרוב געוואָרן און כ׳האָב זיך איבערגעצויגן צו אַ דייטשער משפּחה, אָבער שוין גאָר אַן אַנדערע, ווי די ערשטע: דער מאַן איז אַ דייטש, די פרוי אַ יידישע. די פאַשיסטן האָבן אים געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד, אָדער אָפּצוגטן די פרוי, האָט ער אויסגעקליבן דאָס ערשטע. אָבער זייער זון האַלט זיך פאַר אַ דייטש, האָט פיינט יידן און איז בכלל נישט סימפּאַטיש. צוליב אים בין איך אַוועק פון דער דירה.

איצט האָב איך זיך אַריינגעקליבן צו אַ יידישער משפּחה פון ווין, וואָס שטאַמען פון גאַליציע. ביי זיי האָב איך זיך געפילט ווי אין דער היים. איידעלע יידישע מענטשן, דער מאַן לייענט אַפילו אַ יידישע צייטונג. זיי האָבן מיר אָפּגעגעבן דאָס בעסטע צימער, געקאָכט זייער גוטע עסנס. אויך ביי זיי איז אַ צרה: זייער איינציקער זון — אַ דענטיסט — האָט מען נישט אַריינגעלאָזט קיין ענגלאַנד, געפינט ער זיך אין אינדיע. כאָטש ער פאַרדינט דאָרט גוט, זאָרגן זיי און בענקען נאָך אים. ביי זיי האָב איך געוווינט אַ לענגערע צייט, ביז דאָס הויז האָט געליטן פון אַ באָמבע.

ווען די באָמבאַרדירונגען זענען שוואַכער געוואָרן, כמעט אויפגעהערט, איז אָנגעקומען אַ נייע צרה — ראַקעטעס. אַ סך האָבן עס גערופן „דער לויפנדיקער קאַמעט”. פון יענער זייט לאַמאַנש־קאַנאַל האָבן די דייטשן איבערגעשיקט אויפרייסנדיקע ראַקעטעס. דאָס איז נאָך ערגער געווען ווי באָמבעס; מ׳האָט נישט געקענט וואָרענען דער באַפעלקערונג, זיי זענען געפלויגן אָן אַ באַשטימטן ציל, זיי האָבן נישט געוואָלט טרעפן קיין אָנגעצייכנטע אָביעקטן, אָבער אומעטום, וווּ זיי זענען געפאַלן, האָבן זיי געבררענגט הרוגים און חורבנות. די דייטשן זענען אויסן געווען צו דעמאָראַליזירן, אָנשרעקן די באַפעלקערונג, נאָר ס׳האָט זיי נישט געהאָלפן. אין די שווערסטע צייטן האָט דאָס ענגלישע פאָלק אַרויסגעוויזן דיסציפּלין, פעסטקייט און באַהערשטקייט. דאָס פאָלק איז געשטאַנען אויף אַ הויכער מאָראַלישער מדרגה און אויך די רעגירונג האָט געטאָן דאָס בעסטע לייכ־טער צו מאַכן דאָס לעבן פון בירגער אין דער באַציאונג און באַזאָרגונג אויפן בעסטן און פּינקטלעכסטן אופן, ווי נאָר אַ קולטור־פאָלק קען עס טאָן. אגב, לויט די באַריכטן פון די פראָנטן, האָט מען געפילט, אַז די מלחמה וועט זיך בקרוב ענדיקן.

טראַגיש־אומגליקלעכע ידיעות פון יענער זייט

איצט, ווען די מלחמה־שפּאַנונג האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט, זענען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות וועגן דעם אומקום פון זעקס מיליאָן יידן אין אייראָפּע. מיר האָבן זיך אויך דערוווּסט וועגן די אויפשטאַנדן אין וואַר־שעווער און אַנדערע געטאָס און דער טראַגישער סוף פון די קעמפערס. דאָס בלוט איז פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן, דער צער און ווייטיק איז געווען דערשיטערנדיק. נאָר וואָס האָבן מיר דאָ געקענט טאָן אַ חוץ וויינען און קדיש זאָגן? ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָבן געוויסע יידישע טוערס נאָך פריער געוווּסט וועגן דעם אומגליק, אויך די ענגלישע און אַמעריקאַנער רעגירונגען האָבן געוווּסט. נאָר זיי האָבן גאָרנישט געוואָלט טאָן כדי צו ראַטעווען יידן. געוויסע טוערס האָבן אינטערווענירט ביי די

רעגירונגען זיי זאָלן באָמבאַרדירן נאָענט צו די געטאָס, אויפרייסן די קרעמאַטאָריעס א. א. וו. זיי האָבן אָבער אָנגעטראָפן אויף טויבע אויערן און פאַרשטיינערטע הערצער. אין יענער צייט האָט דער בונדיסט אַרטור זיגלבוים געפּאָדערט ביי דער פּוילישער „גלות־רעגירונג", זי זאָל אויפהייבן אַ שאַרפע פּראָטעסט־אַקציע קעגן אויסמאָרדן דאָס פּוילישע יידנטום, נאָר אויך דאָרט האָט ער אָנגעטראָפן גלייכגילט און פּאָליטישע חשבונות. פון אָנטוישונג און פאַרצווייפלונג איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין אַ לאָנדאָנער האָטעל.

איך בין שרעקלעך דערשיטערט פון די ידיעות. איך געפין זיך קיין אָרט נישט. דער ווייטיק און די ביטערקייט איז נאָך גרעסער, ווייל מיר האָבן געוווסט, אַז טויזנטער יידן וואָלטן געקענט געראַטעוועט ווערן, ווען די טויערן פון א״י זאָלן נישט געווען זיין אַזוי הערמעטיש פאַרמאַכט. נאָך מער, אַפילו די, וואָס זענען שוין געווען ביי די ברעגעס פון לאַנד, האָט מען מיט ברוטאַלן כוח צוריקגעשיקט. ס'איז געשען די אומגליקן מיט „סטרומאַ" און „פּאַטריאַ". מיר זענען געווען פאַרביטערט אויף דער ענגלישער רעגירונג פאַר איר אכזריותדיקער באַציאונג צום שווער־געליטענעם יידישן פאָלק אין דער שרעקלעכסטער צייט פון איר געשיכטע. שווער מוחל צו זיין.

סוף מלחמה — ויהי אור!

אין יאַפּאַן שלאָגט מען זיך נאָך, נאָר דאָ איז געוואָרן ליכטיק און פריילעך. מען נעמט אַראָפּ דאָס שוואַרצע פּאַפּיר פון די פענצטער און די שוואַרצע פאַרהאַנגען פון די אַריינגאַנגס־טירן אין די טעאַטערס, קינאָס און קאַפע־הייזער. מען פרייט זיך מיטן נצחון, מיטן שלום. מען וועט מער נישט זוכן קיין באַהעלטענישן און דומפּיקע קעלערס און לעכער. זויערע פּנימער שמייכלען, יוגנט לאַכט הויך. אמת, נישט אַלעמען איז פריילעך, נישט אַלע לאַכן. קרבנות זענען פאַראַן אַ סך, משפּחות, קרובים און גאַ־

ענטע באַוויינען זיי איצטער. אַ סך אינוואַלידן, קאַליקעס אָן הענט, אָן פיס, פאַראַליזירטע, זעט מען אויף די גאַסן.

אונדז יידן האָט עס נאָך ערגער געטראָפן. „אין בית אשר אין שם מת". נישטאָ קיינער, וואָס האָט נישט פאַרלוירן זיין גאַנצע משפחה, אָדער אַ טייל פון איר. ס'איז פאַרלענדט געוואָרן דאָס האַרץ פון פאָלק — דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום. אַט ווייזט מען שוין אין די קינאָס די גאַז־קאַמערן, גריבער מיט סקעלעטן, בערג מיט שיכלעך פון געהרגעטע יידישע קינדער, בערג מיט האָר פון יידישע מיידלעכס קעפּ. מען ווייזט אויך די לעבן־געבליבענע פון די לאַגערן, האַלב־טויטע „מוזולמענער", הויט און ביין, וואָס די דייטשע מערדערס האָבן נישט באַוויזן צו פאַרענ־דיקן. מען ווייזט דער וועלט די דייטשע פאַרברעכנס, און אַליין האָט מען גאָרנישט געטאָן, כדי צו ראַטעווען כאָטש אַ קליינעם טייל. דאָס האַרץ פלאַצט פון ווייטיק און טרויער. איבערגעלאָזט אין פוילן די עלטערן, אַ ברודער, דריי שוועסטער, איינע אַ חתונה־געהאַטע מיט אַ מאַן און קינדערלעך — אַלע זענען אומגעקומען. ווו טוט מען זיך אַהין פון צער?

עס איז אַ גרויסער ווירטשאַפטלעכער אויפשטייג. פאַבריקן אַרבעטן ווידער ציווילע באַשטעלונגען אויף דער גאַנצער פאַרע. די זעלנער, וואָס זענען שוין דעמאָביליזירט, האָבן באַקומען פון דער רעגירונג אַ געוויסן סכום געלט, ווילן זיי עס אויסגעבן און קויפן זאַכן. דער מאַרק קען נישט נאָכקומען דעם באַדאַרף. ס'פעלן אויס אַרבעטס־הענט.

ס'איז פריילעך, מען פראַוועט שלום־בעלער. נאָר מיר גייט עס נישט אָן. כ'וויל איצט וואָס גיכער צוריקפאָרן קיין א"י, צו מיין משפחה. מיין פרוי האָט מיר געשריבן, אַז אַן אריינפאָר־וויזע קיין פאַלעסטינע איז מיר אַרויסגעשיקט געוואָרן, האָב איך דאָ אָנגעגעבן אויף אַן אַרויספאָר־וויזע. כ'האָב זי באַלד באַקומען, אָבער זי איז נישט געווען באַשטעטיקט אויף א"י. ווען כ'האָב אָנגעפרעגט אין פּאַספּאָרט־אַמט פאַרוואָס מען באַשטעטיקט מיר נישט די וויזע, האָב איך באַקומען אַ תשובה „היות ס'איז נאָך מלחמה מיט יאַפּאַן, קענען זיי עס נישט טאָן". „אָבער מען האָט מיר אַרויסגעשיקט אַן אַריינפאָר־וויזע קיין פאַלעסטינע" — טענה איך. „יאָ, — ענטפערט דער באַאַמטער — אַזאַ וויזע איז טאַקע אָנגעקומען, אָבער צוליב דער מלחמה,

מוזן מיר אָנפרעגן צי די וויזע איז לעגאַל אַרויסגעגעבן געוואָרן״. כ׳האָב באַצאָלט פאַר אַ טעלעגראַמע זיי זאָלן זיך תיכף אינפאָרמירן. אין אַ 10 טעג אַרום קום איך אָנפרעגן, דעמאָלט זאָגט מיר דער באַאַמטער, אַז „די פּאַלעס־טינער רעגירונג האָט צוריקגעצויגן מיין אַריינפאָר־וויזע״.

איך בין געווען פאַרביטערט און אַ סך נעכט נישט געשלאָפן. כ׳האָב געשריבן צו מיין פרוי, זי זאָל זיך דאָרט משתדל זיין און דערוויל זאָל זי קומען אויף אַ געוויסער צייט קיין לאָנדאָן, וועט מיר זיין לייכטער.

דער קליינער ציוניסטישער קאָנגרעס אין לאָנדאָן

דאָס איז געווען דער ערשטער גרעסערער צוזאַמענטרעף פון די ציוניסטישע אינסטאַנצן נאָך דער מלחמה. אויפן סדר־היום זענען געשטאַנען אַ סך וויכטיקע פראַגעס. די ערשטע און חשובסטע: ווי אַזוי צו ראַטעווען דאָס רעשטל לעבן־געבליבענע יידן אין אייראָפּע. מען פאָדערט פון ענגלישן קאָלאָניע־מיניסטעריום, אַז הונדערט טויזנט יידן זאָל דערלויבט ווערן אַריינצוקומען קיין א״י. ביי דער מפא״י איז דער גלויבן און די האָפענונג, אַז די דערלויבעניש וועט געגעבן ווערן, געווען גרויס, מחמת דעם, וואָס ביי די לעצטע פּאַרלאַמענט־וואַלן איז די לייבאָר־פּאַרטיי אַרויס מיט אַ גרויסן זיג און זי וועט איצט שאַפן די רעגירונג. אַ רעגירונג פון אַ ברודער־פּאַרטיי, מיט וועלכער זיי וועלן זיך לייכט צוזאַמענרעדן.

צום שלוס פון „קליינעם קאָנגרעס״ איז אין איינעם פון די גרויסע זאַלן פאָרגעקומען אַ פייערלעכע פאַרזאַמלונג. די מפא״י־רעדנער האָבן טאַקע אויסגעדריקט זייער צופרידנקייט מיט דעם לייבאָר־זיג און דעם גלויבן, אַז זי וועט העלפן רעאַליזירן די ציוניסטישע צילן. דעמאָלט איז מיט אַ שאַרפער רעדע אַרויסגעטרעטן יצחק גרינבוים — דער געוו. פירער פון פוילישן יידנטום. ווענדנדיק זיך צו די מפא״ישע דעלעגאַטן, האָט ער אויסגערופן: „איר פרייט זיך, איר זענט מלא שמחה פונעם זיג פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, איר מיינט, אַז די 100.000 סערטיפיקאַטן האָט איר שוין אין קעשענע. וואַרט צו! פרייט זיך נאָך נישט! מיר וועלן נאָך זען דעם

נחת פון אייער לייבאַר־רעגירונג...״. ס׳איז געווען ווי אַ קאַלטער טוש אויף די צעהיצטע קעפּ. ליידער האָבן די ווייטערדיקע געשעענישן באַשטעטיקט גרינבוימס נביאותן.

די גאַנצע פּרעסע איז פול מיט באַריכטן פון א״י: די „הגנה״ גייט איבער פון פּאַסיוון צו אַקטיוון ווידערשטאַנד, דער קאַמף פון אצ״ל און לח״י נעמט אָן דעם כאַראַקטער פון אַן אמתן אויפשטאַנד. דער גאַנצער יישוב שטייט הינטער זיי. כמעט אַלע ענגלישע יידן — אויסער אַ קליין ביסל אַסימילאַטאָרישע „יאַהודים״ — זענען פול מיט סימפּאַטיע פאַרן קאַמף אין א״י. אין הייד־פּאַרק האָט מען אויפגעשטעלט טריבונעס מיט בלוי־ווייסע פענער. ס׳טרעטן אַרויס יידישע יוגנט, וואָס פאַרטיידיקן און באַרעכטיקן דעם קאַמף פון יידישן יישוב אין א״י. אַזעלכע פאַרזאַמלונגען קומען אויך פאָר אויפן „טראַפאַלגער־סקווער״. דאָ איז איינער פון די הויפּט־רעדנער מאַיאָר פּרייזער. זיי פאָדערן: ענגלאַנד זאָל פאַרלאָזן פּאַלעסטינע; דאָרט דאַרף געשאַפן ווערן אַ יידישע מדינה. „ענגלישע זעלנער האָבן נישט קיין אָרט אין פּאַלעסטינע. ס׳איז נישט זייער לאַנד, זיי דאַרפן דאָרט נישט געהרגעט ווערן, נעמט זיי אַהיים!״ — שרייען די רעדנער. דווקא אָט די פּשוטע ווערטער: „אויב איר ווילט נישט, אַז אייערע קינדער זאָלן געהרגעט ווערן, זעט, אַז די ענגלישע רעגירונג זאָל פאַרלאָזן פּאַלעסטינע״ — האָבן געמאַכט אַן איינדרוק און געווירקט אויף די ענגלישע צוהערערס.

מיין פרוי איז געקומען קיין ענגלאַנד. ס׳איז שוין 1945. 8 יאָר האָבן מיר זיך נישט געזען. די בעסטע יאָרן זענען מיר געווען צעשיידט. זי האָט מיר געבראַכט טייערע גרוסן פון אונדזער טעכטערל, וואָס לערנט זייער גוט אין בן שמן, דערציילט וועגן דער לאַגע אין לאַנד. בסוד האָט זי מיר דערציילט, אַז זי אַרבעט מיט אין דער הגנה. וואָס שייך מיין וויזע, האָט זי געטאָן אַלץ וואָס נאָר מעגלעך, הרב הערצאָג אַליין האָט זיך משתדל געווען אין דעם ענין, נאָר אָן רעזולטאַטן. דאָ האָט זיך אַנגאַזשירט דער פּאַרלאַמענט־מיטגליד סילווערשטיין. ער האָט זיך געוואַנדן מיט אַ ביטע צום קאָלאָניע־מיניסטער. יענער האָט געענטפערט מיט אַ בריוו, אַז דער ענין איז נישט ביי אים אין די הענט, נאָר ביי דער פּאַלעסטינער רעגירונג. מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז נישט אמת, און סילווערשטיין האָט צוגע־

שיקט אַ שאַרפן פּראָטעסט. איך האָב נישט פאַרלוירן די האָפענונג און זיך ווייטער באַמיט. מיין פרוי איז געווען אומגעדולדיק: אין אַזאַ אומרואיקער צייט האָט זי געלאָזן אַ קינד אַליין. כאָטש יעדע וואָך זענען אָנגעקומען בריוו, אַז אַלץ איז בסדר, האָט זי זיך געזאָרגט. ווער קען שאַצן אַ מאַמעס האַרץ?

אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן האָבן מיר געהערט אין ראַדיאָ, שפּעטער געלייענט אין צייטונג, אַז די פירער פון יישוב און פון דער יידישער אַגענץ (סוכנות) זענען אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין לאַטרון.

די ליבעראַלע פּרעסע איז אַרויסגעטרעטן קעגן דעם אַרעסט, די יידישע קרייזן זענען גאָר געווען אויפגעבראַכט. ספּאָנטאַן, פון זיך אַליין, האָט זיך געשאַפן אַ פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן דער האַנדלונג פון דער מאַנדאַטאַרן־מאַכט. מיט אַ וואָך שפּעטער זענען 50 טויזנט יידן אַרויס מיט אַ פּראָטעסט־מאַרש איבער די לאָנדאָנער גאַסן. עס האָבן געפּלאַטערט ציוניסטישע פענער און פּלאַקאַטן מיט די געהעריקע אויפשריפטן. פאַראויס האָבן מאַרשירט די ענגלישע ציוניסטישע פירערס, נאָך זיי — די אויסגעדינטע אָפיצירן און זעלנער מיט אַלע זייערע מלחמה־אויסצייכענונגען אויף דער ברוסט. די דעמאָנסטראַציע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים „טראַפאַלגער־סקווער” און די רעדנערס ביים „נעלסאָן־מאָנומענט” האָבן שאַרף קריטיקירט די א״י־אַדמיניסטראַציע און דעם קאָלאָניע־מיניסטעריום. די דעמאָנסטראַציע איז געווען אימפּאָזאַנט, ערנסט און האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. די רעדעס זענען געווען פאַרביטערטע, אָבער אויך שטאָלצע און פרייע.

אָן ספק, אַז דאָס איז געווען די גרעסטע דעמאָנסטראַציע זינט דער ביילים־פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע פון ענגלישע יידן אין 1913. די גאַנצע פּרעסע און דער ראַדיאָ האָבן געגעבן אויספירלעכע באַריכטן פון דער געשעעניש. איך מיט מיין פרוי זענען אַהיימגעקומען אויסגעמאַטערטע און מידע, אָבער געווען צופרידן און דערהויבן פון אונדזער אָנטייל אין דעם פּראָטעסט, וואָס האָט אויך געהאַט אַ שייכות צו אונדזערע יידן.

נאָך דעם אַרעסט פון די מנהיגים איז אַ געוויסע צייט געווען רואיק. כ׳האָב זיך געשראָקן, אַז די אויסערגעוויינלעכע דראַקאָנישע מיטלען:

תליות, שמייסן, תפיסות, אַרויסשיקן פון לאַנד, זאָלן נישט ווירקן אויף דער יוגנט, אָפּצושטעלן דעם קאַמף. מיין מורא איז געווען אומזיסט. נאָך דער אויבנאויפיקער באַרואיקונג איז ערשט אויסגעבראָכן דער אמתער שטורעם. ס'איז אויפגעריסן געוואָרן דער „קינג דייוויד"־האָטעל, עטלעכע ענגלישע אָפּיצירן זענען געשמיסן געוואָרן. ווי שטאַרק ס'האָט נישט געווירקט דער אויפרייס מיט די הרוגים, האָט נאָך מער געווירקט דאָס שמייסן. די ענג־לענדער האָבן גענומען שרייען: מיר ווילן נישט, אַז אונדזערע קינדער זאָלן דאָרט געהרגעט און געשמיסן ווערן! ברענגט זיי אַהיים! פאַרשטייט זיך, ווי שטענדיק אין אַזאַ צייט, האָט זיך אויך געפילט אַ געוויסער אַנטי־סעמיטיזם. די אַסימילירטע „יאַהודים" האָבן זיך געשראָקן פאַר פּאָגראָמען, זענען זיי דעריבער אַרויסגעטרעטן קעגן די מעטאָדן, וואָס די קאַמפס־אָרגאַניזאַציעס נעמען אָן. די אירלענדער זענען געווען מיט אונדז. איינער פון זיי האָט מיר געזאָגט: „נאָר ווען איר וועט שלאָגן און טרייבן די ענג־לענדער, איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז זיי וועלן זיך אַרויסציען פון לאַנד".

נאָך די אַלע איבערלעבונגען האָבן מיר זיך געניייטיקט אין אַ ביסל אָפּרו. מיר זענען געפאָרן אין אַ שיינעם אָרט אין בעלגיע, ביים ברעג ים. דער האָטעל, ווו מיר זענען איינגעשטאַנען, איז געלעגן אין אַ באַצויבערנ־דיקער געגנט. די שיינע לאַנדשאַפט, די שטילקייט, די אויסערסט גוטע באַדינונג, האָט אויף אונדז זייער גוט געווירקט. גאַנצע טעג זענען מיר געווען אויסגעשפרייט אויפן גאָלד־זאַמד, ווי אויף אַ ווייכן דיוואַן. אַרום —ביימער און בלומען, נאָענט — אַ קליין וועלדל. פשוט אַ גן־עדן..

מיר זענען צוגעפאָרן קיין בריסעל. דאָ זענען מיר שוין אַמאָל געווען פאַר דער מלחמה, איצט האָבן מיר אַ סך פון אונדזערע פריינד און קרובים נישט געטראָפן. זיי זענען אַוועק אויפן וועג פון די זעקס מיליאָן... בלויז אַן איינציקע טאָכטער פון אַ קוזין מיט אַן אויסגעברענטן נומער אויף דער האַנט איז געבליבן. נישט לאַנג איז זי צוריקגעקומען פון בערגען־בעלזען. די גאַנצע משפחה האָט זיך אַ לענגערע צייט באַהאַלטן, ביז אַ גוי האָט זיי געמסרט. אַלע זענען אומגעקומען, נאָר זי איינע איז געבליבן.

דער גוטער אָפּרו האָט זיך געענדיקט און מיר זענען צוריקגעפאָרן קיין לאָנדאָן. די זאָרג וועגן אַ דערלויבעניש אַריינצופאָרן קיין א"י איז ווידער

אַקטועל געוואָרן. איך האָב זיך פאַרבונדן מיט עטלעכע מיטגלידער פון פאַרלאַמענט און זיי האָבן צוגעזאָגט עפּעס צו טאָן לטובת מיין ענין. האָב איך געהאָפט און געוואַרט.

אין דער זעלבער צייט עצהן מיך מיינע פריינד, דער עיקר אייגער, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון א״י, אַז איך זאָל בלייבן אין ענגלאַנד. „טויזנטער ציוניסטן לעבן אין גלות, נאָר דו האָסט זיך איינגעשפּאַרט צו לעבן רק אין א״י״. איך וואָלט שוין אפשר שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק, נאָר מיין פרוי האָט נישט קיין חשק צו בלייבן אין ענגלאַנד, נעם איך זיך ווידער באַמיען וועגן אַ וויזע. מען זעט נישט קיין סוף און מיין פרוי קען מער אָן דער טאָכטער נישט לעבן. האָבן מיר באַשלאָסן, זי זאָל צוריקפאָרן — ווי זי האָט געזאָגט — אַהיים.

איך בין שוין ווידער אַליין. איך גיי אַריבער וווינען אין אַ פּענסיאָן, נאָר באַלד די ערשטע טעג וויל איך אַוועק פון דאָרט. דאָס עסן שמעקט מיר נישט, די ריינקייט איז נישט ווי געהעריק. דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיטן שרייבער און קולטור־טוער א. פּינעס פון וואַרשע. אויך ער איז נישט צופרידן פון דעם פּענסיאָן. איך פּרוּוו וווינען אין האָטעלן, איז עס נישט פאַר מיר: דער רעש, די מוזיק, די אַפּיציעלע מאַלצייטן מאַטערן מיך אויס. איך דאַרף אַ היים. לסוף גיי איך צוריק צו מיינע אַלטע גאַליציאַנער. דאָ פיל איך זיך היימישער, ס׳איז שטיל און רואיק. אָבער כ׳בין נאָך עלנטער. גאַנצע אָוונטן זיץ איך ביי אַ נאַפט־לעמפּל און לייען צייטונגען. אומעטום ברענט שוין עלעקטרישע ליכט, נאָר דאָ איז נאָך ווי בשעת דער מלחמה. זעלטן באַזוך איך אַמאָליקע פריינד, וואָס לעבן אין דער סביבה און זיי רעדן מיר צו, כ׳זאָל אַהערברענגען די משפחה, זיך דאָ איינאָרדענען און אין אַ פּאַסיקערער צייט פאָרן קיין א״י. אין האַרצן גיב איך זיי גערעכט. באמת, ווי לאַנג קען מען זיך אַזוי אַרומוואַלגערן? ווי לאַנג איז דער שיעור צו צעברעכן דאָס משפחה־לעבן? דאָס קינד האָב איך שוין 9 יאָר נישט געזען. ווי לאַנג נאָך וועט עס דויערן?

אין אַ בריוו אַהיים גיב איך אָנצוהערן וועגן מיינע מחשבות. אין איר ענטפער שרייבט מיין פרוי: „דער געדאַנק וועגן קומען באַזעצן זיך אין ענגלאַנד, רופט ביי מיר נישט אַרויס קיין באַגייסטערונג, נאָר אויב ס׳איז

נישטאָ קיין אַנדער עצה, וועל איך קומען״. אין עטלעכע טעג אַרום באַקום איך אַ בריוול פון מיין טעכטערל רות. איצט איז זי שוין אַ גרויסע, באַלד 17 יאָר. זי שרייבט: „כ׳האָב זיך דערוווּסט פון דיינע בריוו צו דער מאַמען, אַז דו טראַכסט צו פאַרבלייבן אין ענגלאַנד, די מאַמע וועט בלית ברירה פאָרן צו דיר, נאָר איך וועל קיין מאָל נישט פאַרלאָזן מיין לאַנד״. דער בריוו האָט ביי מיר אַרויסגערופן טרערן. מיין גאַנצער אויפגעבויטער בנין איז צעפאַלן. איך האָב ווידער באַשלאָסן אַנצוווענדן אַלע מיטלען און כוחות צו קומען קיין א״י.

דווקא איצט איז אַלץ אַוועק כשורה. איך האָב אַ גוטע דירה, ביי איירישע מענטשן. כ׳פיל זיך דאָ גוט. אַלץ איז פּינקטלעך, די מענטשן זענען פריינדלעך און אויפמערקזאַם. די געשעפטן זענען אויך גוט אַוועק, קיין געלט פעלט מיר נישט, נאָר דאָס לעבן איז פּוסט.

דער 29־סטער נאָוועמבער 1947

אַ גדולה, אַ פרייד. די פאַראייניקטע נאַציעס האָבן באַשטעטיקט דאָס שאַפן אַ יידישע מדינה אין א״י. די זון האָט פאַר מיר אויפגעשיינט. איך ווער ניי־געבוירן, אַוועק מיטן טרויער! איך פיל אין זיך נייע כוחות און מוט, אָט באַלד וועל איך קענען פאָרן אין א ו נ ד ז ע ר לאַנד! איך האָב צוריק אַ געזעלשאַפטלעכן אינטערעס. איך ווער אַ ביסל טעטיק ביי דער „השומר הצעיר״. ס׳איז איצט איין פּאַרטיי מיט פּ.־צ. — מפ״ם. דאָס איז אַ יונגע לעבעדיקע חברה, וואָס איז דאָ געשאַפן געוואָרן נאָך דער מלחמה. זייער מדריך איז ש. פּ., אַ באַגאַבטער אינטעליגענטער בחור, נאָר וואָס געקומען פון א״י. אויך די בריוו פון מיין פרוי ווערן פריילעכע. אָט באַלד וועלן מיר זיין צוזאַמען אין דער יידישער מדינה. איך פיל זיך גליקלעך, גרייט אַנצוהייבן אַלץ אויפסניי.

די פּרעסע און דער ראַדיאָ דערציילן, אַז אַלע אַראַבישע מדינות גרייטן זיך צו אַ מלחמה, אויב די יידישע מדינה וועט געשאַפן ווערן. אַלע ווייסן, אַז ענגלאַנד האָט אַ האַנט אין דעם. עטלעכע מדינות — צווישן זיי אויך

אַמעריקע — וואָס האָבן פריער געשטימט פאַרן באַשלוס, וואַקלען זיך איצט, האָבן ספּיקות צו דער ענין לוינט פאַר זיי. די שמחה ווערט פאַרוואָלקנט, די שטימונג בייט זיך, נישטאָ מער די אוממיטלבאַרע ספּאָנטאַנע פרייד וואָס פריער. ווער ווייסט, צי דער באַשלוס וועט פאַרווירקלעכט ווערן? צי וועט ער אָפּגעלייגט ווערן, אָדער בכלל רעווידירט ווערן? איך בין שטאַרק נערוועז, אומגעדולדיק. איך וואָלט מיטן קאָפּ דורכגעקלאַפּט די וואַנט קיין א״י.

אויסזיכטן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל

איך האָב זיך דורכגערעדט מיט ש. פּ., אים דערציילט מיין טראַגעדיע, האָט ער געזאָגט: „זאָרג נישט, פאַר אַזאַ עסקן ווי דו איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו פאָרן מיט עליה ד׳״. אין אַלגעמיינע ווערטער האָט ער מיר דערקלערט, וואָס דאָס מיינט, און געגעבן אַ בריוו אָפּצוגעבן אין פּאַריז, וווהין ער האָט מיך געהייסן פאָרן וועגן דעם ענין.

אויף אַ זייטיקער שמאָלער גאַס, אין אַן אַלט אָפּגעלאָזן הויז אין פּאַריז, גייט אַן אַ פיבערדיקע טעטיקייט פון „השומר הצעיר״. דאָרט האָב איך זיך געטראָפן מיט דעם פאַראַנטוואָרטלעכן פירער פון א״י, אַ חבר פון קיבוץ „עין־שמר״ — ק. ל. אַ זעלטן סימפּאַטישער מענטש, אַ הויכער מיט פייערדיקע שוואַרצע אויגן און אַ ברענענדיקע ענערגיע. איך האָב אים איבערגעגעבן דעם בריוו. נאָכן איבערלייענען האָט ער אַ שמייכל געטאָן און מיר פאַרזיכערט, אַז איך וועל פאָרן מיט עליה ד׳. ד. ה. אָפּפאָרן נאָרמאַל מיט אַ פּאַסאַזשיר־שיף פון מאַרסעל ביז חיפה. ער האָט מיר אַפילו פאָרגעלייגט, אַז אויב איך וויל קען ער אַנגאַזשירן, איך זאָל תיכף אָפּפאָרן. אַזוי פלוצים בין איך נישט געווען גרייט, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך מוז האָבן אַ חודש צייט, כדי צו דערלעדיקן מיינע פערזענלעכע ענינים אין לאָנדאָן. „אויב אַזוי — זאָגט ער — וועל איך זיך פאַרבינדן מיט ש. פּ. און זען, אַז אין אַ חודש אַרום זאָלט איר פאָרן״. איך האָב אים וואַרעם געדאַנקט, זיך געזעגנט און פאַרלאָזט פּאַריז.

אין לאָנדאָן האָב איך דערציילט ש. פ—ן, וואָס מ'האָט מיר צוגעזאָגט אין פּאַריז. ער האָט געוואָלט חשוב מאַכן דעם ענין, האָט ער מיר געזאָגט, אַז מיט עליה ד' פאָרן נאָר אויסדערוויילטע מענטשן: וויכטיקע עסקנים, פּאָליטישע טוער וכד'. איך בין באַרעכטיקט צו פאָרן מיט דער עליה און ער וועט איבעררעדן מיט דעם פאַרטרעטער פון דער „הגנה" ח' ב—ו.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר זיך געטראָפן אין אַן אונטערשטן קעלער פון „בלומזבאַרי־הויז", דאָרט זענען געווען אָנגעשטעלט טישן מיט שרייב־מאַשינען, יונגע מיידלעך און בחורים פון פאַרשידענע באַוועגונגען — השומר הצעיר, החלוץ, א. א. האָבן דאָ געאַרבעט, יעדער ביי זיין פּאַרטיי־טישל. מען האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר ב—ו און ער האָט מיר פייערלעך געזאָגט די געציילטע ווערטער: „איך האָב אייך רעקאָמענדירט צו פאָרן מיט עליה ד', פּרטים וועט אייך ש. פ. מעלדן. בהצלחה!". אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מיר ש. פ. געזאָגט, אַז איך בין אויף דער רשימה אָפּ־צופאָרן אין נאָוועמבער. דעמאָלט האָט ער מיך באַקענט מיט אַן ענגלישן יונגן חבר — דזשייקאָב. דער האָט מיר געזאָגט, אַז פון 25־סטן אָן מוז איך זיין גרייט צו יעדער צייט וואָס מען וועט מיך רופן, אָפּצופאָרן קיין פּאַריז.

אין אַ שבת אין דער פרי האָט מיך דזשייקאָב אָפּגערופן, אַז ער וויל מיך תיכף זען. מיר האָבן זיך געטראָפן אין אַ קאַפע־הויז און ער האָט מיר געמאָלדן, אַז מאָנטיק גאַנץ פרי זאָל איך אָפּפאָרן קיין פּאַריז. ער האָט מיר אָנגעזאָגט ווי איך דאַרף זיך צוגרייטן: נישט מיטנעמען קיין בריוו, אַדרעסן, דאָקומענטן, פאָטאָגראַפיעס א. א., אַ חוץ מיין פּאַס, וויניק באַ־גאַזש, נישט מער פון 2 וואַליזעס, כ'זאָל זיי קענען אַליין טראָגן. דערביי האָט ער נאָך געזאָגט: „צי דו וועסט פאָרן מיט דיין פּאַס, אָדער מיט אַן אַנדערן אויף אַ צווייטן נאָמען — אויך דאָס איז מעגלעך, וועט באַשטימט ווערן אין מאַרסעל". ער האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס, ווו כ'וועל טרעפן איינעם ר—א, און ער וועט דערליידיקן מיין ווייטערדיקן וועג.

כאָטש פאַר עליה ד' נעמט מען נישט קיין געלט, האָב איך זיך דאָך באַ־שטייערט מיט 70 ענגלישע פונט פאַר דער טעטיקייט פון השומר הצעיר און 15 פאַר עליה ב'. ער האָט געדאַנקט און מיך געזעגנט האַרציק. אין הויז האָב איך באַלד גענומען גרייטן זיך צו דער נסיעה.

מאַנטיק, אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער, האָב איך זיך געזעגנט מיט מיינע איירישע בעלי־בתים. אַ באַשטעלטע טעקסי האָט מיך געבומען צום פלי־פּאָרט. אין עראָפּלאַן האָב איך באַמערקט אַ יונג פּאָרל, וואָס האָט מיר אויסגעזען ווי חלוצים, מיר האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט בליקן, נאָר צוליב דיסקרעציע נישט גערעדט צווישן זיך. און אַט בין איך שוין אין פּאַריז, כ'האָב זיך דערפרעגט אויף דעם אַדרעס, וואָס מען האָט מיר געגעבן. דאָס איז אַ יידישער האָטעל־רעסטאָראַן פול מיט חלוצים. דאָרט איז אַ טומל, מען עסט מיטאָג. איך דערפרעג זיך צום ח' ר—א, כ'זאָג אים מיין נאָמען, ער האָט מיר געהייסן געבן אַ צימער, עסן און אַלץ, וואָס כ'וועל פאַרלאַנגען.

אין אָוונט האָב איך עטלעכע שעה פאַרברענגט מיט פריינד און געקו־מען פרי שלאָפן. אין מיטן נאַכט האָט מיך ר—א אויפגעוועקט און געמאָלדן, אַז באַגינען זאָל איך שוין זיין גרייט אָפּצופאָרן מיט אַן אויטאָבוס קיין מאַרסעל. ער האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס, געווונטשן אַ „פאָר געזונט" און איז אַרויס.

איך האָב שוין די נאַכט נישט געשלאָפן. גאָר פרי האָב איך זיך אויפ־געהויבן, געטרונקען טיי און געגאַנגען צום אויטאָבוס. דאָרט האָב איך ווידער געטראָפן יענץ פּאָרל פון עראָפּלאַן. זיי זענען צוגעקומען און געפרעגט צי איך הייס מענטשעס און מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן פאַר מיר דעם בילעט אויפן אויטאָבוס. „מיר פאָרן צוזאַמען, דעם זעלבן וועג ביזן סוף" — האָבן זיי צוגעגעבן געהיימניספול.

צוויי טעג מיט אַ נאַכט זענען מיר געפאָרן אין טיפע שנייען און קעלטן. עטלעכע מאָל האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט כאַפּן אַ הייסע קאַווע. נאָר איין מאָל האָבן מיר זיך ביינאַכט אָפּגעשטעלט רוען אַ דריי שעה אין אַ האָטעל. ערשט דעם צווייטן אָוונט אַרום 10 אַזייגער זענען מיר אָנגע־קומען קיין מאַרסעל. עס איז שוין געווען צו שפּעט צו גיין זוכן דעם אַדרעס, וואָס מיר האָבן באַקומען, זענען מיר אַריין אין ערשטן האָטעל, וואָס מיר האָבן באַגעגנט. צופעליק איז עס געווען דער שענסטער האָטעל אין מאַרסעל, בלויז איבערשלאָפן האָט געקאָסט 500 פראַנק אַ נאַכט. דעם פּאָרל האָט אויסגעפעלט געלט, האָב איך באַצאָלט. מיר זענען געווען

אַזוי דורכגעפּרווירן, פאַרשטייפט פון קעלט, אַז ווייטער גיין איז אונדז נישט מעגלעך געווען. איבערגעשלאָפן די נאַכט, זענען מיר באַלד אין דער פרי אַוועק אויף דעם אָנגעוויזענעם אַדרעס, מיר האָבן זיך געאײַלט צו מעלדן וועגן אונדזער אָנקומען, אפשר דאַרף מען עס טאָן וואָס פריער.

אויף אַ זײַטיקער גאַס אין אַ האַלב־חרוב הויז איז געווען דער „החלוץ". מיר זענען אַרײַן אין אַ לײדיקן צימער און געוואַרט בערך אַ האַלבע שעה ביז פון צווייטן צימער איז אַרויס אַ מענטש. מיר האָבן אים געמאָלדן ווער מיר זענען, פון וואַנען מיר קומען, האָט ער אונדז געהייסן וואַרטן. ערשט נאָך 2 שעה האָט זיך באַוויזן דער אָנפירנדיקער חבר — חנן האָט מען אים גערופן — ער האָט זיך קאַלט באַגריסט און געבעטן די דאָקומענטן. ווען כ'האָב אים געוויזן מײַן ענגלישן פּאַס, האָט ער איראָניש אַ שמייכל געטאָן און געפרעגט: „וואָס, איר זענט אויך אַ חלוץ?" ער האָט נאָך געפרעגט עטלעכע אָפיציעלע פראַגעס און געהייסן מיר זאָלן נישט אַוועקגיין, נאָר וואַרטן אויף אים. מיר האָבן געפילט אַ נישט־חברישע אַטמאָספער, אַ באַציאונג, ווי מיר וואָלטן געקומען אין אַ צדקה־חברה. אויף דעם האָבן מיר זיך נישט גערעכנט.

דער זייגער רוקט זיך, ס'איז שוין באַלד 12 און מען זעט נישט קיינעם. אונדז איז קאַלט, דאָס האַרץ נאַגט, נאָך היינט קיין וואַרעם ביסל וואַסער נישט געהאַט אין מויל. די יונגע פרוי איז אין די הויכע חדשים. איר מאַן איז אַרײַן אין צווייטן צימער און געפרעגט: „ווי לאַנג וועלן מיר דאָ וואַרטן הונגעריקע אין דער קעלט?" נאָר יענער דאָרט האָט זיך נישט איבערגענומען און קאַלט געענטפערט: „כ'ווייס נישט ווי לאַנג, מען דאַרף וואַרטן". זײַנע ווערטער האָבן מיך פאַרדראָסן, בין איך אַרײַן און אים געזאָגט: „דריי טעג שלעפּן מיר זיך פון ענגלאַנד אין קעלטן און שניי, כמעט נישט געגעסענע. ווי קומט עס אַזאַ פרעמדע באַציאונג פון ציוניס־טישע באַאַמטע צו חלוצים און עסקנים?" אויף דעם האָט יענער מיט חוצפה געענטפערט: „יאָ, ס'קען זײַן, אַז איר זענט יחסנים, נאָר איר מוזט וואַרטן". מיט כעס האָבן מיר פאַרלאָזן דאָס הויז. אין גאַס עפּעס אָפּגעגעסן און ווידער געקומען וואַרטן. ערשט אַרום 3 נ. מ. איז געקומען אַ דזשיפּ

און אונדז אַוועקגעפירט קיין סאַן־זשאַרעם, אַ האַלבע שעה פאָרן פון מאַרסעל.

אין סאַן־זשאַרעם

אין אַן אַלטן פאַרלאָזענעם פּאַלאַץ, האָט זיך געפונען די פּליטים־מחנה. אויף די ברייטע אַרויפגאַנג־טרעפּ האָט אונדז אויפגענומען אַ יונגער בחור פון דרום־אַפריקע. ער האָט צוגענומען אונדזערע דאָקומענטן, אָנגע־זאָגט נישט צו פאַרלאָזן די מחנה אָן אַ דערלויבעניש, אָנגעוויזן דאָס אָרט צום שלאָפן, אַריינגעפירט אין עס־צימער — אַ האַלצערנעם בנין, וואָס איז אַמאָל געווען אַ שפּייכלער און מיר זענען שוין מחנה־בירגער. דאָ האָבן מיר געטראָפן נאָך עמיגראַנטן, אַ טייל זענען פון די, וואָס זענען געפאָרן מיט „עקזאָדוס" און די ענגלענדער האָבן זיי צוריקגעשיקט קיין האַמבורג. איצט ברענגט מען זיי דאָ אַהער און מען באַמיט זיך ביסלעכווייז איבערצושיקן זיי מיט עליה ד' קיין א"י. דער פּראָצעס איז זייער אַ לאַנג־זאַמער, זענען זיי פאַרביטערט און פול מיט טענות צו דער אָנפירונג פון לאַגער.

מיר האָבן אָפּגעגעסן דעם ערשטן נאַכטמאָל, זייער אַ פּשוטע סעודה וואָס דער „דזשאָינט" שטעלט צו, זיך אַרומגעדרייט אויפן גרויסן הויף, נישט געהאַט וואָס צו טאָן מיט זיך. כ'האָב זיך געפילט ווי אַ פרעמדער, אַריינגעפאַלן נישט אין זיין סביבה.

אויפן אויבערשטן שטאָק פון פּאַלאַץ האָט געברענט העל ליכט. דאָרט זענען געזעסן די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט די דאָקומענטן; זיי פאָרן צונויף פרעמדע מענטשן, ווי מאַן און ווייב, טשעפּען צו עטלעכע קינדער און ס'ווערט אַ „משפחה". זיי באַשטימען ווער עס פאָרט אויף זייערע אייגענע דאָקומענטן און ווער מיט פרעמדע. זיי באַשטימען די ריי א. א. וו. צו זיי האָט קיינער נישט קיין צוטריט, זיי רעדן צו קיינעם נישט, זיי באַ־גריסן זיך אַפילו נישט. אַליין וווינען זיי אין האָטעל אין מאַרסעל, דאָ אַרבעטן זיי נאָר. די אַטמאָספער איז אַן אַגנעצויגענע, אַ ביוראָקראַטישע.

מעגלעך, אַז דאָס אַלץ איז נייטיק צוליב דער סודותדיקייט פון דער זאַך. אפשר ?...

געשלאָפן זענען מיר אין אַזאַ מין שאָפּע, וואָס אַמאָל האָט מען דאָ געהאַלטן היי און האָבער פאַר די פערד. אַ גרויסער שטח אָנגעשטעלט מיט בעטלעך האַרט איינס לעבן אַנדערן. דאָ שלאָפן אַלע: מענער, פרויען, יונגע און אַלטע. בײַם אויסטאָן זיך, איז פּשוט אַ פּיין. ס'האָט אויסגעזען ווי אין אַ הקדש. אויף מיר האָט עס שווער געווירקט. איך האָב מיט זיך געהאַט געלט, געוואָלט ווױנען אין אַ האָטעל, האָט מען אָבער נישט דער־לויבט, — ווייל מען מוז זיין גרייט יעדער שעה אָפּצופאָרן. איך האָב זיך אָבער געטרייסט, אַז ס'איז אַ פראַגע פון עטלעכע טעג. איך האָב זיך אויך געשטראָפט, אַז איך בין צו פילבאַר. אָט יענע, וואָס האָבן דורכגעמאַכט קאָנצענטראַציע־לאַגערס און „עקזאָדוס״, אַרט עס דאָך נישט. דער עיקר — ס'איז שוין דער לעצטער עטאַפּ אויפן וועג צום ציל.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אויסגערופן מיין נאָמען. איך באַקום מיין פּאַס און מען זאָגט מיר אָן די בשורה, אַז מאָרגן פאָר איך אָפּ קיין א״י. אין אָוונט נאָכן עסן זענען מיר — די וואָס זענען באַשטימט געוועזן צום פאָרן — געבליבן אין עס־זאַל, און שולה, אַ טאָכטער פון חיים אַרלאָ־זאָראָוו — האָט גערעדט פאַר אונדז. זי האָט געגעבן אינסטרוקציעס: מען זאָל זיך פירן, ווי נאָרמאַלע כשרע פּאַסאַזשירן, יעדער זאָל גוט איינחזרן דעם נאָמען, וואָס ער האָט איצט, די „משפחות״ זאָלן זיך האַלטן נאָענט, ווי אמתע, יעדער זאָל אָנטאָן דאָס בעסטע וואָס ער האָט, כדי נישט אַרויס־צורופן קיין חשד. מיר האָבן באַקומען די שיפס־בילעטן און זענען געווען גרייט.

צו מאָרגנס גאַנץ פרי, זענען מיר אַ 40 מענטשן אין דער באַגלייטונג פון שולה — זי איז געווען די פירערין פון דעם טראַנספּאָרט — אַרויף אויף דער גריכישער שיף „טראַנסילוואַניאַ״. איינער אַ יונגער בחור פון דער גרופּע האָט מיר פאַרטרויט, אַז ער איז דער „הגנה״־פאַרשטייער אויף דער שיף און פירט מיט זיך וויכטיקע דאָקומענטן און ידיעות. טאָקע אים האָב איך צום ערשטן מאָל דערציילט וועגן מיין זאָרג: איך האָב נישט קיין פּאַלעסטינע־וויזע, טאָ ווי אַזוי האָט מען מיר געהייסן פאָרן מיט

מיין אייגענעם פּאַס? קיין קלאָרע תשובה האָט ער מיר נישט געקאָנט געבן, ער האָט מיר אָבער געגעבן אָנצוהערן, אַז מסתמא זענען די, וואָס קוקן אַדורך די פּעסער אין חיפה, אייגענע, אָדער אונטערגעקויפטע מענטשן און אַלץ וועט זיין בסדר.

מיר זענען געפאָרן טוריסטן־קלאַס, די גאַנצע צייט פון דער נסיעה איז געווען באַקוועם און פריילעך. מען האָט אַ סך געזונגען און געלאַכט. נאָר איך בין געווען נערוועז און אומרואיק. עפּעס האָט דאָס האַרץ פאַר־אויסגעפילט.

אין אַ פאַרנאַכט האָט די שיף זיך דערנענטערט צו חיפה. אַלע זענען געווען אויפן דעק און מיט שמחה געחזרט: חיפה, חיפה! ווען די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט איז שוין געווען פינצטער, טויזנטער ליכט האָבן געפינקלט און געוווּנקען פון כרמל־באַרג. אַ באַצויבערנדיק בילד, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט פרייד און באַגייסטערונג.

אויף אַ שיפל איז צוגעפאָרן אַ גרופּע באַאַמטע, עטלעכע ענגלישע פּאָליציי־לייט און צוויי פאַרשטייער פון דער „סוכנות". איינציקווייז איז יעדער אַריין אין דער קאַבינע, ווו די קאָמיסיע איז געזעסן. זיי האָבן קאָנטראָלירט די פּעסער און דערביי נאָכגעקוקט אין אַ בוך, געזוכט די נעמען, אויף וועלכע ס'איז פאַראַן אַ חשד. אַ טייל פּעסער האָבן זיי פאַר־האַלטן. איך בין געוואָרן נאָך אומרואיקער און דערווייל איז דערגאַנגען מיין ריי. דער, וואָס האָט באַקוקט דעם פּאַס, האָט באַשטעטיקט און אים איבערגעגעבן דעם דאָקטאָר, ער האָט געלייגט אַ סטעמפּל און דערלאַנגט צו דער פּאָליציי. זיי האָבן אַריינגעקוקט אינעם בוך און פאַרהאַלטן דעם פּאַס.

ס'איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן, קעלט און היץ האָבן מיר אַרומגענומען. איך האָב געזוכט אַרום זיך רעטונג, ווי אַ טרינקענדיקער אין ים. די פּאָליציי האָט מיך גאָרנישט געפרעגט, אַפילו נישט קיין קוק געטאָן אויף מיר. איך האָב געפרעגט די „סוכנות"־פאַרשטייער, האָבן זיי געענטפערט: „זייט רואיק, וואַרט. אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג". ווען די אַרבעט איז געווען פאַרענדיקט, איז איינער פון דער סוכנות געווויר גע־וואָרן, אַז איך בין אויף דער רשימה נישט אַריינגעלאָזט צו ווערן קיין

פּאַלעסטינע. (פאַר וועלכע זינד, איז מיר ביז היינט נישט קלאָר, כ׳קלער, אַז דאָס איז געווען פאַר מיין פּאָליטישער טעטיקייט אין לאָנדאָן). פאַרן אוועקגיין, האָט מען מיר ווידער געזאָגט איך זאָל זיין רואיק, נישט איבער־קלערן. מאָרגן איז דער פרי וועל איך אַרונטערגיין פון דער שיף צוזאַמען מיט אַלע.

די נאַכט בין איך נישט געשלאָפן. פּלוצים הער איך עפּעס אַ גערודער. ס׳קומען אַרויף עטלעכע ענגלישע פּאָליציאַנטן און מאַכן אַ שטרענגע אונטערזוכונג ביי צוויי ארץ־ישראלדיקע, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון פראַנקרייך. וואָס זיי האָבן געזוכט, ווייס איך נישט. נאָר ליגנדיק אויף מיין בעטל זע איך, ווי אַ פּאָליציאַנט האָט אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש אין פּנים איינעם פון די פּאַסאַזשירן. ס׳איז מיר געוואָרן שרעקלעך: וואָס טוט זיך דאָ? וואָס קען איך דערוואַרטן פון אַזעלכע ברוטאַלע נפשות? איך האָב מורא באַקומען און גיך אָפּגעגעבן דעם „הגנה״־פאַרטרעטער אַלע דאָקו־מענטן און פּעסער, וואָס ער האָט מיר געגעבן צו באַהאַלטן מיט אַ פּאָר טעג פריער. כ׳בין שוין געלעגן אַ פאַרשטיינערטער ביז ס׳איז געוואָרן טאָג.

אַרום 8 זענען צוגעשווימען צו דער שיף אַ רעגירונגס־באַאַמטער און צוויי אַראַבישע פּאָליציאַנטן. זיי האָבן זיך געשטעלט אונטן ביים אַרויס־גאַנג פון דער שיף. איינער, אַ „סוכנות״־באַאַמטער, האָט אַלעמען געהייסן אַרונטערגיין, נאָר מיך און נאָך אַ ייד האָט ער געהייסן בלייבן, מיר וועלן אַ ביסל שפּעטער אַראָפּגיין. אונטן האָט מען גוט בודק געווען די דאָקומענטן און אַריינגעקוקט אין פּנים, זוכנדיק פאַרדעכטיקטע. אַלע האָבן זיך אַריינ־געזעצט אין צוויי קליינע שיפלעך און געוודערט צום ברעג. מיט זיי איז אויך געווען דער „סוכנות״־באַאַמטער, וואָס האָט פון דער ווייטנס געשריגן, אַז ער קומט באַלד צוריק נאָך אונדז. איך האָב געזען די מענטשן אויפן ברעג און האָב זיי שטאַרק מקנא געווען, כאָטש כ׳האָב נאָך געגלויבט, אַז באַלד וועט מען קומען נאָך מיר. אַליין בין איך געשטאַנען אויפן דעק, געקוקט צום ברעג, צו די כרמל־בערג. דאָס הארץ האָט מיר ווי געטאָן. כ׳האָב געטראַכט וועגן מיין פרוי און טאָכטער וואָס דערוואַרטן מיך איצט. כ׳האָב זיך דערפילט שרעקלעך עלנט און פאַרלוירן.

דער הימל ווערט פאַרוואָלקנט, אַ דראַבנע געדיכטע רעגנדל, וואָס

נעצט דורך אַלע אברים, גיסט. איך ציטער אין גאַנצן. ס׳איז אַוועק עטלעכע שעה, די שיף גייט באַלד אָפּ, כ׳בין פאַרצווייפלט. דער מענטש, וואָס איז מיט מיר, זאָגט מיר, אַז פון נעכטן ביז איצט איז מיך נישט צו דערקענען. נאָר אָט דערנענטערט זיך אַ שיפל, דאָס האַרץ ווערט ווידער פול מיט האָפענונג. איך גיי צו נעענטער און זע: דאָס שיפל ברענגט צוריק מיין באַגאַזש, וואָס איז אַרונטערגענומען געוואָרן צוזאַמען מיט אַלעמענס. עס ווערט מיר גאָר שלעכט. איך האַלט זיך קוים אויף די פיס. דער פּאָליציאַנט גיט מיר צוריק מיין פּאַס און אַ בריוו צום קאַפּיטאַן, אין וועלכן עס שרייבט זיך, אַז מיר איז נישט דערלויבט אַרונטערצוגיין, ער זאָל מיך נעמען צוריק. דעם צווייטן האָבן זיי גענומען מיט זיך, אויף אויספאָרשונגען. איך בלייב איינער אַליין. שווער צו שילדערן מיין איבערלעבונג אין יענע רגעס. מיר דוכט, אַז מיין פרוי שטייט אָט דאָ נישט ווייט, וואַרט און וויינט... דער „סוכנות״־באַאַמטער האָט אָפּגענאַרט, אַלע האָבן מיך פאַרלאָזן.

די שיף נעמט רירן אויף צוריק. דער קאַפּיטאַן רופט מיך, ווייזט מיר דעם בריוו פון דער רעגירונג און פרעגט: „ווער וועט באַצאָלן פאַר מיין צוריקפאָרן?״ אין מיין דעמאָלטדיקער שטימונג ענטפער איך אים כמעט גראָב: „איר פירט די גאַנצע צייט יידישע פּאַסאַזשירן קיין פּאַלעסטינע, דער „דזשאָינט״ באַצאָלט פיין און איר מאַכט גוטע געשעפטן. אויב ס׳טרעפט זיך אַ זעלטענער פאַל, איר דאַרפט עמעצן צוריקפירן, מאַכט איר פון דעם אַן ענין? נאָר כ׳וועל זען מ׳זאָל אייך באַצאָלן״. מיין ענטפער האָט זעט אויס, געווירקט און כ׳האָב באַקומען אַ פיינעם פּלאַץ, ווי אַלע טוריסטן.

מיט מיר אין קאַבינע איז געפאָרן אַ ייד פון בראַזיל, וואָס האָט באַזוכט דאָס לאַנד און קערט זיך אום אַהיים. פאַר אים האָב איך אויסגערעדט מיין ביטער האַרץ. ער האָט מיך באַרואיקט און געטרייסט. ער האָט מיר גע־זאָגט, אַז מיין ענין איז שוין זיכער דערגאַנגען צו דער „הגנה״ אין מאַרסעל, זיי וועלן מיך זיכער אָפּוואַרטן ביי דער שיף און טאָן אַלץ, איך זאָל וואָס שנעלער אָפּפאָרן קיין א״י. אויף דער שיף איז געפאָרן אַ גרופּע מענטשן פון ציפּערן קיין לאַנדאָן. ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם פאַל, האָבן זיי מיר אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע און דינסטגרייטקייט. די גאַנצע

צייט אויף דער שיף האָב איך זיך געשלאָגן מיט דער דעה: צי זאָל איך איינשטעלן און צוריקפאָרן קיין לאָנדאָן מיט אַ פאַלשער וויזע אויפן פּאַס אָדער קיין מאַרסעל. לסוף האָב איך דעצידירט — מאַרסעל. קיין גראָשן געלט האָב איך נישט געהאַט, האָב איך געבעטן דעם בראַזיליאַנער, ער זאָל מיט מיר זיין ביים אַראָפּגיין פון שיף; אויב קיינער וועט נישט זיין, זאָל ער מיך צופירן צום החלוץ־הויז אין מאַרסעל.

די שיף איז אָנגעקומען און דעם ערשטן האָט מען מיך אַרויסגערופן. איך שטיי פאַר פראַנצויזישע באַאַמטע און פּאָליציי. די ערשטע פראַגע זייערע: „פאַרוואָס האָט מען דיך נישט אַריינגעלאָזט קיין פּאַלעסטינע?" כ'האָב זיך אָריענטירט אין וואָסער דעליקאַטן מצב איך געפין זיך און גיך אימפּראָוויזירט אַן ענטפער: „מיין וויזע פון לאָנדאָן איז געווען נאָר אויף אַ חודש. אַזאַ וויזע באַקומט מען נאָר ווען מ'פאָרט דרינגענדיק צוליב געשעפט, אָדער צו אַ קראַנקן. ווער ס'וויל אַ וויזע אויף אַ לענגערער צייט, מוז זיך דירעקט ווענדן קיין ירושלים. ביים פאָרט אין חיפה האָבן די ענגלישע באַאַמטע געטענהט, אַז איך קען נישט באַווייזן די דרינגלעכקייט פון מיין רייזע קיין פּאַלעסטינע און דערפאַר מיך נישט אַראָפּגעלאָזט פון דער שיף". די באַאַמטע האָבן זיך איבערגעקוקט, איך האָב געזען, אַז מיין „ענטפער" זעט זיי אויס לאָגיש און אמתדיק. איינער האָט נאָך געזאָגט: „נו, וואָס, ער האָט דאָך אַן ענגלישן פּאַס, זאָל ער גיין". כ'בין געווען פריי.

איך בין אַראָפּ פון דער שיף און זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן: קיינער איז נישט געווען, קיינער האָט נישט געוואַרט. דער בראַזיליאַנער האָט מיך מיט זיין טעקסי צוגעפירט ביז צום החלוץ־הויז.

אַריינקומענדיק מיט מיינע וואַליזעס, האָב איך דאָרט געטראָפן אַ סך מענטשן, קאַנדידאַטן עולה צו זיין. ווי דאָס ערשטע מאָל איז קיינער נישט צוגעקומען פרעגן און ס'איז שווער געווען זיך צו עמעצן צו דערשלאָגן. כ'האָב געבעטן איבערגעבן ח־נען, אַז מיין ענין איז דרינגענדיק און וויכ־טיק. דאָס מאָל האָט מען מיך באַלד אויפגענומען. איך האָב אים דערציילט, וואָס מיט מיר האָט געטראָפן. ער האָט זיך זייער געוווּנדערט. דערנאָך האָט ער געזאָגט: „נו, מיר וועלן זען וואָס מ'קען טאָן, איר זאָלט אונטער אַ צווייטן נאָמען קענען פאָרן וואָס גיכער. דערווייל דאַרפט איר דאָך ער־

געץ זיין. סאַן־זשאַרעם אָדער אַן אַנדער לאַגער איז נישט פּאַסיק פאַר אייך. ווען מען דערוווּסט זיך וועגן אַזאַ פאַל, ווירקט עס שלעכט אויף דער שטימונג פון די מענטשן. בעסער איר זאָלט שטיין אין אַ האָטעל״. ער האָט מיר געגעבן אַ ביסל געלט און אַ מענטש האָט מיך צוגעפירט אין האָטעל „דע פּאַריז״ אין מאַרסעל.

דעם ערשטן טאָג בין איך געווען מיד און אויסגעמאַטערט פון די איבערלעבונגען און געשלאָפן אַ גאַנצן טאָג. צו מאָרגנס בין איך געגאַנגען אין „החלוץ״ און דירעקט געפרעגט ח־נען, וואָס וועט זיין ווייטער? האָט ער מיר געזאָגט, אַז גאָר אין גיכן וועט מען מיך שיקן אין לאַנד. זיינע פאַרזיכערונגען האָבן מיך באַרואיקט און צוגעגעבן מוט. ער האָט זיך זייער געוווּנדערט, פאַרוואָס קיינער פון די אָנפירער אין סאַן־זשאַרעם איז נאָך צו מיר נישט געקומען.

ערשט אויפן דריטן טאָג קלינגט צו מיר שולה. זי בעט מיך, כ׳זאָל באַלד צוקומען אין אַ קאַפע־הויז נישט ווייט. דאָרט איז מיט איר געווען נאָך איינער, טאַמ. פון ישראל, אַ קיבוצניק, וואָס האָט דאָ געאַרבעט ביי דער עליה. זיי האָבן מיך גענוי אויסגעפרעגט, וואָס ס׳איז געשען און איך האָב זיי דערציילט. דערביי האָב איך זיי פאַרגעוואָרפן נאַכלעסיקייט און ביוראָקראַטיע: עס קומט צו אייך אַ ייד מיט אַן ענגלישן פּאַס און וויל פאָרן מיט עליה ד׳, האָט איר דאָך געדאַרפט אַ טראַכט טאָן: פאַרוואָס פאָרט ער נישט אויפן גלייכן, כשרן וועג? עס מוז דאָך עפּעס זיין אַ סיבה? יאָ, טאַקע, כאַפּט זיך ש. „פאַרוואָס האָט איר נישט געזאָגט די סיבה?״ „ווייל איר האָט מיך נישט געפרעגט, ווייל איך בין געווען זיכער, אַז איר ווייסט זי פון אייער פאַרטרעטער אין לאָנדאָן, ווייל כ׳האָב געהאַט צו אייך צוטרוי, אַז אַלץ איז איינגעאָרדנט ביים פאָרט אין חיפה. ווי האָט איר געוואָגט מיך שיקן אויף מיין אייגענעם פּאַס ווען אַזוי פיל מענטשן זענען געפאָרן אויף פאַלשע נעמען?״ „ניין, זאָגט ש. מיר האָבן וועגן אייך קיין שום פּרטים נישט געהאַט און נישט געוווּסט״. זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט, אַ מורמל געטאָן: „נו, איצט וועט שוין דויערן אַ שטיקל צייט ביז איר וועט פאָרן״ — און זענען אַוועק. ביי מיר איז געבליבן אַ פּוסטקייט אין האַרצן פון דעם שמועס.

אין האָטעל פיל איך זיך עלנט, ס׳איז מיר לאַנגווייליק. איך האָב אויך נישט געַנוג אויף צום לעבן. יעדן טאָג קום איך אין החלוץ. ח״ן טרייסט מיך און פאַרזיכערט, אַז ער טוט אַלץ צוצויאָגן מיין ענין. גאַנצע טעג דריי איך זיך איבער די גאַסן, קוק אין די שויפענצטער, האָב מיט זיך נישט וואָס צו טאָן. איך גיי פאַרביי אַ קאַפע־הויז קוק איך אַריין און זע יידן, גיי איך אַריין. דאָ שפּילט מען אין דאָמינאָ, דאָ האַנדלט מען מיט ואַלוטע, מען טוישט, מען דרייט — טונקעלע געשעפטן. איך גיי נישט אַוועק, דאָס חיות גייט מיר אויס צו זיין צווישן מענטשן, צו שמועסן מיט מענטשן. דערווייל באַקען איך זיך מיט אייניקע פון זיי. באַזונדער ווערט מיר נאָענט איינער אַ יונגערמאַן, אַ ליטוואַק, אַ רעוויזיאָניסט און זייער אַ פרומער. דערציילט ער מיר, אַז ער איז געווען אין סאַן־זשאַרעם, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט פּראָטעסטירט קעגן די שנאָרערישע און ביוראָ־קראַטישע באַדינגונגען, האָט מען אים אַרויסגעטריבן פון דאָרט. איצט לעבט ער דאָ אין מאַרסעל פון געבן העברעאישע לעקציעס די קינדער פון עטלעכע יידישע משפחות, וואָס געפינען זיך דאָ. ער לעבט בדוחק, וווינט אין אַ קליין אָרעם צימערל, וואָס אַ פאָטער פון זיינס אַ תלמיד האָט אים געגעבן, קאָכט זיך אַליין ביליקע עסנס און שוין מער ווי אַ יאָר וואַרט ער אויף דער קוואָטע — כדי צו פאָרן צו זיין פעטער קיין אַמעריקע. אָט צו וואָס מען האָט דערפירט אַ הייסן ציוניסט.

מיט דעם יונגערמאַן האָב איך זיך אָפט געטראָפן. דאָס האָט אַ ביסל געלינדערט די עלנטקייט מיינע. אַמאָל זאָגט ער צו מיר: „הערט מענטשעס, אויב איר וועט זיצן אין האָטעל, וועט עס זייער לאַנג דויערן ביז זיי וועלן אייך שיקן. די פאָר פראַנק וואָס דאָס קאָסט זיי אייער זיין אין האָטעל, שפּילט ביי זיי קיין ראָל נישט. דאָס בעסטע וואָלט געווען פאַר אייך צו זיין אין לאַגער, ליגן זיי אויפן קאָפּ, כסדר מאָנען, כסדר פאָדערן, זיי זאָלן פון אייך וועלן פּטור ווערן. נאָר אַזוי אָרום וועט איר אַמאָל אָפּפאָרן קיין א״י״. דעם אמת געזאָגט, האָב איך קיין חשק נישט געהאַט צו גיין אין לאַגער ביי די באַדינגונגען, וואָס האָבן דאָרט געהערשט, נאָר צוליב מיין איינזאַמקייט, און אויך צוליב דעם, וואָס איינער פון דער אַנפירערשאַפט האָט מיר דערציילט בסוד, אַז דער, פון וועמען ס׳איז אָפּהענגיק מיין

פאַרן, איז ברוגז און ער וויל זיך נוקם זיין אין מיר, פאַר מיין באַשולדיקן זיי און מאַכן אַ שלעכטן שם זייער טעטיקייט — האָב איך באַשלאָסן יאָ צו זיין אין לאַגער, כדי אויסצואיבן אַ דרוק מען זאָל מיך גיכער שיקן.

אין קאַיאַל

ווען מיין באַשלוס צו גיין אין לאַגער, האָב איך געמאָלדן ח״בען און ער האָט מיך געשיקט קיין קאַיאַל, ביי מאַרסעל. דער אָנפירער דאָרט, חיים ס., אַ יונגער סימפּאַטישער בחור, האָט מיך פריינדלעך אויפגענומען. מיין אָרט צום שלאָפן האָט ער באַשטימט נישט אין אַלגעמיינעם זאַל, נאָר אין אַ קליין צימערל צוזאַמען מיט נאָך צוויי פּאַרפעלקער: אַ דאָקטאָר מיט זיין פרוי און אַ פּאָרל, וואָס איז געפאָרן מיט „עקזאָדוס", צוריקגע־שיקט געוואָרן און זיי וואַרטן איצט דאָ. סייווי איז געווען ענג און דושנע. דאָס הויז, ווו דער לאַגער האָט זיך געפונען, איז געווען אַלט און אָפּגעלאָזן, אָן שום באַקוועמלעכקייטן. געוואַשן האָט מען זיך ביי די קראַנעס אין דרויסן, די קלאָזעטן — אַ טיפער גרוב אַרומגעצוימט מיט ברעטער, ווייט פון הויז. רעגן־צייט איז מען געקראָכן אין טיפע בלאָטעס. דאָס עס־אָרט — אין אַ לאַנגן האַלצערנעם באַראַק. דאָס עסן — געשיקט פון דזשאָינט — שווער און פּראָסט, דער רוב — קאָנסערוון. אַ ביסל פיינער און מענטש־לעכער איז געווען שבת און יום־טוב. דעמאָלט זענען די טישן געווען געדעקט מיט ווייס פּאַפּיר, דער עולם איז געקומען צום טיש אָפּגעוואַשענע און איבערגעטאָענע. דאָס מאָלצייט איז געווען מיט אַ גלעזל וויין, פיש און פלייש. די שטימונג איז געווען אַ פיינערע, מען האָט געזונגען, אָראָפּ־געוואָרפן פון זיך די וואָכעדיקייט.

דער עולם דאָ איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער: פּאַרטיי־טוערס, חלו־צים און סתם יידן, די א. ג. עקזאָדוס־מענטשן. אַ טייל פון זיי זענען געווען זייער פּראָסט, נישט דערצויגן, אָן דיסציפּלין. פון זיי האָט מען געהאַט אַ סך צרות. געווען אַ פאַרדריסלעכער פאַל: די קוכערס האָבן

ערגעץ געפּאַקט אַ חזירל און עס אָפּגעקאַכט. יענעם טאָג האָב איך קיין מיטאָג נישט געגעסן; נישט מחמת פרומקייט, נאָר פון איבל.

אַ געוויסן טאָג זאָגט מיר חיים אָן אַ בשורה, אַז מען האָט באַשלאָסן אין גיכן מיך אָפּצושיקן. דאָס האָט מיך דערפרייט און געגעבן כוח איבער־צוטראָגן די באַדינגונגען. ס׳איז אַוועק אַ געוויסע צייט און נישט מען הערט, נישט מען זעט. איך פרעג ביי חיימען: וואָס איז מיט מיין פאָרן? ענטפערט ער: „ס׳איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג״. ווידער די זעלבע מעשה: עמעצער האָלט אויף מיין פאָרן, ווייל כ׳האָב געוואָגט זיי צו זאָגן דעם אמת, אַז זיי זענען שולדיק אין דעם דורכפאַל. איך האָב זיך אַזוי איבערגענומען, אַז איך בין קראַנק געוואָרן. חיים האָט מיר געגעבן אַ באַ־זונדער אָרט צום שלאָפן אין דער אַפּטייק, ער האָט אויך באַשטימט ספּעציעלע עסנס צום שטאַרקן מיך. בכלל האָבן די מענטשן דאָ מיר אַרויס־געוויזן מיטגעפיל און סימפּאַטיע.

עס האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיטעט אָנצופירן די קולטור־אַרבעט אין לאַגער. זיי האָבן געוואָלט איך זאָל מיטאַרבעטן. כאָטש מיין קאָפּ איז נישט געווען דערצו, האָב איך מסכים געווען. דאָס איז דווקא געווען פאַר מיר לטובה. אין דער אַרבעט האָב איך אַ ביסל פאַרגעסן מיינע אייגענע צרות. איך האָב געהאַלטן אַ רעפעראַט צו טרומפּעלדאָרס יאָרצייט, אַ רעפעראַט וועגן „אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ״. דער רעפעראַט האָט געמאַכט אַן איינדרוק און כ׳האָב אים געמוזט צו מאָרגנס איבערחזרן אין לאַגער קאַיאַל ב׳.

עס ווערט נענטער צו פּסח. איך האָף נאָך אַלץ אויף יום־טוב צו זיין אין דער היים צוזאַמען מיט מיין משפּחה. פון מיין פרוי באַקום איך קורצע בריוולעך, אַז זיי וואַרטן מיט אומגעדולד אויף מיר. אין איין בריוול שרייבט זי, אַז ס׳איז בייגעלייגט 2 פונט. כאָטש דער בריוו איז געווען רעגיסטרירט איז דאָס געלט נישט געווען...

איך פאָר קיין מאַרסעל, זע זיך מיט ח־נען, דערקלער אים, אַז כ׳קען מער נישט אויסהאַלטן, איך בעט אים, ער זאָל זיך באַמיען איך זאָל כאָטש אויף פּסח זיין אין דער היים. איך זאָג אים אויך, אַז ווען נישט די פאַלשע וויזע, וואָלט איך צוריקגעפאָרן קיין לאָנדאָן, אַזוי אָבער דראָט מיך אַ גרוי־

סע שטראָף, און דאָס קען שטעלן אין סכנה די גאַנצע עליה ד׳. די ווערטער האָבן אויף אים געווירקט, ער גיט מיר געדעכט. „אָבער וואָס קען איך טאָן — זאָגט ער — אַז זיי אין סאָן־זשאַרעם ווילן אייך נישט שיקן. נאָר איך פאַרזיכער אייך, אַז אויב אין משך פון צוויי וואָכן וועלן זיי אייך נישט שיקן, וועל איך זיי מעלדן, אַז איך שיק אייך קיין פּאַריז. דאָרט וועט איר זיך טרעפן מיט דער העכסטער אויטאָריטעטער אָנפירונג און זיי וועלן אייך העלפן״.

אין אַ וואָך אַרום באַקום איך אַ מעלדונג, אַז אין 10 טעג אַרום זאָל איך גרייט זיין צום פאָרן. נאָר ווידער איז פון דעם גאָרנישט געוואָרן. די פראַנצויזישע שיף, וועלכע איז געקומען פון חיפה אונדז נעמען, איז פלוצים קאַליע געוואָרן און מ׳האָט זי געמוזט אָוועקשטעלן אויף רעמאָנט. אמת, אַ וואָך פאַר פסח איז אָפּגעגאַנגען אַ שיף, נאָר איך בין אין דער רשימה נישט געווען.

איך בין געבליבן אין לאַגער אויף פסח. אַלע באַמיִען זיך, אַז דער יום־טוב זאָל אויספאַלן וואָס אימפּאָזאַנטער און שענער. די אָנפירערשאַפט האָט צוגעגרייט אַ נייע הגדה מיט אַ צוגעפּאַסטן טעקסט פאַר דער בייער צייט. די טישן זענען געדעקט מיט ווייסע טישטעכער, וויין, פיש, קניידלעך זענען געווען לרוב. דער עולם האָט זיך געפילט יום־טובדיק, דערהויבן. דאָ זענען אויך געווען די אָנפירער פון מרכז החלוץ, וואָס פירן אָן מיט דער עליה. מיך האָט מען געבעטן צו רעדן וועגן דער באַדייטונג פון פסח, דעם זמן חרותינו. ס׳איז געווען פריילעכקייט, געזאַנג, ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווען יעדער איז געגאַנגען שלאָפן אויף זיין האַרטן געלעגער. די געסט זענען צוריקגעפאָרן קיין מאַרסעל אין זייערע האָטעלן. דאָס זענען אַלע געווען חברים פון קיבוצים, נאָר די ענדערונג אין זייער לעבנס־שטייגער האָט זיי געשלאָגן צום קאָפּ: גרויסע שטעט, האָטעלן, געלט אומבאַגרענעצט — האָט מען געלעבט אַ גוטן טאָג, גערייכערט די בעסטע אַמעריקאַנער סיגאַרעטן, געקויפטע אויפן שוואַרצן מאַרק, געפאָרן אין טעקסיס. זייער אויפפירונג האָט געשטאָכן די אויגן פון אַלע די, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט זיי און דאָס האָט נישט ווייניק שאָדן געבראַכט.

דעם 1־טן מאַי איז אין לאַגער געווען אַ יום־טוב. עס האָבן זיך פאַר־

זאמלטביידע לאַגערן קאיאל א׳ און ב׳ אונטערן פרייען הימל. די אָנפירער־שאַפט האָט מיך געבעטן צון רעדן וועגן דעם 1־טן מאַי, דערנאָך איז געווען אַ קאָנצערט. דער עולם האָט זיך אַ ביסל פאַרגעסן אין געזאַנג און טענץ.

די קולטור־טעטיקייט, רעפעראַטן און רעדעס פאַרנעמען איצט ביי מיר אַ סך צייט, איך פאַרגעס אין מיין לאַגע, נאָר אין די נעכט, ווען איך ליג אויף מיין האַרטן געלעגער, מאַטערן די געדאַנקען: צו וואָס האָב איך עס געדאַרפט? פאַרוואָס קומט מיר זיך אַזוי צו פייניקן און זיין אויסגע־שטעלט אויף אומזיסטע רדיפות און עוולהס?

איך פאַרליר דאָס געדולד. איך פאָר קיין מאַרסעל און רעד מיט ח־נען. דאָס מאָל בעט איך נישט, נאָר איך פאָדער: אָדער שיקט מיך קיין א״י, אָדער גיט מיר אָפּ מיין פאַס. איך וועל צוריקפאָרן קיין ענגלאַנד, וואָס די רעזולטאַטן זאָלן שוין נישט זיין. ח־ן, ווי שטענדיק, וויל מיך באַרואיקן און פאַרזיכערט, אַז מיט דער ערשטער שיף, וואָס וועט אָפּגיין, וועל איך פאָרן. נאָר דאָ האָט זיך ווידער אַריינגעמישט מיין פאַרשאָלטענער גורל: ס׳איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון דער הגנה, אַז היות ווען ס׳וועט פּראָקלאַמירט ווערן די יידישע מדינה, וועלן די אַראַבישע לענדער אַרויסטרעטן מיט אַ מלחמה קעגן אונדז, זאָל מען פון איצט אָן, יעדער פריי אָרט אויף די שיפן אויסנוצן צו שיקן נאָר יונגע מיליטער־פעאיקע מענטשן. דערהערנדיק דאָס בין איך ווידער געלאָפן קיין מאַרסעל, ח־ן האָט באַשטעטיקט די ידיעה. כ׳פרעג ביי אים: „הייסט עס, אַז איך וועל ווידער נישט פאָרן?״ ענטפערט ער: „איך קען דאָ גאָרנישט העלפן, ס׳איז אַ באַפעל פון אויבן״.

אייגער אַ פריינד, וואָס האָט געוווסט וועגן מיין ענין, האָט אויך גע־האַלטן, אַז מיין לאַגע איז אַנדערש, ווי פון אַנדערע עולים. דערפאַר האָט ער מיר געעצהט, כ׳זאָל זיך ווענדן דירעקט צו דער סוכנות אין מאַרסעל. איך האָב שוין סייווי נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן, האָב איך אים געפאָלגט.

אין הויז פון דער סוכנות דריי איך זיך אַרום און ווייס נישט צו וועמען זיך צו ווענדן. איך שטעל אָפּ איינעם אַ מענטש און פרעג: „צי דאַרף איך וואַרטן ביז מ׳וועט מיך פרעגן, וואָס כ׳וויל?״ ענטפערט יענער מיט אַ שמייכל: „אויב איר וועט וואַרטן ביז מ׳וועט אייך פרעגן, וועט

איר זיך קיינמאָל נישט דערוואַרטן". ער פירט מיך צו צו אַ טיר און זאָגט: „דאָ געפינט זיך דער מענטש, צו וועמען איר דאַרפט". איך קלאַפּ לייכט אָן, ווען מען ענטפערט נישט, עפן איך די טיר. דאָרט זיצט אַ מענטש אויסגעשפרייט אויף אַ לעדערנעם פאָטעל. ער ווייסט נישט ווער איך בין, וואָס איך וויל. גיט ער זיך אַ שטעל אויף און אַ געשריי: „אַרויס! אַרויס!" כ׳האָב צוגעמאַכט די טיר און טרערן האָבן געשטיקט אין האַלדז — אָט צו וואָס איך בין דערגאַנגען: כ׳שטיי הינטער אַ טיר און דאָרט אויפן בענקל זיצט אַ האַרט־האַרציקער ביוראָקראַט, וואָס מיינט, אַז די וועלט איז שוין זיינע. קיינעם בין איך איצט נישט נייטיק, יעדער גרוביאַן מעג זיך לגבי מיר אַלץ דערלויבן..

מדינת ישראל

ס׳איז פאַרגעקומען די גרעסטע געשעעניש אין דער יידישער געשיכטע: אין תל־אביב איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע מדינה. דעם 14־טן מאַי 1947 איז מדינת ישראל געוואָרן אַ פאַקט. די באַגייסטערונג אין דער יידי־שער וועלט איז געווען פון אַזאַ פאַרנעם, אַז מ׳האָט זיך עס קוים געקענט פאָרשטעלן. אויך אין לאַגער איז די שמחה געווען אומגעהויער און ביי מיר פערזענלעך איז עס געווען דער גרעסטער יום־טוב און די גרעסטע פרייד אין מיין לעבן. איצט איז שוין נישטאָ קיין שום מניעה פאַר מיין פאָרן קיין ישראל און זיך פאַראייניקן צו מיין משפחה. צוזאַמען מיט דער פרייד קומט אויך אומרואיקייט: די אַראַבישע מדינות זענען, ווי ווילדע וועלף, באַפאַלן די יונגע מדינה. קיין צייטונגען אָדער ראַדיאָ האָבן מיר דאָ נישט. די וואָס קענען אַ ביסל פראַנצויזיש, זעצן איבער אויף יידיש די נייעסן, וואָס זיי הערן אין אוונט אויפן ראַדיאָ ביים דאָרף־עלטסטן. איך כאַפּ זיך אַריין קיין מאַרסעל און קויף אָן ענגלישע צייטונג. אַלע זענען מיר דאָ פאַרכאַפּט פון די געשעענישן אין אונדזער לאַנד.

נישט געקוקט אויף די נישט פריילעכע ידיעות, וואָס קומען דערווייל פון ישראל, פייערן מיר דאָ די היסטאָרישע געשעעניש פון תקומת המדינה:

אין אָוונט האָבן זיך אין לאַגער פאַרזאַמלט פרויען, מענער און קינדער, אַלע אָנגעטאָן דאָס שענסטע, וואָס זיי האָבן געהאַט. די קינדער מיט בלוי־ווייסע פענדלעך און שלייפן אין די האָר. מיר איז צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד אַרויפצוציען די ישראל־פאָן אויפן העכסטן פונקט פון דעם לאַגער־בנין. ס'איז געווען שטיל, אַלע האָבן געפילט דעם הייליקן היסטאָרישן מאָמענט, וואָס מיר לעבן דאָ איבער אין רעזולטאַט פון די העראָישע גע־שעענישן דאָרט. מיט אַ קליין דרייערדיק מיידעלע, איר הענטל אין מיינער, האָבן מיר פאַרצויגן די פאָן, און דער גאַנצער פאַרזאַמלטער עולם האָט שטייענדיק געזונגען די „התקווה״.

ס'איז געוואָרן נאַכט, האָט מען צעפלאַקערט אַ שייטער און אַלע האָבן געטאַנצט אַ פריילעכע „הורה״ אַרום פייער. אַרום 8 אָוונט זענען אַלע געקומען אין עס־זאַל. ס'זענען געווען פאַרשטייער פון מרכז, געסט פון דאָרפס־ראַט א. א. ווידער האָט מען מיר איבערגעגעבן צו האַלטן דעם רעפעראַט וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה. איבער אַ שעה האָב איך גערעדט. געגעבן אַ היסטאָרישן איבערבליק — פון פינסקער, העס און הערצל, ביז די היינטיקע טעג. דערנאָך איז מען צוגעטרעטן צו דער סעודה. דער עולם האָט געזונגען און זיך משמח געווען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אַ וואָך פאַר שבועות איז געקומען אַ באַפעל: אַלע פון קאיאל א' גייען אַריבער אין אַן אַנדער מחנה. קיינער איז נישט געווען צופרידן. דאָ זענען זיי שוין געווען צוגעוווינט, און איצט אַ קורצע צייט פאַרן סוף, גיי שלעפּ זיך אויף אַ נייעם אָרט. אויך איך בין געווען נישט מרוצה. דאָ בין איך שוין געווען באַקאַנט, אַלע האָבן זיך באַצויגן מיט דרך־ארץ, כ'האָב געהאַט אַ באַזונדער אָרט צום שלאָפן, און דאָרט — ווער ווייסט ווי ס'וועט זיין. אָבער אַ באַפעל מוז מען אויספירן, פּאַקן מיר די פּעקלעך, זעצן זיך אַרויף אויף גרויסע וועגענער און פאָרן.

נאָך צוויי שעה טרייסלען זיך זענען מיר אָנגעקומען אויפן נייעם אָרט. דאָס איז געווען אַ גרויסע ווילע מיט סימנים פון אַמאָליקער רייכקייט. די אַרכיטעקטור פון די בנינים, די גערטנער אַרום האָבן עדות געזאָגט אויף דעם. ס'איז נאָענט צום ברעג ים, שוין אַ טייל פון דער ריוויעראַ. מיר האָבן דאָ געטראָפן אַ גרויסע צאָל עולים, אַ סך יוגנט. דאָ איז געווען

איינער פון די צענטערס, פון וואַנען, ס׳איז געגאַנגען אַ גרויסע עליה, די א. ג. „עליה ב׳״. כמעט יעדן טאָג איז אָפּגעפאָרן אַ טראַנספּאָרט עולים. איצט גרייט מען זיך צו נאָך אַ גרעסערע עליה אין מדינת ישראל. איצט שוין כשר, לעגאַל אין אייגענעם לאַנד אַריין.

שבועות איז אַוונט איז פאָרגעקומען אַ קאָנצערט. פאַר דעם האָב איך געהאַלטן אַ קורצן רעפעראַט וועגן דער באַדייטונג פון דעם יום־טוב. די שטימונג איז דאָ אַ גוטע. ס׳איז הימלעכער, פריילעך צווישן אַ סך מענטשן. די שיינע לאַנדשאַפט ווירקט אויך. מיר שפּאַצירן אָפט ביים ברעג ים, אָטעמען פרישע לופט, נאָר אַפילו דאָ פאַרגעסט קיינער נישט דעם טיפן באַגער, וואָס גיכער עולה צו זיין אין אונדזער מדינה.

נאָכן אָפּזיין דאָ צוויי וואָכן, רופט מען אויס נעמען פון די, וואָס דאַרפן איינפּאַקן זייערע זאַכן. אויך מיין נאָמען ווערט דערמאָנט. איך נעם זיך פיבערדיק גרייטן, דאָס האַרץ איז אומרואיק, ענדלעך, נאָך אַזאַ לאַנגע צייט וואַלגערן זיך אין לאַגערן, נאָך אַזוי פיל יסורים און פיין, פאָר איך אַהיים צו מיין משפּחה.

הונדערטער עולים — מענער, פרויען און קינדער — זענען מיר אויפ־געזעסן אויף וועגענער און געפאָרן קיין קאַיאַל א׳, דאָ זענען מיר געשטאַנען אַ טאָג. מען האָט אונדז אַלעמען איבערגעגעבן די נייטיקע דאָקומענטן, אָנגעזאָגט ווי זיך אויפצופירן ביים אַרויפגיין אויף דער שיף און ביים אַראָפּגיין, ווייל כאָטש ישראל איז איצט אַ סוווערענע מדינה, קומט נאָך אַרויף אויף דער שיף אַ קאָמיסיע פון דער „אונאָ״ קאָנטראָלירן: לויטן אָפּמאַך טאָרן איצט נישט אַריינקומען קיין עמיגראַנטן אין מיליטער־עלטער, דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק.

שוין אויפן אַנדערן טאָג זענען מיר אויפגעזעסן אויף דער „טראַנ־סילוואַניאַ״, די שיף וואָס איז מיר אַזוי גוט באַקאַנט... אין געוויינטלעכע צייטן נעמט זי אויף 200 פּאַסאַזשירן, איצט איז זי אָנגעפּאַקט מיט 600 עולים. ס׳איז ענג ביים שלאָפן, מען עסט פּאַרטיעווייז, אויפן דעק קען מען קיין שפּילקע נישט אַריינוואַרפן. נאָר אַלע נעמען עס אויף באהבה. ס׳איז דאָך נאָר עטלעכע טעג. וואָס שפּילט עס אַ ראָל? מענטשן וואַלגערן זיך אין די לאַגערן חדשים גאַנצע, אַנדערע האָבן נאָך פריער דורכגעמאַכט

דייטשע און רוסישע לאַגערס, איבערגעלעבט אַלע גיהנומס, איצט פֿאָרן מיר אין אונדזער אייגן לאַנד אַריין. איז טאַקע דער עולם געווען גוט געשטימט, פֿריילעך און זינגענדיק, נישט געקוקט אויף אַלע אומבאַקוועמלעכקייטן.

אין ישראל

זונטיק דעם 24־סטן יולי 1948 זאָגט מען אונדז אָן די בשורה, אַז באַלד פֿאָרן מיר אַריין אין די וואַסערן פֿון תל־אביבער ים. אַלע זענען אויפֿן דעק, אַלע אויגן זענען אָנגעשטרענגט צו זען דעם ברעג, די שטאָט. אָנגעקומען זענען מיר ערשט נאָך מיטאָג. צוליב זונטיק — דער קריסטלעכער רו־טאָג — וועט די קאָמיסיע אַרויפֿקומען ערשט מאָרגן. דערווייל איז קיינעם נישט דערלויבט אַרונטערצוגיין פֿון דער שיף. ס'איז געוואָרן נאַכט, דער עולם איז הונגעריק, נאָר קיין ברויט איז נישטאָ. דאָס ביסל וואָס מ'האָט אַרויפֿגעבראַכט פֿון שטאָט, איז צעכאַפּט געוואָרן און אַ טייל איז געבליבן אָן ברויט — איך בתוכם. נאָר ווען מען גייט עס אָן? ווער טראַכט וועגן עסן? אויך שלאָפֿן איז מען נישט געגאַנגען, ווער קען שלאָפֿן אין דער היינטיקער נאַכט?...

שפּעט ביינאַכט האָבן מיר זיך צוגעקוקט, ווי מען האָט אָפּגעלאָדן קאַסטנס מיט אַמוניציע. די אַרבעט האָט געברענט אונטער די הענט. קליינע שיפֿלעך זענען שנעל געלאָפֿן צום ברעג און זיך אומגעקערט. ס'איז טאַקע וואָפֿנשטילשטאַנד, אָבער געוואָרנט דאַרף מען האָבן, מען דאַרף זיין גרייט. דאָס האַרץ איז פֿול מיט שרעק און האָפֿענונג, דאָס מויל — מיט די בעסטע ברכות פֿאַר אונדזערע פֿאַרטיידיקערס.

מאָנטיק, אַרום 9 אין דער פֿרי, איז אַרויפֿגעקומען די „אונאָ"־קאָמיסיע, זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ לאַנגן טיש און די עולים זענען פֿאַרביַיגעגאַנגען, געוויזן די דאָקומענטן. איצט איז אַלץ כשר, קיין שרעק האָט מען נישט געפֿילט. ווי אַנדערש איז עס איצט אין פֿאַרגלייך מיט די מאַנדאַטאָרישע צייטן. ווי גוט ס'איז צו האָבן אַן אייגענע מדינה...

דאָס אַראָפּגיין פֿון דער שיף איז געווען שווער. מאָדנע, יאָרן לאַנג האָבן די מענטשן געקענט אויסהאַלטן, וואַרטן, נאָר די עטלעכע שעה זענען אַן אייביקייט. יעדער וויל אַרויס וואָס פֿריער. מען שטופּט זיך, מען רייסט זיך, ס'איז אַ געדראַנג, שרעקלעך. ענדלעך בין איך אַריין אין אַ שיפל וואָס גייט צום ברעג. אויך דאָ איז אַ טומל, אַ רעש און געשריי. מענטשן שלעפּן וואַליזעס, פּעקלעך, מען רופֿט זיך איבער.

נו, גאָט צו דאַנקען, שוין אויפֿן ברעג. דאָ שטייען אויטאָבוסן, און „סוכנות"־באַאַמטע רופֿן אויס אין וועלכער געגנט זיי גייען, הייסן אייַנזיצן. אַ סך זיצן אויף זייערע וואַליזעס, וואַרטן מסתמא אויף קרובים, פֿריינד, וואָס דאַרפֿן זיי דאָ באַגעגענען. צי וועלן זיי קומען? מען טיילט סענדוויטשעס מיט טיי, נאָר ווער קען איצט עסן? איך פֿיבער אין גאַנצן, כ'וויל שוין וואָס גיכער זיין אין דער היים.

איך רוף אַ טעקסי. דער „סוכנות"־באַאַמטער זאָגט: „איר קענט דאָך פֿאָרן אָן געלט, פֿריי, ער וועט אייך אָפּשטעלן ווו איר דאַרפֿט". „ניין — זאָג איך — איך איַיל זיך, איך קען באַצאָלן". מען ברענגט אַ טעקסי, דער שאָפֿער זאָגט אַ הויכן פּרייז, בין איך מסכים, אַבי ער זאָל פֿאָרן וואָס גיכער.

צוגעפֿאָרן ביזן טויער, די טעקסי בלייבט שטיין, און צוויי שומרים באַקוקן מיינע וואַליזעס און פֿרעגן, צי איך בין דורכגעגאַנגען דעם צאָל־אַמט? איך דערקלער זיי, אַז כ'בין אַ נייער עולה און בין פֿריי פֿון צאָל. „יאָ, — זאָגן זיי — פֿאָרט צוריק, זאָל דער „סוכנות"־באַאַמטער אָנצייכענען אויף אייערע וואַליזעס, וועלן מיר אייך דורכלאָזן". דער שאָפֿער איז נישט צופֿרידן, איך אוודאי נישט, נאָר נישטאָ קיין עצה. מיר פֿאָרן צוריק, דער באַאַמטער האָט עפּעס אָנגעצייכנט מיט קרייד און ב"ה מיר זענען דורכגעפֿאָרן. מיר פֿאָרן איבער דיזנגוף, פֿרישמאַן, איך קוק מיט אויפֿגעריסענע אויגן אויף די מענטשן, אויף די גאַסן, כ'בין פֿול מיט באַוווּנדערונג. אָט איז שוין מיין גאַס — רח' גזר, אָט איז מיין הויז, איך עפֿן די טיר...

די באַגעגעניש מיט מיין פֿרוי בין איך נישט אומשטאַנד צו באַשרייבן. די שמחה איז געווען גרויס, מיט טרערן... אַ ביסל שפּעטער זענען געקומען געסט, משפּחה, פֿריינד. די שטוב ווערט פֿול מיט בלומען. כ'בין מיד,

אויסגעשעפּט, הונגעריק, נאָר מיר איז אַזוי גוט, גוט. כ׳בין אין מיין היים, מיט מיינע טייערע און ליבע...

שבת איז געקומען פון קיבוץ „אורים" מיין טאָכטער רות. ניין יאָר האָב איך זי נישט געזען, ניין יאָר!... אָט די איבערלעבונג וועל איך נישט שילדערן. זי איז צו גרויס, טיף און דערהויבן פאַר מיין אָרעמער פעדער...

נאָכוואָרט

מיט מיין קומען קיין ישראל צו באַזעצן זיך אויף שטענדיק, צו געפֿינען דאָ מיין רו נאָך אַזוי פיל נע־ונדן, איז אייגנטלעך מיין בוך זכרונות פאַרענדיקט. אַזוי האָב איך געמיינט. אָבער די וויטערדיקע איבערלעבונגען אין לאַנד, איבערלעבונגען, וואָס האָבן ביי מיר אַרויסגערופן צער און אומעט, ביטערקייט און אַנטוישונג, צווינגט מיך נאָך אַ ביסל ממשיך צו זיין. איך באַמי זיך עס צו מאַכן בקיצור.

אַכט טעג בין איך נישט אַרויס פון שטוב, געוואָלט זיין נאָר מיט מיינע נאָענטע. איך האָב געפילט אַ גייסטיקע און פיזישע מידקייט. די שווערע 8 חדשים, וואָס כ׳האָב לעצטנס דורכגעמאַכט רופן זיך איצט אָפּ. איך וויל נאָר רוען, רוען...

פלוצים האָט זיך די מלחמה מיט די אַראַבער באַנייט, מען הערט דאָס פאַלן פון באָמבעס, שכנים לויפן זיך שיצן אין די הינטערשטע שטאָקן. ווי לאַנג איז עס ווי כ׳האָב דאָס איבערגעלעבט אין לאָנדאָן? זאָל איך עס ווידער דאַרפן דורכמאַכן? צום גליק האָט עס זיך גיך פאַרענדיקט און דאָס לעבן איז געוואָרן נאָרמאַל.

איך שפּאַציר איבער די תל־אביבער גאַסן און קען זיך נישט אָפּוווּנדערן. אַלץ האָט זיך אַזוי קאַרדינאַל געענדערט זייט 1938. פאַראַן גאַסן גאַנצע וואָס כ׳זע צום ערשטן מאָל. אָפט מוז איך פרעגן ביי פאַרבייגייער אויף אַ געגנט. אַ גאַס. די שטאָט איז זיך צעוואַקסן אין שטח און אין דער באַפעל־קערונג. דאָ לעבן שוין קרוב צו 300 טויזנט יידן. ס׳פרייט מיך די אַנט־

וויקלונג, נאָר כ׳פיל דאָ נישט די ארץ־ישראל־לופט. צופיל האוועז און טומלען זיך די מענטשן. מען לעבט ווי אויף אַ כסדרדיקן יאַריד. ס׳פעלט געמיטלעכקייט און קולטור־באַציאונג, ס׳פעלט העפלעכקייט און דרך־ארץ אין גאַס, אין אויטאָבוס, אין געזעלשאַפטלעכע ערטער. איך האָב לאַנג געלעבט אין ענגלאַנד, דאָס קלאַסישע לאַנד פון קולטור און העפלעכקייט, זיך אָנגעזאַפּט מיט זייער לעבנס־שטייגער, מיט זייער סטיל און באַציאונ־גען — איז מיר שווער צו פאַרטראָגן די ענדערונג.

שוין באַלד 4 חדשים, ווי כ׳בין אין לאַנד, און האָב נאָך כמעט גאָר־נישט געטאָן. איך קען זיך נישט צוגעוויינען צום היגן סטיל פון האַנדל. איך קען נישט דרייען און שווינדלען. דאָ אין מסחר איז אַ וואָרט — קיין וואָרט נישט, אַ קאָנטראַקט — גאָרנישט, אַ וועקסל — נאָר אַ שטיקל פּאַפּיר, אַ טשעק — כדי מען זאָל אים נישט צאָלן... מיר איז דאָס אַלץ פרעמד און דערווידער, קען איך זיך דערוויל צו גאָרנישט נעמען.

נאָר קוים בין איך צוגעטרעטן צו אַ שותפות, איך האָב נאָך קיין גראָשן פאַרדינסט נישט געזען פאַר די אויגן — באַקום איך באַלד אַ מעל־דונג פון „מס הכנסה״, כ׳זאָל קומען מיט די געשעפט־ביכער. איך קום אויף ליליענבלום, וואַרט אַ שעה נאָך דער באַשטימטער צייט, ביז דער פּקיד נעמט מיך אויף. ער רעדט צו מיר העברעאיש. איך פאַרשטיי נישט, בעט איך אים ער זאָל רעדן צו מיר יידיש אָדער ענגליש. גיט ער אויף מיר אַ קוק און אַ בייזער — „יידיש נישט, ענגליש יאָ״. אמת, ס׳האָט מיך פאַרדראָסן, נאָר כ׳שוויג. איצט נעמט ער מיך אויף אַ פאַרהער, ווי כ׳וואָלט געווען אַ גנב, אַ שווינדלער. „ווו זענען אייערע ביכער? וואָסערע גע־שעפטן מאַכט איר דאָ?״ איך באַמי זיך צו זיין רואיק און ענטפער — „איך טו דערוויל גאָרנישט״. ער: „ווי לאַנג זענט איר אין לאַנד?״ איך: „פיר חדשים״. — „ווילט איר זאָגן, — פרעגט ער מיט אַ בייזער, — אַז די גאַנצע צייט טוט איר גאָרנישט?״ איך: „יאָ, גאָרנישט!״ ער: „וויפל געלט האָט איר געבּרענגט פון ענגלאַנד?״ איך: „דאָס איז מיינס אַ פּריוואַט־זאַך!״ ווידער פרעגט ער: „וואָס האָט איר געטאָן אין ענגלאַנד?״ דער כעס האָט מיך שוין באַהערשט און איך ענטפער: „כ׳בין געווען אַ גנב!״ מער זיינע פראַגעס האָב איך שוין נישט געהערט, כ׳האָב אים געלאָזן און בין אַרויס.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער האָט מען מיך ווידער גערופן. דאָ איז שוין געזעסן אַן אַנדער פּקיד, וואָס איז געווען העפלעך און געפרעגט זאַכלעכע פראַגעס. איך האָב אים אויף אַלעם געענטפערט פּינקטלעך. אין מיטן רעדן האָט זיך מיין שטים איינגעבראָכן, — וואָס איז ? — פרעגט דער פּקיד — וואָס זענט איר אַזוי גערירט ? „כ׳בין גערירט — ענטפער איך, וואָס דאָס ערשטע מאָל טרעף איך אַ פּקיד, וואָס רעדט ווי אַ מענטש... כ׳בין דערצויגן געוואָרן אין ענגלאַנד און וואָלט וועלן, אַז די יידישע מדינה זאָל לערנען ביי זיי ווי מ׳דאַרף זיך באַציען צום בירגער, וויפל העפלעכקייט און דרך־ארץ מ׳דאַרף אים אַרויסווייזן. כדי אַרויסרופן ביי אים צוטרוי און העפלעכקייט״.

די מלחמה האָט זיך דערווייל אָפּגעשטעלט, קיין סטאַבילער שלום איז נישטאָ, נאָר יידן אין חוץ־לארץ זענען באַגייסטערט און פּאַראינטע־רעסירט צו קומען קיין ישראל. איך דערהאַלט אַ סך בריוו פון פריינד און באַקאַנטע מיט פאַרשידענע אָנפראַגעס: וויפל געלט דאַרף מען האָבן, כדי זיך איינצואָרדענען ? צי זענען פאַראַן אויסזיכטן אויף פּרנסה ? ווי איז די לאַגע מיט דירות ? אַנדערע האָבן שוין באַשלאָסן צו קומען, פרעגן זיי עצות וועגן זייער איינאָרדענען זיך אין לאַנד. איך האָב שוין דאָ אַ ביסל דערפאַרונג ; האָב איך זיי לאַנג געלאָזט וואַרטן און לסוף געענטפערט : „קומט אַליין, וועט איר זען״. זענען טאַקע עטלעכע געקומען ווי טוריסטן, געווען עטלעכע וואָכן, זיך אַרומגעקוקט, אַהיימגעפאָרן און מער נישט דערמאָנט וועגן באַזעצן זיך דאָ. אייניקע זענען געקומען, דאָרט אַלץ ליקווידירט, אויספאַרקויפט, געבערענגט עטלעכע טויזנט ענגלישע פונט, אַ ביסל אויס־געטוישט אויף ישראלדיקע פונטן, וואָס זענען כסדר ביליקער געוואָרן, דאָס איבעריקע איז צערינען געוואָרן אויף לעבן, ביי איינהאַנדלען אַ דירה א. א. וו.

אַט דאָ וויל זיך מיר באַרירן אַ זייער אַנגעווייטיקט קאַפּיטל אין מיין לעבן, וואָס האָט מיך געקאָסט אַ סך פּיינפולע שעהן און מאַטערנדיקע נעכט. איך מיין דאָ, מיין אַנטוישונג אין סאָציאַליזם. יאָרן־לאַנג האָבן מיר געלערנט, באַראַכאָוו האָט עס זייער שאַרפזיניק באַגרינדעט, אַז דער

קלאַסן־קאַמף, דער אַרבעטער־קלאַס וועלן זיין פאַקטאָרן, וואָס וועלן העלפן דעם פּראָצעס פון שאַפן און אויפבויען די יידישע מדינה. און דאָ זע איך דווקא דאָס פאַרקערטע: דער א. ג. סאָציאַליזם פון דער מפא״י — און ערגער נאָך וואָלט עס געווען, ווען די לינקערע פאַרטייען וואָלטן געווען ביי דער מאַכט — שטערט און פאַרשווערט דעם אויפבוי פון לאַנד. זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ ריזיקן פּאַראַזיטישן אַפּאַראַט, וואָס פרעסט אויף אַ גרויסן טייל פון מלוכה־בודזשעט און האָט אַ טענדענץ נאָך גרעסער און שטאַרקער צו ווערן; זיי האָבן געשאַפן די אַטמאָספער פון לוקסוס אין לאַנד, געבויט רייכע פּאַלאַצן, פאָרן מיט די שענסטע מאַשינען, שיקן שליחים קיין אויס־לאַנד, וואָס לעבן פאַרשווענדעריש. דער געיעג נאָך לוקסוס איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע מחלה. פון דער צווייטער זייט, קומען נישט קיין אויסלענ־דישע אינוועסטירערס, ווייל „סולל בונה״ וויל זיין אַ שותף. די שטייערן זענען די גרעסטע אין דער וועלט, דער מיטל־קלאַס ווערט צעריבן, די אַרבעט־פּראָדוקטיוויטעט איז הינטערשטעליק, די זעלבסט־איניציאַטיוו איז געשטערט, די באַגרענעצונגען זענען טאָרמאָזן פאַר דער ווירטשאַפט, סאָ־ציאַליזם איז געוואָרן אַ שרעק־וואָרט פאַר נייע עולים פון אייראָפּע.

איך האָב זיך אויך אַנטוישט אין דער ערנסטקייט און ערלעכקייט פון די פּאַרטיי־פירערס, כ׳האָב געזען זייער אויפפירן זיך, זייער באַציאונג צו חברים, ווי אַנדערש זיי רעדן פון דער טריבונע, און אַנדערש אין לעבן. דאָ זענען זיי נישט־חבריש, עגאָיסטיש און אייגננוציק... אין רעזולטאַט פון אָט די מחשבות און באָאַבאַכטונגען, האָב איך זיך דערווייטערט פון דער פּאַרטיי. כ׳בין איצט אַליין, אַ פּריוואַטער מענטש. שווער איז נאָך אַ גאַנץ לעבן זיין אַקטיוו, צו ווערן אַ זייטיקער, פּאַסיווער צושויער און זען ווי דער אידעאַליזם און דער גלויבן פאַרשווינדט, עס בלייבט נאָר דער אַפּאַראַט וואָס שטרעבט צו מאַכט און צו לעבן גרינג.

אַמאָל, אין שלאָפלאָזע נעכט, פיל איך ווי כ׳וואָלט צעריסן פון אינער־לעכע ראַנגלענישן, כ׳האָב ליב דאָס לאַנד, פאַר וועלכן כ׳האָב אַזוי פיל מקריב געווען, מיט אַלע פיבערן פון מיין נשמה, כ׳קען אָבער נישט פעלשן אין מיין געוויסן, אַז צוליב די נעגאַטיווע דערשיינונגען בענקט זיך מיר אַמאָל נאָך ענגלאַנד, נאָך דער דאָרטיקער אַטמאָספער, נאָך די דאָרטיקע

באַציאונגען, נאָר דער טאָג־טעגלעכער קולטור. כאָטש איך צווייפל גאָר שטאַרק, צי וואָלט איך שוין איצט געקענט לעבן צווישן גויים...

נאָר ווען איך פאָר אַרויס פון שטאָט, ווייט פון טומלדיקן תל־אביב, ווערט מיר אַ ביסל לייכטער אויף דער נשמה. אויף די וועגן זע איך ווידער די באַצויבערנדיקע שיינקייט פון לאַנד. אין חיפה זע איך מיט פרייד ער־לעכע מענטשלעכע אַרבעט, כ׳קוק זיך צו מיט הנאה ווען פאַרנאַכט שטראָ־מען פון די פאַבריקן האַראָפּאַשנע יידישע מענטשן. חיפה איז סאָליד און אַרבעטסזאַם. די בערגיקע לאַנדשאַפט, די אַרבעטער־ישובים און די גרויסע צאָל קיבוצים אַרום, שמידן אויס דעם כאַראַקטער פון אַן אַרבעטנדיק פאָלק.

ירושלים איז קאָנסערוואַטיוו, בויט זיך לאַנגזאַם. דער עבר פון דער שטאָט לייגט איר חותם אויף די מענטשן. זיי זענען איינגעהאַלטענער און שטילער. די גרויסע צאָל רעגירונגס־אינסטיטוציעס און נאַציאָנאַלע מוסדות ברענגען אַהער אַ שיכט פון געבילדעטע מענטשן, ווערט דער סטיל פון דער שטאָט איידעלער, קולטורעלער. דאָ זיץ איך לאַנגע שעהן אין „יד ושם״, איך דערמאָן זיך די נעמען און דעם אויסזען פון אַלע מיינע נאָענטע אומגעקומענע און מאַך אַ חשבון־הנפש...

די קיבוצים זענען, אמת, היינט שוין נישט ווי אַמאָל. דער פאַרדאַרבנ־דיקער גייסט פון דער שטאָט האָט זיך אויך אַהער אַריינגעריסן. די אַלטע ווערן מיד און די יונגע חברים פאַרלאַנגען וואָס מער באַקוועמלעכקייטן און געניוס. ס׳פעלט זיי דער אידעאַליזם, די פרייד פון בויען און שאַפן אַלץ אויפסניי אין באַשיידנקייט. איך קום אָפט אין כפר־גלעדי, איינער פון די עלטסטע קיבוצים אין אויבערשטן גליל. דאָרט לעבט מיין טאָכטער מיט איר מאַן אליהו חזן און זייער טעכטערל ורדה. איך זע די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער פסיכאָלאָגיע פון די מענטשן דאָ, כאָטש נישט ווייט ליגט תל־חי, דאָס אָרט, וווּ טרומפּעלדאָר האָט געקעמפט און איז געפאַלן מיט די ווערטער: „טוב למות בעד ארצינו״. זיי אָבער ווילן לעבן און געניסן. זיי זענען זיכער באַרעכטיקט דערצו, נאָך יאָרן פון נויט, שווערקייטן און קאַמף מיט דער נאַטור און מיט שונאים.

פון דעסטוועגן זענען די קיבוצים דאָס שענסטע, וואָס דער יידישער גייסט, דער ציוניזם האָט געשאַפן אין ארץ־ישראל. ס׳איז נאָך אַלץ דער

שטאָלץ פון אונדזער אויפבוי־ווערק דאָ. די מענטשן אַרבעטן פיזיש שווער, לאַנגע שעהן, אָבער אין האַרמאָניע, ערלעכקייט און חברישקייט. די שטאָט ווירקט דעמאָראַליזירנדיק מיט איר אויסערלעכקייט און פוסטן גלאַנץ, נאָר דער קיבוץ־מענטש בלייבט אין האַרצן ערלעך. מיט געטריישאַפט צו דער ערד, וואָס ער כאַאַרבעט מיט זיין שווייס, און מיט ליבע צום לאַנד, פאַר־וועלכן ער גיט אָפּ זיין לעבן, ווען ס'איז נאָר נייטיק.

די קיבוצים זענען דער שענסטער מוסטער אין דער וועלט פון קאָ־לעקטיוון צוזאַמענלעבן אויף די יסודות פון פרייהייט און גלייכקייט און אַ ווירקנדיקער כוח ביים פאַרטיידיקן און באַשיצן דאָס לאַנד. הלוואי וואָלטן זיי געווען וואָס מער.

ביי מיר אין האַרצן לעבט אַ טיפער און זיכערער גלויבן, אַז די אַלע קריטישע באַמערקונגען, וואָס איך האָב אַרויסגעברענגט מיט צער און ווייטיק, זענען נאָר צייטווייליקע דערשיינונגען, קינדער־קראַנקייטן פון אַ יונגער מדינה, וואָס איז בסך־הכל נאָר 10 יאָר אַלט. זיי זענען אַ רע־זולטאַט פון אומדערפאַרנקייט, נישט פון רשעות.

זיי וועלן פאַרשווינדן צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג און פאַרפעס־טיקונג פון דער מדינה, צוזאַמען מיט דעם שלום און מיטן רייף ווערן פון אונדזער מלוכישקייט, צוזאַמען מיט דעם וווקס פון דער קולטור און די אחריות פון אַפּאַראַט און די בירגער צו זייער לאַנד און פאָלק.

איך האָב אמונה, אַז מיר וועלן דערלעבן די צייט, ווען אונדזער מדינה וועט זיין אַ מוסטער און אַ ביישפּיל פאַר די פעלקער, מיט איר אמת, יושר און גערעכטיקייט.

תל בנימין, 17־טן יאַנואַר 1959.

CAPE TOWN CITY LIBRARIES